Bild-Nr.: JG1225-0-01-0002-0001 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0002-0002 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

ע. טשערניאווסקי

# דער ייִדישער
# א ר בּ ע ט ע ר
# אינ ווײַסרוסלאנד

בּאמ באגינענ פונ דער ייִדישער ארבעטער-בּאוועגונג

מעלוכע-פארלאג פונ ווײַסרוסלאנד
1 9 3 2

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0003-0003 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

UB | Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0003-0004 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

74/15

ווײַסרוסישע װיסנשאַפט-אַקאַדעמיע
ייִדישער סעקטער

ע. טשערניאַװסקי

# דער ייִדישער אַרבעטער אין ווײַסרוסלאַנד

באַם באַגינען פון דער ייִדישער אַרבעטער - באַוועגונג

מעלוכע-פאַרלאַג פון ווײַסרוסלאַנד
מינסק ייִדסעקטער 1932

Mnd. Germ.
1225

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

רעדאקטער — א ג ו ל ב י ק.
טעכרעדאקטער — ק א ר פ י נ אָ וו י ט ש.

STADTBIBLIOTHEK
FRANKFURT AM MAIN

דרוקערײַ א. ג. סטאלינ

באשטעלונג 2061. טיראזש 3000. גלאווליטבעל 1299.

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0004-0006  Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

# פאָרוואָרט.

די ארבעט, וועלכע ווערט פאָרגעלייגט דעם לייענער, שטעלט פאָר מיט זיכ א פרווח צו שילדערנ די פיזיאָנאָמיע פונ דעם ייִדישנ ארבעטער אינ ווײַסרוסלאנד באם באגינענ פונ דער ייִדישער ארבעטער־באוועגונג (סאָפ 80־ער אונ אָנהייב 90־ער יאָרנ), צו כאראקטעריזירנ זײַנ סאָציאַלנ, פאָליטישנ אונ קולטורעלנ פאָנעם.

דעמ אווטער איז אויסגעקומענ אינ פראָצעס פונ דער ארבעט בײַצוקומענ א גאנצע ריי שוועריקײַטנ.

פריִער פונ אלצ איז אויסגעקומענ זיכ צונויפשטויסנ מיט דעמ אומשטאנד, וואָס מיר האָבנ נאָכ ווייניק מארקסיסטישע פרווונ אפנ אויספאָרשונג־געביט פונ דערווירטשאפטלעכער אנטוויקלונג פונ ווײַסרוסלאנד, וואָס זאָלנ זײַנ געבויט אפנ גרונט פונ די פרינציפנ אונ מעטאָדנ פונ לענינס ווערק „Развитие капитализма в России“.

די הויפט־שוועריקײַט באשטייט אינ דעמ, וואָס מיר האָבנ דאָ צו טאָנ מיט איינעמ פונ די געוועזענע ראנד־געביטנ פונ צארישנ רוסלאנד, לעגאבע וועלכנ דער צאריזמ האָט געפירט א קאָלאָניאַלע פאָליטיק, ד. ה., מיט א געביט, ווו דער קאפיטאליזמ האָט זיכ אנטוויקלט לויט די באדינגונגענ פונ קאָלאָניאַלער הערשאפט.

די פאראנענע באזונדערע ארבעטנ איבער דער געשיכטע פונ ווײַסרוסלאנד (ליו, באווסקי, פיטשעטא, איגנאטאָווסקי א. א.) זײַנענ שטרענג אויסגעהאלטנ אינ גײַסט פונ גרויסרוסישנ אונ ווײַסרוסישנ שאָוויניזמ אונ קענענ ניט גענומענ ווערנ איג באטראכט אינ דעמ פראט. דאָסזעלביקע איז אויכ גילטיק בענוגייע דער איינציקער ארבעט וועלכע פארנעמט זיכ יע מיט דער אויספאָרשונג אונ אנטוויקלונג פונ אינדוסטריעלנ קאפיטאליזמ אינ ווײַסרוסלאנד—די ארבעט פונ דאָוונאר־זאפאָלסקי („די פאָלק־ווירטשאפט אינ ווײַסרוסלאנד“) — דערדאָזיקער בורזשואזער היסטאָריקער קענ יעדנפאלס ניט פארפילנ דעמ בלויז אינ דער ליטעראטור וועגנ דער געשיכטע פונ ווײַסרוסלאנד אינ דער עפאָכע פונ אינדוסטריעלנ קאפיטאליזמ.

אָבער מיט דער פראגע וועגנ דעמ גאנג פונ היסטאָרישנ פראָצעס אינ ווײַסרוסלאנד, באזונדערס מיט דער פראגע וועגנ דער אנטוויקלונג פונ אינדוסטריעלנ קאפיטאליזמ אינ לאנד, איז ענג פארבונדנ די פראגע וועגנ דער אנטשטייונג אונ פאָרמירונג פונ פראָלעטאריאט אינ ווײַסרוסלאנד, ארײַנגערעכנט אויכ דעמ ייִדישנ ארבעטער.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

אָבער אויך אכוצדעם: ניט נאָר וואָס קיין מארקסיסטישע געשיכטע פון ווײַסרוסלאנד איז נאָך ניט אָנגעשריבן, נאָר דער אָפּגעדרוקטער פאקטישער מאטעריִאל וועגן דער אנטוויקלונג פון אינדוסטריִעלן קאפיטאליזם אין ווײַסרוסלאנד איז אויך א גאנצ אָרעמער. דאָ זײַנע ניט געווען (אין יענעם פעריִאָד, וועגן וועלכן עס רעדט זיך דאָ), לעמאָשל, קיין זעמסטוועס. דערפאר האָבן מיר דאָ ניט יענע סטאטיסטיש־עקאָנאָמישע אויספאָרשונגען, וועלכע די זעמסטוועס האָבן דורכגעפירט אין גרויסרוסלאנד און וועלכע האָבן שפעטער געדינט אלס מאטעריִאל פאר עקאָנאָמיסטן (די זאמלונגען פון סטאטיסטישע מאטעריִאלן פון באזונדערע גובערניעס).

אין די שטעט פון ווײַסרוסלאנד איז געווען שטארק פארשפרייט די האנטווערקעריש־קוסטארישע פּראָדוקציע, אָבער מיר פארמאָגן זייער קארגע יעדיִעס וועגן דער עוואָליוציע פון האנטווערקערײַ, וועגן דער סאָציִאלער דיפערענצירונג אין דער האנטווערקערײַ אין די לעצטע יאָרצענדליקער פון פארגאנגענעם י. ה. די מאטעריִאלן פון „ייִקאָ“ איבער דערדאָזיקער פראגע שילדערן ניט די דינאמיק, נאָר די סטאטיק פון דער האנטווערקעריש־קוסטארישער פּראָדוקציע און דאָס נאָר אין סאמע סאָף פון פארגאנגענעם י. ה., שוין ניט ריידנדיק וועגן דעם, וואָס די זאמלביכער פון „ייִקאָ“ זײַנען אויסגעהאלטן אין גײַסט פון דער נאציִאָנאליסטישער „ייִדישער וויסנשאפט“.

מיט איין וואָרט, דער רויער פאקטישער מאטעריִאל וועגן דער האנטווערקעריש־קוסטארישער פּראָדוקציע אין די שטעט פון ווײַסרוסלאנד קען זיך ניט פארגלײַכן אין זין פון פולקײַט מיט אזוינע אויספאָרשונגען, איבער די קוסטארישע געווערב, וועלכע זײַנען פאראן פאר די צענטראלע גובערניעס. אין דער פראגע וועגן דער עוואָליוציע פון דער האנטווערקערײַ אין די לעצטע יאָרצענדליקן פון פארגאנגענעם י. ה. איז אויסגעקומען דערפאר זיך צו שטיצן, אחוץ אפ די זאמלביכער פון „ייִקאָ“,—אפ יענע קארגע יעדיִעס, וועלכע טרעפן זיך ווען־ניט־ווען אין דער פרעסע און אפ די גאנצ אינהאלטפולע קאָרעספּאָנדענצן פון סובאָטינען אין „Экономический журнал“. ס'איז א פראגע, צי עס וועט געלינגען ווען ניט איז אופצושטעלן דעם בילד פון דער עוואָליוציע פון דער האנטווערקערײַ אין די לעצטע יאָרצענדליקער פון פארגאנגענעם י. ה. אין די שטעט פון ווײַסרוסלאנד. עס קען זײַן, אז אין די ארכיוון פון די „רעמעסלענע אופראוועס“ זײַנען פאראן וועלכע ניט איז מאטעריִאלן וועגן דערדאָזיקער פראגע. דער אווטער, צום באדויערן, האָט ניט געהאט די מעגלעכקײַט צו באקענען זיך מיט דידאָזיקע ארכיוון. אויב מע זאָל נעמען אין באטראכט דעם זייער באדײַטנדיקן ספּעציפישן געוויכט פון דעם האנטווערקעריש-קוסטארישן עלעמענט אין דער ייִדישער סוויווע און זײַן ראָלע אין דער אויסבילדונג פון ייִדישע ארבעטער, וועט זײַן קלאָר, פארוואָס עס איז געווען שווער צו פאנאנדערארבעטן די פראגע וועגן דער פּראָלעטאריזאציע פון די ייִדישע מאסן, וועגן דער אויסבילדונג און פאָרמירונג פון ייִדישע ארבעטער. שוין אָבער גאָר קארג זײַנען די יעדיִעס, וועלכע מיר פארמאָגן וועגן דער פּראָלעטאריזאציע פון די ייִדישע קליינע הענדלער, מיט וועלכע עס זײַנען געווען אזוי איבערגעפילט די שטעט פון ווײַסרוסלאנד־ליטע, וועגן זייער ראָלע אין דער אויסבילדונג פון ייִדישע ארבעטער. ווו זײַנען געגאנגען אין די לעצטע יאָרצענדליקער פון פארגאנגענעם י. ה. אָט די אלע זיך רויִנירנדיקע ייִדישע קליינהענדלער? אפילע די סטאטיסטישע יע־

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0005-0008 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

דיִעס וועגנ דער עמיגראַציע פונ ייִדנ אינ יענע יאָרנ (80—90־ער) אינ די פּאַרייניקטע שטאַטנ גיבנ ניט קיינ מעגלעכקײַט צו געבנ א מער אָדער ווייניקער באַשטימטנ ענטפער אפ דערדאָזיקער פראַגע, ווײַל ביז דעמ 1898 יאָר פלעגנ די אימיגראַנטנ אינ די פאַרייניקטע שטאַטנ רעגיסטרירט ווערנ ניט לויט נאַציעס, נאָר אויסשליסלעכ לויט לענדער.

דער אווטער פּרוווט לויט זײַנע קויכעס אונ מעגלעכקײַטנ טיילווײַז צו שילדערנ דעמ גאַנג פונ דער אנטוויקלונג פונ אינדוסטריִעלנ קאַפּיטאַליזמ אינ ווײַסרוסלאַנד אפ קאָנקרעטע בײַשפּילנ פונ באַזונדערע אינדוסטריע־צווײַגנ אינ לאַנד, אינ באַדינ־גונגענ פונ קאָלאָניִאַלער הערשאַפט. דערבײַ האָט דער אווטער אינ הויפּט מיט דער אַרבעט, וואָס באַהאַנדלט דעמ ייִדישנ אַרבעטער אינ ווײַטרוסלאַנד, געפּרוווט צו אַנאַ־ליזירנ די אנטוויקלונג פונ קימאַט אויסשליסלעכ יענע אינדוסטריע־צווײַגנ, וועלכע זײַנענ קאָנצענטרירט געווענ אינ די שטעט אונ שטעטלעכ, אינ וועלכע עס זײַנענ גע־ווענ באַשעפטיקט די ייִדישע אַרבעטער, לאָזנדיק אָנאַזײַט אָדער גאָר לײַכט באַ־רירנדיק אַזוינע אינדוסטריע־צווײַגנ, וועלכע זײַנענ געווענ קאָנצענטרירט אויסער די שטעט אונ שטעטלעכ — אינ די דערפער אונ אינ די הויפנ (בראַנפנ־פּראָדוקציע, גלאָז־פּראָדוקציע אונ אנד.).

אינ ענגנ צוזאַמענהאַנג מיטנ אנטוויקלונג־פּראָצעס פונ אינדוסטריִעלנ קאַפּיטאַליזמ באַטראַכט דער אווטער די פראַגע וועגנ דער פאָרמירונג פונ קאַדרענ ייִדישע אַרבעטער.

ניט קיינ קלענערע שווערִיקײַט איז אויסגעקומענ דעמ אווטער בײַצוקומענ באַמ באַטראַכטנ אַנדערע פראַגעס.

אַדאַנק דעמ פעלנ פונ זעמסטוועס אינ ווײַסרוסלאַנד אינ יענע יאָרנ, האָבנ מיר אויכ ניט אַזעלכע אַרבעטנ וועגנ דער לאַגע פונ אַרבעטער־קלאַס אינ ווײַסרוס־לאַנד, וועלכע מיר האָבנ אינ גרויסרוסלאַנד אינ די ספּעציִעלע סאַניטאַר־היגיִעניִשע אויספאָרשונגענ פונ די פאַבריקנ אונ זאַוואָדנ (דעמענטיעוו, זשבאַנקאָוו אונ אנד.), וואָס זײַנענ דורכגעפירט געוואָרנ דורכ די זעמסטוועס.

די איינציקע פולע אַרבעט וועגנ דער לאַגע פונ אַרבעטער־קלאַס אינ ווײַסרוס־לאַנד אינ יענע יאָרנ — דאָס איז דער געדרוקטער באַריכט פונ פאַבריק־אינספּעק־טער פונ ווילנער גובערניע, גאָראָדקאָוו, פאַרנ 1885 יאָר. שוינ ניט רײדנדיק וועגנ דעמ, וואָס דידאָזיקע אַרבעט, וועלכע שילדערט די לאַגע פונ די אַרבעטער אינ מאַס־שטאַב פונ א גאַנצנ פאַבריק־אָקרוג, צייכנט זיכ אויס ווײַט ניט מיט יענער פולקײַט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַזוינע אויספאָרשונגענ, ווי למשל די אַרבעט פונ יאַנ־זשול וועגנ פאַבריק־שטייגער פונ מאָסקווער גוב. אונ די אַרבעט פונ פּענקאָוו וועגנ פאַבריק־שטייגער פונ וולאַדימירער גוב. אַכוצ דעמ, זאָגנ מיר, איז די אַרבעט פונ גאָראָדקאָוו פאַקטיש אַנ אָפיציִעלע אויסגאַבע פונ צאַרישנ פינאַנצ־מיני־סטעריומ, וועלכער איז געשטאַנענ אפ דער וואַכ פונ די אינטערעסנ פונ רוסישנ אינדוסטריִעלנ קאַפּיטאַל אונ אפ אַזאַ אויפנ איז דידאָזיקע אַרבעט ווייניקער זיכער פונ די אויבנדערמאָנטע אויספאָרשונגענ פונ די פאַבריקנ אונ זאַוואָדנ, וואָס פלעגנ אונטערגענומענ ווערנ פונ די זעמסטוועס, וועלכע פלעגנ, אַדאַנק די קלאַסנ־סטירעס צווישנ די פּריצימ אונ די אינדוסטריִעלע קאַפּיטאַליסטנ, זיכ דערלויבנ אָפטמאָל



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0006-0009 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

א מער „אָביעקטיווערן“ צוגאנג באם שילדערן די לאגע פונ די פאבריק־זאוואָדישע ארבעטער.

ענדלעכ, איבער דער געשיכטע פונ רוסישנ פראָלעטאריאט אונ איבער דער לאגע פונ דעמ רוסישנ ארבעטער אינ יענע יאָרנ זיינענ פאראנ א ריי ארבעטנ (פלעראָווסקי, מארטאָוו, פראָקאָפּאָוויטש, פּאזשיטנאָוו), שוינ ניט ריידנדיק וועגנ דער נייסטער סומירנדיקער ארבעט פונ באלאבאנאָוו. עמעס, דידאָזיקע ארבעטנ זיינענ פונ פאָלקיסטישע, מענשעוויסטישע אונ פונ בורזשואזע אווטערנ. אָבער ספּעציעל וועגנ דער געשיכטע אונ וועגנ דער לאגע פונ ארבעטער־קלאס אינ ווייסרוסלאנד איז דערוויל ניטאָ קיינ איינ ארבעט.

אפ אזא אויפנ איז, אויסער דער ארבעט פונ גאָראָדקאָוו, דעמ אווטער אויסגעקומענ באמ פאנאנדערארבעטנ די פראגע וועגנ דער לאגע פונ די ייִדישע ארבעטער, זיכ שטיצנ אפ צופעליקע יעדיִעס, וועלכע טרעפנ זיכ וועג ניט ווענ אינ דער לעגאלער אונ אומלעגאלער פרעסע. אסאכ וואָלט געקענט אינ דעמ פראט העלפנ דער ארכיוו פונ פאבריק־אינספעקציע, אָבער דער אווטער האָט געהאט א מעגלעכקייט אויסצונוצנ פאר דעמדאָזיקנ צוועק נאָר דעמ ארכיוו פונ פאבריק־אינספעקטער פונ מינסקער גוב.

אָט די אלע אומשטענדנ האָבנ נאטירלעכ שטארק פארשווערט אויסצופילנ דידאָזיקע ארבעט.

דער אווטער פרווט צו דערווייזנ די גרונטלאָזיקייט פונ יענע אָנשווינגענ בעווגייע דער פאָרמירונג פונ ייִדישע פאבריק־ארבעטער, וואָס זיינענ געלעגנ אינ יעסאָד פונ די פארטיי־פראָגראמענ פונ ס. ס. אונ פ. צ. דער קוק, אז די אנטוויקלונג פונ אינדוסטריעלנ קאפּיטאליזמ, די אנטוויקלונג פונ מאשינ־פראָדוקציע מיידט אויס די ייִדישע האָרעפאשניקעס, וועלכע ווערנ ניט ארייננעצויגנ אינ פאָרמירונגפראָצעס פונ א פאבריק־זאוואָדישנ פראָלעטאריאט דערפאר, וואָס זיי געהערנ צו א שוואכער אונטערדריקטער נאציע אונ ווערנ ארויסגעשטויסנ אפנ ארבעט־מארק דורכ דעמ פראָלעטאריאט פונ דער הערשנדיקער נאציע — דערדאָזיקער קוק שטאמט, לויט דער מיינונג פונ אווטער, אויסשליסלעכ פונ דעמ נאציאָנאליסטישנ מעהוס פונ די ייִדישע קליינבירגערלעכע פארטייענ. דער אווטער האלט, אז אכוצ דעט פאָליטישנ פאקטער (דער צאריזמ, טכומ), וואָס דארפ אומבאדינגט גענומענ ווערנ אינ באטראכט באמ דערקלערנ דידאָזיקע דערשיינונג אינ ווייסרוסלאנד, אכוצ דער אייגנארטיקער סטרוקטור פונ דער ייִדישער „נאציע“ (דאָס פעלנ פונ א פויערטומ), דארפנ אויכ דיסקאָנטירט ווערנ די באזונדערקייטנ פונ דער אָביעקטיווער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג פונ ווייסרוסלאנד.

דידאָזיקע באזונדערקייטנ פונ דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג פונ לאנד (אליינ פארשטייט זיכ, אויכ באווירקט דורכ דעמ פּאָליטישנ פאקטאָר) האָבנ, פונ זייער זייט, אויכ וויילט ניט מיטגעהאָלפנ אויספאָרמירנ א ייִדישנ פאבריק־זאוואָדישנ פראָלעטאריאט. אָט דעמ מאָמענט, וואָס איז ביז איצט ניט דיסקאָנטירט געוואָרנ, פרווט דער אווטער צו אנאליזירנ.

לויט מארקסנ איז די עקספּראָפּריִאציע פונ דאָרפישנ פראָדוצירער דער יעסאָד פונ גאנצנ קאפּיטאליסטישנ פראָצעס, אָבער קיינ פויערטומ איז צווישנ ייִדנ ניט געווענ—די ייִדישע מאסנ באשטייענ פונ קליינע הענדלער אונ האנטווערקער. איז אָט



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

דאַרף מען, לויט דער מיינונג פון אַוטער, אויספאָרשן, אין וואָס פאַר אַ מאָס האָט דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָצעס אין ווײַסרוסלאַנד רוינירט ניט נאָר דעם ניט־ייִדישן פּויער, נאָר אויך דעם ייִדישן האַנטווערקער און קליינעם הענדלער. דאָס איז ערשטנס. צווייטנס — רוינירנדיק אים, האָט אין וועלכער מאָס דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָצעס אים פֿאַרוואַנדלט אין אַ פֿאַבריק־זאַוואָדישן און ניט אַ מאַנופאַקטור־פּראָלעטאַריער, ד. ה., אין וועלכער מאָס איז אַרײַנגעדרונגען די מאַשין אין יענע פּראָדוקציע־צווײַגן, אין וועלכע עס זײַנען געווען באַשעפטיקט די גרונט־מאַסן פון די ייִדישע האָרעפּאַשניקעס. דער אַוטער פּרובירט געבן אַזאַ אַנאַליז, וועלכער ווײַזט, אַז די פּראָלעטאַריזאַציע פון די ייִדישע מאַסן איז געגאַנגען אין אַלגעמיין שנעל נאָר צוליב באַשטימטע סיבעס, וועלכע האָבן ניט קיין שום געמיינזאַמעס מיטן קאַמף פון נאַציאָנאַלע גרופּעס פּראָלעטאַריער אָדער מיט דער אַרויסשטויסונג פון דעם ייִדישן אַרבעטער דורך דעם ניט־ייִדישן פּויער, — איז דאָס געווען דעריקער אַ פּראָצעס פון שאַפן אַ מאַנופאַקטורישן, אָבער ניט קיין פֿאַבריק־זאַוואָדישן פּראָלעטאַריאַט.

די ייִדן זײַנען, ווי עס איז באַקאַנט, ניט קיין נאַציע אין ווייסנשאַפטלעכן זין פון וואָרט. די אומעגלעכקײַט פאַר די ייִדן זיך אופּצוהאַלטן אַלס אַ נאַציע דער־קלערט באַוווּר דערמיט, וואָס „די ייִדן האָבן ניט קיין אָפּגעשלאָסענעם קאָלאָניזאַציע־געביט". די דאָזיקע דערקלערונג איז אין גרונט גענומען אַ ריכטיקע, אָבער זי דריקט ניט אויס דעם גאַנצן עמעס. די זאַך איז קוירעמקאָל אין דעם, וואָס בײַ ייִדן איז ניטאָ קיין ברייטער שטאַנדהאַפטיקער שיכט, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט דער ערד, וועלכער צעמענטירט, נאַטירלעך, די נאַציע, ניט נאָר ווי איר סקעלעט, נאָר אויך ווי איר נאַציאָנאַלן מאַרק. פון 5־6 מיליאָן רוסישע ייִדן זײַנען נאָר 3־4 פּראָצ. פאַרבונדן אַזוי אָדער אַנדערש מיט לאַנדווירטשאַפט. די איבעריקע 96 פּראָצ. זײַנען באַשעפטיקט אין האַנדל, אינדוסטריע, אין שטאָטישע אַנשטאַלטן, בכלל לעבן זיי אין די שטעט. דערבײַ, זײַענדיק צושפּרייט איבער רוסלאַנד, בילדן זיי ניט אין קיין איין גובערניע קיין מערהײַט. אַף אַזאַ אופן, זײַענדיק אַרײַנגעגלידערט אין געגנטן אַלס נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן, באַדינען די ייִדן דעריקער „פרעמדע נאַציעס" און אַלס אינדוסטריעלער, הענדלער און מענטשן מיט פרײַע פּראָפעסיעס, פּאַסן זיי זיך צו, נאַטירלעך, צו די פרעמדע נאַציעס אין זין פון שפּראַך און ד. גל. דאָס אַלץ, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס עס וואַקסט די אויסמישונג פון די נאַציאָנאַליטעטן, אַנטשפּרעכנדיק די אַנטוויקלטע פאָרמען פון קאַפּיטאַליזם, פירט צו דער אַסימיליציע פון די ייִדן, די אָפּשאַפונג פון טכום קען נאָר פאַרגיכערן די לעצטע" [1].

איז אָט דאָס, אַגעוו, וואָס עס פעלט דאָס פּויערטום צווישן די ייִדן צוגלײַך דערמיט, וואָס די „אינדוסטריעלע איבערקערעניש" פון לאַנד האָט ניט באַרירט יענע פּראָדוקציע־צווײַגן, ווו עס זײַנען געווען קאָנצענטרירט די גרונט־מאַסן פון די ייִדישע קוסטאַרן און האַנטווערקער, צוגלײַך, ענדלעך, דערמיט, וואָס עס האָט עקזיסטירט דער „טכום" — דאָס האָט פריִער פון אַלץ פאַרורזאַכט דעם האַנטווערקעריש־מאַנופאַקטורישן טיפּ פון ייִדישן אַרבעטער.

---

[1] זע, Сталин. Марксизм и национальный вопрос, стр. 44—45

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0007-0011 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

א צווייטע פראָבלעם, וועלכע דער אווטער האָט געהאלטן פאר נייטיק אויספירלעכער צו באלײַכטן—דאָס איז די פראָבלעם וועגן דעם סאָציִאלן באשטאנד פון די יִדישע ארבעטער, וועגן דער סאָציִאלער פיזיִאָגנאָמיע פון דעם יִדישן ארבעטער. אין דער ליטעראטור ווערן די יִדישע ארבעטער, געוויינלעך, באצייכנט אלס האנטווערקערישע ארבעטער, דאָס איז, ווייך גערעדט, ניט פינקטלעך. אין די 90־ער יאָרן האָט זייער א באדײַטנדיקער טייל פון דער האנטווערקעריש־קוסטארישער פראָדוקציע אין לאנד באוויזן זיך קאפיטאליזירן, זיך פארוואנדלענדיק אין איינפאכע קאָאָפעראציע און מאנופאקטור, אלזאָ, אין קאפיטאליסטישע אונטערנעמונגען און וועגן אזוינע פראָדוקציעס, ווי כאזער־האָר, גארבערײַ, טעקסטיל־אינדוסטריע איז ביכלאל ניטאָ וואָס צו ריידן. דערבײַ איז לאכלוטן ניט וויכטיק, וואָס מיר האָבן דאָ צו טאָן (באזונדערס אין אָנהייב 90־ער יאָרן) דעריקער ניט מיט צענטראליזירטע מאנופאקטורן, נאָר מיט א הויז־אינדוסטריע: דער ארבעטער פון דער לעצטער איז א מאנופאקטור־ארבעטער און ניט קיין האנטווערקערישער, דער ערשטער, וועלכער האָט שוין אָנגעוואָרן טיילווײַז דאָס אייגנטום אף פראָדוציר־מיטלען, שטייט דאָך נעענטער צום מאָדערנעם פראָלעטאריער, איידער דער לעצטער, וועלכער וועט אין עטלעכע יאָר ארום זײַן א זעלבשטענדיקער באלעבעסל.

אכוץ דעם, וואָס די אלגעמיינע באצייכענונגען פון די יִדישע ארבעטער אין יענע יאָרן אלס האנטווערקערישע ארבעטער איז פון וויסנשאפטלעכן שטאנדפונקט ניט ריכטיק—שטערט עס נאָך צו דערקלערן די ברייטע באוועגונג פון דידאָזיקע ארבעטער אין די 90־ער יאָרן. דער אווטער פרווט דערפאר דיפערענצירן די יִדישע ארבעטער אף האנטווערקערישע און מאנופאקטור־ארבעטער און פעסטשטעלן די צאָל־פארהעלטעניש צווישן זיי. כאָטש די סטאטיסטישע יעדיִעס, מיט וועלכע אונדז קומט אויס זיך צו באנוצן דערבײַ, זײַנען זייער קארגע און ניט קיין זיכערע (די זאמלביכער פון „ייִקאָ", לעמאָשל), דאָך מיינט דער אווטער, אז די באהויפטונג, אז צום סאָף פון די 90־ער יאָרן זײַנען מאנופאקטור־ארבעטער געווען מערער ווי האנטווערקערישע, איז מער אָדער ווייניקער נאָענט צום עמעס.

בא דער באארבעטונג פון דער פראגע וועגן דעם סאָציִאלן באשטאנד פון די יִדישע ארבעטער האָט די אופמערקזאמקײַט פון אווטער צוגעצויגן דאָס, וואָס די מערהײַט פון די מאנופאקטור־ארבעטער איז געווען קאָנצענטרירט אין די שטעטלעך און די מערהײַט פון די האנטווערקערישע ארבעטער—אין די שטעט. דער אווטער מיינט, אז דערדאָזיקער אומשטאנד האָט ניט געקענט ניט ארופלייגן זײַן שטעמפל אף דעם פאָליטישן און קולטורעלן פאָנעם פון דער און יענער גרופע ארבעטער. דערפאר האָט ער געהאלטן פאר נייטיק צו פארפיקסירן דידאָזיקע דערשײַנונג.

אויב בא דער באארבעטונג פון די אויבנאָנגעוויזענע פראגעס האָט דער אווטער שטארק געפילט דעם מאנגל אין מאטעריִאלן, איז ער געווען אין אסאך א בעסערער לאגע אין פראט פון באארבעטן די פראגע וועגן דעם פאָליטישן און קולטורעלן פאָנעם פון דעם יִדישן ארבעטער. דאָ זײַנען געקומען צוהילפ די גאנצ צאָלרײַכע זיכרוינעס פון אלטע טוער אין דער יִדישער ארבעטער־באוועגונג, פון וועלכע א טייל איז שוין פארעפנטלעכט געוואָרן און א טייל געפינט זיך אין ארכיוו פון דער היס־



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

טאָרישער קאָמיסיע פונ דעמ ייִדסעקטער פונ דער ווײַסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדע־מיע, אינ דער פאָרמ פונ מאַנוסקריפטנ [1]).

נאָר אויב אינ דעמ זינ, ד. ה. אינ זינ פונ פאַקטישנ מאַטעריאַל, איז קיינ שום־ריקײַטנ באַמ באַאַרבעטנ דידאַזיקע פראַגע ניט געווענ, האָט זיכ אָבער געלאָזט פילנ אינ א געוויסער מאָס דער אומשטאַנד, וואָס אינ דער אַלגעמיינער ליטעראַטור, לעמאָשל, אינ דער ליטעראַטור וועגנ דער געשיכטע פונ דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג, איז דידאַזיקע פראַגע זייער ווייניק, קימאַט גאָרניט באַאַרבעט [2]), אַזוי, אַז די מעטאָדאָלאָגיע פונ דערדאָזיקער פראַגע איז נאָכ ווייניק אויפגעקלערט. דערדאָ־זיקער אומשטאַנד האָט זיכ באַזונדערס שאַרפ געלאָזט פילנ דערפאַר, ווײַל דער אַווטער האָט אינ פראָצעס פונ דער אַרבעט זיכ געפונענ געצוווּנגענ צו רעווידירנ יענע אָנשויונג, מיקויעכ דעמ ניוואָ פונ באַוווּסטזיניקײַט אונ אַלגעמיינעמ קולטורעלנ ניוואָ פונ דעמ ייִדישנ אַרבעטער, וועלכע האָט זיכ אײַנגעשטעלט אַדאַנק דעמ בונד.

דער אַווטער פרוווט צו באַווײַזנ:

ערשטנס, אַז דער ניוואָ פונ באַוווּסטזיניקײַט אונ דער אַלגעמיינער קולטורעלער ניוואָ פונ באַזונדערע גרופעס ייִדישע אַרבעטער (דעריקער שטעטלדיקע מאַנופאַקטור־אַרבעטער, צ.ב., גאַרבער) איז געווענ א גאַנצ נידעריקער אונ האָט זיכ גאַנצ ווייניק אונטער־שיידט פונ דעמ אַלגעמיינעמ קולטורעלנ ניוואָ אונ ניוואָ פונ באַוווּסטזיניקײַט פונ באַזונדערע ניטייִדישע גרופנ אַרבעטער אינ ווײַסרוסלאַנד.

צווייטנס, אַז דער ניוואָ פונ באַוווּסטזיניקײַט אונ דער קולטורעלער ניוואָ פונ דער ייִדישער אַרבעטערנ איז געווענ א באַזונדערס נידעריקער.

דריטנס, אַז יענע „קולטורעלקײַט אונ אינטעליגענטישקײַט״ פונ א באַשטימטנ שיכט ייִדישע אַרבעטער (אַנ אומבאַדײַטנדיקער עלעמענט צווישנ די בערשטער, גאַרבער אונ פונ וועבערס), פונ וועלכער עס זײַנענ אַזוי אַנטציקט די טוער פונ בונד, איז נאָכ לאַנג ניט געווענ קיינ גאַראַנטיע פאַר זייער באַזונדערער רעוואָליוציאָנערישקײַט, דערפאַר אָבער האָט דאָס פאַרלײַכטערט דאָס אַרײַנבריינגענ נאַציאָנאַלע פאָרורטיילנ אינ דער ייִדי־שער אַרבעטער־סוויווע. מיט איינ וואָרט, די באַהויפּטונג וועגנ דער קולטורעלקײַט אונ באַוווּסטזיניקײַט פונ דעמ ייִדישנ אַרבעטער באַמ באַגינענ פונ דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אינ פאַרגלײַכ מיטנ ניטייִדישנ אַרבעטער, וועלכע איז אינ אַלגעמיינ ריכטיק בענוגייע די ייִדישע שטאָטישע האַנטווערקערישע אַרבעטער, איז אָנ צווייפל שטאַרק איבערגעטריבנ, אַפ וויפל עס רעדט זיכ וועגנ דער מאַסע ייִדישע מאַנופאַק־טור־אַרבעטער, וועלכ זײַנענ געווענ צעשפּרייט איבער די שטעטלעכ.

[1]) א באַדײַטנדיקער טייל פונ דידאָזיקע זיכרוינעס וועט פאַרעפנטלעכט ווערנ אינ דער גיכנטסטער צײַט אינ צווייטנ באַנד „רויטע בלעטער״, וואָס גרייט זיכ צומ דרוק.

[2]) גאַנצ גערעכט איז די כ־טע פאַנקראַטאָווע, ווענ זי זאָגט אינ איר פאָרטראַג וועגנ „די פּראָבלעמעס פונ אויספאָרשנ די געשיכטע פונ אַרבעטער־קלאַס אינ רוסלאַנד״ אַפ דער 1־טער אַלפאַרבאַנדישער קאָנפע־רענצ פונ היסטאָריקער מאַרקסיסטנ, אַז „דער גרעסטער טייל... פונ די אַרבעטנ באַגרענעצנ זיכ מיט א פּראַגמאַטישער דערציילונג וועגנ דער עקאָנאָמישער אונ רעכטלעכער לאַגע פונ פּראָלעטאַריאַט. אונ אינ זייער א שוואַכער מאָס באַלײַכטנ זיי די פּראָצעס פונ סאָציאָלאָגישנ פּאָנעמ פונ רוסישנ אַרבעטער־קלאַס אונ באַזונדערס שוואַכ באַלײַכטנ זיי די פּראָצעס ווענ דער אויספאָרמירונג פונ אידעאָלאָגיע פונ פּראָ־לעטאַריאַט״.
См. „Труды первой всесоюзной конференции историков-марксистов". т, I.

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0008-0013 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

דער אוחטער איז איבערצײַגט, אז ווען עס וואָלט אָנגעווענדט געוואָרן אזוי פיל אָנשטרענגונגען אופצוהייבן צום קאמפ די ניט־ייִדישע אײַזנבאנער, מעטאליסטן און טעקסטיל־ארבעטער, וויפל מען האָט אָנגעווענדט אפ ארײַנצוציִען אין דער באוועגונג די שטעטלדיקע ייִדישע גארבער, בערשטער און די ייִדישע ארבעטערגס, וואָלטן דערגרייכט געוואָרן גאנץ באדײַטנדיקע דערפאָלגן.

ווײַטער, אפ וויפל די מיינונג וועגן דער הויכער קולטורעלקײַט און באוווסטזיניקײַט פון דעם ייִדישן ארבעטער איז ביכלאל שטארק פארשפרייט אין דער ליטעראַטור, האָט דעם אווטער זיך אויסגעוויזן פאר נייטיק, דורך א פארגלײַך פון די אויבערשטע שיכטן פון די ייִדישע ארבעטער מיט די אויבערשטע שיכטן פון רוסישן פראָלעטאריאט, אָנווײַזן דעם אָרט, וועלכן עס האָט פארנומען אין דעם פראט דער ייִדישער ארבעטער אין די רייען פון די פראָלעטאריער אין רוסלאנד. דערדאָזיקער פארגלײַך ווײַזט, לויט דער מיינונג פון אווטער, אז דער ייִדישער ארבעטער איז אין דעם פראט געשטאנען אין אלגעמיין אפ א גאנץ נידעריקן ניוואָ.

אלזאָ, אויב מע זאָל דיסקאָנטירן דעמדאָזיקן סאָציִאלן און קולטורעלן פאָנעם פון דעם ייִדישן ארבעטער באם באגינען פון דער ייִדישער ארבעטער־באוועגונג און נעמען אין באטראכט אויך זײַן טיפן פראָווינציִאליזם, וועלכער האָט שטארק פארשמעלערט זײַן פאָליטישן האָריזאָנט, וועט מען דארפן קומען צום אויספיר, אז קעדיי די באוועגונג פון די ייִדישע ארבעטער זאָל ווערן בעעמעס א סאָציִאליסטישע, א סאָציִאל־דעמאָקראטישע באוועגונג, האָט זי זיך גענייטיקט אין א באזונדערס אקשאָנעסדיקער, סיסטעמאטישער אופווירקונג פונדרויסן, מיצאד א רעוואָליוציִאָנערער פראָלעטארישער פארטיי. אזא פארטיי האָט געקענט זײַן נאָר די באָלשעוויסטישע פארטיי, ווײַל ניט געקוקט אפ דעם גינסטיקן אָביעקטיוון פאקטאָר (צאַריזם געקייפלט אפ טכום) האָט דער ייִדישער ארבעטער (דער סוביעקטיווער פאקטאָר) לײַכט געקענט אָפווײַכן פון רעוואָליוציִאָנערן וועג, כאָטש דידאָזיקע אָפווײַכונג איז ניט געווען אומפארמײַדלעך: אומפארמײַדלעך זײַנען געווען עמעס, אָפּאָרטוניסטישע וואקלונגען, אין די רייען פון די ייִדישע ארבעטער, אָבער לאכלוטן ניט קיין אָפּאָרטוניסטישע ליניע פון פאָליטיק מיצאד דער פארטיי.

מיט 40 יאָר פריִער זײַנען די שנײַדער־געזעלן פון „פארבאנד פון גערעכטיקע" געווען ניט ווייניקער ווײַט פון מאָדערנע פראָלעטאריער, ווי די ייִדישע ארבעטער אין אָנהייב פון די 90־ער יאָרן. אָבער די ערשטע מארקסיסטן אין דער געשיכטע, מארקס און ענגעלס, „האָבן מינדלעך, שריפטלעך און מיט דער הילפ פון דער פרעסע אופגעווירקט אפ די טעאָרעטישע אָנשויונגען פון די מער אײַנפלוסרײַכע מיטגלידער פון פארבאנד" [1], און דידאָזיקע אופווירקונג האָט געבראכט דערצו, אז דער „פארבאנד פון גערעכטיקע" איז געוואָרן א „פארבאנד פון קאָמוניסטן", וואָס זײַן מאניפעסט האָט צום ערשטן מאָל פראָקלאמירט די לערע וועגן וויסנשאפטלעכן סאָציִאליזם. אָט דאָס איז די ראָלע פון דעם עלעמענט פון באוווסטזיניקײַט, וואָס ווערט

---

1) זע דעם ארײַנפיר פון ענגעלסן צו מארקס בראָשור „העגן קעלנער פראָצעס פון קאָמוניסטנ־ביס. לויט דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", אויסגאבע פון מארקס־ענגעלס־אינסטיטוט.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0008-0014 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

אַרײַנגעטראָגנ פונדרויסנ אינ דער ארבעטער-באוועגונג. אָט דאָס איז די קראפט פונ דער אופווירקונג מיצאד א רעוואָליוציָאָנערער פארטיי.

עמעס, די שנײַדער־געזעלנ פונ דעמ „פארבאנד פונ גערעכטיקע", צווישנ וועלכע עס האָבנ געפירט אַ רעוואָליוציָאָנערע ארבעט מארקס אונ ענגעלס, האָבנ אנטוויקלט זייער טעטיקײַט, דערהויפט, אינ פאריז אונ לאָנדאָנ—אינ די גרעסטע פּאָליטישע צענטערס פונ דער דעמאָלטיקער וועלט, צומ אונטערשייד פונ די יִדישע האנטווערקערישע ארבעטער, וועלכע זײַנענ געוועזנ קאָנצענטרירט אינ א פּראָווינציעלער ווילנע, אינ א פּראָווינציעלנ מינסק. דאָס האָט אָבער נאָר באטײַט, אז די סאָציאַל־דעמאָקראטישע ארבעט האָט זיכ באדארפט פירנ צווישנ זיי נאָכ מער אקשאָנעסדיק, נאָכ מער סיסטעמאטיש.

מע דארפ ניט פארגעסנ, אז די ערשטע יִדישע סאָציאַל־דעמאָקראטנ, ענלעכ צו זייערע רוסישע כאווײרימ, זײַנענ געוועזנ אינ דער גליקלעכער לאגע, וואָס זיי האָבנ געקענט אויסנוצנ די רײַכע דערפארונג פונ דער אינטערנאציָאָנאלער ארבעטער־באוועגונג, ד.ה., זיי האָבנ *געקענט זענ* יענע געפארנ, וואָס עס האָט געטראָגנ אינ זיכ יענע באוועגונג פונ האנטווערקעריש־מאנופאקטורישע ארבעטער, וועלכע לעבנ אינ אומשטענדנ פונ נאציָאָנאלער אָפגעשלאָסנקײַט. אָבער ניט נאָר *זענ* דידאָזיקע געפאר האָט מענ געקענט: מע האָט געקענט זי אויכ פארמײַדנ, אײַנשליסנדיק די באוועגונג פונ די יִדישע ארבעטער אינ דער אלגעמיינער באוועגונג פונ דעמ רוסישנ פּראָלעטאריאט. באזונדערע גרופּעס פונ ניט־יִדישע ארבעטער אינ ווײַסרוסלאנד (אײַזנבאנער, מעטאליסטנ, טעקסטילער) וואָלט מענ, בא דעמ אנטשפּרעכנדיקנ ווילנ, געקענט אַרײַנציִענ אינ דער באוועגונג; דאָס וואָלט געוועזנ ניט קיינ סאכ שווערער, ווי דאָס אַרײַנציִענ אינ דער באוועגונג אזוינע ארבעטער, ווי די גארבער, בערשטער אָדער ווי די יִדישע ארבעטערנס.

אָבער אפ דעמדאָזיקנ וועג וואָלטנ די ערשטע יִדישע סאָציאַל־דעמאָקראטנ געקענט גיינ, ווענ זיי וואָלטנ אליינ געוועזנ פרײַ פונ נאציָאָנאלע פאָרורטיילנ, פונ דער בורזשואזער ווירקונג. דאָס איז אָבער ניט געוועזנ אונ דאָס האָט פאָרויס באשטימט דעמ וועג פונ בונד.

אָט דאָס זײַנענ אינ אלגעמיינ די פּראָבלעמענ, וועלכע דער אווטער פרוּווט באלײַכטנ אינ דערדאָזיקער ארבעט.

אפ וויפל דאָס איז אימ געלונגענ, — וועגנ דעמ, פארשטייט זיכ, איז ניט אימ צו אורטיילנ. אז בא די אויבנ־אָנגעוויזענע באדינגונגענ, אינ וועלכע די ארבעט איז געשריבנ געוואָרנ, זײַנענ אומפארמײַדלעכ בלויזנ אונ דעפעקטנ — דאָס איז דעמ אווטער געוועזנ קלאָר פונ אָנהייב אָנ, בייס ער איז נאָכ צוגעטראָטנ צו דער ארבעט, אונ ער וועט, פארשטייט זיכ, זײַנ דאנקבאר פאר יעדער זאכלעכער אונ ערנסטער קריטיק, וועלכע וועט העלפנ אופצודעקנ דידאָזיקע בלויזנ אונ דעפעקטנ.

אפ וויפל עס איז געוועזנ מעגלעכ, אדאנק דער קאָלעקטיווער מיטארבעטונג פונ די מיטגלידער פונ דער היסטאָרישער קאָמיסיע פונ יִדסעקטער פונ דער ווײַסרוסישער וויסנשאפט־אקאדעמיע, אויסצומײַדנ פארשיידענע בלויזנ אונ דעפעקטנ, איז דאָס געטאָנ געוואָרנ, אונ דער אווטער באנוצט דאָ די געלעגנהײַט אויסצודריקנ זײַנ טיפסטנ דאנק די כ"כ אהולניק, אלעקסאנדראָוו אונ סאָסיס—מיטגלידער פונ דער היסטאָרישער



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

קאָמיסיע—און אויכ דעמ כ׳ פּאָטאש, פאר די זייער ערנסטפולע אָנווייַזונגענ, וועלכע זיי האָבנ געמאכט דעמ אווטער, נאָכ דעמ, ווי זיי האָבנ אופמערקזאמ איבערגעלייענט די ארבעט.

מיט א באזונדערער באפרידיקונג מערקט דאָ אָפּ דער אווטער די גרויסע פאר־דינסטנ פונ דעמ אלטנ טוער פונ פּראָפעסיאָנעלנ גארבער־פאריינ דעמ כ׳ אבע לעוו, וועלכער האָט צוגעשטעלט אינ רעשוס פונ דער היסטאָרישער קאָמיסיע ניט נאָר זייַנע אייגענע אויספירלעכע אונ זייער ווערטפולע זיכרוינעס וועגנ דער באווע־גונג פונ די יידישע ארבעטער, נאָר אויכ די זיכרוינעס פונ א גאנצער רײ אנדערע אלטע טוער פונ דער יידישער ארבעטער־באוועגונג, וואָס געפינענ זיכ אינ ארכיוו פונ צ. ק. פונ לעדער־ארבעטער־פאריינ. אכוצ דעמ האָט דער אווטער, אדאנק דער ליבנסווירדיקייַט פונ כ׳ לעוו, געהאט א מעגלעכקייַט אויסצונוצנ ניט ווייניק אויכ אנדערע מאטעריאלנ פונ דעמ דערמאָנטנ ארכיוו, ווי לעמאָשל, קאָפּיעס פונ דאָקומעטנ פונ פּאָליציי־דעפּארטאמענט. ענדלעכ, האלט דער אווטער פאר זייַנ כויוו אָפּצומערקנ אויכ יענע הילפ, וועלכע דער אווטער האָט געהאט פונ כ׳ לעוו, אדאנק דער גרויסער באהאווונטקייַט פונ דעמ לעצטנ אינ דער ביבליאָגראפיע פונ דער געשיכטע פונ רעוואָליוציאָנערער באוועגונג צווישנ די יידנ. דער אווטער באנוצט די געלעגנהייַט אויסצודריקנ דעמ כ׳ א. לעוו זייַנ טיפסטנ דאנק.

ד ע ר  א ו ו ט ע ר.

מינסק, יונ 1901 י.

קאפ. 1.

# האנטווערקערײַ אונ אינדוסטריע אינ ווײַסרוסלאנד סאָפ פונ 19-טנ י. ה.

## I

די כאראקטעריסטישע באזונדערקײַט פונ דער האנטווערקעריש-קוסטארישער פראָדוקציע צום אָנהײב 20־טנ י. ה. אינ דעמ געוועזענעמ טכומ ביכלאל אונ אינ ווײַסרוסלאנד ביפראט איז געווענ איר צו גרויסע פארשפרייטקײַט. ס'האָט עקזיסטירט א באשטימטער איבערפלוס פונ האנטווערקער אונ קוסטארעס, אנ איבערבאפעלקערטקײַט פונ קאנט מיט דעמדאָזיקנ סאָציאַלנ שיכט. אינ דער צײַט, וואָס אינ וויטעבסקער אונ מאָלעווער גובערניעס האָבנ זיכ פארנומענ מיט פראָדוקציע פונ קליידער אינ 1897 יאָר 2,43 פערזאָנ אפ יעדע הונדערט פערזאָנ פונ דער באפעלקערונג, האָבנ זיכ אינ פסקאָווער גוב. פארנומענ דערמיט 1,09 פערזאָנ אפ יעדע הונדערט אונ אינ סמאָלענסקער גוב. 1,16 Бруцкус. Професс. Состав евр, населе-)
(ния в России, вып II стр. 34.

באזונדערס שטארק האָט זיכ געפילט דערדאָזיקער איבערפלוס אינ די גרעסערע שטעט, וווּ עס זײַנענ, נאטירלעכ, צונויפגעקומענ אסאכ האנטווערקער אונ קוסטארעס, זוכנדיק בעסערע באדינגונגענ פארנ אָפּזאצ פונ זייער פראָדוקציע אונ אויכ בעסערע באדינגונגענ פארנ באזאָרגנ זייערע פראָדוקטנ מיט נייטיקע רוישטאָפנ אונ געצײַג. דערדאָזיקער צופלוס פונ האנטווערקער אונ קוסטארעס אינ די שטעט האָט באקומענ נאָכ א נײַעמ שטויס דורכ די אנטי־יידישע מאָסמיטלענ פונ דער צארישער רעגירונג אָנהייב 80־קער יאָרנ.

אינ קאָוונע, לעמאָשל, זײַנענ אינ 1887 יאָר געווענ (צוזאמענ מיט די מײַסטערס אונ געזעלנ) 2.000 האנטווערקער, אָדער איינ האנטווערקער אפ 20־25 אײַנוווינער [1].

פונ 11.181 יידישע האנטווערקער אינ ביאַליסטאָקער קרײַז (אינ 1887) זײַנענ אינ ביאַליסטאָק גופע געווענ 7.983. פונ 6.515 האנטווערקער אינ גראָדנער קר. זײַנענ אינ גראָדנע אליינ געווענ 3.413. פונ 4058 יידישע האנטווערקער אינ ברעסט־ליטאָווסקער קר. זײַנענ אינ ברעסט־ליטאָווסק אליינ געווענ 3.682. פונ 6010 האנטווערקער אינ קאָוונער קר. זײַנענ געווענ 3043 אינ קאָוונע. פונ 9.752 האנטווערקער אינ ווילנער קר. זײַנענ געווענ אינ ווילנע 8070 האנטווערקער.[2]

[1]) А. Субботин. По черте оседлости, вып. I

[2]) Сборник материалов об экономическом положении евреев в России, т. I стр. 229

דאָס איז געווענ א רעזולטאט פונ דער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק פונ צאריזם בע־נויגייע ווײַסרוסלאנד (ווי בענויגייע אלע ראנד־געביטנ) ביכלאל אונ פונ דער נאציאָנאלער פּאָליטיק בענויגייע די ייִדנ ביפראט, וואָס פאר זיי איז געווענ פאר־מאכט א גאנצע ריי באשעפּטיקונגענ. די גרעסטע מערהײַט פונ די האנטווערקער אינ קאנט איז באשטאנענ פונ ייִדנ.[1])

די קאָלאָניאַלע פּאָליטיק פונ צאריזם האָט, ווי מיר וועלנ שפּעטער ווײַזנ, שטארק טאָרמאָזירט די אנטוויקלונג פונ אינדוסטריעלנ קאפּיטאליזם אינ לאנד אונ אפ אזא אויפנ האָט זי געשטערט דער אויסבילדונג פונ א באדײַטנדיקער שטאָטישער באפעל־קערונג, וואָס שטעלט פאָר מיט זיכ, געוויינטלעכ, א גוטע קלײַענטור פאר די קוואליפיצירטע שטאָטישע האנטווערקער. א גרויסער טייל פונ די לעצטע האָט, וואָס ווײַטער אלצ מערער, זיכ געמוזט פארוואנדלענ אינ קוסטארעס, וואָס ארבעטנ פארנ נאָענטנ פויע־רישנ מארק.

אָבער דער דאָרפ, פונ זײַנ זײַט, האָט געמוזט פילנ די צוריק־ווירקונג פונ דער לאנגזאמער אינדוסטריעלער אנטוויקלונג פונ לאנד אונ האָט ניט געקענט אײַנשלינגענ די גאנצע מאסע קוסטארישע פּראָדוקציע, וואָס פלעגט ארויסגעוואָרפנ ווערנ אפנ מארק.

עס האָט זיכ באקומענ, אלזאָ, אזא לאגע: לויט דער מאָס, ווי עס האָט זיכ פאר־קלענערט אינ שטאָט די צאָל באשטעלער אפ יעדער האנטווערקער, וואָס פלעגט אימ פריִער זיכערנ א באשטימטנ לעבנ־ניוואָ, איז דערדאָזיקער האנטווערקער געווענ געצוווּנגענ אריבערצוגיינ צו דער ארבעט אפנ אָרטיקנ מארק, ד. ה., ער האָט זיכ פאר־וואנדלט אינ א קוסטאר, וואָס באפרידיקט דעמ נאָכפרעג פונ דעמ ארומיקנ פויערטומ אונ דער שטאָטישער אָרעמקײַט אפ גראָבע אָדער ביליקע אויסארבעטונגענ, ענלעכ צו דעמ גרעסטנ טייל שטעטלדיקע קוסטארעס.

אָבער אזויווי דער אָרטיקער מארק האָט זיכ ארויסגעוויזנ פאר ניט גענוג גרויס, קעדיי אײַנצושלינגענ די סכוירעס פונ די קוסטארעס, זײַנענ די לעצטע, זוכנדיק אנ אָפּזאַץ פאר זייערע סכוירעס אפ א ברייטערנ מארק, ארײַנגעפאלנ אינ די הענט פונ האנדל־קאפּיטאל.

אינ „Сборник материалов об экономическом положении евреев в Росии“, т. I ווערט מיטגעטיילט וועגנ דרײַ אָפּזאַץ־פאָרמעס פונ א האנטווער־קערישער אויסארבעטונג: פּריוואטע באשטעלונגענ, וואָס די האנטווערקער באקומענ פונ זייערע קלײַענטנ; די יעריד־פאָרמע פונ אָפּזאַץ אפ די נאָענטסטע מערק; די ארבעט

1) אינ 1879 י. האָבנ די ייִדנ־האנטווערקער אינ גראָדנער גוב. פאָרגעשטעלט 80,1 פּראָצ. פונ אלע שטאָ־טישע האנטווערקער אונ 50 פּראָצ. פונ אלע האנטווערקער אינ די קרײַזנ. אינ קאָוונער גוב. איז אינ 1893 י. געווענ צוזאמענ (ייִדנ אונ ניט־ייִדנ) 23.769 האנטווערקער (אינ אָט דער צאָל, ווי אויכ אינ די פריִערדיקע צאָלנ גייענ ארײַנ מײַסטערס, געזעלנ אונ לערנ־ייִנגלעכ). אונ אינ 1897 י. זײַנענ נאָר האנטווערקער־ייִדנ געווענ פארעגיסטרירט אינ די שטעט אונ שטעטלעכ 23.505 (זע Сборник материалов об экономич. по-ложэнии евреев в России. т. I стр. 229-230.)

אינ וויטעבסקער גוב. האָבנ ייִדנ מײַסטערס אינ 1893 י. פאָרגעשטעלט 71 פּראָצ. פונ אלע מײַסטערס, אינ מאָלעווער גוב. אינ אָנהייב 80־קער יאָרנ—77,8 פּראָצ. פונ אלע מײַסטערס (אויכ דאָרטנ ז. 252)

אפנ הורט־באַשטעלער, וואָס שטעלט די האַנטווערקער אינ דער אָפּהענגיקײַט, פונ קאַפּיטאַליסט־אונטערנעמער [1].

צום באַדויערנ, זײַנענ ניט פאַראַנ קײנ וועלכע עס איז באַשטימטע דאַטעס וועגנ דעם, וואָס פאַר אַנ אָרט עס האָט פאַרנומענ אינ אָנהײב 20־טנ י. ה. (צו דערדאָזיקער צײַט געהערנ די מאַטעריאַלנ פונ דעם דערמאָנטנ זאַמלבוך) יעדע פונ דידאָזיקע דרײַ אָפּזאַץ־פאָרמעס פונ האַנטווערקערישער פּראָדוקציע. מע וואָלט געקענט אפנ גרונט פונ דידאָזיקע דאַטעס באַשטימענ, וועלכע גרופּעס פאַרבראַוכער פונ האַנטווערקערישער־קוסטאַרישע אויסאַרבעטונגענ זײַנענ דעמלט געווענ די דאָמינירנדיקע: צי דאָס פויערטום און די שטאָטישע אָרעמקײַט, וועלכע געברויכנ גראָבע, אָבער ביליקע קוסטאַרישע אויסאַרבעטונגענ, אָדער יענע גרופּע געברויכער פונ די שטאָטישע אײַנוווינער, וועלכע ווײַזט אַרויס אַ נאָכפרעג אפּ אויסאַרבעטונגענ פונ קוואַליפיצירטע אַרבעטער. אינ דעם דערמאָנטנ זאַמלבוך געפינענ מיר נאָר אַנ אַלגעמײנע אָנווײַזונג אפּ דעם, אַז „גוטע מײַסטערס שטעלנ פאָר נאָר אַנ אומבאַדײַטנדיקנ טײל פונ ייִדנ־האַנטווערקער״, באַזונדערס, אינ פאַרגלײַך מיט יענער דאָמינירנדיקער מערהײַט פונ זײ, וואָס אַרבעט אויס די אַזויגערופענע טאַנדעט־אויסאַרבעטונגענ, ד. ה., אַזעלכע וואָס קענענ באַפרידיקנ נאָר דעם אײנפאַכנ געשמאַק פונ דאָרפישנ מענטשנ, אָדער פונ דער שטאָטישער אָרעמקײַט [2]. אַז דאַפקע אינ ווײַסרוסלאַנד האָט געדאַרפט דאָמינירנ די קוסטאַרישע און ניט די אײגנטלעכ האַנטווערקערישע פּראָדוקציע, ד. ה. די פּראָדוקציע פונ גראָבע ביליקע אויסאַרבעטונגענ פאַר דעם נאָענטסטנ מאַרק און ניט די פּראָדוקציע פונ טײַערע אויסאַרבעטונגענ פאַר באַשטעלער—קענ דינענ אַלס רײַע דאָס, וואָס דאָ, בײַ דער זײער שוואַכער אַנטוויקלונג פונ קוסטאַרישע געווערבנ אינ דאָרפ צום אונטערשײד פונ די צענטראַלע רוסישע גובערניעס), זײַנענ ניט געווענ אָט די גרויסע אינדוסטריעלע שטעט, אָט די גרויסע שטאָטישע באַפעלקערונג, וואָס ווײַזנ אַרויס אַ נאָכפרעג אפּ אויסאַרבעטונגענ פונ קוואַליפיצירטע אַרבעטער.

אינדערעמעסנ האָבנ, לעמאָשל, אינ גאַנצ קאָוונער גובערניע געלעבט אינ שטעט, אינ 1897 יאָר 122.679. מענטשנ. אינ דערזעלביקער גובערניע זײַנענ נאָר ייִדישע האַנטווערקער געווענ 23.525. אויב מע זאָל אַפילע רעכענענ, אַז מיט אָט דער צאָל שעפּט זיכ אויס די גאַנצע האַנטווערקערישע מאַסע פונ דער גובערניע (אינדערעמעסנ זײַנענ געווענ מערער האַנטווערקער — מע דאַרפ צורעכענענ אויכ

---

1) „ווישעכסקער שנײַדער און קירזשנער אַרבעטנ דעריקער לויט דער באַשטעלונג פונ אָרטיקע סאָכרים פונ פאַרטיקע קלײדער. לויט דער באַשטעלונג פונ מאַגאַזינענ אַרבעטנ אויכ די סלוצקער סטאָליאַרעס, וועלכע שיקנ זײערע אויסאַרבעטונגענ אינ פּאָלטאַווער און כאַרקאָווער גוב. די סלאָנימער סטאָליאַרעס פאַרקויפנ זײערע אויסאַרבעטונגענ אינ די אָרטיקע מאַגאַזינענ, וועלכע זעצנ שוינ אָפּ די אַרטיקלענ אינ פאַרשײדענע שטעט״ (ז. 216).

„וואָס איז שײַכ די שטעט פונ ווײַסרוסלאַנד, געפינענ מיר אַ מיטײלונג וועגנ פּאָסאַד „וויעטקי״ (האָמליער קר.), וואָס זעצט אָפּ זײַנע שוסטערישע אויסאַרבעטונגענ דורכ אויפקויפער אפנ דאָנ; וועגנ שטעטל לאָהישנ, וועלכע פאַרקויפט אירע שוסטערישע אויסאַרבעטונגענ אינ ריגע, יעקאַטערינאָסלאַוו און אַנדערע שטעט״ (ז. 217־218). „פונ קאָברינ, גראָדנער גוב. טײלט מענ מיט, אַז די אָרטיקע סטאָליאַרעס זעצנ אָפּ זײערע אויסאַרבעטונגענ אפּ די אַרומיקע יאַרידנ״ (ז. 216).

2) זע דעם ציטירטנ זאַמלבוך, זײַט 213, באַנד I.

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0011-0019 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

די ניט־יִדישע האנטוורקער), וועט דאָכ דעמלט זיַינ גאנצ קלאָר, אז דער גרעסטער טייל האנטווערקער האָט באדינט די לאנדווירטשאפטלעכע באפעלקערונג און ניט די שטאָטישע.

אָבער דאָס איז נאָכ ווייניק, אינ גאנצ קאָוונער גובערניע איז געווענ נאָר איינע, א מער אָדער ווייניקער גרעסערע שטאָט—קאָוונע, אינ וועלכער עס זיַינענ געווענ 3043 האנטווערקער. אויב מע זאָל אפילע אָנעמענ, אז די 3043 האנטווערקער האָבנ באדינט, דעריקער, די שטאָט קאָוונע (אינדערעמעסנ איז, פארשטייט זיכ, ניט גע־ווענ אזוי), איז דאָכ קלאָר, אז די איבעריקע 20.500 האנטווערקער האָבנ שוינ אוואדע באדינט, דעריקער, די דאָרפישע באפעלקערונג.

אָדער אנ אנדער בײַשפּיל: אינ ברעסט־ליטאָווסק, אינ אָט דער פארהעלטעניש־מעסיק קליינער שטאָט, זיַינענ געווענ אינ 1898 יאָר נאָר יִדישע האנטווערקער—3682. עס איז גאנצ פארשטענדלעכ, אז דידאָזיקע האנטווערקערישע מאסע האָט באדינט, דעריקער, ניט די באפעלקערונג פונ ברעסט־ליטאָווסק גופע. [1])

דער פאקט, וואָס די גרעסטע מאסנ האנטווערקער זיַינענ געווענ קאָנצענטרירט אינ די שטעט און ניט אינ די קרײַזנ, באטײַט נאָכ גאָרניט, אז דידאָזיקע האנטווער־קערישע מאסנ האָבנ געארבעט, דעריקער, פאר דער שטאָטישער באפעלקערונג. דאָס איז נאָר ריכטיק לעגאבע יענע האנטווערקערײַענ, וועלכע האָבנ אויסגעארבעט ארטיק־לענ פונ קאָמפאָרט און פונ לוקסוס, אָדער נערונג־ארטיקלענ (בעקער, פליישער) און אויכ אזוינע האנטווערקערײַענ, וועלכע זיַינענ געווענ פארבונדנ, זאָלנ מיר זאָגנ, מיט ווינונג־בויונג. אינדערעמעסנ געפינענ מיר, לעמאָשל, אינ גראָדנער גובערניע, אינ דער סאמע אינדוסטריִעלער גובערניע פונ קאנט, ווו די אינדוסטריִעל־שטאָטישע באפעלקערונג האָט פאָרגעשטעלט א העכערנ פראָצענט פונ דער גאנצער באפעלקע־רונג, איידער אינ אנדערע גובערניעס, טאקע אינ אָנהייב 20־טנ י. ה. אסאכ א גרע־סערע צאָל האנטווערקער, וועלכע זיַינענ פארנומענ אינ דער פראָדוקציע פונ שפּײַז־ווארג איידער אינ אנדערע גובערניעס: 5938 (צוזאמענ מײַסטערס, געזעלנ און לערנ־יִנגלעכ). אינ ווילנער גובערניע זיַינענ אינ דידאָזיקע האנטווערקערײַענ געווענ בא־שעפטיקט 3752, אינ קאָוונער—3906, אינ מאָלעווער—3024, אינ מינסקער—3600, אינ וויטעבסקער—2722.

אָבער מענ דארפ נעמענ אינ באטראכט דאָס, וואָס דידאָזיקע גרופּנ האנטווער־קער האָבנ פאָרגעשטעלט נאָר אנ אומבאדײַטנדיקנ פראָצ. פונ דער גאנצער האנט־ווערקערישער מאסע. אינ ווײַסרוסלאנד צ. ב. זיַינענ אינ די האנטווערקערײַענ, וועלכע פראָדוצירנ דערנערונג און גאסטראָנאָמישע ארטיקלענ, געווענ באשעפטיקט 11,2 פראָצ. פונ אלע האנטווערקער, אינ ליטע—14,4 פראָצ. אינ דערזעלביקער צײַט זיַינענ אינ די האנטווערקערײַענ, וועלכע ארבעטנ אויס קליידער און טואלעט־זאכנ, געווענ באשעפטיקט אינ ווײַסרוסלאנד—34,5 פראָצ. פונ דער גאנצער האנטווערקערי־שער מאסע, אינ ליטע—33,2 פראָצ., אינ די האנטווערקערײַענ, וועלכע ארבעטנ אויס לעדער־ארטיקלענ, זיַינענ די אנטשפרעכנדיקע צאָלנ געווענ 17,2 פראָצ. און 18,8 פראָצ.

---

[1]) ניט אומזיסט לייענענ מיר אינ דעמ זאמלבוכ, אז „ברעסט־ליטאָווסק זעצט אָפ שוסטערישע אויסאר־בעטונגענ אינ צענטראל־רוסלאנד און אינ קרימ". ז. 247.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

אינ דער האָלצ־באארבעטונג—10,2 פראָצ. אונ 11,9 פראָצ., אינ דער מעטאל־באארבעטונג—פונ פאָשעטער פאָרמע—5,5 אונ 6,3 פראָצ. אינ דער בויונג אונ קעראמישער האנטווערקערײַ—8,7 אונ 7,7 פראָצ. אלזאָ, אינ דידאָזיקע אלע האנטווערקערײַענ, וועלכע האָבנ באדינט, נאטירלעכ, ניט נאָר די שטאָט, נאָר אויכ דעמ דאָרפ, זײַנענ געווענ באשעפטיקט אינ ווײַסרוסלאנד — 76,1 פונ דער גאנצער האנטווערקערישער מאסע, אונ אינ ליטע—77,9 פראָצ.

אונ דעריבער, ווענ די אווטערנ פונ דעמ דערמאָנטנ זאמלבוכ דערקלערנ זי קאָנצענטרירונג פונ די גרונט־מאסנ האנטווערקער אינ די שטעט דערמיט, וואָס די שטאָטישע באפעלקערונג איז ניט נאָר דער הויפּזעכלעכער פארברויכער פונ האנטווערקערישער אויסארבעטונג, נאָר אויכ דער סאמע פארמעגלעכער, איז שוינ ניט ריידנדיק וועגנ דעמ, וואָס דאָס ווידערשפּרעכט די פאקטנ, וואָס זײַנענ געבראכט געוואָרנ מיט עטלעכע זײַטנ פריִער, איז עס אויכ פאקטיש ניט ריכטיק.

אָבער דאָס איז נאָכ ווייניק. אויב אינ דער קאָלאָניִאלער פאָליטיק פונ צאריזמ בענויגייע ווײַסרוסלאנד ביכלאל דארפ מענ זוכנ די סיבעס דערפונ, פארוואָס עס איז לאנגזאמ געוואקסנ דער פארברויכ פונ האנטווערקערישע פראָדוקטנ, דארפ מענ אינ דער אונטערדריקערישער נאציִאָנאלער פאָליטיק פונ צאריזמ בענויגייע די ייִדנ (טכומ, דאָס פארמאכנ פאר די ייִדנ א גאנצע ריי באשעפטיקונגענ) זוכנ די סיבעס, פארוואָס די לעצטע האָבנ זיכ ניט *צוגעפאסט צו די געגעבענע באדינגונגענ* אונ האָבנ געליפערט אסאכ מערער האנטווערקער אונ קוסטארעס, ווי דאָס האָט געפאָדערט דער אָפּזאצ־מארק פאר האנטווערקעריש־קוסטארישער פראָדוקציע. דער גאנצער קאָמפּלעקס אדמיניסטראטיוו־יורידישע מאָסמיטלענ פונ צאריזמ בענויגייע די ייִדנ, וואָס גייט ארײַנ אינ באגריפ „טכומ“, איז געווענ די סיבע, פארוואָס אינ סאָפ 19־טנ י. ה. איז אינ וויטעבסקער גוב. געווענ מער ווי א צוויי מאָל העכערער פראָצ. האנטווערקער, ווי אינ דער עקאָנאָמיש־ענלעכער, שכיינעסדיקער פסקאָווער גוב. אינ דער לעצטער האָט זיכ די האנטווערקערישע מאסע צוגעפאסט צומ קליינעמ פארברויכ פונ האנטווערקערישער פראָדוקציע, אינ דער ערשטער—ניט.

דערפאר קענענ מיר ניט מאסקימ זײַנ מיט דער מיינונג פונ ס. מארגאָלינ, אז די איבערבאפעלקערטקײַט פונ „טכומ“ מיט דעמ האנטווערקערישנ עלעמענט דערקלערט זיכ נאָר מיט דעמ ניטגענוגנדיקנ געברויכ פונ האנטווערקערישע פראָדוקטנ מיצאד דער אָרטיקער באפעלקערונג, ד. ה., נאָר מיט דעמ אראָפּגעזעצטנ פארברויכ אינ דידאָזיקע גובערניעס.

„די אָנגעזעטיקטקײַט פונ דער געגעבענער באפעלקערונג מיט האנטווערקער, וועלכע עס באמערקט זיכ אינ אייניקע ערטער פונ טכומ“—זאָגט מארגאָלינ—„דרינגט ארויס ניט פונ דעמ איבערפלוס פונ האנטווערקערישער באפעלקערונג, נאָר פונ דעמ ניטגענוגנדיקנ פארברויכ פונ דער ארומיקער באפעלקערונג; מיטנ וווקס פונ פארברויכ, ד. ה., מיטנ וווקס פונ דער צאָל־פייִקײַט פונ פארברויכער וועט דיזעלביקע באפעלקערונג אויסהאלטנ אינ עטלעכע מאָל א גרעסערע צאָל האנטווערקער“ [1].

[1] זע Книга Восхода за 1904 г., № 12

דער אווטער ווײַזט דערבײַ אָן אפ דעם, אז די צאָל האנטווערקער אינ טכום האָט אויסגעמאכט אינגאנצנ 2 פראָצ. פונ דער באפעלקערונג, אינ דער צײַט, וואָס אינ דײַטשלאנד האָבנ די האנטווערקער אויסגעמאכט 6־7 פראָצ.

אָבער פונקט אזוי וואָלט מענ קענענ, אָנווײַזנדיק אפ דעם, אז די צאָל הענדלער אינ טכום האָט אינ 1897 יאָר אויסגעמאכט 1,46 פראָצ. פונ דער באפעלקערונג אונ אינ דײַטשלאנד—אינ דעמזעלביקנ יאָר 3,33 פראָצ.[1] מאכנ דעם אויספיר, אז די איבערבאפעלקערטקײַט פונ טכום מיט האנדל־עלעמענטנ דערקלערט זיכ אויכ נאָר מיטנ אראָפּגעזעצטנ סכוירע־אומזאצ אינ דידאָזיקע גובערניעס.

שוינ ניט ריידנדיק וועגנ דעם, וואָס דער פארגלײַכ מיט דײַטשלאנד טויג לאכ־לוטנ ניט אינ אָט דעם פאל צוליב דער גאנצ אנדערער עקאָנאָמישער סטרוקטור, מאכט דער אווטער, לויט אונדזער מיינונג, נאָכ א טאָעס דערמיט, וואָס דעם אראָפּגעזעצטנ פארברויכ שרײַבט ער צו ניט יענע סאָציאַלע שיכטנ, בא וועלכע דאָס האָט ווירקלעכ געהאט אנ אָרט.

דער אווטער ארגומענטירט אינ דעם געגעבענעמ פאל דערמיט, וואָס אינ די גובערניעס פונ טכום האָבנ די מעלוכישע האכנאָסעס אריבערגעשטיגנ די מעלוכישע הויצאָעס אונ דערפאר איז יענע גרופע פארברויכער פונ האנטווערקערישע פראָדוקטנ, וועלכע איז געווענ פאָרגעשטעלט אינ דער פערזאָנ פונ די באאמטע אונ מיליטער־לײַט, געווענ פארהעלטענישמעסיק זייער א קליינע.

מיר האלטנ אָבער, אז מענ דארפ פארגלײַכנ די מעלוכישע הויצאָעס אינ די גובערניעס פונ צאָפנ־מײַרעווודיקנ קאנט מיט די מעלוכישע הויצאָעס ניט אינ די רע־זידענצ־גובערניעס, פעטערבורגער אונ מאָסקווער, ווי עס טוט דער אווטער, נאָר מיט די מעלוכישע הויצאָעס אינ אזוינע גובערניעס אויסערנ טכומ, ווו עס זײַנענ ניט געווענ קאָנצענטרירט די סאמע גרעסטע אדמיניסטראטיוו־מיליטערישע צענטרענ אינ לאנד, שוינ ניט ריידנדיק וועגנ דעם, וואָס אינ פעטערבורגער אונ מאָסקווער גובער־ניעס פלעגט דער צאריזמ פארווענדנ זייער גרויסע מאטעריעלע הויצאָעס אינ דער פאָרמע פונ מעלוכישע באשטעלונגענ.

דעמלט וואָלט זיכ באקומענ א גאנצ אנדער בילד.

אויב, זאָל מענ זאָגנ, אינ די גובערניעס פונ צאָפנ־מײַרעווודיקנ קאנט זײַנענ די מאטעריעלע הויצאָעס פונ צאריזמ אינ דער פאָרמע פונ מעלוכישע באשטעלונגענ געווענ אומבאדײַטנדיק, ווײַל דאָ זײַנענ ניט געווענ אזוינע אונטערנעמונגענ, וועלכע האָבנ געארבעט פארנ קריג־מיניסטעריום, קענ מענ אָבער דאָסזעלביקע ניט זאָגנ וועגנ יענע הויצאָעס פונ דער צארישער קאזנא אפ דער אויסהאלטונג פונ גארניזאָ־נענ, בויונג פונ פעסטונגענ אינ דורכפירונג פונ וועגנ (סטראטעגישע). אָנהייבנדיק פונ די 80־ער יאָרנ, האָט זיכ דער צאריזמ אָריענטירט אפ א מילכאָמע מיט דײַטש־לאנד, ווי דעם סאמע שטארקנ אונ געפערלעכנ קעגנער אונ אינ העסקעם מיט דעם זײַנענ געגאנגענ די מיליטערישע צוגרייטונגענ פונ צאריזמ. אינדערעמעסנ, וואָס נעענטער צו דער פרײַסישער גרענעצ, אלצ שטארקער זײַנענ געווענ די גארניזאָנענ פונ די שטעט אונ אפילע פונ שטעטלעכ. די מעלוכישע הויצאָעס אינ פוילנ האָבנ אויס־

[1] זע Бруцкус, Професс. Состав евр. населения в России", вып. II, стр. 34

געמאכט 6 ר. 53 קאָפּ. אפּ אן איינוווינער. אין גראָדנער גובערניע—6 ר. 21 קאָפּ. אין וויטעבסקער גוב.—3 ר. 85 ק., קאָוונער—3 ר. 48 ק., מאָלעווער—3 ר. 5 קאָפּ., מינסקער—2 ר. 89 קאָפּ., טשערניגאָווער—2 ר. 21 קאָפּ. [1]).

פארופנדיק זיך אפ די אויסרעכענונגען פון פראָפּ. שימאנ אין זיין פּאָרטראָג „די פינאנצ־פּאָליטיק פון ווישניעגראדסקי און וויטע", ווייזט דער אווטער אָן אפּ דעם, אז אפּ יעדן איינוווינער אין רוסלאנד זיינען אויסגעקומען פארשיידענע מעלוכישע אָפּצאָלן 11 ר. מיט 13 קאָפּ. אפּ א פּערזאָן. אָבער די מעלוכישע הויצאָעס אין די גובערניעס פון טכום, מיט דעם אויסנאם פון ווארשעווער גוב., זיינען געווען אסאך קלענער, אויסמאכנדיק אין 20 גוב. עפּעס מער ווי א העלפט פון דערדאָזיקער ציפער. אין 10 גובערניעס—נאָר א דריטל, אין טשערניגאָווער און פּאָדאָלער גובערניעס—ביז איינ פינפטל.

אויך דאָ האָט מען געדארפט, לויט אונדזער מיינונג, ניט פּאָשעט אָנווייזן אפּ דעם, נאָר פארגלייכן די דיפערענצ צווישן די מעלוכישע האכנאָסעס און מעלוכישע הויצאָעס אין די גובערניעס פון טכום מיט דערדאָזיקער דיפערענצ אין די אינערלעכע גובערניעס פון רוסלאנד. וואָס פאר א זינ קענ האָבן דער דורכשניט פון מעלוכישע אָפּצאָלן, וואָס פאלט אפּ יעדן איינוווינער אין גאנצ רוסלאנד, ווען אינדערעמעסן האָט עקזיסטירט א קאָלאָסאלער אונטערשייד צווישן די סומען פון מעלוכישע אָפּצאָל אין איינצלנע גובערניעס. די צאָלונגען פון דער באפעלקערונג אין קאָוונער גוב., למשל, האָבן אויסגעמאכט אין אָנהייב פון די 90־ער יאָרן—3 ר. מיט 3 קאָפּ. אפּ א פּערזאָן און אין מאָסקווער גובערניע 35 ר., מיט 60 קאָפּ. אפּ א פּערזאָן. אויב מען זאָל קעגנשטעלן די צאָלונגען פון דער באפעלקערונג אין ווייסרוסלאנד מיט די צאָלונגען פון דער באפעלקערונג אין אזוינע גובערניעס פון אויסערן טכום, וואָס זיינען אין עקאָנאָמישער הינזיכט געווען, מער אָדער ווייניקער, ענלעך צו זיי, באקומט זיך א בילד גאָר אן אנדערער, ווי דער, וואָס עס שילדערט ס. מארגאָלין. אינדערעמעסן:

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| אין | ווילנער גוב. | האבן אויסגעמאכט אלע צאָלונגען | 6 ר. | 87 ק. | אפּ אן איינוו. |
| ״ | וויטעבסקער | ״ ״ ״ ״ | 4 ״ | 45 ״ | ״ ״ ״ |
| ״ | גראָדנער | ״ ״ ״ ״ | 4 ״ | 22 ״ | ״ ״ ״ |
| ״ | קאָוונער | ״ ״ ״ ״ | 3 ״ | 97 ״ | ״ ״ ״ |
| ״ | מינסקער | ״ ״ ״ ״ | 3 ״ | 30 ״ | ״ ״ ״ |
| ״ | מאָלעווער | ״ ״ ״ ״ | 4 ״ | 11 ״ | ״ ״ ״ |
| ״ | אָרלאָווער | ״ ״ ״ ״ | 6 ״ | 17 ״ | ״ ״ ״ |
| ״ | פּענזער | ״ ״ ״ ״ | 4 ״ | 84 ״ | ״ ״ ״ |
| ״ | וויאטסקער | ״ ״ ״ ״ | 4 ״ | 06 ״ | ״ ״ ״ |
| ״ | נאָוואָגאָראָדער ״ | ״ ״ ״ | 5 ״ | 10 ״ | ״ ״ ״ [2]) |

---

[1]) זע, „О географич. распределении госуд. доходов России" Ясноводьский. ציטירט לויט דעם דערמאָנטן מארגאָלינס ארטיקל.

[2]) זע „Описание губерний Российской Империи" Петлин,

אַלזאָ, דערפֿון איז צו זען, אַז די מעלוכישע צאָלונגען פֿון דער באַפֿעלקערונג אין ווײַסרוסלאַנד זײַנען אין אַלגעמיין געווען ניט העכער, ווי אין די גובערניעס אויסערן ׳תּחום, וועלכע זײַנען עקאָנאָמיש מער אָדער ווייניקער געווען ענלעך צו זיי קענען מיר אַלזאָ זאָגן, אַז פֿון דער זײַט איז קיין אַראָפּגעזעצטער פֿאַרברויך אין ווײַסרוסלאַנד, אין פֿאַרגלײַך מיט די גובערניעס אויסערן תּחום פֿון דעמזעלביקן עקאָנאָמישן טיפּ, ניט געווען, גיכער פֿאַרקערט, און טאַקע צוליב דעם גרעסערן קרײַז פֿאַרברויכער פֿון האַנטווערקערישע פּראָדוקטן, וואָס האָט עקזיסטירט אין דער פּערזאָן פֿון אַ גאַנצן *באַדײַטנדיקן* שיכט פֿון מיליטער־לײַט און באַאַמטע אין די שטעט פֿון תּחום און אין ווײַסרוסלאַנד בּיפֿראַט.

אַלזאָ, אויב די אַוטערן פֿון דעם דערמאָנטן זאַמלבוך זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ פֿעלער, פֿאָרשטעלנדיק די זאַך, אַז קלוימערשט דער הויפּט־פֿאַרברויכער פֿון די פּראָדוקטן פֿון די *יִדישע* האַנטווערקער איז געווען דעריקער די *יִדישע* באַפֿעלקערונג (זיי רעכענען שטענדיק אויס די צאָל יִדישע האַנטווערקער לויטן באַזונדער צאָל יִדישער באַפֿעלקערונג), איז ס. מאַרגאָלין אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ צווייטן טאָעס, פֿאָרשטעלנדיק די זאַך, אַז קלוימערשט דער הויפּט־פֿאַרברויכער פֿון דער פּראָדוקציע פֿון די יִדישע האַנטווערקער איז געווען די *שטאָטישע* באַפֿעלקערונג (און צווישן זיי האָט געשפּילט זייער אַ גרויסע ראָלע די גרופּע פֿון באַאַמטע און מיליטער־לײַט). באַהויפּטנדיק, אַז די איבערבאַפֿעלקערטקײַט פֿון דעם תּחום מיט האַנטווערקערישן עלעמענט דערקלערט זיך נאָר מיט דעם פֿאַרהעלטענישמעסיק קלײנעם פֿאַרברויך פֿון האַנטווערקערישע פּראָדוקטן, איז ס. מאַרגאָלין געקומען צום אָפּלייקענען די אונטערדריקערישע נאַציִאָנאַלע פּאָליטיק פֿון צאַריזם בנוגע די יִדן, וואָס אַ רעזולטאַט פֿון איר איז געווען צווישן אַנדערן אויך די איבערבאַפֿעלקערונג פֿון תּחום מיט האַנטווערקערישן עלעמענט.

בּיכלל דאַרף מען זאָגן, אַז שטעלן די פֿראַגע אַזוי, ווי עס שטעלט זי ס. מאַרגאָלין, אַז די איבערבאַפֿעלקערטקײַט פֿון קאַנט מיט האַנטווערקער איז געווען ניט קיין אַבסאָליוטע, נאָר אַ רעלאַטיווע, קען מען ניט: אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט איז בּיכלל ניטאָ קיין אַבסאָליוטע, נאָר עס איז פֿאַראַן אַ רעלאַטיווע איבערבאַפֿעלקערטקײַט. און ווײַטער דאָס באַהויפּטן, אַז אין דער איבערבאַפֿעלקערטקײַט פֿון קאַנט מיט האַנטווערקערישן עלעמענט איז שולדיק נאָר דער שוואַכער פֿאַרברויך פֿון האַנטווערקערישע פּראָדוקטן מיצד דער באַפֿעלקערונג—ווען האָרײַע, דײַטשלאַנד פֿאַרטראָגט אַסאַך אַ העכערן פּראָצענט האַנטווערקער—הייסט, פֿאַרגעסן, אַז ווײַסרוסלאַנד איז געווען ניט נאָר אַ קאָלאָניע פֿון צאַריזם, נאָר, אַכוצדעם, איז זי נאָך אַרײַנגעגאַנגען אין תּחום.

און אַפֿילע יענער אַרגומענט פֿון ס. מאַרגאָלין, אַז די מעלוכישע אָפּצאָלן פֿון דער באַפֿעלקערונג אין די גובערניעס פֿון צאָפֿן־מײַרעוודיקן קאַנט זײַנען געווען העכערע, ווי אין די גובערניעס אויסערן תּחום, נעמט ניט אַראָפּ פֿון אַוטער די באַשולדיקונג, אַז מיט זײַן שטאַנדפּונקט אין דערדאָזיקער פֿראַגע לייקנט ער אָביעקטיוו אָפּ די אונטערדריקערישע נאַציִאָנאַלע פּאָליטיק פֿון צאַריזם בנוגע די יִדן. מיר האָבן שוין געזען, אַז דאַפּקע יענע ציפֿער, מיט וועלכע דער אַוטער אָפּערירט ווײַזן גראָד *ניט*, אַז די שטײַער־פּאָליטיק פֿון צאַריזם איז געווען אויסערן תּחום

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0013-0024 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

ווייכער, ווי אין די גובערניעס פון טכום. עס איז זייער מעגלעך, פארשטייט זיך, אז אין דער שטײַער־פּאָליטיק לעגאבע ווײַסרוסלאנד האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט די קאָלאָניאַלע פּאָליטיק פון צאריזם לעגאבע די ראנד־געביטן, און די ארכיוו־קוועלן וועל נאָך ווארפן א שײַן אפ דערדאָזיקער פראגע, אָבער יענע ציפערן, מיט וועלכע עס אָפּערירט ס. מארגאָלין, אונטערשטרײַכן מיר נאָכאמאָל, באווײַזן דאָס נ י ט.

אָבער דידאָזיקע איבערבאפעלקערטקײַט פון קאנט מיט האנטווערקערישן עלעמענט האָט פארגיכערט די סאָציאַלע דיפערענציאציע צווישן זיי. עס האָט זיך באקומען פאָלגנדיקעס: דער שטאָטישער האנטווערקער האָט וואָס ווײַטער, אלץ מערער, ווי אן אייגנטלעכער האנטווערקער, ד. ה., ווי א קליינער פראָדוצירער, וועלכער ארבעט פארן באשטעלער, פארלאָרן דעם באָדן פון אונטער די פיס און אלץ מערער איז א באדײַטנדיקן טייל פון זיי געצוווּנגען געווען מאקרעוו צו זײַן זײַן קוואליפיציע און אריבערגיין ארבעטן פאר דעם נאָענטסטן פויערישן מארק, פארוואנדלענדיק זיך פון האנטווערקער אין קוסטארעס, און פראָדוצירנדיק ביליקע אָבער גראָבע אויסארבעטונגען. אָבער דאָס האָט, נאטירלעך, געבראכט, צו אן איבערפלוס אין די רייען פון יענע קוסטארעס, וואָס האָבן נאָך אסאך פריִער (ווי לעמאָשל, די מערהײַט פון די שטעטלדיקע קוסטארעס) געארבעט, דעריקער, פארן פויערישן מארק. און אָט צווישן דידאָזיקע קוסטארעס, פאר וועלכער דער אָרטיקער נאָענטסטער מארק האָט זיך צוליב דעם געמוזט פרי ארויסווײַזן פאר אויסגעשעפּט, האָט פארהעלטענישמעסיק פרי אָנגעהויבן ארײַנצודרינגען דער האנדל־קאפּיטאל [1].

און אויב מע זאָל נאָך נעמען און באטראכטן די קאָנקורענץ, וואָס די אָרטיקע האנטווערקעריש־קוסטארישע פראָדוקציע האָט געהאט אויסצושטיין מיצאד די גרויסע קאָנפעקציע־צענטערן (ווארשע, לעמאָשל) און מיצאד דער מעכאנישער שוכ־פראָדוקציע אויסער די גרענעצן פון ווײַסרוסלאנד וועט ווערן קלאָר, פארוואָס אין ראַיאָן פון טכום ביכלאל און אין ווײַסרוסלאנד ביפראט האָט פארהעלטענישמעסיק פרי אָנגעהויבן דער האנדל־קאפּיטאל ארײַנצודרינגען אין די האנטווערקערישע פראָדוקציעס.

לויט די דאטעס פון ס. מארגאָלין, וועלכער האָט אויסגעפאָרשט אין 1911 יאָר די שנײַדערשע פראָדוקציע אין ווילנע (אויך אין א גאנצער רײי אנדערע פונקטן פון טכום), זײַנען שוין אין 1885 יאָר געווען אין ווילנע 4 מאגאזינען פון פארטיקע קליידער, וועלכע פלעגן אָפּזעצן די סכוירעס אפן אָרטיקן מארק [2].

יעווגעני לוריע, וועלכער האָט אויסגעפאָרשט אין 1911 יאָר 47 ווארשטאטן אין דער קאָנפעקציע־אינדוסטריע פון וויטעבסק, האָט פעסטגעשטעלט, אז אין וויטעבסק האָבן נאָך אין דער צווייטער העלפט פון די 70־ער יאָרן עקזיסטירט 3–4

1) דערפאר קומט אוף טאקע די הויז־אינדוסטריע אין דידאָזיקע פראָדוקציעס, ווי מיר וועלן באלד זען, פריִער פון אלץ אין די גרעסערע שטעט, ווו די געדיכטקײַט פון די האנטווערקער איז געווען באזונדערס גרויס.

2) זע, С. О. Марголин. „Портняжное производство". Материалы и исследования о евр. ремесл. промышленности, т. II. стр. 76.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
DFG

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0014-0025 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

מאגאזינען פונ פארטיקע קלײדער, וואָס האָבנ אָפּגעזעצט די קלײדער אפנ נאָענטסטנ פּויערישנ מארק [1].

אינ ווילנע זײַנעג אינ 1887 יאָר געווענ, לויט סובאָטינענ, שנײַדער־מײַסטערס, וואָס האָבנ באשעפטיקט צו 20 געזעלנ, דערבײַ האָבנ פינפ פונ זיי געהאט אײגענע הײַזער. „די אויסארבעטונגענ פונ די אָרטיקע שנײַדער ווערנ געשיקט אפילע אינ אנדערע שטעט“ [2]. באזונדערס גרויסע ווארשטאטנ האָט מענ דעמלט געקענט באגעגענענ, ווי סובאָטינ דערציילט, צווישנ די זעמשער, אײניקע פונ דידאָזיקע ווארשטאטנ פלעגנ אָפּזעצנ זײערע סכוירעס אפילע אינ אוקראִינע און ווײַסרוסלאנד. צו גרויסע מאסשטאבנ האָבנ אויכ דערגרייכט אינ יענער צײַט די זאָקנ־ווארשטאטנ אונ אויכ די מעבל־ווארשטאטנ. פונ די לעצטע פלעגנ אײניקע שיקנ זײערע סכוירעס אינ קישיניעוו, קיִעוו אונ אָדעס [2].

עמעס, דאָס איז נאָר געווענ ד ע ר אָ נ ה ײ ב־ארײַנדרינגענ פונ האנדל־קאפיטאל אינ די האנטווערקערישע פּראָדוקציעס. די קאָנפעקציע־אינדוסטריע ק ו מ ט ע ר ש ט א ו פ אינ ־יענער צײַט; איר אנטוויקלונג, איר פולע אנטוויקלונג קומט פאָר, ווי מיר וועלנ זענ, אסאכ שפּעטער. אינ גרונט גענומענ בלײַבנ נאָכ דידאָזיקע פּראָדוקציעס, דעריקער אינ יענע יאָרנ, קוסטאריש־האנטווערקערישע פּראָדוקציעס, אָבער דאָכ איז עס זײער כאראקטעריסטיש פארנ צושטאנד פונ דער האנטווערקערײַ, אינ טכום ביכלאל אונ אינ ווײַסרוסלאנד ביפראט.

עס איז קעדײַ צו באמערקנ, אז אפילע אינ ענגלאנד, אינ דעם סאמע פאָרגעשריטענעם קאפּיטאליסטישנ לאנד צו יענער צײַט, האָט די קאָנפעקציע־אינדוסטריע ערשט אָנגעהויבנ אופקומענ אינ מיטנ פונ פארגאנגענעמ י. ה. „די עקספּלואטאציע פונ שנײַדערײַ אינ גרויסנ מאסשטאב — זאָגט ענגעלס אינ זײַנ ארײַנפיר צו מארקס בראָשור וועגנ קעלנער פּראָצעס פונ די קאָמוניסטנ — די אזוי גערופענע קאָנפעקציע־אינדוסטריע, וועלכע אנטשטײט דורכ דער פארוואנדלונג פונ דער שנײַדערישער האנטווערקערײַ אינ הויז־אינדוסטריע, איז דעמלט געווענ (עס רעדט זיכ וועגנ סאָפ פונ די 40־ער יאָרנ פונ פארגאנגענעמ יאָרהונדערט—ע. טש.) אינ עמבריִאָנעלנ צושטאנד אפילע אינ לאָנדאָנ“.

דאָס ארײַנדרינגענ פונ קאפּיטאל אינ דער פּראָדוקציע האָט באקומענ א באזונדערס פולע אנטוויקלונג ערשט שפּעטער אינ די 90־ער יאָרנ, באזונדערס אינ 20־טנ י. ה. דער אויבנדערמאָנטער יע. לוריע האָט פעסטגעשטעלט פאר די 47 ווארשטאטנ פונ דער קאָנפעקציע ־ אינדוסטריע אינ וויטעבסק, וואָס ער האָט אויסגעפאָרשט אינ 1911 יאָר, פאָלגנדיקנ עקזיסטענצ ־ דויער פונ אײנצלנע ווארשטאטנ: ביז 5 יאָר האָבנ עקזיסטירט 52 פּראָצ. פונ זיי, 5—10 יאָר — 20 פּראָצ. 10—20 יאָר—23 פּראָצ., מערער ווי 20 יאָר—5 פּראָצ. אלזאָ, 72 פּראָצ. פונ דידאָזיקע ווארשטאטנ זײַנענ אנטשטאנענ ניט פריִער, ווי אינ 20־טנ י. ה. נאָר 5 פּראָצ פונ זיי האָבנ עקזיסטירט צומ אָנהײב פונ די 90־ער יאָרנ.

ס. מארגאָלינ האָט אויסגעפאָרשט אינ 1902 יאָר 100 האנטווערקערישע ווארד־

[1] זע Е. Лурье. „Конфекционная промышл. в г. Витебске.“, „Новый Восход“ за 1911 г. № 44.

[2] זע, А. Субботин. „По черте оседлости“, вып. I.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

שטאטן אין מאָלעוו, פון זיי — 85 שנײַדערישע. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז פון די לעצטע האָבן 21 ווארשטאטן, אָדער 25 פראָצ. געארבעט פארן מאגאזין.[1]

אלזאָ, אין מאָלעוו האָבן נאָך אין אָנהייב פון די 1900 יאָרן די גרעסטע מער־הייט פון די ווארשטאטן (75 פראָצ. מען דארף נעמען אין באטראכט אויך דאָס, וואָס ניט אלע קליינע ווארשטאטן זײַנען געוואָרן אויסגעפאָרשט, אזוי, אז פאקטיש וועט עס אויסמאכן א העכערן פראָצענט.) געארבעט פארן באשטעלער אָדער פארן נאָענטסטן מארק, ארײַנקומענדיק אין דירעקטע פארבינדונגען מיטן פארברויכער, ד. ה. האָבן נאָך אופגעהיט זייער האנטווערקעריש־קוסטארישן כאראקטער.

אלע 15 סטאָליער־ווארשטאטן, וועלכע ס. מארגאָלין האָט אויסגעפאָרשט אין מאָלעוו אין 1902 יאָר, האָבן, אפ וויפל זיי האָבן זיך פארנומען מיט אויסארבעטונגען פון מעבל, געארבעט פארן מאגאזין.

פון א קאָרעספאָנדענץ פון ווילנע אין דעם „יידישן ארבעטער" נומ. 1, 1896 יאָר, וועגן דער ארבעט פון ווילנער שוסטער, דערוויסן מיר זיך, אז צוזאמען מיט שוסטער־ווארשטאטן, וועלכע האָבן געארבעט פארן באשטעלער, אין וועלכע עס האָבן געארבעט אויסערן באלעבאָס געוויינלעך צוויי־דרײַ ארבעטער און צוויי לערן־ייִנגלעך, זײַנען אין די פאָרשטעט פון ווילנע (רוזעלע, נאָווגאָראָד און אנד.) געוועזן ווארשטאטן, וואָס האָבן געארבעט פארן מאגאזין. דידאָזיקע ווארשטאטן זײַנען געוועזן גרעסער איידער אָט די ווארשטאטן, וואָס האָבן געארבעט פארן באשטעלער. אין דעם גרעסטן טייל פון די ערשטע האָבן געארבעט ניט מער ווי צו 10 מענטשן, דאָסראָוו אָבער פון 5־10 מענטשן. לויט דעם אווטער פון דערדאָזיקער קאָרעספאָנדענץ, האָט פון 1890 יאָר די פראָדוקציע פארן מאגאזין אָנגעהויבן ארויסשטויסן די פראָדוקציע פארן באשטעלער (קורסיוו אונדזער—ע. טש.), ווײַל פון דעמדאָזיקן יאָר אָן האָט זיך אָנגעהויבן אין דער לעצטער אן ארבעטלאָזיקײַט. אלזאָ, אפילע אין דעם גרעסטן צענטער פון קאנט, אין ווילנע, האָט ביז די 90־ער יאָרן די שוסטערישע האנטווערקערײַ, ווײַזט אויס, קימאט ווי נאָך ניט געפילט קיין דרוק מיצאד דעם האנדל־קאפיטאל.

## II

מארקס ווײַזט אָן אפ דרײַ היסטאָרישע פארוואנדלונג־פאָרמעס פון האנטווערקערײַ אין קאפיטאליסטישער מאנופאקטור: „ערשטנס, דער סויכער ווערט דירעקט אן אינדוסטריִעלער... צווייטנס, דער סויכער מאכט די קליינע מײַסטערס מערסטנס פאר זײַנע פארמיטלער, אָדער ער קויפט דירעקט באם זעלבשטענדיקן פראָדוצירער; נאָך־מינאל לאָזט ער אים איבער אלס זעלבשטענדיקן און לאָזט איבער אָן ענדערונג זײַן פראָדוציר־אויפן. דריטנס, דער פראָדוצירער ווערט א סויכער און פראָדוצירט דירעקט אין גרויסן מאסשטאב פארן האנדל"[2].

אין ווײַסרוסלאנד האָט זיך די אינדוסטריע אנטוויקלט ניט אפ דעם ערשטן פון די וועגן, וועלכע מארקס ווײַזט אָן, ווײַל דאָ האָבן געפעלט די נייטיקע פאָרבאדינגונגען פאר

[1] זע. Кн. „Восхода" за 1905 г., № 3.

[2] זע. К. Маркс, Капитал. Т. III, г. I стр. 320

דעמ. דידאָזיקע אויסבילדונג־פאָרמע פונ מאנופאקטור זעצט פאָרויס, ערשטנס, א דירעקטע הילפ מיצאד דער רעגירונג אינ פארשיידענע פאָרמעס („דער אורשפרינג־לעכער קאפיטאל פליסט דאָ אריַינ אינ דער אינדוסטריע אינ א באדיַיטנדיקער מאָס דירעקט פונ מעלוכישער קאסע" [1]), צווייטנס,—א האנדל־העגעמאָניע, וועלכע זיכערט „א מארק פאר דעמ אָפזאצ פונ די נײַ־אנטשטאנענע מאנופאקטורנ, און די מאָנאָפאָל־באהערשונג פונ דעמדאָזיקנ מארק זיכערט א פארשטארקטע אָנזאמלונג" [2]).

אָט די פאָרבאדינגונגענ זײַנענ דאָרטנ ניט געווענ. ערשטנס, זײַנענ די נאטירלעכע באדינגונגענ פונ קאנט ניט געווענ גינסטיק פאר דער אנטשטייונג פונ אזויגע אינדוסטריע־צווײַגנ, וואָס זאָלנ באפרידיקנ די אלגעמיינע מעלוכישע באדערפענישנ אָדער די באדערפענישנ פונ די הערשנדיקע קלאסנ אינ לוקסוס; דערפאר האָט אינ רעשוס פונ דער אָרטיקער שטאָטישער בורזשואזיע ניט געקענט שטיינ די צארישע קאסע [3]).

די אנטשיידנדיקע ראָלע האָט אָבער דאָ געשפילט דער אומשטאנד, וואָס מיר האָבנ דאָ צו טאָנ מיט א „פרעמד־שטאמיקער" (אינאָראָדטשעסקאיא) בורזשואזיע אינ איינעמ פונ די ראנד־געביטנ פונ צארישנ רוסלאנד, לעגאבע וועלכנ די צארישע רעגירונג האָט געפירט, ווי לעגאבע אנדערע ראנד־געביטנ, אנ אונטערדריקערישע נאציאָנאלע פאָליטיק.

עמעס, אפ וויפל דאָס איז געווענ אינ די אינטערעסנ פונ צאריזמ, פלעגט דער לעצטער, נייטיקנדיק זיכ אינ קאפיטאל, צוציענ צו דער אינדוסטריעלער בויונג פאָרשטייער אויכ פונ דער פרעמד־שטאמיקער בורזשואזיע. אזוי, לעמאָשל, זײַנענ אינ די ערשטע יאָרצענדליקער נאָכ דער רעפאָרמע צוגעצויגנ געוואָרנ די קאפיטאלנ פונ די פאָליאקאָװס, גינצבורגס, זאקס צו אײַזנבאנ־בויונג און באנק־וועזנ. דערבײַ האָט די צארישע רעגירונג ניט נאָר גאראנטירט פאָליאקאָװנ, אלס בויער פונ דער קורסק־כארקאָװ־אזאָװער אײַזנבאנ־ליניע, דעמ גאנצנ גרונט־קאפיטאל פונ דערדאָזיקער אײַזנבאנ־געזעלשאפט, נאָר ביז צומ ערשטנ יאנואר 1878 יאָר האָט זי אימ ארויסגעגעבנ 25.766.876 רוב. אינ דער פאָרמע פונ קרעדיטנ און פארשיידענע סובסידירונגענ. דער אנדער פאָליאקאָװישער אײַזנבאנ־געזעלשאפט (אָרלאָװער־גריאזער אײַזנבאנ־ליניע) האָט די רעגירונג אויכ גאראנטירט דעמ גאנצנ קאפיטאל און ארויסגעגעבנ פארשיידענע סובסידיעס אינ א סומע פונ 11.600.000 רוב. [4])

---

[1]) זע К. Маркс—Капитал, т. I, стр. 746-750

[2]) זע אויכ דאָרטנ.

[3]) ווי עס איז באוווסט, האָט דער צאריזמ א לאנגע צײַט זיכ באצויגנ גלײַכגילטיק צו דער אנטוויקלונג פונ דער בוימוואָל־אינדוסטריע אינ רוסלאנד, און סאווא מאָראָזאָװ איז „געבעכ" ארויסגעקומענ א לאנגע צײַט מיט אייגענע קויכעס זיכ ארויסצורוקנ אינ דער קאטעגאָריע פונ מיליאָנערנ, און ערשט שפעטער האָט ער, צוגלײַכ מיט אלע אנדערע רוסישע פאבריקאנטנ, גענאָסנ די טויוועס פונ דער צארישער רעגירונג, פונ דער צארישער קאזנא. דער צאריזמ האָט אָבער נאָכ פונ זייער פריִצײַטנ אָנ זיכ באצויגנ גאָר ניט גלײַכגילטיק צו דער אנטוויקלונג פונ דער טוכ־לײַוונט־און אײַזנ־אינדוסטריע און באשאָנקענ די פיאָנערנ פונ דידאָזיקע אינדוסטריע־צווײַגנ, ווײַל אינ דער אנטוויקלונג פונ דידאָזיקע אינדוסטריע־צווײַגנ איז דער צאריזמ פונ לאנגע צײַטנ אָנ געווענ שטארק פאראינטערעסירט, צוליב טײַמימ פונ לאנד־שוצ.

[4]) „נאָוואָיע ווערעמיא" נומ. 1340 און 1369. פארנ 1879 יאָר.

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0015-0028 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

אָבער די זאכ איז די, וואָס די קאפּיטאלנ פונ דערדאָזיקער פרעמד־שטאמיקער בורזשואזיע האָט דער צאריזמ ניט אויסגענוצט אינ די אינטערעסנ פונ דער פאָלקווירטשאפט פונ קאנט, בעסער געזאָגט, פונ דער אָרטיקער בורזשואזיע, נאָר אויסשליסלעכ אינ די אינטערעסנ פונ די גרויס־רוסישע פריצימ אונ קאפּיטאליסטנ. די 4 אײַזנבאנ־ליניעס (קורסק־כארקאָוו־אזאָווער, אָרלאָוו־גראזער, קאָזלאָוו־וואָראָניעזש־ראָסטאָווער אונ פאסטאָווער), וואָס די ברידער פּאָליאקאָוו האָבנ אויסגעבויט, זײַנענ געווענ אינ די אינטערעסנ קוידעמקאָל פונ די רוסישע פריצימ פונ רוסישנ האנדלקאפּיטאל, ווײַל דידאָזיקע וועגנ זײַנענ געווענ נייטיק פארנ טווע־עקספּאָרט, אונ אינ די אינטערעסנ פונ דער רוסישער שווערער אינדוסטריע, וואָס האָט געליפערט קוילנ אונ אײַזנ פאר דידאָזיקע בויונגענ.

דאָסזעלביקע זעענ מיר אויכ אינ באנק־וועזנ: גינצבורג איז געווענ דער גרינדער פונ פּעטערבורגער „אוטשאָטנאָ־סודני באנק" אונ זאק—זײַנ דירעקטער [1].

דאָס האָט אָבער באטײַט, אז די אָרטיקע אקומוליאציע אינ קאנט פלעגט דער צאריזמ אויספּאָמפּעווענ פאר די באדערפענישנ פונ דעמ גרויסרוסישנ האנדל־אונ אינדוסטריע־קאפּיטאל. דאָס איז אָבער נאָכ ווייניק. דער צאריזמ פלעגט מיט פארשיידענע אנדערע מיטלענ אויספּאָמפּעווענ די רעסורסנ פונ קאנט. וועגנ דעמ זאָגט איידעס כאָטש די קרעדיט־פּאָליטיק פונ צאריזמ אינ די ראנד־געביטנ. דער אקטיוו פונ קאָוונער אָפּטיילונג פונ מעלוכע־באנק האָט צומ 1־טנ יאנוואר 1892 יאָר זיכ אויסגעדריקט אינ א סומע פונ 327 טויזנט רוב., וועלכע זײַנענ אויסגעגעבנ געוואָרנ פאר די באדערפענישנ פונ גובערניע (ד. ה., פאר דער בורזשואזיע פונ דער גובערניע); דער פּאסיוו, וואָס איז געווענ צוזאמענגעשטעלט פונ יענע מיטלענ, וואָס זײַנענ אופגעקליבנ געוואָרנ דורכנ באנק אינ גובערניע, האָט דערגרייכט א סומע פונ 1.180 טויזנט רוב. „אפ אזא אויפנ האָט ניט די גובערניע באקומענ הילפ פונ מעלוכע־באנק, נאָר פארקערט—די גובערניע האָט געליפערט מיטלענ פאר פּעטערבורג" [2].

די מאָלעווער אָפּטיילונג פונ מעלוכע־באנק האָט פונ די אָרטיקע מיטלענ, וועלכע זי פלעגט צונויפזאמלענ יעדנ יאָר אינ דער גובערניע (1086 טויזנט רוב.), אויסגעגעבנ אפ אקטיוו־אָפּעראציעס דורכשניטלעכ 290 טויזנט רוב. א יאָר, ד. ה., ווייניקער ווי א דריטל, אונ די איבעריקע פלעגט זי איבערגעבנ אינ פּעטערבורג, וואָס איז געווענ שטענדיק פארשולדיקט [3].

דאָסזעלביקע איז אויכ געווענ אינ דער ווילנער אָפּטיילונג פונ מעלוכע־באנק. זי פלעגט אויכ ניט אויסגעבנ די מיטלענ, וואָס זי פלעגט צונויפזאמלענ פונ דער אָרטיקער באפעלקערונג, נאָר פלעגט זיי איבערגעבנ אינ פּעטערבורג.

מע דארפ פארגלײַכנ דידאָזיקע קרעדיט־פּאָליטיק פונ מעלוכע־באנק אינ ווײַסרוסלאנד מיט זײַנ פּאָליטיק לעגאבע דער רוסישער גרויס־בורזשואזיע. פאר דער צײַט פונ 1868 ביז

[1]) ס׳פארשטייט זיכ, אז אפ וויפל די אײַזנבאנ־בויונג איז געפירט געוואָרנ אינ קאנט גופא (לעטאָשל, ליבאווע־ראָמנער ליניע אונ אנד.) איז דאָס אויכ געווענ קוידעמקאָל אינ די אינטערעסנ פונ רוסישנ האנדלקאפּיטאל, פאר וועלכנ מע האָט געדארפט עפענענ די האפנס פונ באלטישנ יאמ.

[2]) פעטלינ. ציטירטער בוכ.

[3]) אויכ דאָרטנ.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

1892 יאָר האָט דער מעלוכע־באַנק ארויסגעגעבנ האַלוואָעס קעגנ די סטאַטוטנ פונ באַנק (וועגנ געזעצלעכע האַלוואָעס ריידנ מיר שוינ ניט) אפ א סומע פונ 21,1 מיליאָנ רוב. און אינ די יאָרנ 1892 ביז 1900 אפ 40 מיליאָנ רוב. [1]). וויאַזוי דידאָזיקע ניטגעזעצלעכע האַלוואָעס פלעגנ ארויסגעגעבנ ווערנ, וועגנ דעם דערציילט דער באַריכט פונ „גאָסודאַרסטווענ סאָוועט“ פאַר דער סעסיע 1901 ביז 1902, פונ וועלכנ עס איז צו זענ, אַז האַלוואָעס לויט א ספּעציעלנ גרונט ווערנ ארויסגעגעבנ אָנ וועלכע עס איז באַשטימטע קלאָלים. די גרייס פונ דער האַלוואָע, די באַדינגונגענ אפ וועלכע זי ווערט געזיכערט און אומגעקערט צוריק—דאָס ווערט אַלצ באַשטימט דורכ דער אַלהעכסטער מאַכט, לויטנ באַריכט פונ פינאַנצ־מיניסטער... די סומע, וואָס איז ארויסגעגעבנ געוואָרנ אפ אַזא אופנ דורכנ באַנק, האָט זיכ פאַרגרעסערט פונ 11,3 מיליאָנ רוב. צומ 1־טנ יאַנוואַר 1899 יאָר ביז 34,5 מיליאָנ רוב. צומ 1־טנ יאַנוואַר 1900 י.“ [2]).

אפ אַזא אופנ האָט דאָ אינ ווײַסרוסלאַנד דער מעלוכע־באַנק ווײַט ניט ארויסגעוויזנ יענע פרײַגיביקײַט, וועלכע מיר זעענ פונ זײַנ זײַט בענעגייע דער רוסישער גרויס־בורזשואַזיע. אינדערעמעסנ, דער אומזאַצ פונ די סאָכרימ און אינדוסטריעלער אינ שטאָט קאָוונע און איר אויעזד האָט אויסגעמאַכט אינ 1886 יאָר אַרומ 17 מיליאָנ רוב. און קרעדיט פונ קאָוונער אָפּטיילונג פונ מעלוכע־באַנק האָבנ זיי באַקומענ אינגאַנצנ—514 טויזנט רוב. דערבײַ האָבנ ייִדישע סאָכרימ און אינדוסטריעלער באַקומענ ווייניקער, ווי ניטייִדישע. „ניט געקוקט אפנ מיליאָנענ־אומזאַצ, איז די היגע אָפּטיילונג פונ מעלוכע־באַנק אַזוי פאָרזיכטיק, אַז זי האָט באַשטימט ארויסצוגעבנ קרעדיט 99 פּערזאָנענ אינ א סומע פונ 514 טויזנט רוב., דערפונ 70 ייִדנ, וועלכע מאַכנ אויס 70% פונ אַלע סאָכרימ—338 טויזנט רוב. (65 פּראָצ. פונ דער גאַנצער קרעדיט־סומע), דערבײַ האָט דער אומזאַצ פונ די ייִדישע סאָכרימ אויסגעמאַכט 95,9 פּראָצ. פונ דער גאַנצער אומזאַצ־סומע; דער דורכשניטלעכער קרעדיט פונ א ייִדישנ סויכער איז געווענ 4,8 טויזנט רוב. און פונ א ניטייִדישנ—6,1 רוב. [3]).

דאָסזעלביקע זעענ מיר אויכ אינ אַנדערע שטעט פונ קאַנט. דער אומזאַצ פונ דער האַנדל־אינדוסטריעלער בורזשואַזיע אינ ווילנע און אינ אויעזד האָט באַטראָפנ אינ 1886 יאָר 14 מיליאָנ רוב; קרעדיט האָט זי באַקומענ פונ דער ווילנער אָפּטיילונג פונ מעלוכע־באַנק—721 טויזנט רוב. [4]).

אפ אַזא אופנ האָט דאָ, אינ ווײַסרוסלאַנד, די מעלוכע־באַנק ניט נאָר גאָרנישט ניט געגעבנ, נאָר פאַרקערט, ארויסגעפּאָמפּעט פונדאַנענ מיטלענ פאַר דער „מעטראָפּאָליע“, פאַרשמעלערנדיק די באַזע פונ אקומוליאַציע אינ קאַנט.

אויב אינ רוסלאַנד איז ביכלאַל די אינערלעכע אקומוליאַציע געגאַנגענ לאַנגזאַמ, איז דאָ, אינ רעזולטאַט פונ דער אונטערדריקערישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פונ צאַ־

---

[1]) זע Общественное движение в России в начале XX в. Ст. I. т. Балабанова, стр. 60

[2]) זע Озеров. Экономическая Россия и ее финансовая политика на исходе XIX и в начале XX в., стр. 135-136

[3]) סובאָטינ, ציטירטער בוכ, 1 טייל, זײַט 124.

[4]) אויב דאָרטנ, זײַט 75.

ריזם—די אקומוליאציע געגאנגענ נאָכ לאנגזאמער. דאָ האָט דער אינדוסטריִעלער קאפיטאליזם זיכ געמוזט אנטוויקלענ באזונדערס לאנגזאם.

דאָס איז נאָכ אָבער ווייניק. די קאָלאָניִאלע פאָליטיק פונ צאריזם לעגאבע די נאציִאָנאלע ראנד־געביטנ ביכלאל אונ ווײַסרוסלאנד ביפראט האָט ניט נאָר געבראכט צומ אויסכאָמפּעווענ פונדאנענ רעסורסנ פאר דער מעטראָפּאָליע אונ צו פארלאנגזאמערנ די אינערלעכע אקומוליאציע, אינ פארגלײַכ מיט אפילע יענער לאנגזאמער אקומוליאציע, וואָס איז כאראקטעריסטיש ביכלאל פאר רוסלאנד, נאָר זי האָט געבראכט אויכ דערצו, אז א באדײַטנדיקער טייל פונ קאפיטאל, וואָס פלעגט שוינ בלײַבנ אינ קאנט, פלעגט אָפּגעצויגנ ווערנ פונ דער פּראָדוקציע אונ אוועקגיינ אינ האנדל אונ וואָכערײַ.

דער איבערפלוס פונ האנדל־עלעמענטנ אינ קאנט (אדאנק דעמ טכומ) אונ די אויבנ־געשילדערטע קרעדיט־פאָליטיק פונ צאריזמ האָבנ ארויסגערופנ א גרויסע טײַערקײַט פונ קאפיטאל אונ אפ דעמדאָזיקנ באָדנ האָט אופגעבליט די וואָכערײַ אינ פארשיידענע פאָרמעס. צומ סאָפּ 19 י. ה. זײַנענ געווענ אינ קאנט נאָר פריוואטע אקציִאָנערנ־בענק (ניט רעכנענדיק די פריוואטע באנק־קאנטאָרנ, וועלכע האָבנ ניט געהאט די פאָרמע פונ אקציִאָנערנ־געזעלשאפטנ)—3: ווילנער פריוואטער קאָמערציִעלער באנק, וועלכער האָט געהאט צוויי אָפּטיילונגענ אינ דווינסק אונ אינ ביאליסטאָק, מינסקער קאָמערציִעלער באנק אונ דער קאָמערציִעלער באנק אינ ביאליסטאָק. דער מינסקער קאָמערציִעלער באנק פלעגט נעמענ אינ די 80־ער יאָרנ פאר דיסקאָנטירנ 6 כאדאָשימדיקע וועקסלענ פונ 11־12 פראָצ. אונ פאר קורצ־טערמיניקע—נאָכ מערער. „זײַנ אומזאצ איז א גאנצ באדײַטנדיקער אונ די קליִענטנ זײַנענ אינ גרעסטנ טייל יידנ" (סובאָטינ, ציטירטער בוכ, 1 טייל, ז. 27). פונ 28 פּראָווינציִעלע אקציִאָנערנ־בענק פונ קאָמערציִאָנעלנ קרעדיטנ, וועלכע זײַנענ געווענ אינ רוסלאנד צומ אָנהייב 20 י. ה. איז דער ווילנער באנק געשטאנענ (1898) אפנ 8־טנ אָרט לויטנ מאסשטאב פונ דיסקאָנט אונ ליי־אָפּעראציעס (העכער 9 מיליאָנ רוב.), ווײַט איבערלאָזנדיק הינטער זיכ אזוינע בענק, ווי וואָרענעזשער קאָמערציִעלער באנק, יעקאטערינאָסלאווער קאָמערציִעלער, קאזאנער סאָכרישער, ניזשני־נאָווגאָראָדער סאָכרישער, פסקאָווער קאָמערציִעלער, וואַרשעווער דיסקאָנט־באנק אונ קיִעווער פריוואטער קאָמערציִעלער באנק [1]. אינ 1879 י. האָט דער דיווידענד פונ ווילנער באנק באטראָפנ 10 פראָצ., פונ מינסקער באנק—10,64 פראָצ. אינ דעמזעלביקנ יאָר האָט דער פסקאָווער קאָמערציִעלער באנק געגעבנ א דיווידענד פונ 8 פראָצ., דער קאָסטראָמער קאָמערציִעלער באנק—5 פראָצ. דער ריאזאנער האנדל־באנק — 7 פראָצ. דער קאזאנער סאָכרישער — 8 פראָצ., דער קסיבירער האנדל־באנק—8,9 פראָצ. אינ 1880 י. האָט דער מינסקער קאָמערציִעלער באנ געגעבנ א דיווידענד פונ 16 פראָצ. [2].

אָבער ניט נאָר די „מאָדערנע", אויכ די מיטלאלטערלעכע וואָכערײַ האָט געבליט אינ ביאליסטאָק... „זײַנענ דאָ אסאכ פריוואטע דיסקאָנטיאָרנ, וועלכע נעמענ 12־18־20 פראָצ. אָפּהענגיק פונ דער קרעדיטפייִקײַט פונ דעמ ליווע" (סובאָטינ, ציטירטער

---

[1] זע Ежегодик Министерства Финансов, вып. 1899 г.

[2] זע Ежегодник Минестерства Финансов, вып. XII и XIII.

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0017-0031 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

בוך, ט. 2, ז. 57). אינ מינסק... „ווײַזט מענ אָנ אפ עטלעכע פערזאָנענ מיט גרויסע קאפּיטאלנ, וועלכע פארנעמענ זיכ מיט דיסקאָנט, דערבײַ נעמענ זיי פאר בעסערע וועקסלענ 12‑15 פּראָצ. אונ פאר צווייט‑ראנגיקע וועקסלענ—18‑20 פּראָצ. אונ נאָכ מער. (אויכ דאָרטנ). אינ ווילנע נעמענ די פּריוואטע דיסקאָנטיאָרנ 12‑24 פּראָצ.

דאָס אלצ האָט אָבער באטײַט, אז גרויסע קאפּיטאלנ פלעגנ אָפּגעצויגנ ווערנ פונ דער פּראָדוקציע אונ פלעגנ אוועקגיינ אינ פּרימיטיווער, מיטלאלטערלעכער אונ מאָ‑דערנער באנק‑וואָכערײַ. קיינ וווּנדער ניט דעריבער, וואָס אינ דער צײַט, ווענ אינ גאנצ אייראָפּייִשנ רוסלאנד איז אינ 1900‑טנ יאָר פונ דער גאנצער סומע האנדל‑אונ אינ‑דוסטריע‑אומזאצ געפאלנ 62,2 פּראָצ. אפ האנדל (6 מיליארד רוב.,) אונ 37,7 פּראָצ. אפ דער אינדוסטריע,[1] (3,7 מיליארד רובל) האָט אינ ווײַסרוסלאנד דער אינדוסטריִעלער אומזאצ אויסגעמאכט אינ 1900‑טנ יאָר 25 פּראָצ. פונ דעמ גאנצנ האנדל‑אונ אינדוסטריע‑אומזאצ אינ קאנט: דער האנדל‑אומזאצ האָט באטראָפנ 270,3 מיליאָנ רוב. אונ דער אינדוסטריִעלער אומזאצ—90,9 מיליאָנ רוב.[2]

אפ אזא אויפנ זעענ מיר, אז דער האנדל‑ אונ דער וואָכער‑קאפּיטאל האָבנ דאָ געהערשט אינ א גרעסער מאָס, ווי דורכשניטלעכ אינ גאנצ רוסלאנד; אז דאָ איז אפ אזא אויפנ פּאָרגעקומענ אינ א געוויסער מאָס דאָסזעלביקע, וואָס אינ דעמ דעמלטיקנ דאָרפ פונ די צענטראלע גובערניעס. אזוי ווי דאָרט האָבנ די רעשטנ פונ לײַבאייגנטומ, וועלכע האָבנ אלײנ געהאט זייערע וואָרצלענ אינ די סאָציאל‑עקאָנאָמישע באדינגונגענ פונ דעמלטיקנ רוסלאנד, שארפ טאָרמאָזירט פונ זייער זײַט דעמ עקאָנאָמישנ פּראָגרעס פונ רוסישנ דאָרפ, אזוי האָבנ דאָ די איבערבלײַבענישנ פונ מיטל‑אלטער (דער טכומ), א פּראָדוקט פונ די סאָציאל‑עקאָנאָמישע באדינגונגענ פונ דעמלטיקנ רוסלאנד אונ א רעזולטאט פונ דער אונטערדריקערישער נאציאָנאלער פּאָליטיק פונ צאריזמ, פונ זייער זײַט אויכ געווירקט נעגאטיוו אפ דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג פונ שטאָט אינ ווײַסרוסלאנד (אונ אינ גאנצנ טכומ), ווײַל „די זעלבשטענ‑דיקע אנטוויקלונג פונ סאָכרישנ קאפּיטאל איז פארקערט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער אל‑געמיינער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג פונ דער געזעלשאפט" (מארקס).

עס איז, אלזאָ, גאנצ קלאָר, אז אינ ווײַסרוסלאנד איז די אנטוויקלונג פונ אינ‑דוסטריִעלנ קאפּיטאליזמ, צוליב די אלע אָנגעוויזענע סיבעס, ניט נאָר באגינסטיקט געוואָרנ דורכנ צאריזמ, נאָר פארקערט—שטארק טאָרמאָזירט געוואָרנ.

אויב מע זאָל ענדלעכ נאָכ נעמענ אינ באטראכט דאָס, וואָס די אינדוסטריִע‑צווײַגנ, וועלכע זײַנענ דאָ אנטשטאנענ, האָבנ פּראָדוצירט קימאט אויסשליס‑לעכ ארטיקלענ פונ מאסנ‑געברויכ (גארבערײַ, קאָנפעקציע, אונ אנד.), וואָס פאר זייער אָפּזאצ איז אינ די באדינגונגענ פונ צארישנ רוסלאנד קיינמאָל ניט געווענ גענוג ברייטע מערק, וועלכע זאָלנ קענענ סטימולירנ דעמ איבערגאנג צו העכערע פאָרמעס פונ פּראָדוקציע, צומ אונטערשייד פונ יענע פּראָדוקציע‑צווײַגנ, וואָס האָבנ געארבעט פאר קאזנא אונ האָבנ אינ איר פערזאָנ געהאט א מאָנאָפּאָליזירטנ מארק,— אויב, זאָגנ מיר, מע זאָל דיסקאָנטירנ די אלע מאָמענטנ, וועט זײַנ קלאָר, אז דאָ

[1] פינ‑יענאָטײַעווסקי. „דער קאפּיטאליזמ אינ רוסלאנד", ז. 165.

[2] דאָוונאר‑זאפּאָלסקי. „די פאָלקווירטשאפט אינ ווײַסרוסלאנד", ז. 224.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0017-0032 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

האָט די פארוואנדלונג פון האנטווערקערײַ אין מאנופאקטור זייער שווער געקענט גיין מיט דעם ערשטן פון די וועגן, וועלכע מארקס ווײַזט אָן.

דאָ אין ווײַסרוסלאנד, האָט די אינדוסטריע זיך אנטוויקלט אין די לעצטע צוויי פאָרמען, דעריקער אין דער צווייטער פאָרמע, אָבער אויך אין דער דריטער.

לויט יע. לוריע האָט דער גרעסטער טייל באזיצער פון די מאגאזינען פון פארטיקע קליידער אין וויטעבסק זיך אליין פארנומען ביז דער עפענונג פון זייערע אונטערנעמונגען מיט דער אויסארבעטונג פון קליידער פארן באשטעלער[1]). ס. מארגאָלין רעכנט אויך, אז אין ווילנע זײַנען די ערשטע, וואָס האָבן געגרינדעט די קאפיטאליסטישע פראָדוקציע פון פארטיקע קליידער, געווען שנײַדער. ער ווײַזט אָן אף דעם, אז די שטאמפאָטערס פון די גרעסטע און סאמע סאָלידע פון די איצט עקזיסטירנדיקע (1911) קאָנפעקציאָן־פירמעס אין ווילנע זײַנען געווען שנײַדער. אײַנגיכן האָבן זיך אָבער די קאָמערציעלע אָפעראציעס אָפגעטיילט פון די פראָדוציר־אָפעראציעס, און די געוועזענע שנײַדער זײַנען געוואָרן סאָחרים[2]).

אף אזא אופן זײַנען אויך אנטשטאנען די מעטאל־באארבעטונג־מאנופאקטורן (מיר אונטערשטרײַכן—מאנופאקטורן, אָבער ניט זאוואָדן; די לעצטע זײַנען אנטשטאנען דאָ אף א גאנץ אנדער אופן—וועגן דעם ווײַטער) אין קאנט. קימאט אלע זײַנען אנטשטאנען דורך דעם פארוואנדלען בעהאדראָגעדיק די מאסשטאבן פון א שלאָסער־ווארשטאט ביז צו דער שטופע פון איינפאכער קאָאָפעראציע און מאנופאקטור.

דער טעכניקער יי. כאָראָש, וואָס איז ארומגעפאָרן אין 1901 יאָר אין דעם אינדוסטריעלן ריאָן פון טכום, באשרײַבט אפן פאָלגנדיקן אופן די אנטשטייונג פון די יידישע מעטאל־באארבעטנדיקע מאנופאקטורן פון לעווינטאָוו, בערלין און אנדערע אין וויטעבסק: „א יידישער שלאָסער ק., דורכפאָרנדיק ריגע, האָט באמערקט אן אקער־אײַזן פון דעם אָרטיקן גרויסן זאוואָד פון לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס. ער האָט זיך פארינטערעסירט מיט דעם, געקויפט אים, געבראכט אין וויטעבסק, פאנאנדערגענומען אף איינצלנע טיילן און אָנגעהויבן פראָדוצירן ענלעכע אקער־אײַזנס, דער נאָכפרעג פון די פויערים אין וויטעבסקער גובערניע אף דידאָזיקע אקער־אײַזנס איז געוואקסן אזוי שנעל, אז ק. האָט מיט זײַנע אייגענע מיטלען ניט געקענט פארברייטערן די פראָדוקציע אף אזויפיל, קעדיי־צו קענען באפרידיקן דעמדאָזיקן נאָכפרעג. דעמלט האָט ער געמאכט שותפעס מיט איינעם אן אָרטיקן קליינעם קאפּטאליסט, פארברייטערט זײַן פראָדוקציע און אָנגעהויבן מאסנווײַז צו פראָדוצירן אקער־אײַזנס פארן מארק. דער קליינער ווארשטאט, וואָס האָט געהאט עטלעכע צענדליק ארבעטער, האָט זיך זייער גיך אנטוויקלט; דער אָפּזאץ־געביט האָט זיך בעהאדראָגעדיק פארברייטערט... דידאָזיקע אקער־אײַזנס ווערן איצט פראָדוצירט אף פינף אונטערנעמונגען (אין וויטעבסק), וואָס איינעקע פון זיי האלטן ביז 80 ארבעטער. אזוי האָבן, לעמאָשל, די ווארשטאטן פון לעווענטאָוו און ראפּאָפּאָרט צו 80 ארבעטער, די ווארשטאטן פון בערלין—40; פון זאקהיים—20; פון קרוביטש—5 א. א. וו... די צאָל ארבעטער אף אלע אונטערנעמונגען צוזאמען דערגרייכט 350—400 מאן. אלע

1) זע דעם ציטירטן ארטיקל פון יע. לוריע אין „Новый Восход“.

2) זע דעם ציטירטן בוך פון מארגאָלין, „Портняжное производство“.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

זײַנען זיי ייִדן. בלויז צווישן די האמער־שמידן טרעפֿן זיך ניט־ייִדן. אויך קיין מאָטאָרן זײַנען אין די ווארשטאטן ניטאָ, אלע ארבעטן ווערן אויסגעפֿירט מיטן האנט אף האנט־ווארשטאטן און מיט אנדערע פרימיטיווע געצײַג, לעמאָשל, פרעסן צום בויגן, א קיך־מעסער... דאָ איז שטרענג דורכגעפֿירט די סיסטעם פון ארבעט־צעטיילונג, וועלכע איז נייטיק, אומפארמײַדלעך, בא א מאסן־פּראָדוקציע פון ארטיקלען, און אָט אלס אזא עקזיסטירט דאָ די אויסארבעטונג פון אקער־אײַזנס" [1].

אף אזא אופֿן איז אויך אנטשטאנען די אקער־אײַזן־פּראָדוקציע אין זשלאָבין, נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס דאָ איז זי ניט דערוואקסן ביז צו דער שטופע פון מאנופאקטור, וועלכע מיר זעען אין וויטעבסק, וווּ זי איז געבליבן אין דער פאָרמע פון איינפאכער קאָאָפּעראציע.

אומגעפער אזא בילד זעען מיר אויך אינעם צענטער פון דער פּראָדוקציע פון זיפּ־מאשינעס, דרעש־מאשינעס, שטרוי־שנײַד־מאשינעס און אנד.—אין ראקאָוו.

„די ארבעט אין די ווארשטאטן ווערט געפֿירט אף אן האנטווערקערישן אופֿן, קיין מאָטאָרן זײַנען ניטאָ, אלץ ווערט געמאכט מיטן האנט. די הילצערנע טיילן פון די מאשינעס און אויך די שלאָסערײַ־אויסארבעטונגען ווערן געמאכט אין די ווארשטאטן. די טשוהון־טיילן פאר די מאשינעס ווערן באשטעלט אף די זאוואָדן אין מינסק, און די שמיד־טיילן, מוטערקעס, טשוועקעס, שרויפֿן א. א. וו. ווערן אויסגעארבעט אין צוויי ספּעציִעלע שמידערײַען אין ראקאָוו. אין די ווארשטאטן גופֿע איז גאָר ניט צו באמערקן קיין ארבעט־צעטיילונג. די ארבעטער באהויפּטן, אז זיי קענען אלץ מאכן. יעדער ראקאָווער פירמע האָט איר וואָיאזשאָר, וואָס פארשפּרייט אירע אויסארבעטונגען און באקומט באשטעלונגען. די מעכאניקער פון די ראקאָווער ווארשטאטן פאָרן אָפּט ארויס אין דער אומגעגנט אף אוועקצושטעלן און צוזאמענשטעלן דרעש־מאשינעס" (אויך דאָרטן).

אין דער בערשטער־אינדוסטריע זעען מיר אָט די אנטשטייונג־פאָרמע פון דער מאנופאקטור, וואָס כאראקטעריזירט זיך מיטן אינסטיטוט פון פארמיטלער. צום אָנהייב פון די 90־ער יאָרן געפֿינען מיר די בערשטער־אינדוסטריע אין א צושטאנד פון הויז־אינדוסטריע, אין וועלכע די אונטערנעמער עקספּלואטירן די ארבעטער מיט דער הילף פון א גאנצער ריי פארמיטלער. „די פארמיטלער אין דער בערשטער־אינדוסטריע—לייענען מיר אין דעם באריכט פון בערשטער־בונד צו דער צווייטער אלרוסלענדישער קאָנפערענץ פון די פּראָפֿפאריינען—האָבן פארנומען א מיטן־שטעלונג צווישן די ארבעטער און דעם באלעבאָס. זיי האָבן געארבעט אין די ווארשטאטן צוזאמען מיט די ארבעטער, כאָטש זיי פלעגן געוויינטלעך אליין דינגען די ארבעטער און צונויפריידן זיך מיט זיי וועגן ארבעט־לוין. די פארמיטלער זײַנען ארויסגעטראָטן לעגאבע די ארבעטער אין דער ראָל פון באלעבאטים, פלעגן זיי צאָלן וויניקער, ווי דאָס, וואָס זיי פלעגן באקומען פון באלעבאָס... דער ארבעטער פלעגט אף אזא אופֿן האָבן צו טאָן ניט מיטן באלעבאָס גופֿע, נאָר מיטן פארמיטלער".

ערשט צום סאָף פון די 90־ער יאָרן, ווי עס איז צו זען פון דעם דערמאָנטן באריכט, נאָכדעם, ווי די בערשטער האָבן דורכגעפֿירט אן אקשאָנעסדיקן דערפאָלגרײַכן קאמף

[1] זע И. Хорош. „По промышленной черте оседлости", „Восход" за 190 год, кн. 11

קעגנ די שווערע ארבעט־באַדינגונגענ, קעגנ דעמ מינימאַלנ ארבעטלוינ אונ מאקסימאַלנ ארבעט־טאָג — אָט דעמ איינצלנעמ באזיס, אפ וועלכנ עס עקזיסטירט די הויז־אינדוסטריע, ווערט שטארק פארקירצט דער אינסטיטוט פונ פארמיטלער אונ צוזאמענ מיט אימ די גאנצע סיסטעמ פונ דער הויז־אינדוסטריע. די אונטערנעמער הייבנ אָנ אריבערגיינ צו דער אייגנטלעכער מאנופאקטור, סטארענדיק זיכ מיט דער ארבעט־צעטיילונג אונ מיט דעמ קאָמבינירטנ ארבעט־טאָג געווינענ דאָס, וואָס זיי האָבנ פארלאָרנ, זײַענדיק געצווונגענ אונטערנ דרוק פונ די ארבעטער צו ליקווידירנ די סיסטעמ פונ הויז־אינדוסטריע אונ צו גיינ אפ האנאָכעס אינ די פראגנ פונ ארבעט־לוינ אונ ארבעט־טאָג.

פונ מאנופאקטור־פעריאָד גייט די בערשטער־אינדוסטריע ניט ארויס ביז צו דער סאמע וועלט־מילכאָמע אונ אפילע נאָכ שפעטער. דאָ האָבנ ניט געווירקט מיט קיינ געוואַלדיקער קראפט יענע פאקטאָרנ, וואָס האָבנ היסטאָריש גוירעמ געווענ דעמ איבערגאנג פונ מאנופאקטור צו דער גרויס־אינדוסטריע: ניט דער וווּקס פונ מארק, ניט דער וווּקס פונ קאָנקורענצ אפנ מארק האָבנ מיטגעהאָלפנ דעמדאָזיקנ איבערגאנג. די זאכ איז די, וואָס דער נאָכפרעג אפ כאזער־האָר אפנ וועלט־מארק (די כאזער־האָר־אינדוסטריע האָט געארבעט פארנ אויסלענדישנ מארק. ביז 90 פראָצ. פונ דער פראָדוקציע פלעגט גיינ פאר עקספאָרט. לייפציג איז געווענ דער צענטער, וווּהינ עס פלעגט ארײַנפליסנ די בערשטער־פראָדוקציע פונ דער גאנצער־וועלט) איז געוואקסנ פארהעלטענישמעסיק לאנגזאמ. דאָס איז צו זענ פונ דעמ, וואָס דער יערלעכער עקספאָרט פונ כאזער־האָר איז פונ די 70־ער יאָרנ ביז די 90־ער יאָרנ אויסגעוואקסנ פונ 115 ביז 138 טויזנט פוד, ד. ה. אינגאנצנ אפ 20 פראָצ. אפילע אינ די 90־ער יאָרנ—93־97 יאָר—איז דער עקספאָרט פונ כאזער־האָר אויסגעוואקסנ פונ 118 ביז 157 טויזנט פוד—אפ 33 פראָצ. דורכשניטלעכ איז פארנ יאָרצענדליק 1892־1901 ארויסגעפירט געוואָרנ יעדנ יאָר צו 138 טויזנט פוד, ד. ה. ווייניקער אפילע ווי אינ די 80־ער יאָרנ (145.000 פוד) [1].

דער וווּקס פונ קאָנקורענצ אפנ וועלט־מארק איז אויכ ניט פאָרגעקומענ אינ אזא מאָס, אז עס זאָל ארויסרופנ א טעכנישע איבערקערעניש אינ דער בערשטער־פראָדוקציע. ביז סאמע דער וועלט־מילכאָמע איז רוסלאנד געווענ דער הויפט־ליוועראנט פונ כאזער־האָר אפנ וועלט־מארק. אזוי, לעמאָשל, האָט רוסלאנד אינ סאָפ פונ די 90־ער יאָרנ ארויסגעפירט יערלעכ ביז 160.000 פוד, אונ כינע (די צווייטע לאנד לויט עקספאָרט פונ כאזער־האָר)—ביז 21.000 פ. אלע איבעריקע לענדער (אינדיע, אונגארנ, באלקאנישער האלב־אינדזל—ביז 12.000) [2].

אָבער אכוצ דעמ, איז די כאזער־האָר, וואָס רוסלאנד פלעגט ארויספירנ, געווענ קימאט אויסער קאָנקורענצ. די זאכ איז אינ דעמ, וואָס מיט דער פארבעסערטער דערנערונג פונ די כאזיירימ פארערגערט זיכ די קוואליטעט פונ דעמ כאזער־האָר, אונ אָפטמאָל פארשווינדט אינגאנצנ דערדאָזיקער האָר. דערפאר ליפערנ די בעסטע

---

[1] זע, Энциклопед. Словар Брокгауза и Ефрона, т. 50-ый. Ст. Щетина

[2] זע, Менделеев. Толковый тариф или исследование о промышленности России в связи с ее общим таможенным тарифом, стр. 290

כאזער־האָר אזוינע לענדער, וואָס ווייַזנ ניט ארויס צו די כאזיירימ קיינ באלעבא-טישע אופמערקזאמקייַט. אָבער אזויווי דאָס צארישע רוסלאנד האָט זיכ אויסגעצייכנט מיט אנ אָפּגעשטאנענקייַט פונ דער ווירטשאפט ביכלאל אונ פונ דער לאנדווירט-שאפט ביפראט, איז איר כאזער־האָר געווענ פונ הויכער קוואליטעט אונ האָט ניט מוירע געהאט פאר קאָנקורענצ אפנ וועלט־מארק.

וואָס עס איז שייַעכ כינע, איז דאָרטנ, פארשטייט זיכ, די פאָלק־ווירטשאפט ניט געווענ אינ א בעסערנ צושטאנד ווי אינ רוסלאנד אונ די דערנערונג אונ אופפא-כונג פונ כאזער איז דאָרטנ ניט געשטאנענ העכער. דאָכ האָט דער כינעזישער כא-זער־האָר אפילע אינ 20־טנ י. ה., ווענ דער עקספּאָרט פונ כאזער־האָר פונ כינע האָט זיכ שטארק פארגרעסערט, ניט געקענט ארויסשטויסנ דעמ רוסישנ כאזער־האָר פונ וועלט-מארק. דאָס דערקלערט זיכ דערמיט, וואָס דער כינעזישער כאזער־האָר איז א שוואר-צער אונ צוליב דעמ שטייט זייַנ קוואליטעט אסאכ נידעריקער פונעמ רוסישנ ווייַסנ כאזער־האָר. מיט איינ וואָרט, דער רוסישער כאזער־האָר האָט זייער ווייניק געליטנ פונ דער קאָנקורענצ אפנ וועלט־מארק. אָבער אינ דער קאפיטאליסטישער וועלט איז די קאָנקורענצ צווישנ די קאפיטאליסטנ די איינציקע טרייַב־קראפט פונ טעכנישנ פראָ-גרעס. דערמיט דערקלערט זיכ, וואָס די בערשטער־אינדוסטריע איז ביז צו דער סא-מע וועלט־מילכאָמע געבליבנ טעכניש זייער אָפּגעשטאנענ. א צוויי־רובלדיקער קאמ איז געווענ קימאט דער איינציקער ארבעט־מיטל אינ דער בערשטער־אינדוסטריע. קיינ איינ מאָטאָר, קיינ איינ ארבעט־מאשינ געפינענ מיר ניט אינ דער בערשטער־אינדו-סטריע ביז צו דער סאמע וועלט־מילכאָמע.

אנ ענלעכ בילד זעענ מיר אינ דער לעדער־אינדוסטריע. אויכ זי האָט זיכ אנטוויקלט דעריקער לויט דער צווייטער פאָרמע. ביז די 80־ער יאָרנ האָט עקזי-סטירט אויסשליסלעכ די אזויגערופענע נאסע אויסארבעטונג. אינ מאָלעוו, לעמאָשל, האָט די גאנצע פראָדוקציע ביז דעמלט זיכ געפונענ אינ די הענט פונ דער ניט-ייִדישער באפעלקערונג אונ געטראָגנ דעריקער א פאמיליע־כאראקטער בא דער סאמע באגרענעצטער אָנווענדונג פונ געדונגענער ארבעט־קראפט. די ייִדישע סאָכ-רימ פלעגנ זיכ פארנעמענ מיטנ אופקויפנ די אויסגעארבעטע פעלנ. עס פלעגט אויכ פאָרקומענ, אז די ייִדישע סאָכרימ פלעגנ אָפּגעבנ די רויע פעלנ אפ אויס-ארבעטנ די ניט־ייִדישע גארבער. אינ די 80־ער יאָרנ אנטשטייט די אזויגערו-פענע טרוקענע אויסארבעטונג, „וועלכע איז אויסגערעכנט אפ א ברייטערנ מארק אונ וועלכע פאָדערט קוואליפיקאציע אונ גענויקייַט פונ ארבעטער. אינ דערדאָזיקער פראָדוקציע הייבנ אויכ אָנ ארייַנגעצויגנ צו ווערנ ייִדישע ארבעטער, וואָס אסאכ פונ זיי האָבנ נאָכדעמ, ווי זיי האָבנ זיכ אויסגעלערנט דידאָזיקע מעלאָכע, געעפנט קו-סטארישע ווארשטאטנ. די פראָדוקציע פארברייטערט זיכ אלצ מערער אונ זי גייט ארויס פונ די ראמענ פונ אָרטיקנ מארק. מאָלעוו איז געוואָרנ א פונקט, פונוואנענ עס ווערנ ארויסגעפירט לעדער־ארטיקלענ, וואָס גייענ זיכ פאנאנדער אפנ דאָרעמ, אינ פוילנ אונ אפילע אינ די צענטראלע גובערניעס.[1]

[1] זע Журнал „Свобода и равенство", 1907 г. № 40, ст. С. О. Марголина „Положение кожев. промышл. в Могилеве". זע וועגנ דעמ אויכ Дембовецкий „Опыт описания Могилевской губ." ч. II.

ס'איז נאטירלעכ, וואָס די קוסטארעס פאלנ גיכ ארונטער בא אזוינע אָפּזאצ־באדינגונגענ אונטער דער מאכט פונ האנדל־קאפּיטאל. „אסאכ פונ די פריִערדיקע לעדער־סאָכרים האָבנ באשלאָסנ צו עפענענ זייערע אייגענע אונטערנעמונגענ אונ איבערגעגעבנ די אָנפירונג פונ דער פּראָדוקציע די מער גענייטע ארבעטער, די אזוי גערופענע מייַסטערס". וואָסזעלביקע קומט פאָר אינ אָנהייב 80־ער יאָרנ אויכ אינ סמאָרגאָנ, וואָס איז פונ דעמלט אָנ געוואָרנ דער סאמע גרעסטער גארבער־צענטער אינ קאנט.

דאָ ווערט אויכ אינ דערזעלביקער צייַט אייַנגעפירט די „טרוקענע אויסארבעטונג" (אינ אָנהייב 80־ער יאָרנ). עס ווערנ ארייַנגעצויגנ אינ דער פּראָדוקציע ייִדישע האָרעפּאשניקעס. אסאכ פונ זיי, נאָכדעמ ווי זיי האָבנ זיכ אויסגעלערנט די מעלאָכע, זייַנענ געוואָרנ קוסטארעס, קעדיי אינ א קורצער צייַט ארומ ארונטערצופאלנ אונטער דער מאכט פונ האנדל־קאפּיטאל [1].

אָבער דאָס הייסט ניט, אז שוינ דעמלט זייַנענ אינ דעמדאָזיקנ אינדוסטריע־צווייַג אנטשטאנענ דורכויס צענטראליזירטע מאנופאקטורנ. אפילע צומ סאָפ 90־טע יאָרנ איז נאָכ דאָ אינ א באדייַטנדיקער מאָס געבליבנ די הויז־אינדוסטריע. דער פאבריקאנט אָרודעוועט דורכ דעמ פארמיטלער.

„דער פאבריקאנט,— שרייַבט כאָראָש,— גיט אָפּ דעמ עלטסטנ גארבער — דעמ מייַסטער, ווי מע רופט אימ, אונ עטלעכע געהילפנ (צוזאמענ שטעלנ זיי פאָר א קאָמפּאניע) א באשטימטע צאָל פעלנ אָפּ אויסצוארבעטנ צו א באשטימטנ טערמינ. זיי דארפנ אָפּגעבנ די ארבעט צומ טערמינ, אומאָפּהענגיק דערפונ, ווענ אונ וויפל זיי ארבעטנ. דערבייַ איז אינ סמאָרגאָנ, לעמאָשל, די לאגע אזא, אז אלע, סייַ דער מייַסטער, סייַ די געהילפנ, באקומענ וואָכנ־לוינ. אינ אנדערע שטעט, ווי אינ מינסק, דווינסק, גיט אוועק דער פאבריקאנט די ארבעט פונ שטיק דעמ מייַסטער אונ ער פונ זייַנ זייַט שטעלט שוינ געהילפנ, וואָס ער צאָלט זיי אליינ. אָפּ אזא אויפנ טרעט דאָ דער מייַסטער ארויס (אינ געגעבנעמ פאל) ווי א פארמיטלער צווישנ דעמ פאבריקאנט אונ די געהילפנ"...

ווי איז געווענ די טעכנישע אויסשטאטונג פונ די גרעסערע לעדער־זאוואָדנ אונ ווי איז געגאנגענ אינ דעמ פראט די עוואָליוציע אינ משעכ פונ די צוויי יאָרצענדליקנ ביז דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר?

א פאָרשטעלונג וועגנ דעמ טעכנישנ ניוואָ פונ די לעדער־זאוואָדנ אינ די 80־ער יאָרנ קענ געבנ א באשרייַבונג פונ מאָלעווער לעדער־זאוואָד, וואָס האָט געהערט צומ באזיצער באק. דעמדאָזיקנ זאוואָד קענ מענ רעכענענ פאר איינעמ פונ די גרעסטע לעדער־זאוואָדנ אינ ווייַסרוסלאנד אינ יענע יאָרנ. זייַנ יערלעכער אומזאצ אינ די 80־ער יאָרנ האָט דערגרייכט 50.000 רובל. אָט ווי עס ווערט באשריבנ דער פּראָדוציר־פּראָצעס אָפּ דעמדאָזיקנ זאוואָד:

... „אינ טעכנישער הינזיכט צייכנט זיכ אויס די פּראָדוקציע מיט אייַנפאכקייַט אונ מיט אנ אלט־פרענקישנ פּראָדוציר־מעטאָד. אָפּ מייַרעווו גארבט מענ די פעלנ אינ גריבער מיט א גארבנ־זאפט... די גאנצע ארבעט ווערט דורכגעפירט אזוי שנעל,

[1] חילענטשיק. „סמארגאָנ אינ די 80־ער יאָרנ. זיכרוינעס" (מאנוסקריפּט).

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0020-0037 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

אז נאָר די סאמע גרויסע בול־פעלנ פאָדערנ פאר זייער אויסארבעטונג 3 מאָנאטנ, די אנדערע — ניט מערער ווי עטלעכע טעג. בא אונדז אָבער דויערט דער פּראָצעס פונ גארבנ זייער לאנג... די אויסארבעטונג פונ שווערע פאָדעשווע־פעלנ דויערט ביז 2 יאָר".

לויט זײַנ אויסערלעכנ אויסזענ האָט דער זאוואָד פאָרגעשטעלט מיט זיכ ניט קײנ גרויסנ הילצערנעמ אײנגאָרנדיקנ הויז, פונ צוויי צימערנ. דאָרטנ זײַנענ געשטאַנענ הילצערנע גארב־אש־צאָפּעט, וואָס האָבנ אריַינגענומענ אינ זיכ צו 150 רויע פעלנ. לויט דער דערקלערונג פונ זאוואָדטשיק אלײנ, איז די פּראָדוקציע אפ זײַנ זאוואָד געבליבנ טעכניש אָנ ענדערונג זינט דער גרינדונג אָנ. אינ 1888 יאָר האָט זיכ אפ אלע לעדער־זאוואָדנ פונ גראָדנער, קאָוונער, מינסקער אונ מאָלעווער גובערניעס ניט געפונענ קײנ אײנ מאָטאָר. נאָר אפ די לעדער־זאוואָדנ פונ ווילנער גוב. געפינענ מיר צוויי דאמפּ־מאשינעס פונ 27 פערד־קראפט אונ אפ א לעדער־זאוואָד פונ וויטעבסקער קרײַז — אײנ דאמפּ־מאשינ מיט 18 פערד־קראפט. [1]

אינגאנצנ זײַנענ לויט די אָפיציעלע ידיעות געווענ ארבעטער אינ דער לעדער־אינדוסטריע פונ ווײַסרוסלאנד אינ 1888 יאָר — 1103, אזוי, אז אײנ דאמפּמאַשינ איז אויסגעקומענ אפ 551 ארבעטער, אָדער, אויב מע זאָל עס אריבערפירנ אפ קראפט — אײנ קראפט אפ 24 ארבעטער. אינ 1892 יאָר. ד. ה. אינ פיר יאָר ארום איז אינ דער גאנצער גארבער־אינדוסטריע פונ קאָוונער, גראָדנער, מינסקער אונ מאָלעווער גובערניעס נאָכ אלץ ניט געווענ קײנ אײנ מאָטאָר. אינ דער גארבער־אינדוסטריע פונ ווילנער קאנט האָט זיכ די צאָל דאמפּ־מאשינעס פארגרעסערט אפ 1. אינ דער גארבער־אינדוסטריע פונ וויטעבסקער גוב. איז די צאָל געבליבנ אָנ ענדערונג. אינ דערזעלביקער צײַט האָט זיכ די צאָל ארבעטער אינ דער גארבער־אינדוסטריע אויכ פארגרעסערט פונ 1103 ביז 1217. אפ אזא אויפנ איז אינ 1892 יאָר אויסגעקומענ אײנ דאמפּ־מאשינ אפ 405 ארבעטער.

ווי איז אינ דעמ פראט געווענ די לאגע נאָכ דעמ אינדוסטריעלנ אופבלי פונ די 90־ער יאָרנ?

ענדערונגענ זײַנענ געווענ, אָבער זייער אומבאדײַטנדיקע. אָט איז די באשרײַבונג פונ ארבעט־פּראָצעס אינ אײנעמ פונ די גרעסטע צענטערנ פונ דער גארבער־אינדוסטריע אינ קאנט (1901).

„אינ דער נאסער אָפּטיילונג ווערנ די פעלנ באארבעט אינ ווייק־צאָפּעס, אש־צאָפּעס אונ גארב־צאָפּעס... דאָס גארבנ קומט פאָר אפ די קרינקער זאוואָדנ אינ צאָפּעס, וואָס זײַנענ אויסגעגראָבנ אינ דער ערד אונ זײַנענ אָנגעפילט מיט גארב־מאטעריאל. אינ דידאָזיקע צאָפּעס ליגנ די פעלנ פונ 7 ביז 8 וואָכנ" (זע, כאָראָשס ארטיקל, „וואָסכאָד", 1901, בוכ 8).

אלזאָ, דערפונ איז צו זענ, אז דער אידעאל פונ קאָרעספּאָנדענט, וואָס האָט באשריבנ דעמ ארבעט־פּראָצעס פונ גארבערײַ אפנ גרויסנ מאָלעווער זאוואָד אינ אָנהייב פונ די 80־יאָרנ, אונ וואָס האָט געטרוימט וועגנ דעמ, אז די גרעסטע בול־

[1] צוזאמענגעצײלט לויט „Свод данных о фабрично-заводской промышленности" פאר די אנטשפּרעכנדיקע יאָרנ.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0020-0038 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

פעל זאָל פאָדערנ פאר איר אויסארבעטונגענ נאָר דרייַ כאראָשים אונ ניט „אָפּטמאָל ביז צוויי יאָר"—אז דערדאָזיקער אידעאל איז אינ 20-יאָר ארומ, אינ גרונט-גענומענ, דערגרייכט געוואָרנ אינ די גרעסטע גארבערייַענ אינ קרינעק, אָבער די האנטווער-קערישע טעכניק פונ דער ארבעט איז אינ דער פולער מאָס געבליבנ אויכ איצט. „אלע זאוואָדנ אינ קרינעק ארבעטנ אָנ דאמפּ-מאָטאָרנ... אייניקע פונ זיי רופנ זיכ אָנ „דאמפּ-זאוואָדנ" נאָר אדאנק דעמ, וואָס זיי זייַנענ באזאָרגט מיט דאמפּ-קעסלענ וועלכע דערלאנגענ דאמפּ אפ אָנצוווארעמענ די פליסיקייַטנ אינ די צאָפּעס" (אויכ דאָרטנ). אלע „פּראָצעסנ ווערנ דורכגעפירט אפ די קרינקער זאוואָדנ מיטנ האנט, פאָדערנדיק פונ די ארבעטער א שטארקע אָנשטרענגונג פונ מוסקל-קראפט... די ארבעט איז זייער א שווערע... אפ 7 זאוואָדנ זייַנענ פאראנ פערד-באוועגער, וואָס באוועגנ די „סטופעס", וועלכע מאָלנ די קאָרע. די איבעריקע ארבעט אפ די זאוואָדנ סייַ אפ די גרויסע, סייַ אפ די קליינע ווערט דורכגעפירט מיט דער האנט, מיט דער הילפ פונ פארשיידענע האנט-אינסטרומענטנ. קיינ מעכאנישע אפאראטנ, אויסער די דערמאָנטע סטופעס, זייַנענ ניטאָ". (אויכ דאָרטנ).

אפ אזא אויפנ זעענ מיר, אז אויב צומ אָנהייב פונ די 90-קער יאָרנ האָט אינ דעמדאָזיקנ אינדוסטריעלנ צווייַג דאָמינירט די סיסטעמ פונ הויז-אינדוסטריע, האָט זיכ צומ אָנהייב פונ די 900-ער יאָרנ פארגרעסערט די צאָל פונ די אייגנטלעכע מאנו-פאקטורנ. דאָ איז אויכ, ווי אינ דער בערשטער-אינדוסטריע, די דערפאָלגרייַכע אָרגא-ניזירטע שטרייַק-באוועגונג פונ די ארבעטער אינ דער צווייטער העלפט פונ 90-קער יאָרנ, וואָס איז געווענ געווענדעט, צווישנ אנדערנ, קעגנ דעמ אינסטיטוט פונ פאר-מיטלער, געווענ, קענ מענ זאָגנ, די איינציקע סיבע פונ דעמדאָזיקנ איבערגאנג. דער איבערגאנג איז אינ א געוויסער מאָס געווענ לייַכטער דערמיט, וואָס אינ דעמ געגע-בענעמ פאל, פונקט ווי אינ דער בערשטער-אינדוסטריע, האָבנ מיר געהאט צו טאָנ ניט מיט א העטעראָגענער, נאָר מיט אנ אָרגאנישער מאנופאקטור, אינ וועלכער די ארבעטער פירנ דורכ די אָפּעראציעס לויט א געוויסנ סיידער. אלזאָ, אויכ אינ דעמ-דאָזיקנ אינדוסטריע-צווייַג האָט ניט די לאנגזאמע פארגרעסערונג פונ מארק (אינ די באדינגונגענ פונ צארישנ רוסלאנד), ניט די גענוג שטארקע קאָנקורענצ אפנ מארק (א גאנצ נידעריקער טעכנישער ניוואָ אינ דעמדאָזיקנ אינדוסטריע-צווייַג אינ איבעריקנ רוסלאנד) [1] געקענט סטימולירנ צו א שנעלער, טעכנישנ פּראָגרעס.

דעמדאָזיקנ קורצנ איבערזיכט וועלנ מיר פארענדיקנ מיט א כאראקטעריסטיק פונ צושטאנד פונ דער טאבאק-אונ שוועבעלעכ-אינדוסטריע.

אינ דער שוינ עטלעכע מאָל ציטירטער ארבעט פונ דעמבאָוועצקי געפינענ מיר א באשרייַבונג פונ מאָלעווער טאבאק-פאבריק פונ דער קאָמפּ. סימקינ. ביילינ אונ ליפשיצ. דער אומזאצ פונ דערדאָזיקער פאבריק האָט דערגרייכט אינ די 80-ער יאָרנ א סומע פונ 200 טויזנט רוב., אזוי, אז מע קענ זי מיט רעכט האלטנ פאר איינער פונ די גרעסטע טאבאק-פאבריקנ אינ קאנט אינ יענע יאָרנ. איז אָט וואָס מיר דערוויסנ זיכ

[1] לענינ האָט צוזאמענגעציילט פאר דעמ 1890 יאָר צווישנ אלע לעדער-זאוואָדנ אינ צאָל פונ 1621 מיט 15564 ארבעטער אונ מיט א פּראָדוקציע פונ 26.7 מיליאָנ רובל (אינ גאנצ רוסלאנד)—66 מעכאנישע זאוואָדנ מיט 82 דאמפּ-מאשינעס פונ 1212 פערד-קראפט. זע
Ленин. Развитие капитализма в России, сочин. т. III, стр. 370



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0021-0039 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

פונ דערדאָזיקער באשרײַבונג וועגנ דער טעכנישער אָרגאניזאציע פונ דער פראָדוק־ציע אפ דערדאָזיקער פאבריק: „די אינערלעכע אײַנאָרדענונג פונ דער פאבריק אונ די פראָדוקציע באזירנ זיכ דערהויפט אפ דער קראפט אונ אפ דער אָנווענדונג פונ פיזישער ארבעט. די פאבריק, וואָס לאָזט ארויס אויסארבעטונגענ אפ הונדערטער טויזנטער רוב., איז פארזאָרגט מיט אפאראטנ, וואָס באשטייענ פונ טשוהונענע מא־שינקעס, האנטווארשטאטנ אונ אנדערע קלײנע אינסטרומענטנ, וועלכע קאָסטנ צוזאמענ 1163 רוב. אָט דידאָזיקע אלע פרימיטיווע אפאראטנ ווערנ געבראכט אינ באוועגונג דורכ ארבעטער, וואָס פארקויפנ דאָ זײער ארבעט־קראפט פאר זײער א ביליקנ פרײַז: אלע ארבעטער זײַנענ אויסשליסלעכ ייִדנ פונ דעמ סאמע אָרעמענ קלאס פונ דער באפעלקערונג. דער גרעסטער טײל פונ זײ באשטײט פונ מינדעריעריקע אונ פונ פרויענ... דער רויער טאבאק... ווערט צומ אָנהײב סאָרטירט (דאָס איז די ספעציא־ליטעט פונ א געניטנ מײַסטער). נאָכדעמ ווערט ער געווײקט אונ גײט אפ די בראָק־אפאראטנ. די ארבעטער געברויכנ בעסער פונ אלצ אײנפאכע האנט־ווארשטאטנ־מע־סערס, וואָס שטײענ אפ דער ערד, אונ וואָס פאָדערנ פונ דעמ ארבעטער א צוזא־מענגעבויגענע לאגע פונ קערפער. די אײנציקע בראָק־מאשינ האלט מענ פאר ניט באקוועמ, זי ווערט צומ גרעסטנ טײל ניט באנוצט"[1]).

אלזאָ, די אויסשטאטונג פונ אָט דער גרויסער פאבריק האָט באטראָפנ 1163 רוב. עפשער איז די מאָלעווער טאבאק־פאבריק אנ אויסנאמ פונ דעמ אלגעמײנעמ קלאל? עפשער זײַנענ די איבעריקע טאבאק־פאבריקנ פונ קאנט געשטאנענ אפ א העכערנ טעכנישנ ניוואָ? נײנ. אפ אלע טאבאק־פאבריקנ פונ ווילנער, וויטעבסקער, מאָלעווער, מינסקער גוב. איז אינ 1892 יאָר ניט געווענ קײנ אײנ מאָטאָר. נאָר אפ די פאבריקנ פונ גראָדנער גוב. געפינענ מיר דעמלט צוויי דאמפ־מאשינעס פונ 20 קראפט אונ צווײ דאמפ־קעסלענ, אונ אפ די פאבריקנ פונ קאָוונער גוב.—אײנ דאמפ־מאשינ פונ 15 קראפט אונ אײנ דאמפ־קעסל. [2]) אינגאנצנ זײַנענ געווענ ארבעטער אינ דער טאבאק־אינדוסטריע פונ קאנט אינ 1892 יאָר 3834 מאנ. אלזאָ, אײנ דאמפ־מאשינ איז אויסגעקומענ אפ 1278 ארבעטער, אָדער, אויב מע זאָל עס אריבערפירנ אינ קראפט,—1 קראפט אפ 109 ארבעטער.

דעמזעלביקנ בילד זעענ מיר אויכ אינ דער שוועבעלעכ־אינדוסטריע.

אינ 1888 יאָר איז אפ אלע שוועבעלעכ־פאבריקנ פונ ווילנער, גראָדנער, קאָוו־נער אונ מינסקער גוב. ניט געווענ קײנ אײנ מאָטאָר. נאָר אפ אײנער פונ די שוועבעלעכ־פאבריקנ פונ וויטעבסקער גוב. געפינענ מיר אײנ דאמפ־מאשינ פונ 10 קראפט אונ אפ אײנער פונ די שוועבעלעכ־פאבריקנ פונ מאָלעווער גוב.—אײנ דאמפ־מאשינ פונ 30 קראפט[3]) אינגאנצנ זײַנענ דעמלט געווענ ארבעטער אפ אלע שוועבעלעכ־פאבריקנ פונ קאנט לויט אָפיציעלע דאטעס—971 מאנ (דאָס איז, פארשטײט, זיכ א שטארק פארקלענערטע צאָל), אפ אזא אויפנ איז אויסגעקומענ אײנ דאמפ־מאשינ אפ

[1]) זע, Дембовецкий, чит. сочин., ч. II, стр. 229-280

[2]) צוזאמענגעשטעלט לויט „Свод данных фабрично-заводской промышленности" פארנ 1892 יאָר.

[3]) צוזאמענגעשטעלט לויט Свод данных о фабр.-зав. промышлен. פארנ 1888 יאָר.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0021-0040 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

485 ארבעטער, אָדער אויב מע זאָל עס איבערפירן אף קראפט—1 קראפט אף 24 ארבעטער. אין 1892 יאָר, אין 4 יאָר ארום, איז די צאָל פון דאמפ־מאשינעס געבליבן די פריערדיקע און די צאָל קראפט האָט זיך אפילע פארקלענערט. מיר געפינען דירזעלביקע צוויי דאמפ־מאשינעס פון 30 קראפט, די צאָל ארבעטנדיקע האָט זיך אָבער פארגרעסערט פון 971 אף 1131. אלזאָ, אין 4 יאָר ארום איז אויסגעקומען 1 דאמפ־מאשין אף 567 ארבעטער אָדער איין קראפט אף 38 ארבעטער.

אָבער גאָר אן אנדער בילד זעען מיר אין 10 יאָר ארום. די שוועבעלעך־אינדוסטריע (און אויך די האָלץ־באארבעטונג־אינדוסטריע) האָט זיך בעהאדראָגעדיק מעכאניזירט. ס'האָט זיך מעכאניזירט אויך ביסלעכווייז די טאבאק־אינדוסטריע. אָט איז די באשרייבונג פון פראָדוציר־פּראָצעס אף דער פינסקער שוועבעלעך־פאבריק פון 1901 יאָר. „דאָ טרעפן מיר מאשינעס, וואָס צעשניידן די קלעצער אף קלענערע קלעצלעך, צעשניידן די לעצטע אף דינע הילצערנע פלאטן, צעשניידן די פלאטן אף פאסן, וועלכע ווערן פארוואנדלט אין קינעלעך... די קינעלעך ווערן געטריקנט, געפארבט, באדעקט מיט כעמישן באשטאנד, סאָרטירט און געפאקט אין קעסטלעך. אסאך פון דידאָזיקע פּראָצעסן ווערן דורכגעפירט אווטאָמאטיש, אף באזונדערע אפאראטן, וועלכע ווערן געבראכט אין באוועגונג דורך א דאמפ־מאָטאָר. אין א צווייטער אָפּטיילונג פון דער פאבריק מאכט מען הילצערנע קעסטלעך פאר די שוועבעלעך. דאָ ארבעטן אויך צענדליקער אווטאָמאטישע מאשינעס, זייער טשיקאווע און פּראָדוקטיווע. נאָכדעם ווי עס ווערט ארייַנגעוואָרפן, צ. ב., אין איינער פון דידאָזיקע מאשינעס קליי, אָנגעשניטענע הילצערנע פאסן און פאפיר מיט עטיקעטקלעך—נעמט דער ארבעטער ארויס שוין א פארטיקן קעסטל פון שוועבעלעך, וואָס איז באדעקט מיט אן עטיקעטל" [1].

און ניט נאָר אף דער שוועבעלעך־פאבריק, אף דעם גאנצן האָלץ־באארבעטנדיקן קאָמבינאט אין פינסק איז די פּראָדוקציע שטארק מעכאניזירט. אפן קאָמבינאט האָבן זיך געפונען צוויי דאמפ־מאשינעס פון הונדערט קראפט און פיר דאמפ־קעסלען. ער איז געווען „איינגעאָרדנט אין טעכנישער הינזיכט מוסטערהאפט: מאשינעס פון נייַסטן טיפּ און זייער פּראָדוקטיווע. די אזוי גערופענע רונדע שייל־מאשין... האָט די פירמע איינגעפירט בא זיך איינע פון די ערשטע אין רוסלאנד" [2].

דאָסזעלביקע זעען מיר אויך אין וויטעבסק. „אין דערדאָזיקער אָפּטיילונג—לייענען מיר וועגן דער שוועבעלעך־אָפּטיילונג אין טארטאק פון אקציאָנערן־געזעלשאפט „דווינא" (אין וויטעבסק),— ווערן אלע מאשינעס און די וויכטיקסטע אפאראטן געבראכט אין באוועגונג דורך דאמפ פון אן אלגעמיינעם דאמפ־קעסל, וועלכער באדינט דידאָזיקע אָפּטיילונג, דעם טארטאק און אויך די מיל". (Дело № 1 за 1906-7 г. Витебск. губернск. по фабр. и горно-зав. делам Присутствия Минск. Историч. Архив)

אויך אין דער טאבאק־אינדוסטריע איז געגאנגען א בעהאדראָגעדיקע מעכאניזאציע אין יענע יאָרן. „דער ליבעראליזם שטערט ניט אונדזער פאבריקאנט—לייענען

---

1) זע „Восход" за 1901 г. кн. 10, ст. И Хороша

2) אויך דאָרטן.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0022-0041 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

מיר אינ דער „ארבעטער־שטימע“ נומ. 30, פאר סענטיאבער 1902 יאָר, וועגנ דער טאבאק־פאבריק „דורונטשא“ אינ ווילנע,— צו דראָענ די ארבעטער, אז ער וועט פארמאכנ די פאבריק, ער וועט דערווײַזנ לויט די בוכהאלטעריע־ביכער, אז עס איז אומעגלעכ צו העכערנ דעמ ארבעטלוינ. פונ דער אנדער זײַט, אָבער, שטערט עס אימ ניט צו באשטעלנ נײַע מאשינעס (אונטערגעשטראָכנ פונ אונדז—ע. טש.) אונ ארויסלאָזנ רעקלאמעס פאר זײַנע סכוירעס. ווי עס איז באוווסט, איז דער שטרײַק אפ עדעלשטיינס טאבאק־פאבריק אינ ווילנע (1895) פאָרגעקומענ צוליב דער אײַנפירונג פונ מאשינעס אונ צוליב דעמ פארבײַטנ די ארבעטער אפ ארבעטערנס.

וואָס עס איז שײַכ דער טאבאק־אונ שוועבעלעכ־אינדוסטריע, איז, אלזאָ, די לאגע געווענ אזא, אז די 80־ער יאָרנ טרעפנ דידאָזיקע פראָדוקציע־צווײַגנ, דעריקער נאכ אינ דער פאָרמ פונ מאנופאקטור מיט איר „אויסערלעכער אָפטיילונג“—הויזאינדוסטריע אונ דער אָנהייב פונ די 900־יאָרנ — אינ איבערגאנג־פעריאָד פונ מאנופאקטור צו פאבריק.

דאָ האָבנ געווירקט, ווי עס ווײַזט אויס, פאָלגנדיקע מאָמענטנ: ערשטנס, האָט פאר דידאָזיקע ביליקע פראָדוקטנ (שוועבעלעכ, טאבאק) [1] עקזיסטירט אפילע אינ צארישנ רוסלאנד א גאנצ ברייטער מארק; צווייטנס, האָט דאָ געווירקט די קאָנקורענצ מיט אלע טאבאק־פאבריקנ פונ איבעריקנ רוסלאנד, וואָס זייער טעכנישער ניוואָ איז געוואקסנ גאנצ שנעל [2].

וואָס עס איז שײַכ דער שוועבעלעכ־אינדוסטריע, האָט אפ איר קאָנצענטראציע אונ אפ דער פארפולקומערונג פונ דער פראָדוקציע אינ גאנצ רוסלאנד, אכוצ אלעמענ, שטארק געווירקט דער נײַער אקציז־געזעצ, וועלכער איז אײַנגעפירט געוואָרנ פונ 1־טנ מײַ 1888. דערדאָזיקער געזעצ האָט געשטעלט דעמ פארנעמ פונ דער פראָדוקציע אינ אָפהענגיקײַט פונ דער אקציז־סומע, וועלכע מע האָט געצאָלט: עפענענ א פאבריק האָט מענ געקענט, ווענ מע האָט געקויפט באנדעראָלנ אפ א סומע ניט ווייניקער פונ 3000 רוב. אפ אזא אויפנ איז פארניכטעט געוואָרנ קימאט די גאנצע קליינ־פראָדוקציע. פאר די יאָרנ 1888 ביז 1896 האָט זיכ די צאָל שוועבעלעכ־פאבריקנ

[1] די פראָדוקציע פונ 1־טנ סאָרט טאבאק האָט זיכ אינ רוסלאנד פארקלענערט אונ די פראָדוקציע פונ 3־טנ סאָרט איז, פארקערט, געוואקסנ. אינ 1895 י. זײַנענ אויסגעארבעט געוואָרנ 785,3 טויזנט פוד טאבאק. דערפונ 1־טער סאָרט — 69,2 טויזנט פוד, 2־טער סאָרט — 350,4 טויזנט פוד, 3־טער סאָרט — 356,7 ט. פוד („Торгово-Промышл. Россия“, 1899 г.) וואָס עס איז שײַכ ווײַסרוסלאנד, פלעגט מענ דאָ אויסארבעטנ פארהעלטענישמעסיק אסאכ ציגארנ (אינ 1895—24,4 פראָצ. פונ דער גאנצער ציגארנ־פראָדוקציע אינ רוסלאנד, אָבער ווידער נאָר ציגארנ פונ 3־טנ סאָרט, דעריקער, ווײַל די פראָדוקציע פונ 1־טנ סאָרט ציגארנ האָט זיכ אינ אוסלאנד קעסיידער פארקלענערט) אונ מאכאָרקע. פונ די 51 טאבאק־פאבריקנ, וועלכע עס האָט אינ 1885 יאָר באזוכט דער פאבריק־אינספעקטער פונ ווילנער אָקרוג (אינ וועלכנ עס איז דעמלט ארײַנגעגאנגענ דער גאנצער צאָפנ־מײַרעוודיקער קאנט אונ קורלענדער גובערניע) זײַנענ געווענ 27 מאכאָרקע־פאבריקנ (עמעס, קליינע), די איבעריקע—אלגעמיינע טאבאק־פאבריקנ, אָבער אויכ אפ די אלגעמיינע טאבאק־פאבריקנ פלעגנ אָפט זײַנ מאכאָרקע־אָפטיילונגענ.

[2] אפ די אלגעמיינע פאבריקנ (אינ גאנצ רוסלאנד) זײַנענ אינ 1885 יאָר געווענ 1549 האנט־ווארשטאטנ, אינ 1895 יאָר זײַנענ איבערגעבליבנ פונ זיי 761, ד. ה., פארקלענערט אפ צוויי מאָל; די צאָל פונ בראָק־ווארשטאטנ, וועלכע זײַנענ געטריבנ געוואָרנ דורכ דאמפ, גאז אדער קעראָסינ, איז אויסגעוואקסנ פונ 210 ביז 387. („Торгово-Промышл. Россия“, 1899 г.)



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main

אינ רוסלאנד פארקלענערט פונ 278 ביז 187, אונ די פראָדוקציע איז אויסגעוואקסנ פונ 59.536 מיליאָנ שוועבעלעכ ביז 166.890 מיליאָנ [1].

אינ ווייסרוסלאנד גופע איז די שוועבעלעכ-אינדוסטריע געשטויגנ געוואָרנ אפנ וועג פונ מעכאניזאציע, וויַיזט אויס, אויכ דורכ דער קאָנקורענצ פונ דער שוועדישער טעכניק, וועלכע האָט אָנגעהויבנ אריַינצודרינגענ אינ געגנט. אָט איז די באַשריַיבונג פונ א מעכאניזירטער שוועבעלעכ-פאבריק אינ מאָלעווער גוב. אינ אָנהייב פונ די 80-ער יאָרנ. די שוועבעלעכ-פאבריק האָט געהערט צו די יאָרשימ פונ סויכער וואָלטסאָנ אינ פאָלווארק „אונאָ", אינ אָרשער קריַיז. „דער פראָדוציר-אויפנ איז א מאשינאָווער. אלע פארשיידנארטיקע אפאראטנ ווערנ געבראכט אינ באוועגונג דורכ א דאמפ-מאשינ פונ 20 קראפט, וואָס איז אויסגעשריבנ געוואָרנ צוזאמענ מיט די אפאראטנ פונ אויסלאנד. די מאשינ קאָסט ביז 20.000 רוב. די אפאראטנ פירנ אויכ פארשיידענע ארבעטנ: זעגנ, שניַידנ, בויערנ, סאָרטירנ לייגנ צונויפ די שוועבעלעכ... די פאבריק געפינט זיכ אונטער דער אופזיכט פונ א דירעקטער, א שוועדישנ בירגער (אונטערגעשטראָכנ פונ אונדז—ע. טש.), וואָס רעכנט זיכ פאר דעמ הויפט-טעכניקער. דער הויפט-מיַיסטער איז לויט זיַינ אָפשטאמונג אויכ א שוועד אונ דער מאשיניסט—א דיַיטש" [2].

גאָר אפ אנ אנדער אויפנ זיַינענ אנטשטאנענ אינ קאנט די פאָלגנדיקע צוויי אינדוסטריע-צוויַיגנ: די טוכ-אינדוסטריע אינ ביאליסטאָקער ריַיאָנ אונ די מעטאל-באארבעטנדיקע אינדוסטריע (דראָט-טשוועקעס-זאוואָדנ, טשוהונ-זאוואָדנ אונ אנד.). דידאָזיקע צוויי פאָרשריטלעכע צוויַיגנ פונ דער שטאָטישער אינדוסטריע האָבנ זיכ ניט באזירט אפנ אָרטיקנ רוי-שטאָפ (ווי גארבעריַי, שוועבעלעכ, האָלצ-באארבעטונג אונ אנדערע אינדוסטריע-צוויַיגנ) אונ זיַינענ דאָ ניט אויסגעוואקסנ בעהאדראָגעדיק פונ דער סיסטעמ פונ הויז-אינדוסטריע אונ אייגנטלעכער מאנופאקטור. זיי זיַינענ געוואָרנ אריַינגעפירט אהער—די טוכ-אינדוסטריע אינ די 30-40-ער יאָרנ פונ פארגאנגענעמ י. ה. [3] אונ די מעטאל-באארבעטנדיקע אינדוסטריע אינ די 70-ער יאָרנ—אינ דער פאָרמע פונ גרויסער קאפיטאליסטישער אינדוסטריע, וועלכע באזירט זיכ אפ מאשינ-פראָדוקציע. „ביז דער דערפינדונג פונ מאשינעס—זאָגט מארקס—האָט די אינדוסטריע פונ יעדנ לאנד זיכ געווענדעט דעריקער צו דער באארבעטונג פונ די רוי-שטאָפנ, וואָס עס האָט פראָדוצירט זיַינ אייגענער באָדנ. אזוי האָט ענגלאנד באַארבעט וואָל, דיַיטשלאנד—פלאקס, פראנקריַיכ—זיַיד אונ פלאקס. מיזרעכ-אינדיע אונ לעוואנט—בוימוואָל אונ א. וו. אדאנק דער אָנווענדונג פונ מאשינעס אונ דאמפ

[1] אויכ דאָרטנ.

[2] Дембовецкий, цит., сочин. кн. II, стр. 270.

[3] זע וועגנ דעמ Воблый, Очерки по истории польской промышленности אונ „Экономический Журнал" 1887, № 8–9.

עמעס, די פראָדוקציע אנטשטייט דאָ נאָכ סאָפ 18 יאָרה. אינ דער פאָרמע פונ לייַבאייגענע פאבריקנ, וועלכע צעפאלנ זיכ אונ ווערנ פארשפרייטער פונ קוסטארישער פראָדוקציע. אינ גראָדנער גוב. אינ אָנהויב 19 יארה. מערקט זיכ אינ דעררדאָזיקער פראָדוקציע אנ איבערגאנג פונ האנטווערקעריַי צו מאנופאקטור. אָבער די מאָדערנע פאבריק ווערט דאָ אריַינגעפירט דורכ אויסלענדער, נאָכדעמ, ווי ס'איז איַינגעפירט געוואָרנ דער טאריפ פונ 1832 יאָר. דעמלט פאקטיש אנטשטייט דער ביאליסטאָקער טעקסטיל-ריַיאָנ.

האָט די ארבעט־צעטיילונג אָנגענומענ אזוינע מאסשטאבנ, אז די גרויס־אינדוסטריע האָט זיכ אָפּגעריסנ פונ איר נאציאָנאלנ באָדנ אונ איז געוואָרנ אָפּהענגיק נאָר פונ וועלט־מארק, פונ אינטערנאציאָנאלנ אויסבײַט אונ פונ אינטערנאציאָנאלער ארבעט־צעטיילונג[1].

דערפאר האָבנ אינ ווײַסרוסלאנד געקענט אויפבליִענ דידאָזיקע פראָדוקציע־צווײַגנ נאָר אינ דער פאָרמע פונ גרויסער מאשינענ־פראָדוקציע. אָבער אינ 19־טנ י. ה. (בא די מאסשטאבנ, וואָס עס האָט אָנגענומענ די אינדוסטריִעלע בויונג אינ איירָאָפּע אונ בא די דעראָבערונגענ, וואָס עס האָט דאָרטנ געמאכט די טעכניק) איז אפילע די רוסישע בורזשואזיע, וועלכע האָט געארבעט אינ אסאכ גינסטיקערע באדינגונגענ, ווי די אָרטיקע בורזשואזיע פונ די נאציאָנאלע פעריפעריִעס פונ געוועזענעמ רוסלאנד, אויכ ניט געווענ בעקויעכ, צוליב דער לאנגזאמקײַט פונ דער אינערלעכער אקומוליאציע, אוועקצושטעלנ די אינדוסטריע אפ דער געהעריקער הייכ מיט די אייגענע קרעפטנ אָנ דער הילפ פונ אויסלענדישנ קאפיטאל (די אויסשליסלעכע ראָלע פונ פראנצויזיש־בעלגישנ קאפיטאל אינ קריוואָראָזשיע, פונ ענגלישנ — אינ באקו, פונ דער קאָנטאָר „קנאָפּ" אינ דער טעקסטיל־אינדוסטריע). נאָכ ווייניקער איז עס געווענ בעקויעכ צו טאָנ, בא דער אונטערדריקערשער נאציאָנאלער פאָליטיק מיצאד דעמ צאריזמ, די אָרטיקע שטאָטישע בורזשואזיע אינ ווײַסרוסלאנד, וועלכע איז נאָכ געווענ דערבײַ אינגאנצנ אומבאקאנט מיט דער טעכניק פונ דידאָזיקע אינדוסטריע־צווײַגנ, ווײַל זיי זײַנענ דאָכ ניט אויסגעוואקסנ אָרגאניש פונ ווירטשאפטלעכנ לעבנ אינ קאנט, אזויווי, לעמאָשל, די שוועבעלעכ אָדער די לעדער־אינדוסטריע[2].

„יענע מינימאלע סומע פונ ווערט — זאָגט מארקס — וואָס עס דארפ האָבנ אינ זײַנ רעשוס דער איינצלנער געלט־באזיצער אָדער באזיצער פונ סכוירעס, קעדיי זיכ צו פארוואנדלענ אינ א קאפיטאליסט, ענדערט זיכ אפ פארשיידענע אנטוויקלונג־שטופעס פונ דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציע, אונ בא דער געגעבענער אנטוויקלונג־שטופע איז זי פארשיידנ אינ פארשיידענע פראָדוקציע־ספערנ, אָפּהענגיק פונ זייערע באזונדערע טעכנישע באדינגונגענ. געוויסע פראָדוקציע־צווײַגנ פאָדערנ שוינ בא דעמ סאמע אָנהייב פונ קאפיטאליסטישער פראָדוקציע אזא מינימומ פונ קאפיטאל, וואָס עס געפינט זיכ נאָכ ניט אינ די הענט פונ איינצלנע קאפיטאליסטנ[3].

---

[1] זע K. Маркс, Нищета философии, стр. 133,

[2] לעהייפעכ צו דער רוסישער בורזשואזיע, וואָס האָט געהאט א לאנגיאָריקע דערפארונג אינ דער הינזיכט: די אוראלער אונ אָלאָנעצקער מעטאלורגישע אונ מעטאל־באארבעטנדיקע אינדוסטריע איז צו יענער צײַט שוינ אלט געווענ עטלעכע הונדערט יאָר.

[3] זע K. Маркс, Капитал т. I, стр. 284-285. попул. издание

דערפאר האָט די רוסישע בורזשואזיע, שטיצנדיק זיכ אפ דער צארישער קאזנא, געקענט נאָכ אינ 17־טנ אונ אינ 18־טנ י. ה. מיט אירע אייגענע קויכעס אוועקשטעלנ די מעטאלורגישע אונ מעטאל־באארבעטנדיקע אינדוסטריע אפנ אוראל (דעמידאָוו, סטראָגאנאָוו, טורטשאנינאָוו אונ אנד.), אָבער זי איז עס ניט געווענ בעקויעכ צו טאָנ אינ 19־טנ י. ה. אונ מע האָט געמוזט אײַנלאדנ דערצו דעמ אויסלענדישנ קאפיטאל. דאָסזעלביקע איז אויכ געווענ אינ דער טעקסטיל־אינדוסטריע. אינ צענטראל־רוסלאנד אנטשטייט זי אינ 18־טנ י. ה., דאָס הייסט, פאר דער אינדוסטריִעלער איבערקערעניש אינ ענגלאנד, דערפאר האָט זי נאָכ געקענט ווערנ אויפגעבויט דורכ די אייגענע קאפיטאליסטנ (שטשעגאָלינ, מיליוטינ, זאטראפעזני) מיט דער הילפ פונ קאזנא (זע וועגנ דעמ בא טוגאנ־באראנאָווסקי „Русская фабрика"). אָבער די טעכנישע אויסשטאטונג פונ דער רוסישער טעקסטיל־אינדוסטריע אינ מיטנ 19־טנ י. ה. איז שוינ ניט געווענ פונ אָרט אָנ דער פארמיטלונג פונ דער קאָנטאָר „קנאָפּ" אינ די פראגעס וועגנ אויסלענדישע קרעדיטנ.

אומגעפער אינ אזא לאגע האָט זיכ געפונענ בענויגייע די דערמאָנטע צוויי אינ־דוסטריע־צווייַגנ די אָרטיקע שטאָטישע בורזשואזיע. בא די טעכנישע באַדינגונגענ, וואָס איז געווענ כאראקטעריסטיש פאר דער טוכ־אינדוסטריע אינ די 30־40 יאָרנ אונ פאר דער מעטאל־באארבעטונג־אינדוסטריע אינ די 70־ער יאָרנ פונ פארגאנגענעמ י. ה. איז די אָרטיקע שטאָטישע בורזשואזיע ניט געווענ בעקויעכ זיי צו אָרגאניזירנ.

אויב אינ דער בוימוואָל־אינדוסטריע פונ צענטראל־רוסלאנד אינ סאָפ 18־טנ אונ אָנהייב 19־טנ י. ה. האָבנ נאָכ געקענט בעהאדראָגעדיק אויסוואקסנ פונ קוסטארישע שטיבלעכ גרויסע פאבריקנ אונ פונ לייַב־אייגענע—פאבריקאנטנ־מיליאָנערנ (אָט די אלע מאָראָזאָווס, גראטשאָווס, גארעלינס), איז דאָס פאָרגעקומענ, ערשטנס, אדאנק דעמ, וואָס ציצ איז געווענ זייער א ביליקער אונ דערפאר אנ ארטיקל פונ סאמע ברייטנ מאסנ־געברויכ, פאר וועלכנ עס איז געווענ א גאנצ גרויסער מארק אפילע אינ דעמ בעטלערישנ צארישנ רוסלאנד[1]; צווייטנס, אדאנק דעמ, וואָס די האנט־וועבערייַ צומ אונטערשייד פונ דער האנט־שפינערייַ איז נאָכ דעמלט (סאָפ 18־טנ, אָנהייב 19־טנ י. ה.) ענדגילטיק ניט באזיגט געוואָרנ דורכ דער מאשינע—דאָס קומט פאָר ערשט אינ די 30־ער יאָרנ פונ 19־טנ י. ה.[2]). קעדיי צו אָרגאניזירנ בעהאדראָ־געדיק א גרויסע אונטערנעמונג אינ געביט פונ האנט־וועבערייַ אינ דער בוימוואָל־אינדוסטריע, זייַנענ נאָכ דעריבער ניט נייטיק געווענ אזוינע גרויסע קאפיטאלנ מיט איינמאָל (ניט אומזיסט איז די בוימוואָל־וועבערייַ אופגעקומענ אינ רוסלאנד פריִער, ווי בוימוואָל־שפינערייַ, ווייַל די לעצטע איז אינ ענגלאנד שוינ אינ סאָפ 18־טנ י. ה. געווענ מעכאניזירט; די רוסישע בוימוואָל־אינדוסטריע האָט לאנג געארבעט מיט ענגלישנ באוול, אונ ווענ מענ האָט אָנגעהויבנ אינ רוסלאנד אייַנצופירנ שפינ־מא־שינעס — אינ די 40־ער יאָרנ — זייַנענ שוינ דעמלט די מאָראָזאָווס ניט געווענ קיינ לייַבייגענע, נאָר מיליאָנערנ).

אינ דער טוכ־אינדוסטריע פונ ביאליסטאָקער ראַיאָנ, כאָטש זי איז, ווי מיר האָבנ געזענ, אופגעקומענ אויכ אינ דער צווייטער העלפט פונ 18־טנ י. ה., זעענ מיר אָבער ניט די אנטשטייונג פונ פאבריקאנטנ פונ די אָרטיקע קוסטארעס אינ אזא מאסשטאב. טוכ—איז ניט ציצ, דאָס איז אסאכ א טייַערער (באזונדערס אינ יענע יאָרנ) אונ דערפאר ניט אזא מאסנ־ארטיקל. אפ טוכ איז ניט געווענ אזא מאסאָווער נאָכפרעג, פאר אימ איז ניט געווענ אזא גרויסער מארק אונ דערפאר איז דאָ ניט אזוי לייַכט געווענ זיכ ארופצוארבעטנ ביז צו דער מאדרייגע פונ א גרויסנ קאפיטאליסט. אונ

[1] זע, Туган-Барановский „Русская фабрика“

[2] ביז די 30־ער יאָרנ פונ 19־טנ י. ה. פלעגט דער בוימוואָל, וואָס מענ האָט אימ געבראכט פונ אינדיע אינ ענגלאנד, ווערנ איבערגעארבעט דאָרטנ מיט מאשינעס אינ באוול די באוול פלעגט צוריק ארייַנ געפירט ווערנ אינ אינדיע, ווו וועבער־קוסטארעס פלעגנ פונ אימ אפ א קוסטארישנ אופנ וועבנ שטאָפנ. מארקס באמערקט אינ צוזאמענהאנג דערמיט: „דער וועבער אינ דער שפינער, וואָס זייַנענ פריִער געווענ פארייניקט אינ איינ פאמיליע, זייַנענ איצט פאנאנדערגעטיילט געוואָרנ דורכ דער מאשינ. אדאנק דער לעצטער קענ דער שפינער איצט לעבנ אינ ענגלאנד, אינ דער צייַט, ווענ דער וועבער געפינט זיכ אינ מיזרעכ־אינדיע“. זע, К. Маркс. Нищета Философии, стр. 133

דאָ קומט טאקע ניט פאָר פאר דעמזועלבנ צייַט־אָפשניט (ביז די 30־ער יאָרנ פונ 19־טנ י. ה.) דאָס, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ די דערפער איוואנאָוואָ, זויעוואָ, שויאָ [1]).

אָבער אינ די 30־ער—40־ער יאָרנ איז שוינ די וועבערייַ ענדגילטיק באזיגט געוואָרנ דורכ דער מאשינ. אָרגאניזירנ דעמלט א טוכ־אינדוסטריע האָט געהייכנ־גרינגדנ פונ אָנהייב אָנ א גרויסע אונטערנעמונג אפ דער באזע פונ מאָדערנער טעכניק. בא די געגעבענע טעכנישע באדינגונגענ פונ דער טוכ־אינדוסטריע האָט די אָרגאניזאציע פונ דער לעצטער געפאָדערט פונ אָנהייב אָנ גרויסע קאפיטאלנ, וואָס די אָרטיקע שטאָטישע בורזשואזיע האָט ניט פארמאָגט. דידאָזיקע קאפיטאלנ האָבנ געבראכט די דייַטשנ.

אינדערעמעסנ, דעמדאָזיקנ אינדוסטריע־צווייַג האָבנ דאָ אָרגאניזירט קימאט אויסשליסלעכ די דייַטשנ. אינ 1885 יאָר האָבנ פונ 85 גרויסע טוכ־פאבריקנ דרייַ פערטל געהערט צו אויסלענדער, דעריקער עסטרייַכישע אונ פרייַסישע בירגער. די בעסטע קאָלדרעס־פאבריק (צ. ב. קאָמיכאזי), די אלע דרייַ זייַד־פאבריקנ אונ די הוט־פאבריק האָבנ געהערט צו דייַטשנ [2]). שוינ דעמלט האָבנ אפ דער גרעסטער דייַטשישער טוכ־פאבריק, אפ דער פאבריק פונ דער פירמע מאָאָס, געארבעט 864 מאנ. אפ דער פאבריק פונ באראָנ זאכערט—396 ארבעטער, פונ גערמאנ קאָמיכאזי—250, רודאָלפ קאָמיכאזי—220 ארבעטער, פונ ריבערט אונ יאקאָבי—200 ארבעטער [3]). דידאָזיקע אלע פאבריקנ זייַנענ געווענ, אויסגעשטאט לויטנ לעצטנ וואָרט פונ דער טעכניק.

פונקט אזויווי אינ פוילנ האָט די טעקסטיל־אינדוסטריע, וואָס האָט זיכ אנטוויקלט אינ די 20־ער יאָרנ פונ פארגאנגענעמ י. ה., צו פארדאנקענ איר אנטשטייונג אונ פארפעסטיקונג אויסשליסלעכ דעמ אויסלענדישנ קאפיטאל (ליוי גייער, גראָמאנ א. אנד.), לעהייפּעכ צו דער טעקסטיל־אינדוסטריע אינ צענטראל־רוסלאנד. אזוי ווערט אויכ אינ ביאליסטאָקער ראַיאָנ די גרויסע טוכ־אינדוסטריע געגרינדעט אויסשליסלעכ דורכ דייַטשנ, וואָס סטארענ זיכ בייַצוקומענ די טאמאָזשנע־באריערנ פונ 1832 יאָר אפנ גרענעצ פונ רוסלאנד מיט דעמ אריבערטראָגנ זייערע קאפיטאלנ פונ דייַטשלאנד אינ פוילנ. פונ יענער צייַט אָנ פארנעמט דער דייַטשישער קאפיטאל די דאָמינירנדיקע לאגע אונ דער טעקסטיל־אינדוסטריע פונ ביאליסטאָקער ראַיאָנ. [4])

אָבער ניט נאָר אינ דער טעקסטיל־אינדוסטריע פונ ביאליסטאָקער ראַיאָנ האָבנ די אויסלענדער געשפילט אזא גרויסע ראָלע. אינ 1899־1900 יאָר האָבנ בעלגיער

---

[1]) אינ אָנהייב 19־טנ י. ה., ווענ די געוואנט־פראָדוקציע טראָגט נאָכ די פאָרמ פונ מאנופאקטור, אנטשטייענ פאבריקאנטנ אויכ פונ די רייענ פונ דער אָרטיקער שטאָטישער בורזשואזיע (זע א. יורעצקי "די יידישע בורזשואזיע אונ דער יידישער פראָלעטאריאט אינ דער ערשטער העלפט פונ 19־טנ י. ה."), אָבער שוינ צומ מיטנ פונ 19־טנ י. ה. הויבנ אָנ צו שפילנ די דאָמינירנדיקע ראָלע—די דייַטשישע פאבריקאנטנ. ווענג די סיבעס—ווייַטער.

[2]) זע, А. Субботин. По черте евр. оседлости, вып. II.

[3]) זע, Городков. Отчет фабр. инспектора виленского фабр. окр. за 1885 г.

[4]) יעדיעס וועגנ דערדאָזיקער אונטערנעמונג נעמענ מיר פונ וויטעבסקער גובערניאלנ ארכיוו По фабр. и горно-заводским делам Присутствия Дела №№ 213 и 219 за 1905 г. Минский Историч. Архив.

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0024-0046 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

געגרינדעט אינ וויטעבסק א גרויסע לײַנ־שפּינערײַ. די אויסשטאַטונג פונ דערדאָזיקער פאבריק האָט דעמלט באטראָפנ פיר מיליאָנ פראנק [1]:

וואָס פאר א ראָלע ס'האָט געשפּילט די טאמאָזשנע־פּאָליטיק פונ צאריזם באם גרינדנ דידאָזיקע פאבריק איז צו זענ פונ דער ביטע, וואָס עס האָט דערלאנגט דער „פאראנטוואָרטלעכער אגענט פונ דער רוסיש־בעלגישער געזעלשאפט „וויטעבסקער לײַנ־שפּינער" דעמ וויטעבסקער גובערנאטער (1905). אינ דערדאָזיקער ביטע דערקלערט דער באזיצער פונ דער פאבריק דעמ גובערנאטער די גאנצע אומזיניקײַט פונ די פּאָדערונגענ פונ דעמ פאבריק־אינספּעקטער צו פארקירצנ כאָטש וויפל ניט איז דעמ ארבעט־טאָג. מיר לייענענ דאָרטנ צווישנ אנדערנ פּאָלגנדיקעס: „די דערפארונג פונ מײַרעוו־אײראָפּע דערווײַזט, אז די לײַנ־אינדוסטריע האָט זיכ ניט געקענט פארפעסטיקנ אינ יענע לענדער, ווו זי האָט ניט געפונענ לאָרויוו ארבעט־הענט אונ דערי־קער זייער ביליקע... אינ רוסלאנד, קאָלזמאנ די עקזיסטירנדיקע שוצ־סיסטעמ פונ האנדל וועט שטערנ דעמ אויסלענדישנ פּאָדעמ צו קאָנקורירנ מיט רוסישנ באוול (אונטערגעשטראָכנ פונ אונדז—יע. טש.), וועט א קליינע אראָפּזעצונג פונ ארבעט־טאָג ניט זײַנ אזוי שעדלעכ, ווי דאָס איז געווענ אינ בעלגיע אונ אינ ענגלאנד—לענדער פונ פרײַענ סכוירע־אומזאצ. אָבער אויב דידאָזיקע אראָפּזעצונג וועט ווערנ דורכגעפירט ניט פּאָרזיכטיק, נאָר אינ אונדזער לײַנ־שפּינערײַ אליינ, וועלנ דעמלט די פּראָדוציר־קאָסטנ אפ אונדזער פאבריק ווערנ אזוי באלאסטנדיק, אז ס'וועט איר אומעגלעכ זײַנ פּאָרצוזעצנ די קאָנקורענצ מיט אנדערע פאבריקנ. דאָס קענ ברענגענ צומ אָפּשטעלנ אונדזער פאבריק".

וועגנ דעמ פארנעמ פונ דער דאָזיקער אונטערנעמונג קענ מענ אורטיילנ לויט פּאָלגנדיקס:

בא דער פולער מעכאניזאציע פונ דער פּראָדוקציע האָט די פאבריק באשעפטיקט 500 ארבעטער. געגרינדעט אינ די יאָרנ פונ אינדוסטריעלנ קריזיס, האָט די פאבריק געהאט גרויסע העזייקעס אונ אינ סאָפ 1904 יאָר האָט זיכ די אקציאָנערנ־געזעלשאפט ליקווידירט. די פאבריק האָט זיכ אָבער ניט פארמאכט, זי איז איבערגעגאנגענ צו אנ אנדער געזעלשאפט (לײַנ־שפּינערײַ „דווינא"), אויכ א בעלגישער (די פארוואלטונג פונ דער געזעלשאפט האָט זיכ געפונענ אינ געגנט). דער פאקט, וואָס עס האָט זיכ געפונענ א נײַע געזעלשאפט צומ קויפנ די פאבריק, ניט געקוקט אפ די העזייקעס, וואָס האָבנ געבראכט צו דער ליקווידאציע פונ דער אלטער געזעלשאפט, דערקלערט זיכ מיט די באדינגונגענ פונ דער רוסיש־יאפּאָנישער מילכאָמע, וועלכע האָבנ באדײַטנדיק פארבעסערט די מארק־קאָניונקטור פאר דער פאבריק. די זאכ איז די, וואָס די פאבריק האָט געליפערט פּאָדעמ פאר די וועבערײַענ, וועלכע האָבנ געארבעט פארנ קריג־מיניסטעריומ.

אלזאָ, דידאָזיקע גרויסע טעקסטיל־אונטערנעמונג פונ ווײַסרוסלאנד האָט געהאט צו פארדאנקענ איר אנטשטייונג אונ עקזיסטענצ דעמ אויסלענדישנ קאפּיטאל אונ דער צארישער קאזנא, וועלכע האָט געדינט פאר איר אלס מארק.

[1]) אונדז איז ניט געלונגענ פעסטצושטעלנ אפ וויפל די דײַטשישע קאפּיטאלנ זײַנענ אויכ שפּעטער עבליבנ אויסלענדישע קאפּיטאלנ. מיר לאָזנ דידאָזיקע פראגע אָפּנ.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

אינ דער צײַט, וואָס אינ צענטראל־רוסלאנד איז די טעקסטיל־אינדוסטריע געבליבנ ביז דער סאמע וועלט־מילכאָמע א נאציאָנאלע אינדוסטריע־צווײַג, אונטערגעוואָרפנ דעמ רוסישנ קאפיטאל, צומ אונטערשייד פונ אנדערע אינדוסטריע־צווײַגנ (לעמאָשל, קוילנ, מעטאלורגיע), ווו עס האָט געהערשט דער אויסלענדישער קאפיטאל, איז אינ ווײַסרוסלאנד די טעקסטיל־אינדוסטריע אָרגאניזירט געוואָרנ דורכ דעמ אויסלענדישנ קאפיטאל. די אונטערדריקערישע נאציאָנאלע פּאָליטיק פונ צאריזמ בענויגייע די ראנד־געביטנ האָט געבראכט ווײַסרוסלאנד נאָכ צו א לאנגזאמערער אינערלעכער אקומוליאציע, ווי אינ רוסלאנד גופע, אזוי, אז דאָ האָט דער אויסלענדישער קאפיטאל געקענט פארכאפּנ אויכ אזוינע פּראָדוקציע־צווײַגנ, וואָס זײַנענ אינ אייגנטלעכנ רוסלאנד געבליבנ אינ די הענט פונ דער רוסישער בורזשואזיע.

דיזעלביקע ראָלע האָבנ געשפּילט די אויסלענדער, אויכ דעריקער דײַטשנ, אינ דער מעטאל־באארבעטנדיקער אינדוסטריע. אויכ אינ אָט דעמ געגעבענעמ פאל איז דאָס ארײַנדרינגענ פונ אויסלענדישנ קאפיטאל ארויסגערופנ געוואָרנ דורכ דער טאמאָזשנע־פּאָליטיק פונ צאריזמ.

לויט דעמ טאריפ פונ 1868 יאָר איז דערלויבט געוואָרנ די באזיצער פונ מעכאנישע אונ מאשינ־בוי־זאוואָדנ, וואָס האָבנ געארבעט מיט דאמפּ אָדער הידראוולישע מאָטאָרנ, צו באקומענ פונ אויסלאנד אָנ טאמאָזשנע־אָפּצאָל טשוהונ אונ אײַזנ אינ א מאָס, וויפל ס'איז נייטיק געווענ פאר זייער פּראָדוקציע. דאָס האָט געגעבנ א מעגלעכקײַט די וועסטפאלער זאוואָדטשיקעס ארײַנצופירנ אינ רוסלאנד אײַזנ אפ זייער גינסטיקע באדינגונגענ [1]. אָבער אינ סאָפ 70־ער אונ אָנהייב 80־ער יאָרנ איז אונטערנ דרוק פונ די רוסישע אײַזנ־זאוואָדטשיקעס אָפּגעשאפט געוואָרנ דאָס רעכט ארײַנצופירנ אײַזנ אָנ טאמאָזשנע־אָפּצאָלנ. אינ 1882 יאָר איז דער טאמאָזשנע־אָפּצאָל געהעכערט געוואָרנ ביז 1 רוב. מיט 10 קאָפּ. (גאָלד) אפנ פוד. דאָס האָט געבראכט קימאט צו דער פולשטענדיקער ליקווידירונג פונ דעמ אײַזנ־אימפּאָרט אינ רוסלאנד אונ האָט שטארק אופגעהויבנ דעמ פרײַז אפ אײַזנ־ארטיקלענ ביכלאל אונ אפ דראָט אונ טשוועקעס ביפראט. דאָס האָט געבראכט דערצו, אז אויסלענדישער קאפיטאל, דעריקער דײַטשישער, איז ארײַנגעדרונגענ אינ צאָפנ־מײַרעוודיקנ קאנט, ווו וועסט־פאלישע אונ אנדערע גרויסע דײַטשישע פירמעס האָבנ געגרינדעט טשוהונ־זאוואָדנ, מאשינ־בוי־זאוואָדנ, טשוועקעס־אונ־דראָט־זאוואָדנ, בײַקומענדיק אפ אזא אופנ יענע טאמאָזשנע־באריערנ, וואָס דער צאריזמ האָט אויסגעשטעלט קעגנ דער דײַטשישער אײַזנ־אינדוסטריע. די גרינדונג פונ דידאָזיקע זאוואָדנ אינ צאָפנ־מײַרעוודיקנ קאנט איז צונויפגעפאלנ מיט דער צײַט, ווענ אויסלענדישער קאפיטאל איז ארײַנגעדרונגענ אינ טאָסנאָוויצ, טשענסטאָכאָוו אונ דאָמבראָווע, צוליב דיזעלביקע סיבעס. וועגנ דעמ ספעציפישנ געוויכט פונ דידאָזיקע דראָט־אונ טשוועקעס־זאוואָדנ אינ דער אלגעמיינער דראָט־אונ טשוועקעס־פּראָדוקציע פונ גאנצ רוסלאנד קענ מענ אורטיילנ לויט דעמ, וואָס אינ 1886 יאָר, ווענ עס איז פאָרגעקומענ אינ ווילנע די ערשטע באראטונג פונ פאָרשטייער פונ די 9 גרעסטע דראָט־אונ טשוועקעס־זאוואָדנ אינ רוסלאנד אפ אויסצוארבעטנ א סינדיקאט־אָפּמאכ, זעענ מיר דאָרטנ אויכ די באזיצער

[1] Брант, „Иностранные Капиталы“, ч. II. זז

פון די קאָוונער דראָט־און ־ טשוועקעס־זאוואָדן: טילמאַנס—גלאַזער און די ברידער שמידט [1].

שוין אין 1897 יאָר האָבן אפן זאוואָד פון די ברידער שמידט געאַרבעט 800 אַרבעטער.

צום באַדויערן האָבן מיר ניט קיינע ידיעות וועגן דער טעכנישער אויסשטאַטונג פון דיזאָזיקע אונטערנעמונגען. דאָס וואָלט אונדז געגעבן א מעגלעכקייט דורכצופירן א פאַרגלייך פון דיזאָזיקע אונטערנעמונגען מיט די אויבן־געשילדערטע אונטערנע־מונגען פון דער לעדער־בערשטער־טאַבאַק־און שוועבעלעך־אינדוסטריע. אין דער פיל־מאָל ציטירטער אַרבעט פון דעמבאָוויצקי געפינען מיר אָבער די באַשרייבונג פון דעם דראָט־און טשוועקעס־זאוואָד פון פּאָרעץ מיכאיל פּאָפּאָוו, אין הויף „באַראַנ", אָרשער קרייז. איידער מיר וועלן באַשרייבן דעמדאָזיקן זאוואָד, האַלטן מיר אָבער פאַר נייטיק צו מאַכן פאָלגנדיקע באַמערקונג.

אויסער אויסלענדער האָט אין די פּאָרשריטלעכע אינדוסטריע־צווייגן פון קאַנט געשפּילט זייער א גרויסע ראָלע דער אַגראַר־קאַפּיטאַל. מיר ריידן שוין ניט וועגן יענעם הויכ־אָרגאַניזירטן פּראָדוקציע־צווייג אין קאַנט, ווי די בראַנפן־פּראָדוקציע, וואָס קימאַט אויסשליסלעך פריצים האָבן אים אָרגאַניזירט [2].

אָבער אויך אין דער מעטאַל־באַאַרבעטנדיקער אינדוסטריע פון קאַנט האָבן די פריצים געשפּילט אן אַנגעזעענע ראָלע, ווי מיר וועלן באַלד זען, און אויך אין דער פּאַפּיר־אינדוסטריע, ווו די ראָלע פון די פריצים איז געווען זייער א גרויסע [3].

אויב די דייטשן האָבן אויסגענוצט אויסלענדישע קאַפּיטאַלן און אויסלענדישע טעכניק, האָבן די פריצים אַחוץ אַלעמען אויסגענוצט זייער סאָציאַלע קרוויוועשאַפט מיט דער צאַרישער מאַכט, זייער נאָענטקייט צו דער קאַזנאַ און אויך אָט דאָס, וואָס דער אינדוסטריע ־ צווייג, אין וועלכן די פריצים האָבן אומבאַגרענעצט געהערשט — די בראַנפן ־ פּראָדוקציע — האָט געהאַט א ניטאויסשעפּלעכן אָפּזאַצ־מאַרק. דאָס איז דער איינציקער אינדוסטריע־צווייג, אין וועלכן דער אָפּזאַץ פון פּראָדוקטן איז פאַרקערט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער אַלגעמיינער קויפ־פייִקייט פון די

---

1) זע Кафенгауз, „Синдикаты в русской железной промышленности"

2) פון הונדערט עלף זאוואָדן אין מינסקער גוב., סאָף 80־ער יאָרן, האָבן געהערט צו פריצים 83 זאַ־וואָדן, פון 77 זאוואָדן אין ווילנער גוב.—55, פון 21 זאוואָדן אין קאָוונער גוב.—21. (Субботин, цит. сочин.) אַלע 75 זאוואָדן אין מאָלעווער גוב. האָבן אין 1881 יאָר געהערט צו פריצים (Дембовецкий, цит. сочин. ч. II.). מע דאַרף אָבער צוגעבן, אז די שטאָטישע בורזשואזיע (דעריקער די יידישע) האָט עקספּלואַטירט א גרויסן טייל פון דיזאָזיקע זאוואָדן, ווי אַרענדאַטאָרן. דער טעכנישער ניוואָ פון דיזאָזיקע אונטערנעמונגען איז געווען זייער א הויכער. אין 1892 יאָר זיינען געווען אפ 406 בראַנפן־זאוואָדן פון צאָפן־מייִרעווודיקן קאַנט 202 דאַמפּ־מאַשינעס פון 1879 קראַפט, 207 דאַמפּ־קעסלען, און 132 וואַסער־מאָטאָרן. אַרבעטער אפ דיזאָזיקע זאוואָדן זיינען געווען, לויט אָפיציעלע ידיעות—3141 מאַן.

אַלזאָ, איין דאַמפּ־מאַשין איז אויסגעקומען אפ 15,5 אַרבעטער, און אויב מע זאָל רעכענען אויך די וואַסער־מאָטאָרן, וועט אויסמאַכן איין מאָטאָר אפ 9,3 אַרבעטער. אין דער טאַבאַק־אינדוסטריע איז, ווי מיר האָבן געזען, איין דאַמפּ־מאַשין אויסגעקומען אפ 1278 אַרבעטער.

3) איין פּאַפּיר־פאַבריק פון פירשט פּאַסקעוויטש האָט אויסגעאַרבעט אין סאָף 90־ער יאָרן פאַר 1785 טויזנט רוב. סכוירעס—50 פּראָצ. פון דער גאַנצער פּאַפּיר־פּראָדוקציע אין קאַנט.

פּאָלק־מאסנ: וואָס גרעסער עס איז די אָרעמקייט צווישנ די לעצטע, אלצ בעסער איז געזיכערט דער אָפּזאצ פונ בראנפנ [1].

איצט וועלנ מיר איבערגייענ צו דער באשרײַבונג פונ דעמ דראָט־אונ טשוועקעס־זאוואָד פונ דעמ פּאָרעצ פּאָפּאָוו, אָנהייב די 80־יאָרנ. מע דארפ זאָגנ, אז דערדאָזיקער זאוואָד איז לויטנ פארנעמ פונ ד'ער פּראָדוקציע געווענ אסאכ קלענער פונ זאוואָד טילמאנס־גלאזערס. דער אומזאצ פונ דעמדאָזיקנ זאוואָד האָט דערגרייכט אינמיטנ פונ די 80־ער יאָרנ אינגאנצנ א סומע פונ 100.000 רוב, אינ דערזעלבער צײַט האָט דער יערלעכער אומזאצ פונ טילמאנס זאוואָד דערגרייכט א סומע פונ 315 טויזנט רוב. דאָכ קענ אָבער אָט דער זאוואָד, וואָס זײַנ גרונט־קאפּיטאל האָט אינ יענע יאָרנ דערגרייכט א סומע פונ 50.000 רוב., געבנ אונדז א פאָרשטעלונג וועגנ דער טעכנישער אָרגאניזאציע פונ דער מעטאל־באארבעטנדיקער אינדוסטריע אינ קאנט.

„דער גאנצער מעכאניזמ פונ זאוואָד ווערט געבראכט אינ באוועגונג דורכ דרײַ וואסער־רעדער פונ דער סיסטעמ „פּאָנסלע" פונ הונדערט פערד־קראפט. ער באשטייט פונ אסאכ פארשיידנארטיקע מאשינעס אונ אפּאראטנ, וואָס זײַנען דאָסראָוו אויסגעשריבנ געוואָרנ פונ וועסטפאליע. אינ באשטאנד פונ מעכאניזמ גייענ ארײַנ: 23 דראָט־פויקנ, וועלכע קאָסטנ פונ 150—350 יעדערער, 19 טשוועקעס־מאשינעס, וואָס קאָסטנ פונ 350—1500 רוב. זעקס פּאָליר־מעכאניזמענ, צוויי טאָקער־ווארשטאטנ, איינער פאר האָלצ, קאָסט הונדערט רוב. דער אנדערער פאר מעטאל, קאָסט 1000 רוב. א הובל־מאשינ קאָסט 800 רוב., אנ עגבער־מאשינ—100 רוב. אכוצ דעמ זײַנענ פאראנ אפנ זאוואָד 10 קעסלענ אפ אויסצוגלײַכנ די דראָט, צענ קעסלענ צו ברענענ די דראָט אונ איינ דאמפּ־קעסל אפ אָנצוווארעמענ די קעסלענ אונ באהייצנ דעמ זאוואָד... די אײַזנ קויפט דער באזיצער אויסשליסלעכ אינ וועסטפאליע, פונוואנענ די אײַזנ ווערט צוגעשטעלט מיטנ יאמ קיינ ריגע אונ ליבאווע" [2]

וועגנ דער טעכנישער אָרגאניזאציע אינ דעמדאָזיקנ אינדוסטריע־צווײַג קענ מענ נאָכ אורטיילנ לויט פאָלגנדיקעס:

אפ אלע 17 זאוואָדנ פונ דער מעטאל־באארבעטנדיקער אינדוסטריע זײַנענ געווענ אינ 1888 יאָר 15 דאמפּ־מאשינעס פונ 885 קראפט אונ 6 דאמפּ־מאָטאָרנ פונ 57 קראפט. אינגאנצנ זײַנענ געווענ ארבעטער אפ דידאָזיקע זאוואָדנ 1545 מאנ. אלזאָ, איינ־דאמפּ מאשינ איז אויסגעקומענ אפ 103 ארבעטער, אונ אויב מענ זאָל רעכענענ אויכ די וואסער־מאָטאָרנ, וועט זיכ באקומענ איינ מאָטאָר אפ 73,5 ארבעטער אָדער איינ קראפט אפ 1,6 ארבעטער.

מענ דארפ אָבער נעמענ אינ באטראכט, אז די ציפער וועגנ דער צאָל ארבעטער אינ דער מעטאל־באארבעטנדיקער אינדוסטריע אונ, זאָלנ מיר זאָגנ, אינ דער לעדער־אינדוסטריע, כאָטש זיי זײַנענ גענומענ פונ איינער אונ דערזעלביקער קוועלע (אָפיציעלע יעדיעס), שפּיגלענ דאָכ ניט אָפּ מיט דעמזעלביקנ גראד ריכטיקײַט די עמע־

[1]) וואָס עס איז שײַעכ ספּעציעל די פוילישע פריצימ, האָבנ די שוועריקײַטנ, אפ וועלכע זיי האָבנ זיכ אָנגעשטויסנ באמ קויפנ ערד (אדאנק דער נאציאָנאלער פּאָליטיק פונ צאריזמ), געמוזט שטויסנ זיי צו אינוועסטירנ א טייל פונ זייערע קאפּיטאלנ אינ דער אינדוסטריע.

[2]) Дембовецкий, цит сочинен.

סע צאָל ארבעטער אינ יעדנ פונ דידאָזיקע אינדוסטריע־צווייַגנ. אינ דער צייַט, ווענ אינ דער מעטאל־באארבעטנדיקער אינדוסטריע האָבנ מיר צו טאָנ מיט זאוואָדנ אינ אייגנטלעכנ זינענ פונ וואָרט, איז אינ דער גארבער־אינדוסטריע, ווי מיר האָבנ געזענ, געווענ דאָמינירנדיק די מאנופאקטור, ווענ אינ דער שפּיצ פונ דער פּראָדוקציע שטייט איינע אָדער עטלעכע גרעסערע אונטערנעמונגענ, וואָס זייַנענ ארומגערינגלט מיט קליינע קוסטארישע ווארשטאטנ. דידאָזיקע קליינע ווארשטאטנ זייַנענ ניט איינגעשלאָסנ אינ דער צאָל „פאבריקנ״, וואָס זייַנענ פארעגיסטרירט אינ די אָפיציעלע מאטעריאלנ. דערפאר איז די צאָל ארבעטער אינ אזא אינדוסטריע־צווייַג, ווי לעמאָשל, די גארבער־אינדוסטריע, אפּ וועלכער (די צאָל) עס קומט אויס איינ דאמפּ־מאשינ, געווענ פאקטיש אסאכ גרעסער.

אינ 1892 יאָר זייַנענ אפּ אלע 20 זאוואָדנ פונ דער מעטאל־באארבעטנדיקער אינדוסטריע אינ ווייַסרוסלאנד געווענ 20 דאמפּ־מאשינעס פונ 1035 קראפט, 9 וואסער־מאָטאָרנ פונ 148 קראפט אונ 9 דאמפּ־קעסלענ. אינגאנצנ זייַנענ אפּ די דערמאָנטע זאוואָדנ געווענ 1800 ארבעטער אזוי, אז איינ דאמפּ־מאשינ איז אויסגעקומענ אפּ 90,4 ארבעטער אונ, אויב מענ זאָל רעכענענ אויכ די וואסער־מאָטאָרנ, וועט זיכ באקומענ איינ מאָטאָר אפּ 62,4 ארבעטער. אינ פארגלייַכ מיט 1888 יאָר—א באדייַטנדיקער וווקס.

ווי גרויס איז געווענ דער אָנטייל פונ דער אָרטיקער שטאָטישער בורזשואזיע אינ דעמדאָזיקנ הויכ־אָרגאניזירטנ אינדוסטריע־צווייַג?

א נישטיקער אָנטייל. צווישנ די באזיצער פונ די מעטאל־באארבעטנדיקע זאוואָדנ שטייענ אפּנ ערשטנ אָרט דייַטשנ־אויסלענדער [1]), וועלכע באזיצנ די גרעסטע זאוואָדנ, נאָכ זיי גייענ די פּריצים [2]) אונ אפּנ לעצטנ אָרט שטייענ די באזיצער פונ דער אָרטיקער שטאָטישער בורזשואזיע. [3]) נאָר איינ זאוואָד פונ די, וואָס געהערנ דער אָרטיקער שטאָטישער בורזשואזיע, דערגרייכט מער אָדער ווייניקער גרעסערע מאסשטאבנ (דער זאוואָד פונ יאקאָבסאָנ אונ ליפשיצ אינ מינסק), אָבער ערשט אטאכ שפּעטער, שוינ אינ 20־טנ י. (אינ 1914 יאָר—350 ארבעטער); אינ סאָפּ 80־ער יאָרנ זייַנענ אפּ דעמ זאוואָד געווענ באשעפטיקט אינגאנצנ 25 ארבעטער. געווענ נאָכ איינ נישקאָשעדיקער מעטאל־באארבעטנדיקער זאוואָד אינ די הענט פונ דער אָרטיקער בורזשואזיע—דער זאוואָד פונ די ברידער פרומקינ (1885 יאָר—60 ארבעטער), אָבער דאָס איז געווענ אנ ארענדירטער זאוואָד, וואָס איז געגרינדעט געוואָרנ אונ איז אויכ געווענ דאָס אייגנטום פונ גראפ טישקעוויטש.

---

[1]) דער טשוועקעס־אונ שרויפ־זאוואָד פונ טילמאנס־גלאזער, 1885 י.—220 ארבעטער; דער מעכאנישער זאוואָד פונ דראָט־ אונ אייַזנ־אויסארבעטונגענ „וועסטפאליא״ פונ די ברידער שמידט 1885 י.—265 ארבעטער. (1897 יאָר—800 ארבעטער). טשוהונ־אונ מעכאנישער־זאוואָד „מינערווא״ פונ רעקאָש 1885 י.—100 ארבעטער. דער רוסיש־דייַטשישער זאוואָד פונ פּאָדקאָווע־טשוועקעס פונ פאסעל אונ קאָמפּ. 1885 י.—80 ארבעטער.

[2]) נאָדל־פאבריק „ליקסנא״ פונ גראפ פּלאטער־זיבער 1885 יאָר—80 ארבעטער, קאָוונער גובערנע, פונ לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס, פּאָרזיצער פונ דער פארוואלטונג—פירשט וואסילטשיקאָוו, מיטגלידער—גראפ זאבעלא, גראפ קאָרווי־קאָסאקאָווסקי אונ אנד.; דראָט־אונ טשוועקעס־זאוואָד פונ לאזארייעוו (געוועזענער זאוואָד פונ מיכאיל פּאָפּאָוו); מעכאנישער זאוואָד פונ טעלעגראפ־דראָט אונ טשוועקעס פונ דעמ גראפ טישקעוויטש, אינ 1885 יאָר—60 ארבעטער.

[3]) דאָס זייַנענ אייגנטלעכ ניט קיינ זאוואָדנ, נאָר, ווי מיר האָבנ שוינ געזענ, מאנופאקטורנ (לעווינטאָוו, בערלינ. גרינבערג. פּומפּיאנסקי).

| | | מינסק. גוב. | | ווילנער גוב. | | קאָוונער גוב. | | גראָדנער גוב. | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | מינסק און קרייז | די גאנצע גוב. | ווילנע און קרייז | די גאנצע גוב. | קאָוונע און קרייז | די גאנצע גוב. | גראָדנע און קרייז | ברעסט און קרייז | די איבעריקע קרייזן | באזונדער ביאַ־ליסטאָק און קרייז |
| צאָל פון יידישע סאָכרים. | אבסאָליוטע צאָל | 168 | 563 | 286 | 215 | 141 | 294 | 103 | 142 | 637 | 267 |
| | % פון דער אַל־געמיינער צאָל | 88 | 87,8 | 77 | 86 | 80,6 | 81,7 | 80 | 85 | 84 | 78,5 |
| אומזאַץ אין 1000־טער רובל. | אבסאָליוטע סומע | 8334 | 8895 | 8531 | 1126 | 14741 | 8271 | 1426 | — | 862 | 4548 |
| | % פון דער אַל־געמיינער סומע | 95 | 91 | 67 | 88 | 95,9 | 95,4 | 87 | — | 63 | 55 |
| דער גאנצער רעווען פון די יידישע סאָכרים אין 1000־טער רובל | אבסאָליוטע סומע | 240,5 | 718,3 | 369 | 106 | 362 | 580 | 97 | — | 637 | 283 |
| | % פון דער אַל־געמיינער סומע | 92 | 88,9 | 72 | 76 | 88 | 91 | 82 | — | 70 | 60 |

(А. Субботин. По черте оседлости, вып. I и II לויט צוזאַמענגעשטעלט)

אלזאָ, די ראָלע פון דער אָרטיקער שטאָטישער בורזשואזיע אין דעמדאָזיקן אינ־דוסטריע־צווייַג איז געווען זייער א נישטיקע. אין דערזעלביקער צייַט האָט אָבער די דאָזיקע בורזשואזיע, ווי מיר האָבן שוין געזען, אין סאָף 19־טן און אָנהייב 20־טן י. ה. באוויזן צו באהערשן א גאנצע רײ אינדוסטריע־צווייַגן, ווי צ. ב. גארבערייַ, כאזער־האָר, טאבאק, שוועבעלעך און אנד. צווייַגן, [1]) וואָס האָבן געטראָגן דעם כא־ראקטער אָדער פון הויז־אינדוסטריע, אָדער פון אייגנטלעכער מאנופאקטור, ד. ה., די אָרטיקע שטאָטישע בורזשואזיע האָט פון אירע רייען ארויסגעגעבן דעריקער מא־נופאקטוריסטן פון אלע מינים.

ווי זשע איז געווען דער נאציאָנאלער באשטאנד פון דער אָרטיקער שטאָ־טישער בורזשואזיע אין ווייַסרוסלאנד פון וועמעס רייען עס זייַנען ארויסגעגאנגען די אלע מאנופאקטוריסטן? אן ענטפער אף דער פראגע גיט די טאבעלע אף זייַט 48.

אלזאָ, אין די שטעט פון ווייַסרוסלאנד האָבן אָנהייב 90־ער יאָרן די ייִדי־שע סאָכרים פארנומען די דאָמינירנדיקע לאגע צווישן דער האנדל־בורזשואזיע פון קאנט. נאטירלעך, אז זי האָט אויך געליפערט די דאָמינירנדיקע צאָל מאנופאק־טוריסטן פון אלע מינים. דערפאר הערשט טאקע די ייִדישע בורזשואזיע אין דער גארבער־, בערשטער־, טאבאק־ [2]), שוועבעלעך־, קאָנפעקציע־אינדוסטריע, און ווי מיר וועלן באלד זען, אויך אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע, אף וויפל די לעצטע האָט געטראָגן א כאראקטער פון דער סיסטעם פון הויז־אינדוסטריע אָדער מאנופאקטור.

מיר האָבן שוין געזען, וואָס פאר א ראָלע עס האָט געשפּילט אין דער טעק־סטיל־אינדוסטריע דער אויסלענדישער קאפּיטאל. אין פארגלייַך מיט דעם איז די ראָלע פון דער ייִדישער בורזשואזיע אין דעמדאָזיקן אינדוסטריע־צווייַג געווען זייער א נישטיקע. פון 300 קליינע האנט־וועבערייַען האָבן דרייַ פערטל געהערט צו ייִדישע אונטערנעמער און איין פערטל—צו דייַטשן. אין ביאליסטאָק האָבן אין 1887 יאָר געהערט צו ייִדישע אונטערנעמער 60 טוך־פאבריקן, אָבער דאָס זייַנען געווען קליינע פאבריקן: 15—מיט אן אומזאַץ ווייניקער פון 5000 רוב., 23—מיט אן אומזאַץ פון 5־10 טויזנט רוב., 13—מיט אן אומזאַץ פון 15־25־40 טויזנט רוב. נאָר 9 מיט אן אומזאַץ העכער פון 50 טויזנט רוב. אזוי אומבאדייַטנדיק זייַנען אויך געווען די טוך־פאבריקן, וואָס האָבן געהערט די ייִדישע קאפּיטאליסטן ארום ביאליסטאָק, וואָס עס איז צו זען פון פאָלגנדיקער טאבעלע:

| | | צאָל אונטערנעמונגען | צאָל ארבעטער ייִדן, ניטייִדן | אומזאַץ אין 1000־ער רוב. |
|---|---|---|---|---|
| טוך | ביאליסטאָק . . . . . | 60 | 449—774 | 1166 |
| | זאבלודאָווע . . . . . | 8 | — | 118 |
| | האָראָדאָק . . . . . | 14 | — | 512 |
| | מיכאל. ניזבודקי . . . | 11 | — | 63 |
| | קנישין . . . . . . | 16 | — | 344 |
| ביא־ליסטאָק | שפּינערייַ . . . . . | 4 | 117—101 | 200 |
| | פארבערייַ און אפּרעטור . | 4 | 95—88 | 190 |
| | טיכער, שארפן . . . . | 9 | 123—276 | 238 |
| | קאָלדרעס . . . . . | 2 | 25—27 | 60 |

[1]) אויך אין דער וואלד־אינדוסטריע האָט די אָרטיקע בורזשואזיע געהערשט, אָבער די זעג־מילן זייַנען אויך געווען געוויינלעך ניט קיין באדייַטנדיקע אונטערנעמונגען.

[2]) אין גראָדנע געפינען מיר אין 1886 יאָר 23 טאבאק־אונטערנעמונגען מיט א פּראָדוקציע אף א סומע פון 650 טויזנט רוב. פון דידאָזיקע אונטערנעמונגען זייַנען צוויי גרויסע טאבאק־פאבריקן מיט א

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0028-0053 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

אביסל גרעסער זײַנען די שפּינערײַען און די אפּרעטור־אונטערנעמונגען, אָבער
אויך זיי קענען זיך ווײַט ניט פאַרגלײַכן מיטן מאַסשטאַב פון די אונטערנעמונגען פון
די דײַטשן, וואָס זײַנען געווען אויסגעשטאַט מיט מאַשינעס פון די בעסטע קאָנ־
סטרוקציעס. וועגן דער עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע, אפּ
וויפל זי איז באַהערשט געווען דורך דער ייִדישער בורזשואַזיע, קען געבן א פאָ־שטעלונג
פאָלגנדיקע סובאָטינס שילדערונג: „דער גרעסטער טייל פון טוך קומט אָן פון פאַבריק
אין די סקלאַדן פון די ספּעציעלע סאָכרים, וועלכע זײַנען צום גרעסטן טייל ייִדן; אַזוינע
סקלאַדן זײַנען פאַראַן ביז 60, ניט רעכענענדיק די קליינע אופקויפער — ספּעקוליאַנטן.
די טוך באַקומט דער באַזיצער פון סקלאַד אפּ באַדינגונגען מער אָדער ווייניקער
גינסטיקע פאַרן פאַבריקאַנט. פאַר דעם קליינעם פאַבריקאַנט, וועלכער נייטיקט זיך אין
מעזומאָנים, זײַנען די באַדינגונגען אַסאַך באַלאַסטנדיקערע, ווי פאַר דעם גרויסן. די
באַזיצער פון די האַנט־וועבערײַען געפינען זיך זייער אָפט אין פולשטענדיקער אָפּ־
הענגיקייט פון דעם סקלאַד־באַזיצער, פאַרוואַנדלענדיק זיך פאַקטיש אין זײַנע אַרבע־
טער; זיי גיבן אים אָפּ די טוך לויט א פּרײַז, וועלכן ער באַשטימט, וואָס איז אַסאַך
נידעריקער פאַר דעם פּרײַז, וואָס עס באַקומען די ווייניקער אָפּהענגיקע פאַבריקאַנטן...
די קליינע מײַסטערס, דאָס רוב ייִדן, פאַלן אַרײַן אָפּטמאָל אין אַן עמעסער פאַר־
קנעכטונג צו זייערע קאָמפּאַטריאָטן — קליינע סקלאַד־באַזיצער, וועלכע פאַרזאָרגן זיי
מיט רוי־שטאָף און אָפּטמאָל אויך מיט אומזאַץ־קאַפּיטאַל, דיקטירן זיי די באַדינגונ־
גען און די פּרײַזן, צונעמענדיק פאַר זיך דעם גרעסטן טייל רעווען... עס פּאַסירט,
אַז די פאַרשולדיקטקײַט פון דעם באַזיצער פון אַזאַ האַנטוועבערײַ דערגרייכט שוין אַזאַ
גראַד, אַז דאָס פאַבריקל גייט איבער פאַר די כויוועס אין די הענט פון דעם סויכער —
דעם באַזיצער פון סקלאַד“ (זע סובאָטינס ציטירט ווערק, 2־טער טייל, ז. 49־50).

קיין וווּנדער ניט, וואָס אפּ דעם באָדן איז דאָ אויך אויסגעוואַקסן דער אינסטי־
טוט פון פאַרמיטלער. צום אָנהייב פון די 90־יאָר זײַנען אין ביאַליסטאָק אַליין גע־
ווען איבער 200 פאַרמיטלער, אויסשליסלעך ייִדן [1]. וועגן דער אַנטשטייונג און דער
טעטיקײַט פון די פאַרמיטלער דערוויסן מיר זיך פאָלגנדיקעס: „אין די 60־ער יאָרן,
ווען די צאָל אַרבעטער, וואָס פלעגן אָנקומען פון פּוילן און דײַטשלאַנד, האָט זיך
פאַרקירצט און די אָפּזאַץ־מערק האָבן זיך פאַרברייטערט, האָבן די פאַבריקאַנטן, קעדיי
זיך צו פאַרשאַפן אַרבעטער, פאָרגעלייגט די מער געניטערע אַרבעטער פאָלגנדיקעס:
נעמען עטלעכע ייִנגלעך, אויסלערנען זיי די מעלאָכע און צוזאַמען מיט זיי אויסאַר־
בעטן די סכוירע לויט זײַן באַשטעלונג. אפּ אַזאַ אופן האָט זיך דער אַרבעטער פאַר־
וואַנדלט אין א פאַרמיטלער. דעם לערן־ייִנגל פלעגט ער אויסצאָלן זייער ווייניק,

פּראָדוקציע פון 470 טויזנט רובל. אין די הענט פון די ייִדישע קאַפּיטאַליסטן. אין ווילנע (אין דעמזעלביקן
יאָר) האָט פון 3 טאַבאַק־פאַבריקן מיט א פּראָדוקציע פון 388 טויזנט רובל. איינע מיט א פּראָדוקציע פון 150
טויזנט רובל. געהערט צו א ניטייִדישן קאַפּיטאַליסט, די איבעריקע צוויי מיט א פּראָדוקציע פון 238 טויזנט רובל.
האָבן געהערט צו ייִדישע קאַפּיטאַליסטן. אין קאָוונע (אין דעמזעלביקן יאָר) געהערן צו ייִדישע קאַפּיטאַ־
ליסטן 6 טאַבאַק־פאַבריקן מיט א פּראָדוקציע פון 500 טויזנט רובל. אין ביאַליסטאָק (אין דעמזעלביקן
יאָר) — 4 טאַבאַק־פאַבריקן מיט אַן אומזאַץ פון 140 טויזנט רובל, אין מינסק — 7 טאַבאַק־פאַבריקן מיט א
פּראָדוקציע פון 400 טויזנט רובל.

[1] זע דעם באַריכט פון ביאַליסטאָקער ס״ד־דעמ. קאָמיטעט דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון די
שפּינער און וועבער אין בערלין 1900 יאָר (זאַמלבוך „25 יאָר“).



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0028-0054 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

פאַרדינענדיק פונ יעדערנ 15 רוב. א מאָנאַט. צוליב פאַרדינסט האָבנ זיך אסאַך אַר־בעטער געווענדעט צו פאַרמיטלערײַ אונ די צאָל פאַרמיטלער איז געוואַקסנ... ביז איצט ווענדנ זיך צו זיי פאַבריקאַנטנ, וועלכע ווילנ ניט אויסגעבנ קיינ געלט אַפּ פאַרברייטערנ די פאַבריק אונ אַפּ צו קויפנ נײַע וואַרשטאַטנ" [1]).

אזוי איז געווענ די לאַגע צום סאָפּ פונ די 80־ער יאָרנ. צום סאָפּ 90־ער י., זײַנענ פאָרגעקומענ אייניקע ענדערונגענ, וואָס עס איז צו זענ פונ פאָלגנדיקער טאַבעלע:

| | 1887 יאָר. [2]) | | | 1897 יאָר. [3]) | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | צאָל פאַבריקנ | צאָל ארבעטער | דורכשניט. פראָדוקציע | צאָל פאַבריקנ | צאָל ארבעטער | דורכשניט. פראָדוקציע |
| טוך־פאַבריק . . . . | 109 | ? | 20.000 | 260 | 4408 | 16.000 |
| שפּינערײַענ . . . . | 4 | 218 | 50.000 | 9 | 278 | 67.000 |
| פאַרבערײַ אונ אַפּרעטורנ | 4 | 183 | 47.500 | 6 | 38 | 23.700 |

פונ דערדאָזיקער טאַבעלע איז צו זענ, אז די צאָל טוך־פאַבריקנ, שפּינערײַענ אונ פאַרבערײַענ, וואָס האָבנ געהערט צו ייִדישע אונטערנעמער, האָט זיך פאַרגרעסערט: טוך־פאַבריקנ פונ 109 ביז 260, שפּינערײַענ—פונ 4 ביז 9, פאַרבערײַענ—פונ 4 ביז 6. אָבער גלײַכצײַטיק זײַנענ די אונטערנעמונגענ קלענער געוואָרנ (אויסער די שפּינע־רײַענ, ווו דער דורכשניט פונ דער פראָדוקציע האָט זיך אביסל פאַרגרעסערט). אויב סאָפּ 80־יאָרנ האָט דער דורכשניט פונ דער פראָדוקציע־סומע אַפּ א ייִדישער טוך־פאַבריק אויסגעמאַכט 20.200 רוב. האָט ער אינ סאָפּ 90־יאָרנ אויסגעמאַכט 16.000 ר. אויב דער דורכשניט פונ דער פראָדוקציע־סומע אינ א פאַרבערײַ סאָפּ 80־ער יאָרנ האָט אויסגעמאַכט 47½ טויזנט רוב., האָט ער סאָפּ 90־ער יאָרנ אויסגעמאַכט 23,7 טויזנט רוב. דערבײַ האָט זיך פאַרגרעסערט די אלגעמיינע פראָדוקציע פונ די אונטערנעמונגענ, וואָס האָבנ געהערט צו די ייִדישע קאַפּיטאַליסטנ. דאָ האָט זיך אויסגעדריקט דער אינדוסטריעלער אופבלי פונ די 90־ער יאָרנ.

וואָס עס איז שײַעך דער פאַרגרעסערונג פונ די צאָל אונטערנעמונגענ, דאַרפ מענ דאָס דערקלערנ אויך דערמיט, וואָס די 90־ער יאָרנ האָבנ געגעבנ א קלאַפּ אי־בער דעם אינסטיטוט פונ פאַרמיטלער. די דערפאָלגרײַכע שטרײַק־באַוועגונג פונ די טעקסטיל־ארבעטער אינ די 90־ער יאָרנ, אינ וועלכער דער קאַמפּ קעגנ דעם אינ־סטיטוט פונ די פאַרמיטלער האָט פאַרנומענ אנ אָנגעזעענעמ אָרט, האָט געבראַכט צו דער ליקווידירונג פונ א גאָר גרויסער צאָל פאַרמיטלער, וואָס זײַנענ אריבערגעגאַנ־גענ אַפּ דער פאַבריק אלס ארבעטער. אינ דערזעלביקער צײַט האָט שוינ די פאַברי־קאַנטנ נים אזוי געלוינט זיך צו ווענדנ צומ פאַרמיטלער, אַפּ וויפל די ארבעטער איז

[1]) אויך דאָרטנ.

[2]) צוזאַמענגעשטעלט אַפּנ סמאַך פונ די ציפערנ אינ סובאָטינס בוך, 1־טער טייל.

[3]) צוזאַמענגעשטעלט אַפּנ סמאַך פונ די דאַטעס אינ דעמ זאַמלבוך פונ „יעקאָ", ב. 2.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

געלונגענ, אדאנק די שטרײַקנ, באַדײַטנדיק אופצוהייבנ דעם ארבעטלוינ. אזוי איז צ. ב. נאָכ דעם שטרײַק אינ 1899 יאָר „די צאָל פונ פארמיטלער אינ ביאַלי־סטאָק געפאלנ ביז 30־40 מאנ, אונ 200 שטולנ זײַנענ אריבערגעגאנגענ פונ זיי צו די פאבריקנ“ (זע דעם באריכט פונ דעם ביאַליסטאָקער ס.ד.־קאָמיטעט אפנ אינטערנא־ציאָנאלנ קאָנגרעס פונ די שפינער אונ וועבער אינ בערלינ אינ 1900 יאָר).

אלזאָ, אינ סאָפ 90־ער יאָרנ איז די צאָל אייגנטלעכע מאנופאקטורנ אויסגעוואקסנ אפנ כעשבנ פונ דער סיסטעם פונ הויז־אינדוסטריע.

מיר רעזיומירנ:

די קאָלאָניִאלע פאָליטיק פונ צאריזמ לעגאבע ווײַסרוסלאנד האָט שטארק פארשמע־לערט די באזע פונ אקומוליאציע. א באַדײַטנדיקער טייל פונ דער אָרטיקער שטאָטי־שער בורזשואזיע איז געזעסנ פעסט אינ האנדל אונ אינ וואָכערײַ. יענער טייל פונ איר, וואָס האָט באהערשט די פראָדוקציע, האָט רעפּרעזענטירט א נידעריקע, אָפּגעשטאנענע טעכניק, צומ אונטערשייד פונ דעמ אויסלענדישנ קאפּיטאל אונ פונ די פריצימ, וואָס האָבנ רעפּרעזענטירט א הויכע טעכניק.

אפ וויפל דער גרונט־טייל פונ דער אָרטיקער שטאָטישער בורזשואזיע איז געווענ די יִדישע בורזשואזיע, האָט זי אויכ געהערשט אינ די סאמע אָפּגעשטאנענע פראָדוקציע־צווײַגנ אינ קאנט: אינ דער גארבערײַ, כאזער־האָר אונ טעקסטיל־אינדוסטריע. דערבײַ האָט אינ דער טעקסטיל־אינדוסטריע, אפ וויפל זי איז געווענ אינ די הענט פונ דער יִדישער בורזשואזיע, דאָמינירט צומ אָנהייב פונ די 90־ער יאָרנ די מאנופאקטור.

אינ דער טאבאק־אונ שוועבעלעכ־אינדוסטריע האָט שוינ צומ אָנהייב פונ די 90־ער יאָרנ דאָמינירט די אייגנטלעכע מאנופאקטור. צומ אָנהייב פונ די 900־ער יאָרנ בא־מערקט זיכ אינ דידאָזיקע אינדוסטריע־צווײַגנ אנ איבערגאנג פונ מאנופאקטור צו פאבריק.

אינ דער פּראָדוקציע פונ קליידער אונ אינ דער פראָדוקציע פונ לעדער־אויסארבע־טונגענ, אינ דער באארבעטונג פונ האָלצ אונ מעטאל—אינ דידאָזיקע אלע פראָדוקציע־צווײַגנ האָט צומ אָנהייב פונ די 90־ער יאָרנ דאָמינירט די האנטווערקערײַ אונ קוסטא־רערײַ (אינ דער מעטאל־באארבעטונג זײַנענ אויכ געווענ אייניצלנע מאנופאקטורנ), ניט געקוקט דערופ, וואָס א קליינער טייל פונ די ווארשטאטנ ארבעטנ שוינ פארנ מאגאזינ אונ שטעלנ מיט זיכ אייגנטלעכ פאָר די סיסטעמ פונ הויז־אינדוסטריע. די הויז־אינדוסטריע אונ די איינפאכע קאָאָפעראציע מאכנ א גרויסנ טריט אינ די 90־ער יאָרנ אָבער, צומאָנהייב פונ די 900־ער יאָרנ האָט דער מער באַדײַטנדיקער טייל פונ דידאָזיקע אלע פראָדוקציע־צווײַגנ אופגעהיט דעמ האנטווערקעריש־קוסטא־רישנ כאראקטער.

אפ אזא אויפנ, אפ וויפל די אָרטיקע שטאָטישע בורזשואזיע בִיכלאל אונ די יִדישע בורזשואזיע ביפראט האָט צו יענער צײַט באהערשט די פראָדוקציע, האָט זי פאָרגעשטעלט א נידעריקע אָפּגעשטאנענע טעכניק. די פאָרשטייער פונ א הויכ־אנט־וויקלטער טעכניק אינ קאנט זײַנענ געווענ, פונ איינ זײַט, דער אויסלענדישער קא־פּיטאל, פונ דער אנדער זײַט—דער אגראר־קאפּיטאל.

דאָס איז דאָ נייטיק צו אונטערשטרײַכנ, ווײַל, ווי מיר וועלנ זענ ווײַטער, איז דער יִדישער ארבעטער געווענ באשעפטיקט קימאט אויסשליסלעכ אפ אונטערנעמונ־

גענ, וועלכע האָבנ געהערט צו ייִדישע קאפּיטאליסטנ.[1] דער אינהאלט אונ די פאָרמע פונ קאמפ פונ ארבעטער־קלאס ווערט אָבער באשטימט דורכ זייַנע עקזיסטענצ־באדינגונגענ אינ דער בורזשואזער געזעלשאפט אונ די לעצטע (די עקזיסטענצ־באדינגונגענ) — דורכ די באדינגונגענ פונ דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציע. דערפאר איז פריִער פונ אלצ נייטיק, קעדיי ריכטיק צו פארשטיינ דעמ אינהאלט אונ פאָרמע פונ קאמפ פונ די ייִדישע ארבעטער אינ יענער צייַט, פעסטצושטעלנ, וואָס האָט פאָרגעשטעלט מיט זיכ די אונטערנעמונג, אפ וועלכער עס איז געווענ באשעפטיקט דער ייִדישער ארבעטער. דער פריִערדיקער אנאליז אנטהאלט, לויט אונדזער מיינונג, אנ ענטפער אפ דערדאָזיקער פראגע.

[1] דאָס הייסט ניט, פארשטייט זיכ, אז ייִדישע קאפּיטאליסטנ האָבנ עקספּלואטירט נאָר ייִדישע ארבעטער. ייִדישע ארבעטער זייַנענ געווענ באשעפטיקט דעריקער בא ייִדישע קאפּיטאליסטנ; אָבער ייִדישע קאפּיטאליסטנ האָבנ באשעפטיקט אויכ ניט־ייִדישע ארבעטער.

# די אויסבילדונג פון ייִדישע ארבעטער און זייער באשטאנד.

## דאָס פעלן פון ייִדישע ארבעטער אין דער גרויסער פאבריק־זאוואָדישער־אינדוסטריע. די סיבעס.

די ייִדישע ארבעטער אין ראַיאָן פון תחום ביכלאל און ווײַסרוטלאנד ביפראט זײַנען געווען קאָנצענטרירט דעריקער אין די האנטווערקערישע פּראָדוקציעס און אין די מאנופאקטורן; אפ אונטערנעמונגען מיט א מאשינ־פּראָדוקציע האָט מען זיי געטראָפן זעלטן. די דערמאָנטע זאמלביכער וועגן דער עקאָנאָמישער לאגע פון די ייִדן אין רוסלאנד, ארויסגעגעבן פון ייק״אָ, באווײַזן עס גענוג איבערצײַגנדיק. די לאגע האָט זיך ניט געענדערט אין דעם פראט אויך שפּעטער. די רעשימעס פון די ארבעטער פון א גאנצער ריי אונטערנעמונגען אין מינסקער גוב. פארן 1904 יאָר, וואָס מיר האָבן געפונען אין ארכיוו פון פאבריק־אינספּעקטער פון מינסקער גוב. [1] חײַזן דעמזעלביקן בילד. אזוי זײַנען געווען באשעפטיקט אפ די מאשינען־בוי־זאוואָדן (וואָקזאלנער) פון יאקאָבסאָן און ליפשיץ אין מינסק, אין 1904 יאָר, 89 ניט־ייִדישע ארבעטער און 5 ייִדישע; אפ דעם אנדער מאשינען־בוי־זאוואָד (קאָשארער) פון דערזעלביקער פירמע אין מינסק זײַנען געווען באשעפטיקט 168 ניט־ייִדישע און 9 ייִדישע ארבעטער; אפ דעם מעכאנישן און טשוהון־זאוואָד פון דער פירמע סוויענטאָרזשיצקי און סמעטיושעווסקי אין באָברויסק זײַנען געווען באשעפטיקט 39 ניט־ייִדישע ארבעטער, 20 ניטייִדישע לערנ־ייִנגלעך און איין ייִדישער ארבעטער. אפ דעם שיפ־בוי זאוואָד פון אָ־בריען־דע־לאסי אין פינסק זײַנען געווען באשעפטיקט 191 ניטייִדישע און 7 ייִדישע ארבעטער. אפ דעם טשוהון־און־מעכאנישן זאוואָד פון סיגיזמונד סקירמונט אין הויף „פּאָרעטשיע", פינסקער אויעזד, זײַנען די אנטשפּרעכנדיקע צאָל געווען 43 און 3, אפ דעם מאשינ־בוי־זאוואָר פון אינזשענער יאנישעווסקי—10 און 0. אן אויסנאם האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך נאָר דער מאשינען־בוי־ און טשוהון־זאוואָד „טעכנאָלאָג" אין מינסק, ווו עס זײַנען אין 1904 יאָר צווישן 139 ארבעטער געווען 91 ייִדן.

אפ אזא אויפֿן קען מען זאָגן, אז אויך שפּעטער, אין 1904 יאָר, האָט מען ייִדישע ארבעטער זייער זעלטן געטראָפן אין דער מעטאל־באארבעטנדיקער

---

[1] דידאָזיקע רעשימעס זײַנען צוליב א מיספארשטייעניש אײַנגעגנייט אין דעם איניען פון זאוואָד „לויטערבאך" מינסק, היסטאָר. ארכיוו.

אינדוסטריע, אין ווײַסרוסלאנד, ווײַל מיט אָט די אויסגערעכנטע זאוואָדן שעפּן זיך אויס די מעטאל־באארבעטנדיקע אונטערנעמונגען אין מינסקער גוב., וואָס זײַנען געשטאנען אונטער דער אויפזיכט פון דער פאבריק־אינספּעקציע. און מיר האָבן שוין געזען, אז די מעטאל־באארבעטנדיקע אינדוסטריע איז געווען איינע פון די סאמע מעכאניזירטע אינדוסטריע־צווײַגן אין ווײַסרוסלאנד.

אָבער ס׳איז נייטיק צו מאכן פאָלגנדיקע באמערקונג:

ווען מיר זאָגן, אז דער יידישער ארבעטער טרעפט זיך ניט אין די אינדוסטריע־צווײַגן מיט א מאשין־פּראָדוקציע אין ווײַסרוסלאנד, מיינען מיר נאָר צוויי אזוינע אינדוסטריע־צווײַגן: טעקסטיל־ און מעטאל־באארבעטנדיקע אינדוסטריע. דאָ פאָדערט זיך אן אויפקלערונג, פארוואָס אף דידאָזיקע אונטערנעמונגען זײַנען ניט געווען קיין יידישע ארבעטער. אויב יידישע ארבעטער האָבן געפעלט אף אזוינע מעכאניזירטע אונטערנעמונגען, ווי בראנפן־זאוואָדן לעמאָשל, וואָס זײַנען געווײנטלעך געלעגן אויסער די שטעט — אין די דערפער און אין די הויפן — איז די סיבע דערפון, פארשטייט זיך, וואָס צווישן יידן איז ניט געווען קיין פויערטום און דער טכום האָט געשטערט די יידן צו קומען אין דאָרף. די ארבעטער אף דידאָזיקע זאוואָדן פלעגן זיך רעקרוטירן געווײנטלעך פון די פויערים פון דעמזעלביקן הויף אָדער פון דעמזעלביקן דאָרף. אפילע אין פאל פון גרעסטן דראנג מיצאד די יידישע האָרעפּאשניקעס צו אזוינע זאוואָדן, וואָלט ניט מעגלעך געווען פאר זיי דאָרטן אָנצוקומען: דער טכום האָט געשטערט. אנדעריש איז אָבער געווען די לאגע בענוגייע די מעטאל־זאוואָדן און די טעקסטיל־פאבריקן אין ווײַסרוסלאנד. דידאָזיקע אונטערנעמונגען זײַנען געלעגן אין די שטעט, דער טכום האָט, אלזאָ, דאָ ניט געשטערט. פארוואָס זשע זעען מיר דאָ ניט קיין יידישע ארבעטער? פון דער אנדער זײַט, זעען מיר איינציקע אנדערע אינדוסטריע־צווײַגן, אין וועלכע די אײַנפירונג פון מאשינעס פלעגט גאָר ניט ברענגען צום פארשווינדן פון די יידישע ארבעטער און צום פארבײַטן זיי מיט ניטיידישע ארבעטער. מיר מיינען די שוועבעלעך־, טאבאק־ און האָלץ־באארבעטנדיקע אינדוסטריע. דאָס זײַנען יענע אינדוסטריע־צווײַגן, ווו די פאבריק איז אויסגעוואקסן בעהאדראָגעדיק פון דער סיסטעם פון הויז־אינדוסטריע און אייגנטלעכער מאנופאקטור, ווו די מעכאניזאציע איז ארײַנגעדרונגען בעהאדראָגעדיק.

די מעכאניזאציע פון די אונטערנעמונגען אין דידאָזיקע אינדוסטריע־צווײַגן, וועלכע איז פּאָרגעקומען, ווי מיר האָבן געזען, אין די 90־900 יאָרן, האָט לאכלוטן ניט געבראכט צו דער פארקלענערונג פון ספּעציפישן געוויכט פון די יידישע ארבעטער אף דידאָזיקע אונטערנעמונגען. צום באדויערן, האָבן מיר ניט קיין גענויע סטאטיסטיק וועגן דעם נאציאָנאלן באשטאנד פון די ארבעטער אין די איינצלנע אונטערנעמונגען פון דידאָזיקע אינדוסטריע־צווײַגן פאר יענע יאָרן. נאָר אָט ליגן פאר אונדז די ארבעטער־רעשימעס פון די גרעסטע שוועבעלעך־פאבריקן און האָלץ־באארבעטנדיקע זאוואָדן פון מינסקער גוב., וועלכע (די ארבעטער) האָבן געהאט וואל־רעכט אין דער צווייטער דומע [1]. אלזאָ, דידאָזיקע יעדיִעס געהערן צום סאָף 1906 און אָנ־

[1] די רעשימעס געפינען זיך אין ארכיוו פון פאבריק־אינספּעקטער פון מינסקער גוב. „איניען וועגן די וואלן אין דער צווייטער דומע". מינסק. היסטאָר. ארכ.

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0031-0059 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

הייב 1907 יאָר. ווי עס איז באוווסט, האָבנ שטימרעכט געהאט נאָר מענער אונ ניט ייִנגער פונ 25 יאָר. איז אָט פונ דידאָזיקע רעשימעס זעט מענ, אז אפ דער פינסקער שוועבעלעכ־פאבריק פונ דער פירמע גאלפערינ („פראָגרעס־וווּלקאנ") זײַנענ צווישנ די 95 ארבעטער־וויילער געווענ 91 ייִדנ; אפ דער שוועבעלעכ־פאבריק פונ סאָלאָמאָנאָוו („וויקטאָריא") אינ באָריסאָוו זײַנענ די אנטשפּרעכנדיקע צאָלנ געווענ 107 אונ 61; אפ דער שוועבעלעכ־פאבריק „מאָלניא" אינ מאָזיר—132 אונ 118; אפ דער פאבריק פונ מעכאנישנ האָלצ־באארבעטנ אינ מאָזיר („פרימא") פונ א. לוריע—48 אונ 41. אפ דער שפּילקעס־פאבריק פונ די ברידער לוריע אינ פינסק—85 אונ 81; אפ דער פאפיר־פאבריק פונ די ברידער לוריע אינ פינסק—98 אונ 91 [1].

אויב מיר זאָלנ נעמענ אינ באטראכט, אז אינ דידאָזיקע רעשימעס האנדלט זיכ נאָר וועגנ מענער ניט ייִנגער פונ 25 יאָר, אונ אז אפ דידאָזיקע אונטערנעמונגענ האָבנ דאָמינירט פרויענ אונ יוגנטלעכע, וועט מענ דארפנ קומענ צום אויספיר, אז דער נאציאָנאלער באשטאנד פונ די ארבעטער אפ דידאָזיקע אונטערנעמונגענ האָט אינגאנצנ אנטשפּראָכנ יענער פארהעלטעניש צווישנ ייִדישע אונ ניט־ייִדישע ארבעטער, וועגנ וועלכע עס זאָגנ איידעס די געבראכטע ציפערנ. וואָרעמ אויב די אײַנפירונג פונ מאשינעס האָט ניט געבראכט צו דער פארשווינדונג פונ ייִדישנ ארבעטער אונ זײַנ פארבײַטונג מיט א ניט־ייִדישנ ארבעטער, האָט עס נאָכ וויינִיקער געקענט פאָרקומענ לעגאבע דער ייִדישער ארבעטערנ, ווײַל די לעצטע איז אפ דידאָזיקע אונטערנעמונגענ געווענ שטענדיק, צום אונטערשייד פונ ארבעטער, א ניט־קוואליפיצירטע ארבעט־קראפט.

דערפאר האלטנ מיר פאר ניט ריכטיק די פאָלגנדיקע באהויפּטונג פונ מ. ראפעס, אפ וויפל זי באציט זיכ צו די שוועבעלעכ־ אונ טאבאק־פאבריקנ: „אפ די שוועבעלעכ־, טאבאק־ אונ טעקסטיל־פאבריקנ, — זאָגט ראפעס, — פלעגט דער ייִדישער פאבריקאנט, באם אײַנפירנ וועלכע עס איז מאשינעס אונ פארייִנפאכונגענ פונ ארבעט־פּראָצעס, שטרעבנ צו פארבײַטנ ייִדישע ארבעטערנס אונ ארבעטער מיט ביליקע דאָרפישע ניט־ייִדישע מיידלעכ, וועלכע זײַנענ געווענ פייִק צו באפרידיקנ זיכ, בא זייער נידעריקער באוווסטזיניקײַט, מיט א קלענערנ ארבעטלוינ" [2]. די זאכ איז די, וואָס די פארייִנפאכונג פונ די ארבעט־פּראָצעסנ דורכ זייער מעכאניזאציע, באזונדערס די בעהאדראָגעדיקע פארייִנפאכונג, מאכט ניט פאר איבעריק די גאנצע קוואליפיצירטע ארבעט־קראפט, אונ נאָכ וויינִיקער האָט עס געדארפט פאָרקומענ אפ די שוועבעלעכ־ אונ האָלצ־באארבעטנדיקע אונטערנעמונגענ, ווו קוואליפיצירטע ארבעטער זײַנענ אויכ אינ מאנופאקטור־פּעריאָד געווענ זייער וויינִיק, ווו די גרונט־מאסע פונ ארבעטער איז באשטאנענ פונ פרויענ, יוגנטלעכע אונ קינדער.

[1] דאָסזעלביקע זעענ מיר אויכ אינ אנ אנדער פּראָדוקציע־צווײַג, וואָס האָט דאָ אויכ בעהאדראָגעדיק עוואָליוציאָנירט פונ דער סיסטעמ פונ דער הויז־אינדוסטריע צו דער פאבריק—אינ דער זאָקנ־פּראָדוקציע. אינ ווילנע איז אינ סאָפ פונ די 90־ער יאָרנ שוינ אופגעקומענ אינ דער זאָקנ־פּראָדוקציע אייגנ פאבריק מיט א דאמפ־מאָטאָר. אפ דערדאָזיקער פאבריק זײַנענ געווענ באשעפטיקט 60 ארבעטערנס—אלע ייִדישע (זע זאמלבוכ פונ ייִק"אָ, 1 באנד, ז. 243).

[2] זע, M. Рафес. Очерки по истории Бунда, стр. 8.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

אָבער אלס קוואליפיצירטע ארבעט־קראפט אין דער טאבאק־, שוועבעלעכ־ און האָלצ־באארבעטנדיקער אינדוסטריע אין ווײַסרוסלאנד זײַנען די ייִדישע ארבעטער געווען קימאט די איינציקע, ווײַל זיי זײַנען נאָכ געווען באשעפטיקט אין דידאָזיקע אינדוסטריע־צווײַגן, ווען זיי, די לעצטע, האָבן נאָכ געטראָגן א כאראקטער פונ דער סיסטעמ פונ הויז־אינדוסטריע און אייגנטלעכער־מאנופאקטור, און האָבן באַוויזן אפ אזא אויפן זיכ צו דעראָבערן פעסטע פאָזיציעס אין דידאָזיקע אינדוסטריע־צווײַגן. צו פארבײַטן זיי איז געווען ניט אזוי לײַכט.

און וואָס עס איז שײַעכ דער גרונט־מאסע פונ די ארבעטער אפ דידאָזיקע אונטערנעמונגען, וואָס איז באשטאנען, ווי געזאָגט, פונ פרויען, יוגנטלעכע און קינדער, האָט פאר די באזיצער פונ דידאָזיקע אונטערנעמונגען ניט געהאט קיין שום זינ צו פארבײַטן זיי מיט דאָרפישע מיידלעכ. דער ארבעטלוינ פונ א ייִדישער ארבעטערין אפ דער טאבאק אָדער שוועבעלעכ־פאבריק איז קיינמאָל ניט געווען העכער פארן ארבעטלוינ פונ א דאָרפישער פרוי אפ די טעקסטיל־אונטערנעמונגען פונ ווײַסרוסלאנד. אפ דער „וויטעבסקער לײַנ־שפינערײַ“ האָבן פרויען און יוגנטלעכע פארדינט אין 1904 יאָר 30־35 קאָפ א טאָג [1]; אפ די טעקסטיל־אונטערנעמונגען פונ ביאליסטאָקער ריַאָן האָט א שפינערקע (ניטייִדישע) פארדינט אין 1901 יאָר 2,50 ביז 3 רוב. מיט 50 קאָפ. א וואָכ [2]. אינ דערזעלביקער צײַט האָט אפילע אפ דער קליינער ניט־מעכאניזירטער טאבאק־פאבריק פונ צוקערמאנ־דאווידזאָנ אינ מינסק א דערוואקסענע ארבעטערנ (א ייִדישע) פארדינט פונ 1,75 ביז 2,75 רוב. א וואָכ [3]; דאָסזעלביקע—אפ אנ אנדער מינסקער פאבריק פונ כארליפ (אויכ א קליינע ניטמעכאניזירטע). אפ דער פינסקער טאבאק־פאבריק פונ גווירצמאנ האָבן פרויען און יוגנטלעכע פארדינט אינ 1904 יאָר פונ 14,5 ביז 35 קאָפ. א טאָג [4]. אפנ פינסקער מעכאניזירטנ קאָמבינאט, וואָס איז באשטאנען פונ א טארטאק, פונ א פאניר־פאבריק און פונ א פאבריק פונ האָלצ־טשוועקלעכ, האָט א ייִדישע ארבעטערנ פארדינט אינ 1901 יאָר פונ 1,2—2,5 רוב א וואָכ [5]; אפ דער דורכויס מעכאניזירטער שוועבעלעכ־פאבריק אינ פינסק האָט אינ 1901 יאָר א ייִדישע ארבעטערנ פארדינט פונ 1,2—2,5 רוב א וואָכ [6]; אפ א גרויסער מעכאניזירטער ליכט־פאבריק אינ פינסק דעמזעלביקנ יאָר 1,8— א וואָכ [7]; אינ ווילנע האָבן די זאָקנ־שטריקערקעס פארדינט דורכשניטלעכ אינ די 90־ער יאָרנ—8 רוב. א כוידעש [8].

און וואָס עס איז שײַעכ דער באוווסטזיניקײַט פונ דידאָזיקע ייִדישע ארבעטערנס, זײַנען זיי, ווי מיר וועלנ זען אונטנ, געשטאנען אפ א זייער נידעריקער שטופע אינ

1) זע, Дело № 213 за 1904 г. Витебск. по фабр. и горно-заводским делам Присуствия. Минский Истор. Архив.

2) זע, „Восход“ за 1901 год. кн. 4 г. ст. И. Хороша

3) זע, Дело завода Лаутербаха. Минский Историч. Архив Дела фабр. инспектора Минск. губ.

4) אויכ דאָרטנ.

5) „Восход“ за 1901 г, кн. 10, ст. И. Хороша

6) אויכ דאָרטנ.

7) אויכ דאָרטנ.

8) זע, Генрих Даген. Еврейский пролетариат, цит. по Бухбиндеру, стр. 14

דעמ פראט. מיט אייג ווארט, די גרונט־מאסע פונ דידאָזיקע ארבעטער, וואָס איז באשטאנענ פונ פרויענ אונ קינדער, איז געווענ פאר די באזיצער פונ דידאָזיקע אונ־טערנעמונגענ א יִדישע „דאָרפ ־ מאסע״ אינ אלע באציִונגענ, אונ עס האָט ניט געהאט קיינ זינ צו פארבײַטנ זיי מיט א ניט־יִדישער דאָרפ־מאסע. ווי עס איז באַ־קאנט, זײַנענ אינ דער צײַט פונ באוווסטנ שטרײַק אפ עדלשטיינס טאבאק־פאבריק אינ ווילנע, וועלכער איז אויסגעבראָכנ, ווי מיר האָבנ שוינ געזענ, צוליב דעמ, וואָס דער פאבריקאנט האָט געוואָלט פארבײַטנ מענער־ארבעט מיט ביליקער פרויענ־אר־בעט,—אויסגעשריבנ געוואָרנ אויכ יִדישע 12 ארבעטערנס, פונ ביאליסטאָק. פאר־קערט, אינ אייג פראט איז פאר די אונטערנעמער געווענ אפילע רענטאבעלער צו עקספלואטירנ יִדישע ארבעטערנס, איידער ניט־יִדישע, ווײַל די לעצטע, וועלכע פלעגנ קומענ געוויינטלעכ פונ דאָרפ, פלעגנ זײַנ געניגט זומער אוועקצוגיינ אפ לאנדווירטשאפטלעכער ארבעט, אונ זיי האָבנ דערפאר ניט געקענט באטראכט ווערנ אלס שטענדיקע ארבעטער אינ אזא גראד, ווי די יִדישע ארבעטערנ, וועלכע האָט זיכ ניט געהאט ווו אהינצוטאָנ ניט ווינטער אונ ניט זומער.

אפ אזא אויפנ דארפ מענ קאָנסטאטירנ, אז עס איז ניט ריכטיק צו באהויפטנ, ווי דאָס איז געוויינטלעכ אָנגענומענ, אז דער יִדישער ארבעטער איז ביכלאל ניט געווענ פארטראָטנ אינ אלע אינדוסטריע־צווײַגנ מיט מאשינ־פראָדוקציע. מיר האָבנ שוינ געזענ, אז אינ יענע אינדוסטריע־צווײַגנ (שוועבעלעכ, טאבאק אונ אנדערע), ווו די פאבריק איז אויסגעוואקסנ בעהאדראָגעדיק פונ דער סיסטעמ פונ דער הויז־אינדוסטריע אונ אייגנטלעכער מאנופאקטור, האָט דער יִדישער ארבעטער אופגעהיט זײַנ דאָמינירנדיקע לאגע אויכ שפעטער, ווענ אפנ אָרט פונ דער הויז־אינדוסטריִע אונ מאנופאקטור איז אנטשטאנענ די פאבריק. דאָסזעלביקע וואָלט אָנ צווייפל פאָר־געקומענ אינ א געוויסער מאָס אויכ אינ דער גארבער־ אונ בערשטער־אינדוסטריע, ווענ דידאָזיקע אינדוסטריע ־ צווײַגנ וואָלטנ עוואָליוציאָנירט פונ מאנופאקטור צו דער פאבריק [1]).

דערפאר איז ניט ריכטיק, ווענ דער געוועזענער „טעאָרעטיקער״, פונ ס.ס. אונ איצטיקער סאָציאל־פאשיסט לעשטשינסקי זאָגט וועגנ דעמ יִדישנ פראָלעטאריאט: „אינ זײַנע רייענ האָט ער, פונ אייג זײַט, ניט געהאט די קאדרענ קוואליפיצירטע ארבעטער, וואָס פארנעמענ די העכערע ערטער פונ דער פראָדוקציע, אונ שאפנ, אזוי צו זאָגנ, די רעגוליאטערס אירע,—אונ פונ דער אנדער זײַט, האָט ער זיכ ניט אָנ־בעשפארט אפ די ברייטע, פיזיש־געזונטע, פויערישע מאסנ, וואָס שאפנ, אזוי צו זאָגנ, די בלינדע מאטעריע פונ דער מאָדערנער פראָדוקציע״ [2]).

[1]) ווענ א יִדישער שרײַבער האָט אינ אָנהייב פונ די 90־ער יאָרנ געוואָלט שילדערנ די ווירקונג פונ טראוומאטיזמ אפ דער לאגע פונ יִדישע ארבעטער, האָט ער קיינ אנדער פראָדוקציע־צווײַג ניט גע־קענט געפינענ, ווי די פראָדוקציע פונ סעלצנ־וואסער (זע, גורדאָ—„פונ זאוואָד אינ באָד״, א מײַסע מיט אנ ארבעטער, וואָס פארלירט די האנט בא א מאשינ פונ סעלצנ־וואסער, אונ אז ער גייט ארויס פונ שפי־טאָל, האָט ער קיינ אנדער ברייִרע ניט ווי צו ווערנ א היטער פונ קליידער אינ באָד). אינ אָנהייב פונ 20־טנ י. ה. האָט מענ שוינ געקענט געפינענ יִדישע ארבעטער בא דער מאשינ ניט נאָר אפ די זאוואָדנ פונ סעלצנ־וואסער.

[2]) זע, י. לעשטשינסקי „דער יִדישער ארבעטער״ ז. 108.

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0032-0062 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

דאָס איז ניט אינגאַנצנ ריכטיק. ווי מיר זעענ, האָבנ די ייִדישע אַרבעטער אינ זייערע רייענ יע געהאַט „קאַדרענ פונ קוואַליפיצירטע אַרבעטער, וואָס פאַרנעמענ די העכערע ערטער אינ דער פּראָדוקציע אונ שאַפנ די רעגוליאַטערס אירע". דאָס איז געווענ אינ יענע אינדוסטריע-צווײַגנ, וועלכע האָבנ בעהאַדראַגעדיק עוואָליוציאָנירט פונ דער הויז-אינדוסטריע דורכ דער אייגנטלעכער מאַנופאַקטור צו דער פאַבריק. אינ דידאָזיקע אינדוסטריע-צווײַגנ זײַנענ די ייִדישע קוואַליפיצירטע אַרבעטער ניט פאַרביטנ געוואָרנ דורכ ניט-ייִדישע.

גאָר אַנ אַנדער לאַגע זעענ מיר אינ דער טעקסטיל- אונ מעטאַל-באַאַרבעטנדיקער אינדוסטריע פונ קאַנט. אפ וויפל דידאָזיקע אונטערנעמונגענ באַזירנ זיכ אפ מאַשינ-פּראָדוקציע, זעט מענ דאָרטנ דעמ ייִדישנ אַרבעטער קימאַט ווי גאָרניט. ווו דאַרפ מענ זוכנ די סיבעס פונ דערדאָזיקער דערשײַנונג?

מיר האָבנ שוינ געזענ, ווענ אונ וויאַזוי עס איז אַנטשטאַנענ אינ ווײַסרוס-לאַנד די טוכ-אונ מעטאַל-באַאַרבעטנדיקע אינדוסטריע: זי איז געוואָרנ אַרײַנ-געפירט לעכאַטכילע אינ דער פאָרמע פונ גרויסע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגענ. אָבער אינ אַזעלכע פאַלנ פלעגנ צוזאַמענ מיט דער טעכנישער אויסשטאַטונג אויכ אַרײַנגעפירט ווערנ די טעכנישע אונ קוואַליפיצירטע אַרבעטער, צומ אונטערשייד פונ ענגלאַנד, לעמאָשל, ווו די ערשטע הויכ-קוואַליפיצירטע אַרבעטער פונ די פאַבריקנ אונ זאַוואָדנ זײַנענ געווענ דיזעלביקע הויכ-קוואַליפיצירטע אַרבעטער פונ די נעכטיקע מאַנופאַקטורנ. אינ ווײַסרוסלאַנד זײַנענ די ערשטע הויכקוואַליפיצירטע אַרבעטער אפ די אונטערנעמונגענ פונ דער טעקסטיל- אונ מעטאַל-באַאַרבעטנדיקער אינדוסטריע באַשטאַנענ פונ אַנ אָנגעפאָרענעמ עלעמענט — פונ דײַטשנ. צ. ב., אַזאַ פאַבריק-פונקט אינ ביאַליסטאָקער רײַאָנ, ווי מיכאַלעוואָ-ניז-בודקאָ, איז אויסגעוואַקסנ פונ אַ דײַטשישער קאָלאָניע, וואָס איז אַנטשטאַנענ (אינ די 30-ער יאָרנ פונ פאַרגאַנגענעמ י. ה.) פונ 9 דײַטשישע פאַמיליעס וועבער אונ מײַס-טערס, וועלכע זײַנענ אַרײַנגעפירט געוואָרנ פונ אויסלאַנד[1]. פונקט אַזאַ דײַטשישע קאָלאָניע איז געגרינדעט געוואָרנ בײַ דעמ שטעטל צעכאַנאָווצי.

דידאָזיקע דײַטשישע אַרבעטער האָבנ צונויפגעשטעלט דעמ קאָנטינגענט פונ קוואַ-ליפיצירטע אַרבעטער אפ די ערשטע גרויסע טעקסטיל-פאַבריקנ, וואָס די דײַטשנ האָבנ געגרינדעט אינ ווײַסרוסלאַנד אינ די 30-40-ער יאָרנ פונ פאַרגאַנגענעמ י. ה.[2].

צומ באַדויערנ האָבנ מיר ניט קיינ גענויע ציפער וועגנ דעמ נאַציאָנאַלנ באַ-שטאַנד פונ די אַרבעטער אפ די גרויסע טעקסטיל- אונ מעטאַל-באַאַרבעטנדיקע אונ-טערנעמונגענ פונ קאַנט. בלויז אינ באַריכט פונ פאַבריק-אינספּעקטער פונ ווילנער קרײַז פאַרנ 1885 יאָר געפינענ מיר אומדירעקטע אָנווײַזונגענ, אַז די דײַטשנ האָבנ פאַרנומענ זייער אַנ אָנגעזעענעמ אָרט אינ באַשטאַנד פונ די אַרבעטער אפ דידאָזיקע אונטערנעמונגענ. דער פאַבריק-אינספּעקטער האָט אויסגעפאָרשט 7 פאַבריק-שולנ אינ

[1] זע, „Экономический Журнал" за 1887 г. № 8—9.

[2] אונ דאָס איז געווענ ניט נאָר אינ דער טעקסטיל- אונ מעטאַל-באַאַרבעטנדיקער אינדוסטריע: דער הויפּט-מײַסטער ניט נאָר אפנ בראַנפנ-זאַוואָד, נאָר אויכ אינ מיל, איז געוויינטלעכ אַנ אויסלענדישער אָדער אַ רוסישער דײַטש" (Городков. Отчет фабр. инспектора Виленск. округа за 1885 г.).



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

זײַנ קרײַז, פונ זײ—6 אינ ביאַליסטאָקער אויעזד אונ אײנע אינ מאָלעווער אויעזד. אַלע 6 שולנ אינ ביאַליסטאָקער אויעזד זײַנענ געווענ ליוטעראַנישע, ווו עס האָבנ זיכ געלערנט קינדער פונ פאַבריק-אַרבעטער. קינדער אינ דידאָזיקע שולנ זײַנענ געווענ 900. צי עס זײַנענ געווענ נאָכ ליוטעראַנישע שולנ אינ ביאַליסטאָקער קרײַז, וואָס דער פאַבריק-אינספעקטער האָט זײ ניט באַזוכט, ווייסנ מיר ניט. אָבער דידאָזיקע סטאַטיסטיק וועגנ דער צאָל ליוטעראַנישע שולנ אונ וועגנ דער צאָל שילער אינ זײ ריידנ שוינ אַלײנ פאַר זיכ. אינ דעמזעלביקנ באַריכט געפינענ מיר אויכ אַנדערע אומדירעקטע אָנווײַזונגענ וועגנ דער צאָל דײַטשישע אַרבעטער אַפ די טעקסטיל- אונ מעטאַל-באַאַרבעטנדיקע אונטערנעמונגענ. דערציילנדיק וועגנ דעמ צושטאַנד פונ איוורעדיקײַט צווישנ די קינדער, וועלכע זײַנענ באַשעפטיקט אַלס אַרבעט-קראַפט אינ פאַרשיידענע פראָדוקציע-צווײַגנ, שרײַבט אונטער דער פאַבריק-אינספעקטער אַ הויכנ פראָצענט פונ איוורעדיקע אונ האַלב-איוורעדיקע קינדער אַפ די טעקסטיל-אונטערנעמונגענ, וואָס, לויט זײַנ מיינונג, „דערקלערט זיכ עס טיילווײַז מיט דעמ רעליאַטיוו-גרויסנ אַרבעטלוינ פונ זײ אַלײנ אונ זייערע עלטערנ, אונ דעריקער דערמיט, וואָס דאָ זײַנענ פאַרהעלטענישמעסיק אַסאַכ דערוואַקסענע אַרבעטער אונ קינדער פונ ליוטעראַנער". דער פראָצענט פונ איוורעדיקע קינדער איז הויכ אויכ אינ דער מעטאַל-באַאַרבעטנדיקער אונטערנעמונג, וואָס דערקלערט זיכ, לויט דער מיינונג פונ פאַבריק-אינספעקטער, ווידער דערמיט, וואָס „אינ דערדאָזיקער פראָדוקציע, ווי אינ דער פריערדיקער, זײַנענ פאַראַנ אַסאַכ קינדער פונ ליוטעראַנישע אַרבעטער". דאָס אַלצ גיט אונדז אַ גרונט אָנצונעמענ, אַז די צאָל אַרבעטער-דײַטשנ אינ דידאָזיקע צוויי אינדוסטריע-צווײַגנ איז געווענ זייער אַ באַדײַטנדיקע, אונ אַז זײ האָבנ געהערט דעריקער צו די קוואַליפיצירטע אַרבעטער-שיכטנ. דידאָזיקע באַדײַטנדיקע ראָל פונ די אויסלענדער אינ דער קוואַליפיצירטער אַרבעט איז ניט געווענ, פאַרשטייט זיכ, אַ באַזונדערקײַט פונ עקאָנאָמישנ לעבנ אינ ווײַסרוסלאַנד, דאָס זעענ מיר אויכ אינ איבעריקנ רוסלאַנד אונ אינ אַנטשפרעכנדיקע צײַטנ אויכ אינ אַנדערע לענדער [1]. אָבער אַנ אונטערשייד איז דאָכ דאָ געווענ אינ דעמ פראַט.

אינ אַלע לענדער (אויכ אינ רוסלאַנד) האָט דער קוואַליפיצירטער טעכניקער, דער קוואַליפיצירטער אַרבעטער, וואָס איז אײַנגעלאַדנ געוואָרנ פונ אויסלאַנד אָוועקצושטעלנ אַ נײַעמ פראָדוקציע-צווײַג, אויסגעפילט אויכ די ראָלע פונ אַנ אינסטרוקטער. די נײַע פראָדוקציע-צווײַגנ, וועלכע פלעגנ אַרײַנגעפירט ווערנ פונ אויסלאַנד, האָבנ געהאַט געוויינטלעכ אַנ אַלגעמיינ-מעלוכישע באַדײַטונג, אונ שוינ צוליב דעמ אַלײנ פלעגט די מעלוכע זײַנ פאַרינטערעסירט צו דערגרייכנ אַ פולשטענדיקע אומאָפהענגיקײַט פונ אויסלאַנד אינ דעמ פראַט. דערפאַר פלעגט זי זיכ סטאַרענ וואָס שנעלער אויסצוקולטיווירנ מיט דער הילפ פונ די אויסלענדישע אינסטרוקטערנ אײַ-

[1] וועגנ דעמ וויאַזוי עס פלעגנ זיכ סטאַרענ שפאַניע, איטאַליע אונ רוסלאַנד אַרײַנצוקריגנ קוואַליפיצירטע פראַנצויזישע אַרבעטער אינ די 30-ער יאָרנ פונ פאַרגאַנגענעמ י. ה. דורכ שאַפנ פאַרשיידענע לעהאַטעס, זע צווישנ אַנדערנ אויכ Тарле. Рабрчий класс во Франции в первые времена машинного производства стр. 58-66 אונ וואָס ס'איז שײַכ ליאָנער קוואַליפיצירטע אַרבעטער, פלעגט אַפילע ענגלאַנד זיכ סטאַרענ דורכ פאַרשיידענע לעהאַטעס זײ אַרײַנצוקריגנ אינ לאַנד.

גענע קאַדרענ פונ טעכניקער אונ קוואַליפיצירטע ארבעטער. די צאַרישע רעגירונג, אַדאַנק איר סאָציאַלער נאַטור, איז ביכלאַל געווענ אומפּײַיק צו זיכערנ דער אינדוסטריע א פרײַע אנטוויקלונג, אונ עס איז דערפאַר פאַרשטענדלעך, אַז אַט די ספּעציעלע אופגאַבע, די אופגאַבע פונ קולטיווירנ פאַר דער אינדוסטריע די נייטיקע קאַדרענ פונ טעכניקער אונ קוואַליפיצירטע ארבעטער, האָט זי אויכ שלעכט אויסגעפילט. עס איז באַקאַנט, אַז באַזונדערס שלעכט איז געווענ אינ רוסלאַנד אװעקגעשטעלט די פּראָפעסיאָנעל־טעכנישע בילדונג פונ די נידעריקסטע ביז די העכסטע שטופּנ אירע. גרויסע אונטערנעמונגענ פלעגנ האַלטנ אויסלענדישע מײַסטערס אונ די מיטעלע אונ קליינע אונטערנעמונגענ פלעגנ זיכ באַנוגענענ מיט אייגענע אויסגעהאָדעוועטע מײַסטערס, וואָס האָבנ באַקומענ א פּראַקטישע דערפאַרונג אינ מעשעכ פונ לאַנגע יאָרנ ארבעט אַפ דער פאַבריק, האָבנ אָבער ניט געהאַט קיינע שום אַלגעמיינע טעכנישע יעדיִעס. אויב מיר וועלנ נעמענ אינ באַטראַכט אַז די צוויי פאָרשריטלעכע אינדוסטריע־צווײַגנ אינ ווײַסרוסלאַנד וועגנ וועלכע עס רעדט זיכ דאָ, האָבנ קיינמאָל ניט געהאַט קיינ אַלגעמיינ־מעלוכישע באַדײַטונג (פאַרקערט, זיי זײַנענ דאָ אנטשטאַנענ קעגנ די אינטערעסנ פונ די הערשנדיקע קלאַסנ אינ רוסלאַנד: די טעקסטיל־אינדוסטריע—אַלס ענטפער אַפ דער באַשטימונג פונ טאַמאָזשנע־אָפּצאָלנ אַפ פּוילישע שטאָפנ אינ 1832 יאָר, די מעטאַל־באַארבעטנדיקע־אינדוסטריע — אַלס ענטפער אַפ דעמ שוץ־טאַמאָזשנע־טאַריפ פונ די 70־ער יאָרנ), אונ אַז אנשטאַנענ זײַנענ דידאָזיקע אינדוסטריע־צווײַגנ אינ א ראַנד־געביט פונ צאַרישנ רוסלאַנד, וואָס איז געווענ באַפעלקערט מיט „פרעמד־שטאַמיקע", וועגנ וועלכע די צאַרישע רעגירונג האָט זיכ ווייניקער פונ אַלצ געזאָרגט, וועט פונ דעמ ווערנ קלאָר, אַפ וויפל עס זײַנענ געווענ נישטיק, אינ די באַדינגונגענ פונ צאַרישנ רוסלאַנד, די שאַנסנ פונ די אָרטיקע ארבעטער צו באַקומענ די אנטשפּרעכנדיקע קוואַליפיקאַציע [1].

אינ דערזעלביקער צײַט אָבער האָבנ געקענט די דײַטשישע קוואַליפיצירטע ארבעטער, וואָס פלעגנ זיכ קאָמפּלעקטירנ אויכ ווײַטער פונ אויסלאַנד, פרײַ פונ יעדער קאָנקורענצ מיצאַד קוואַליפיצירטע אָרטיקע ארבעטער (אַזוינע זײַנענ דאָ ניט געווענ) קולטיווירנ זייער טעכנישע דערפאַרונג, זייערע טעכנישע געוווינהײַטנ אינ זייער אייגענעמ ענגנ קרײַז, איבערגעבנדיק זיי דעמ אונטערוואַקסנדיקנ דאָר, גרייטנדיק פונ זייערע קינדער אויכ אַזוינע קוואַליפיצירטע ארבעטער, ווי זיי אַליינ. אינ דעמ דערמאָנטנ באַריכט פונעמ פאַבריק־אינספּעקטער פונ ווילנער קרײַז געפינענ מיר פאָלגנדיקנ שטייגער־בילד פונ דײַטשישע ארבעטער אינ ביאַליסטאָקער ראַיאָנ: „די קינדער פונ ליוטעראַנער, גרייטנדיק זיכ צו דער קאָנפירמאַציע, וואָס קומט דאָ פאָר אומעטום אַפנ 14־טנ לעבנ־יאָר, אויב זיי ארבעטנ אַפנ פאַבריק, ווערנ זיי באַפרײַט פונ דער ארבעט אַפ באַשטימטע שאָענ, קעדיי צו לערנענ אינ דער קירכלעכער אָדער

---

[1] בענויגייע די יִדישע ארבעטער האָט די „געזעלשאַפט פאַר פאַרשפּרייטנ בילדונג צווישנ יִדנ" באַשטימט אַפ איר באַראַטונג (דעקאַבער 1903, יאַנוואַר 1904) צו עפענענ צוויי וועבער־שולנ: איינע אינ לאָדזש, די אַנדערע אינ ביאַליסטאָק (זע Материалы по вопросам професс. образования и поощрения ремесленного труда среди евреев в России, изд Еко, СПБ., 1905 г.)

אינ א פריוואטער שול... נאָכ דער קאָנפירמאציע פארענדיקט דער יוגנטלעכער ארבעטער זײַנ שול־בילדונג אונ קומט אָנ אפ דער פאבריק, קעדיי ספעציעל אויסצולערנענ יענע ארבעט, וואָס ער קלײַבט זיכ אויס. אפ די וואָל־מאנופאקטורנ פונ ביאליסטאָקער אויעזד קענ מענ אָפט טרעפנ אזוינע קינדער בא קליינע וועב־שטולנ, אפ וועלכע זיי לערנענ זיכ די ארבעט, אויסארבעטנדיק מוסטערנ פונ שטאָפנ—דאָס זײַנענ קינפטיקע וועבער" [1]. גאנצ נאטירלעכ, אז אפ אזא אויפנ האָט זיכ געמוזט מיט דער צײַט אויסארבעטנ א קאסטיטער גײַסט אינ דער סוויווע פונ די דײַטשישע הויכ־קוואליפיצירטע ארבעטער, ווײַל זייער הויכער קוואליפיקאציע האָט אנטשפראָכנ אויכ דער הויכער ארבעטלוינ. מיר האָבנ שוינ געזענ, אז דער פאבריק־אינספעקטער פונ ווילנער קרײַז דערקלערט דעמ הויכנ פראָצענט פונ איוורעדיקע צווישנ די קינדער אפ די טעקסטיל־פאבריקנ „מיט דעמ רעליאטיוו־הויכנ ארבעטלוינ פונ זיי אונ זייערע עלטערנ". קיינ וווּנדער ניט, וואָס זיי פלעגנ זייער אייפערזיכטיק זײַנ אפ זייער פריווילעגירטער לאגע אונ פלעגנ זייער אומגערנ צולאָזנ די אָרטיקע ארבעטער אינ זייער סוויווע. נאָר אזוי דארפ מענ פארשטיינ יענעמ ארגומענט אינ די דערמאָנטע זאמל־ביכער פונ יעק"אָ, אז די יידישע ארבעטער קענענ ניט ארײַנדרינגענ אינ דער גרויסער פאבריק אויכ צוליב דעמ, וואָס דער מײַסטער, דער קריסט, לאָזט ניט צו קיינ יידישע ארבעטער. דער יידישער ארבעטער האָט געוואָלט ארײַנדרינגענ אפ דער פאבריק א ל ס  ק ו ו א ל י פ י צ י ר ט ע ר  ארבעטער [2], אָבער אלס א ז ע ל כ נ האָבנ די דײַטשישע הויכ־קוואליפיצירטע ארבעטער אימ, נאטירלעכ, ניט געוואָלט האָבנ. אָבער פונקט אזוי האָבנ זיי ניט צוגעלאָזנ אינ זייער סוויווע אויכ קיינ פוילישע אונ רוסישע קוואליפיצירטע ארבעטער.

אפ וויפל עס זײַנענ נייטיק געווענ ניט־קוואליפיצירטע ארבעטער, האָבנ זיי זיכ רעקרוטירט, ווי מיר וועלנ עס שפעטער זענ, פונ דעמ אָרטיקנ פויערטומ, אזוי, אז אפילע אינמיטנ פונ די 80־ער יאָרנ האָט דער קאָרעספאָנדענט פונ „Экономический журнал" געקענט אונטערשטרײַכנ, אז „די אָרטיקע קריסטלעכע באפעלקערונג (פוילנ אונ רוסנ), לוידײַ, וואָס זי נעמט ניט קיינ דירעקטנ אָנטייל אלס אונטערנעמער, פילט זי אויס אפילע אלס פאבריק־ארבעטער קימאט אויסשליסלעכ ארבעטנ וועלכע פאָדערנ ניט קיינ ספעציעלע געניטקײַט אונ די קריסטלעכע ארבעטער קענענ דערפאר צוגערעכנט ווערנ צו דער קאטעגאָריע פונ שווארצארבעטער; ארבעטער־ספעציאליסטנ אונ מײַסטערס זײַנענ צווישנ זיי ניטאָ" [3].

די לעצטע באהויפטונג אנטשפרעכט ניט, ווײַזט אויס, דער ווירקלעכקײַט. צורעכענענ אינ סאָפ פונ די 80־ער יאָרנ אלע אָרטיקע ארבעטער אפ די גרויסע טעקסטיל־פאבריקנ צו שווארצארבעטער, הייסט פארקלענערנ זייער ראָל אינ דער קוואליפיצירטער ארבעט. צו יענער צײַט האָבנ זיי שוינ באוויזנ צו געבנ ניט קיינ קליינע צאָל דורכשניטלעכע פאבריק־ארבעטער, נאָכדעמ ווי זיי האָבנ א לאנגע צײַט אָפגעארבעט אפ דער אונטערנעמונג. די דײַטשנ זײַנענ דעמלט שוינ ניט געווענ די

---

[1] זע, Городков. отчет фабр. инспектора за 1885 г.

[2] מיר האָבנ שוינ געזענ, אז יעקאָ האָט זיכ געקליבנ צוצוגרייטנ יידישע וועבער—געהילפ־מײַסטערס, אָבער ניט קײַנ דורכשניטלעכע, איינפאכע וועבער.

[3] זע № 8-9 „Экономический журнал" за 1887 г.

איינציקע קוואַליפיצירטע אַרבעטער. צום באַדויערן האָבן מיר ניט קיין גענויע ידיעות וועגן דעם, נאָר, אַז דאָס איז אַן צווייפל אַזוי געווען, איז צו זען אַפילו פון פאָלגנדיקער פראַזע אינעם באַריכט פון פאַבריק־אינספעקטער פון ווילנער קרײַז: „אַגעוו, אַפ דערדאָזיקער פאַבריק (עס רעדט זיך וועגן דער וואָל־פאַבריק פון סקירמונט, אין פינסקער קרײַז) פאַרבײַטן די פרויען אַפילו די שפינער בײַ די מיולן, ווײַל די מענער גייען זומער אַוועק אַפ סעזאָן־אַרבעט". דאָס איז נאָך ווייניק. אין דעמזעלביקן באַריכט געפינען מיר אומדירעקטע, אָבער גאַנץ קלאָרע אָנווײַזונגען וועגן דעם נאַציאָנאַלן באַשטאַנד פון די קינדער־אַרבעטער אַפ די גרויסע טעקסטיל־פאַבריקן. פון דער טאַבעלע 4, וואָס ווערט געגעבן צום סאָף בוך וועגן דער איווערעדיקײַט פון די קינדער, וועלכע זײַנען באַשעפטיקט אַפ די אונטערנעמונגען פון ווילנער קרײַז, איז צו זען, וויפל זײַנען אין 1885 יאָר געווען צווישן זיי איווערעדיקע און ניט־איווערעדיקע אין דײַטש, רוסיש און פויליש.

פון דידאָזיקע ידיעות איז צו זען, אַז די צאָל קינדער מיט דער מוטער־שפּראַך פויליש אָדער רוסיש איז געווען גרעסער, ווי די צאָל קינדער, וואָס זייער מוטער־שפּראַך איז געווען דײַטש. דאָס באַטײַט, אַז אַפ די פאַבריקן האָט זיך פון לאַנג קולטיווירט אַ מיטל־קוואַליפיצירטער פאַבריק־עלעמענט פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, ווײַל אַן אַרבעטער, וועלכער איז פון קינדווײַז אָן באַשעפטיקט אַפ דער פאַבריק, בלײַבט געוויינטלעך ניט קיין שוואַרץ־אַרבעטער. דעמענטיעוו, וואָס האָט אין מיטן פון די 80־ער יאָרן אויסגעפאָרשט די אונטערנעמונגען פון דרײַ קרײַזן פון מאָסקווער גוב., האָט געקענט פעסטשטעלן, נאָך דער אויספרעגונג פון אַסאַך אַרבעטער, אַז „אַ קינד, וואָס האָט אָנגעהויבן זײַן אַרבעט אין דער וועבער־אָפּטיילונג אַלס אַ דערלאַנגער, גייט אַריבער שפּעטער אין אַ העכערער קאַטעגאָריע און שטרעבט אָנצוקומען אַפ אַ באַשעפטיקונג, ווו די אַרבעט ווערט בעסער באַצאָלט. אַלע אַזוינע אַרבעטער דערגייען אָפּטער פון אַלץ צו דער סאַמע צוטריטלעכער באַשעפטיקונג— צום וועב־שטול, ווו זיי בלײַבן געוויינטלעך, ווי וועבער, אַפ שטענדיק. אַ שפּינער, וואָס הייבט אָן זײַן קאַריערע אין צעניאָריקן עלטער פון אַ שטעלער, דערשלאָגט זיך נאָכדעם צו דער אַרבעט פון אַ שפּינער, וואָס גיט דעם סאַמע גרעסטן פאַרדינסט צווישן די פאַבריק־אַרבעטער (דורכשניטלעכע אַרבעטער, ניט מײַסטערס און געהילפ־מײַסטערס) און גייט קיינמאָל ניט איבער אין דער קאַטעגאָריע פון שוואַרצאַרבעטער און אויך ניט אין דער קאַטעגאָריע פון מײַסטערס"[1]).

דאָסזעלביקע איז אָן צווייפל אויך פאָרגעקומען אין ביאַליסטאָקער ריַיאָן און אין ווײַסרוסלאַנד ביכלאַל: פון די רייען פון פויערטום האָבן זיך מיט דער צײַט אויסגעבילדעט מיטל־קוואַליפיצירטע (דורכשניטלעכע) פאַבריק־אַרבעטער.

אָבער גאַנץ אַנדערש איז געווען די לאַגע מיט דער אויסבילדונג פון אַרבעטער פון די שטאָטישע האַנטווערקער און קוסטאַרן.

אין ווײַסרוסלאַנד האָט דאָס אופקומען פון דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, דאָס אופקומען פון דער מאָדערנער פאַבריק, זאַוואָד (טעקסטיל־

[1]) זע, Дементьев, Фабрика, что она дает населению и что она у него берет, стр. 246.

און מעטאַל־באַאַרבעטנדיקע) עקאָנאָמיש ניט באַריִרט די גרונט־מאַסן פון די שטאָטישע האַנטווערקער און קוסטאַרן, ווי דאָס איז געווען בעשייַטוי אין מייַרעווער־אייראָפּע, ווייַל דאָ איז די „אינדוסטריִעלע איבערקערעניש“ ביכלאַל ניט פאָרגעקומען אין יענע פּראָדוקציע־צווייַגן, וווּ עס זייַנען געווען באַשעפטיקט די גרונט־מאַסן פון די שטאָטישע האַנטווערקער און קוסטאַרעס. אין ענגלאַנד, לעמאָשל, האָט די אינדוסטריִעלע איבערקערעניש אָנגעהויבן איר טריִומפאַלן מאַרש, ווי עס איז באַקאַנט, פון טעקסטיל־פּראָדוקציע. אין דערדאָזיקער פּראָדוקציע זייַנען געווען באַשעפטיקט ערעוו דער אינדוסטריִעלער איבערקערעניש גרויסע מאַסן פון „קוסטאַרעס“ און פון אַרבעטער פון מאַנופאַקטורן. אָבער די גרונט־מאַסע פון האַנטווערקער און קוסטאַרעס אין די שטעט פון צאָפן־מייַרעווודיקן קאַנט זייַנען געווען קאָנצענטרירט, ווי מיר האָבן שוין געזען, אין די פּראָדוקציעס, וואָס אַרבעטן אויס קליידער און שואַלעט־אַרטיקלען, לעדער־אַרטיקלען, אין דער האָלצ־באַאַרבעטונג און אין אַנדערע אַזוינע אינדוסטריע־צווייַגן, וווּ ס'האָט דעמלט נאָך דאָמינירט די האַנט־אַרבעט. אפילע אין ביאַליסטאָקער קרייַז, אין דעמדאָזיקן ווייַסרוסלענדישן לידם, זייַנען געווען ייִדישע „קוסטאַרעס“־וועבער צום אָנהייב 20־טן י. ה.—2.394 [1], בייס פאַרשיידענע ייִדישע האַנטווערקער און קוסטאַרעס צוזאַמען זייַנען אין דעמדאָזיקן קרייַז געווען 11.181, דערפון נאָר שנייַדער אַליין—2.219.

און אויב די „אינדוסטריִעלע איבערקערעניש“ האָט פאַרכאַפּט אין ווייַסרוסלאַנד אויך אייניקע פּראָדוקציע־צווייַגן, וווּ עס זייַנען געווען באַשעפטיקט אַ טייל שטאָטישע קוסטאַרעס און האַנטווערקער און מאַנופאַקטור־אַרבעטער (טעקסטיל־ און מעטאַל־באַאַרבעטונג), האָט זיך די רויִנירנדיקע ווירקונג פון די ערשטע פאַבריקן אָפּ די קוסטאַרישע וואַרשטאַטן און מאַנופאַקטורן אויסגעווירקט אַסאַך שפּעטער, און אָט צוליב וואָס: די אַנטוויקלונג פון דער גרויסער טעקסטיל־פּראָדוקציע האָט זיך אָנגעהויבן אין ווייַסרוסלאַנד ווי מיר האָבן געזען, ערשט אין די 30־40 יאָרן פון פאַרגאַנגענעם י. ה. דערבייַ גייט ביז די 50־ער יאָרן די גרינדונג פון גרויסע פאַבריקן לאַנגזאַם. אין 1834 יאָר, ווי מיר האָבן געזען, ווערט געגרינדעט די ערשטע גרויסע פאַבריק פון באַראָן זאַכערט, אין 1840 יאָר—די פאַבריק פון מאָאָס. די ערשטע גרויסע פאַבריק אין ביאַליסטאָק גופע ווערט געגרינדעט ערשט אין די 40־ער יאָרן. אָפּ אַזאַ אופן האָט ביז די 50־ער יאָרן די האַנט־וועבערייַ זיך געקענט האַלטן קעגן דעם אָנגריף פון דער קאַפּיטאַליסטישער פאַבריק.

ווייַטער: די הויכע טאַמאָזשנע־אָפּצאָלן, וואָס די צארישע רעגירונג הייבט אָן צו פּראַקטיקירן פון די 70־ער יאָרן, האָבן שטאַרק אויפגעהויבן די פּרייַזן אָפּ די פּראָדוקטן פון דער היימישער אינדוסטריע. ראָזע ליוקסעמבורג האָט, לעמאָשל, אויסגערעכנט, אַז אין סאָף פון די 90־ער יאָרן האָט לייַוונט אויסגעמאַכט דעם רוסישן פאַרבראויכער אָפּ 225 פּראָצענט טייַערער, ווי דעם דייַטשישן פאַרבראויכער, און בוימוואָל־אויסאַרבעטונגען—אָפּ 357 פּראָצ. טייַערער [2]. דאָס אַלצ דערקלערט, פאַרוואָס אין ביאַליסטאָקער ריִאָן האָבן זיך נאָך אַ לאַנגע צייַט געקענט געפינען קליינע

[1] זע, „Сборник материалов об экономич.“... и. т. д., т. I, стр. 239.
[2] זע, Цит. по Фин-Енотаевск. „Капитализм в России“, стр. 177.

קאפיטאליסטנ, וועלכע האָבנ, ניט זײַענדיק בעקויעכ צו גרינדנ גרויסע טוכ־פאבריקנ, דאָכ געהאלטנ פאר מעגלעכ, פאר רענטאבל ארײַנצולייגנ זייערע קאפיטאלנ אינ מאנופאקטורנ, עקספלואטירנדיק האנט־וועבער, וואָס זייער ארבעטלוינ האָט, בא א לענגערנ ארבעט־טאָג, אריבערגעשטיגנ אינ אלגעמיינ דעמ ארבעטלוינ פונ א דורכשניטלעכנ, מיטל־קוואליפיצירטנ וועבער בא א מעכאנישנ שטול. נאָכ שפעטער אונ נאָכ שוואכער האָט זיכ געדארפט אָפשפיגלענ די רוינירנדיקע ווירקונג פונ די מעטאל־באארבעטנדיקע זאוואָדנ אפ די קוסטארישע ווארשטאטנ אונ מאנופאקטורנ אינ דער מעטאל־פראָדוקציע אינקאנט.

דערדאָזיקער אינדוסטריע־צווײַג באקומט, ווי עס איז באוווּסט, זײַנ אנטוויקלונג אסאכ שפעטער פונ דער טעקסטיל־אינדוסטריע: ערשט אינ די 70־ער יאָרנ. דערבײַ אנטשטייט דאָ דערדאָזיקער אינדוסטריע־צווײַג דעריקער אלס דראָט, טשוועקעס־ אונ טשוהונ־פראָדוקציע. אלזאָ, ער האָט ביכלאל ניט געקענט זײַנ געפערלעכ פאר דער קוסטארישער אונ מאנופאקטורישער פאָרמ פונ דער מעטאל־באארבעטונג. ערשט שפעטער קומענ אופ זאוואָדנ, וואָס פראָדוצירנ לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס. אפ וויפל די מעטאל־באארבעטנדיקע זאוואָדנ האָבנ אינ דער ערשטער צײַט לאכלוטנ ניט אָנגערירט די קוסטארישע אונ מאפאקטורישע פאָרמ פונ דער מעטאל־באארבעטונג, איז צו זענ אפילע דערפונ, וואָס אינ דיזעלביקע יאָרנ וואקסנ אויס גלײַכצײַטיק מיט דידאָזיקע זאוואָדנ, מעטאל־באארבעטנדיקע מאנופאקטורנ (זשלאָבינ, ראקאָוו, וויטעבסק) [1]. כוץ דעמ דארפ מענ נאָכ נעמענ אינ באטראכט דאָס, וואָס צווישנ די מאסנ יידישע האנטווערקער אונ קוסטארעס אונ ארבעטער האָבנ די באשעפטיקטע אינ דער מעטאל־באארבעטונג פונ איינפאכער פאָרמע (שמידנ, קופער־מײַסטער אונ אנד.) ביכלאל פארנומענ זייער אנ אומבאדײַטנדיקנ אָרט: אינ ווײַסרוסלאנד האָבנ זיי אויסגעמאכט 6,3 פראָצ. פונ דער גאנצער יידישער האנטווערקער־קוסטארישער מאסע, אינ ליטע—5,5 פראָצ. דערבײַ האָבנ שמידנ אינ ווײַסרוסלאנד אויסגעמאכט 4,2 פראָצ. פונ אלע יידישע האנטווערקער, אינ ליטע—3,2 פראָצ.; קופער־שמידנ: אינ ווײַסרוסלאנד—2 פראָצ., אינ ליטע—2,2 פראָצ.; שלאָסער: אינ ווײַסרוסלאנד—1,2 פראָצ., אינ ליטע—1 פראָצ. אינטערעסאנט איז דערבײַ אָט וואָס: אינ דער גרופע האנטווערקער, וואָס באארבעטנ מעטאלנ אינ פאָשעטער פאָרמע, גייענ ארײַנ פאָלגנדיקע פראָפעסיעס: שמידנ, קופער־שמידנ, גיסער אונ בראָנזירער. גיסער זײַנענ צווישנ זיי געווענ זייער ווייניק, ווייניקער פונ 1 פראָצ. אלזאָ, גראָד יענע פראָפעסיע, וואָס האָט אינ דער מעטאל־באארבעטנדיקער אינדוסטריע (ד. ה., אינ די גרויסע מעטאל־באארבעטנדיקע זאוואָדנ) גיכער פונ אלצ געקענט אָנגעווענדט ווערנ, איז געווענ באזונדערס שוואכ פאָרגעשטעלט צווישנ די יידישע האנטווערקער.

---

[1]) ביט מיט די אָרטיקע האנטווערקער אונ קוסטארעס האָט די מעטאל־באארבעטנדיקע אינדוסטריע פונ רײַאָנ געפירט א קאָנקורענצ, נאָר מיט די פאוולאָווער מעטאל־באארבעטנדיקע מאנופאקטורנ. אָנווײַזנדיק אפ דעמ, אז איב איינ צווײַג פונ דער פאוולאָווער אינדוסטריע—אינ דער פראָדוקציע פונ שלעסער איז פאָרגעקומענ אינ יענע יאָרנ א פארקלענערונג פונ דער צאָל ווארשטאטנ מיט געדונגענע ארבעטער, סארופט זיכ לענינ דערבײַ אפ א. נ. פאָטרעסאָוו, וואָס האָט אָנגעוויזנ די סיבע דערפונ: די קאָנקורענצ פונ דער שלאָס־פאבריק אינ קאָוונער גוב. (די פאבריק פונ די ברידער שמירט). (זע, לענינ, 3 באנד, ז. 325).

אלזאָ, די רויִניִרונג פונ די קוסטארישע ווארשטאטנ אונ מאנופאקטורנ אינ געביט
פונ מעטאל־באארבעטונג האָט אינ רעזולטאט פונ דעמ אופקומענ פונ גרויסע מעטאל־
באארבעטנדיקע זאוואָדנ געמוזט פּאָרקומענ נאָכ שפּעטער, ווי די יערידע פונ דער
האנט־וועבערייַ אינ רעזולטאט פונ דעמ אופקומענ פונ דער גרויסער טעקסטיל־פאב־
ריק. אונ נאָכ שפּעטער האָט זיכ געמוזט אָנהייבנ די רויִנירונג פונ די איבעריקע
קוסטארישע אונ מאנופאקטורישע פּראָדוקציעס (די פּראָדוקציע פונ קליידער, פונ לעדער־
ארטיקלענ, האָלצ־ארטיקלענ אונ אנד.), ד. ה., פונ די אַלע פּראָדוקציעס, ווו עס איז
גראָד געווענ קאָנצענטרירט די גרונט־מאסע פונ די האָרעפאשניקעס אונ ארבעטער
אינ די שטעט אונ שטעטלעכ פונ ווייַסרוסלאנד, ווייַל דידאָזיקע פּראָדוקציע־צווייַגנ, ווי
געזאָגט, זייַנענ ביכלאל ניט באַרירט געוואָרנ דורכ דער „אינדוסטריִעלער איבערקע־
רעניש” אינ קאנט. דאָס הייסט ניט, פארשטייט זיכ, אז אינ דער האנטווערקערייַ
איז ניט פּאָרגעקומענ קיינ קאפּיטאליזאציע. מיר האָבנ שוינ געזענ, אז זי הייבט זיכ
שוינ אָנ פארהעלטענישמעסיק גאנצ פרי, נאָכ אינ די 80־ער יאָרנ, אונ אינ די 90־ער
יאָרנ באקומט זי שוינ א שטארקע אנטוויקלונג. נאָר אפ וויפל דאָ איז פּאָרגעקומענ
א סאָציִאלע דיפערענציִאציע—איז עס געווענ אינ דער פאָרמ פונ פארוואנדלענ דעמ
האנטווערקער ניט אינ א פאבריק־זאוואָדישנ, נאָר אינ א מאנופאקטור־ארבעטער.
דאָס האָט באדייַט, אז פאראלעל מיט דער אנטשטייונג פונ גרויסע פאבריקנ אונ זא־
וואָדנ אינ ווייַסרוסלאנד איז געגאנגענ די אויסבילדונג פונ מאנופאקטורנ אינ די
האנטווערקערישע פּראָדוקציעס (שנייַדערייַ, שוסטערייַ א. א. וו.) אונ די אנטשטייונג
פונ שפּאָגל־נייַע מאנופאקטורנ (בערשטערייַ, גארבערייַ), ווייַל דידאָזיקע אלע קוסטא־
רישע ווארשטאטנ אונ מאנופאקטורנ זייַנענ דערווייַל נאָכ ניט געשלאָגנ געוואָרנ
דורכ דער פאבריק. עס איז געגאנגענ א פארוואנדלונג פונעמ קוסטארישנ ווארשטאט
אינ א מאנופאקטור, אָבער די פאבריק־פּראָדוקציע אינ אייגנטלעכנ זינ פונ וואָרט
איז אינ דידאָזיקע צווייַגנ דערווייַל ניט אריַינגעדרונגענ. דער מאנופאקטור־ארבעטער
איז אָבער אויכ א קוואליפיצירטער ארבעטער (עמעס, ווייניקער ווי דער האנט־
ווערקערישער), אונ אימ קענ מענ ניט פארבייַטנ מיטנ זיכ פּראָלעטאריזירנדיקנ פוי־
ער אָדער מיט דער פרויענ־ אונ קינדער־ארבעט. אזא מאנופאקטור־ארבעטער אָדער
האנטווערקער אָדער קוסטאר וואָלט די קאפּיטאליסטישע פאבריק געקענט אריַינקריגנ
נאָר אינ דעמ פאל, ווענ דאָרטנ וואָלט אימ פּאָרגעשטאנענ צו פארנעמענ דעמ אָרט
פונ א הויכ־קוואליפיצירטנ, גוט־באצאָלטנ פאבריק־ארבעטער. די פאבריק האָט אימ
אָבער גאָרניט געמאָלט אזא פערספּעקטיוו, ווייַל דער שטאָטישער האנטווערקער,
דער שטאָטישער קוסטאר אונ אויכ אינ א באשטימטער מאָס, דער מאנופאקטור־ארבעטער,
איז געווענ א הויכ־קוואליפיצירטער ארבעטער פונ שטאנדפּונקט פונ דער האנטווער־
קערישער טעכניק, אָבער ניט פונ שטאנדפּונקט פונ דער מאשינ־טעכניק. א קוואלי־
פיצירטער ארבעטער אפ דער מאָדערנער פאבריק—דאָס איז אנ ארבעטער־מעכאניקער
אינ ברייטנ זינענ פונ וואָרט. דער גראד פונ זייַנ קוואליפיקאציע ווערט באשטימט
דורכ דער באקאנטשאפט מיט דער ארבעט פונ יענער מאשינ, בא וועלכער ער שטייט.
דידאָזיקע באקאנטשאפט באקומט ער אינ פארלויפ פונ א לאנגער צייַט, אויס־
וואקסנדיק פּאָשעט אפ דער פאבריק. ס׳איז גאנצ פארשטענדלעכ, אז פונ א שטאָטישנ
האנטווערקער אָדער קוסטאר ביז אזא קוואליפיצירטנ פאבריק־ארבעטער (מייַסטער

אָדער אונטער־מײַסטער) איז געווענ א גרויסע דיסטאנצ. דאָס איז נאָכ אָבער ווייניק. אינ סאָפּ פונ 19־טנ י. ה. האָט זיכ אינגאנצנ געענדערט דער טיפּ פונ א קוואליפיצירטנ פאבריק־ארבעטער. אונטער דער ווירקונג פונ דער פארשטארקטער קאָנקורענצ אפנ וועלט־מארק האָט זיכ די פּראָדוציר־טעכניק שנעל אונ אָנ אופהער געענדערט. די מאשינעס האָבנ זיכ געביטנ יעדע עטלעכע יאָר. איצט איז נייטיק געווענ אזא קוואליפיצירטער ארבעטער, וואָס זאָל זיכ קענענ שנעל אָריענטירנ אינ אלע טעכנישע נײַסנ, וואָס זאָל קענענ אָנפירנ ניט נאָר מיט דער געגעבענער מאשינ, בא וועלכער ער ארבעט די גאנצע צײַט, נאָר מיט יעדער מאשינ, אומאָפּהענגיק פונ דער לעצטער, ד. ה., ער זאָל האָבנ אנ אלגעמיינע ברייטע פּראָפעסיאָנעל־טעכנישע צוגרייטונג [1]).

אזא טיפּ פונ א קוואליפיצירטנ ארבעטער איז דעמלט אופגעקומענ דעריקער אינ דײַטשלאנד, ד. ה., אינ יענעם לאנד, וואָס זײַנע קאפּיטאליסטנ האָבנ געגרינדעט, ווי מיר האָבנ געזענ, די פאָרשריטלעכע אינדוסטריע־צווײַגנ אינ ווײַסרוסלאנד. אזוינע פאָדערונגענ האָט געשטעלט דעמ הויכ־קוואליפיצירטנ ארבעטער די דײַטשישע טעכניק, די דײַטשישע פאבריק אינ סאָפּ פונ 19־טנ י. ה. עס פארשטייט זיכ, אז די טעכנישע צוגרייטונג פונ דעמ שטאָטישנ האנטווערקער, אָדער פונ זײַנ געזעל האָט לאכלוטנ ניט אנטשפּראָכנ דידאָזיקע פאָדערונגענ. אָנקומענדיק אפ דער פאבריק, האָט דערדאָזיקער האנטווערקער אָדער האנטווערקערישער ארבעטער געקענט רעכענענ נאָר אפ אנ אָרט פונ א מיטל־קוואליפיצירטנ ארבעטער, וואָס איז אויסגעוואקסנ בעהאדראָגעדיק פונ זיכ פּראָלעטאריזירנדיקנ פויערטומ. דערפאר איז ער ניט געגאנגענ אהינ.

דערמיט דערקלערט זיכ, ווײַזט אויס, אויכ יענער אומשטאנד, וואָס אפילע די איבערגעפּאקטקײַט מיט האָרעפּאשניקעס אונ ארבעטער אינ איינציקע פּראָדוקציעס (שנײַדערײַ, לעמאָשל) איז אויכ ניט געווענ בעקויעכ צו שטויסנ דעמ קוסטאר אונ דעמ ארבעטער אריבערצוגיינ אפ דער פאבריק, ווײַל עס איז געווענ א מעגלעכקײַט צו עמיגרירנ אינ די פאריייניקטע שטאטנ, ווו דידאָזיקע פּראָדוקציעס, ניט געקוקט אפ זייער טעכניש־עקאָנאָמישער אָפּגעשטאנענקײַט, האָבנ דאָכ געזיכערט אסאכ א העכערנ לעבנ־ניוואָ ווי דער לעבנ־ניוואָ פונעמ דורכשניטלעכנ פאבריק־ארבעטער אינ דעמ אָפּגעשטאנענעמ רוסלאנד. צומ באדויערנ זײַנענ ניטאָ קיינ יעדיעס וועגנ דעמ פּראָפעסיאָנעלנ באשטאנד פונ די ייִדישע אויסוואנדערער פונ רוסלאנד אינ די 80־ער אונ 90־ער יאָרנ פונ פארגאנגענעמ י. ה. (אנ אײַנוואנדערונג־סטאטיסטיק אינ די פאריייניקטע שטאטנ, לויט דער נאציאָנאליטעט פונ די אײַנוואנדערער, האָט זיכ אָנגעהויבנ צו פירנ ערשט פונ 1־טנ יול 1898 י.), אָבער די אנטשפּרעכנדיקע יעדיעס פאר די שפּעטערדיקע יאָרנ (1914־1899) באווײַזנ גאנצ בוילעט, אז דאפקע יענע האנטווערקערישע פּראָדוקציעס, ווו די איבערגעפּאקטקײַט איז געווענ באזונדער גרויס אונ וואָס זײַנענ באזונדערס שטארק געווענ פארשפּרייט צווישנ די ייִדנ אינ קאנט—די פּראָדוקציע פונ קליידונג־ארטיקלענ—האָבנ געגעבנ דעמ גרעסטנ טייל אויסוואנדערער. „פונ 395.823 ייִדישע אימיגראנטנ, וואָס האָבנ בעסאכאקל אײַנגע־

---

[1]) זע, Яроцкий. „История, теория и практика професс. движения“, ч. II, стр. 24

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0037-0071 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

וואנדערט פאר די לעצטע 12 יאָר (1910-1899) אינ די פארייניקטע שטאטנ, געהערנ צו דער באקליידונג-אינדוסטריע 217.718, ד. ה., 55 פראָצ.; אלע אנדערע פאכנ צוזאמענ, ווענ מע זאָל אפילע די פריקאזשטשיקעס אויכ צורעכענענ צו די פאכאָווע ארבעטער, האָבנ צוגעשטעלט 178.105 אימיגראנטנ, ד. ה., בלויז 45 פראָצ. די ווײַט גרעסטע העלפט פונ אלע „פאכאָווע" ייִדישע וואנדערער באשטייט, אלזאָ, פונ באַשעפטיקטע אינ קליידונג-בראנזשע, הויפטזעכלעכ אינ דער שנײַדערײַ (47 פראָצ. פונ לע פאכאָווע); אלע אנדערע פאכנ צוזאמענ גענומענ שטעלנ אפילע ניט צו די העלפט פונ די פאכאָווע ייִדישע אײַנוואנדערער" [1]).

אלזאָ, די לאגע איז פאקטיש געווענ אזא, אז אדאנק דער עמיגראציע איז מעגלעכ געווענ א זייער באדײַטנדיקע פארברייטערונג פונ יענע ארבעט-געביטנ, אינ וועלכע עס זײַנענ געווענ באשעפטיקט די גרונט-מאסנ פונ די ייִדישע האָרעפאשניקעס אונ ארבעטער [2]).

דערמיט דערקלערט זיכ, וואָס אפ דער פאבריק איז געגאנגענ ניט דער קוסטאר אָדער מאנופאקטור-ארבעטער, נאָר דער זיכ פראָלעטארייזירנדיקער פויער. די פראָצעסנ, וועלכע זײַנענ פאָרגעקומענ אינ יענע יאָרנ אינ ווײַסרוסישנ דאָרפ, האָבנ מיטגעהאָלפנ דערצו. די זאכ איז די, וואָס דער קאפיטאליזמ אינ דער לאנדווירטשאפט פונ ווײַסרוסלאנד האָט, אדאנק באשטימטע היסטאָרישע באדינגונגענ, זיכ אנטוויקלט שנעל. לעגינ האָט נאָכ אפנ סמאכ פונ סטאטיסטישע דאטעס פונ די 80-ער יאָרנ צוגערעכנט קאָוונער, ווילנער, גראָדנער אונ מינסקער גוב. צו די גובערניעס מיט א דאָמינירנדיקער קאפיטאליסטישער סיסטעמע פונ לאנדווירטשאפט, און וויטעבסקער אונ מאָלעווער—צו די גובערניעס מיט א געמישטער סיסטעמ פונ לאנדווירטשאפט, קאפיטאליזמ אונ אָפּארבעטונג-סיסטעמ [3]) (Отработочная система).

אינדערעמעסנ, אפילע אינ סאָפ פונ די 90-ער יאָרנ האָט דער ארבעט-לוינ פונ א האנטווערקישנ געזעל, פונ א האנטוועבער אינ ווײַסרוסלאנד אָדער פונ א מאנופאקטור-ארבעטער ביכלאל אריבערגעשטיגנ אינ אלגעמיינ דעמ ארבעט-לוינ פונ א דורכשניטלעכנ, מיטל-קוואליפיצירטנ וועבער, וואָס איז געשטאנענ באמ מעכאנישנ שטול. אָט זײַנענ יעדיִעס וועגנ דערדאָזיקער פראגע (פארנ 1901 יאָר) [4]):

א האנטוועבער בא פּאָשעטע שטולנ: העכסטער ארבעטלוינ—6,5—9 רוב. א וואָכ
" " " " " דורכשניטלעכ. " " 6—4,5 " "
בא זשאקאד-שטולנ " " " 10—6 " "
א וועבער באמ מעכאנישנ שטול " " " 4,5 " "

---

[1]) זע, הערש „די ייִדישע עמיגראציע", זײַט 67.

[2]) אונ ניט נאָר אינ אמעריקע איז געגאנגענ אנ עמיגראציע פונ האנטווערקער—עס איז געגאנגענ אויכ אינ אוקראיִנע.

[3]) Ленин. Сочин. т. III, стр. 143.

[4]) דידאָזיקע ציפער נעמענ מיר פונ כאָראָשעס ארטיקלענ אינ „וואָסכאָד" פארנ 1901 יאָר, נומ. 4. דידאָזיקע יעדיִעס ווערנ אינ אלגעמיינ באשטעטיקט דורכ דעמ באריכט פונ „בונד" אפנ אינטערנאציאָנאלנ סאָציאליסטישנ קאָנגרעס אינ פאריזש 1900 י. (זע זאמלבוכ „25 יאָר", ווארשע, ז. 134).



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

לויט ס. לאַנדוי האָבן ביאַליסטאָקער וועבער פאַרדינט אין אַן 11־שאָעדיקן אַרבעט־
טאָג העכסטנס 1 רוב. 20 קאָפּ. אין אויסערגעוויינטלעכע פאַלן—1 רוב. 50 קאָפּ.[1].
דער אַרבעט־לוין פון אַ געזעל אין אַ מעבל־וואַרשטאַט אין ביאַליסטאָק האָט
אין 1901 יאָר אויסגעמאַכט 5־6 רוב. אַ וואָך[2], דער אַרבעט־לוין פון אַ שוואַרץ־
אַרבעטער אויף דער פאַבריק אין זעלביקן יאָר—3־4 רוב. אַ וואָך, דער אַרבעט־לוין
פון אַן אַרבעטער אין אַ פאַרבערײַ—3 רוב., אין אַפּרעטור־פאַבריק—3־4 רוב. דער
אַרבעט־לוין פון אַ סטאָליער־געזעל אין דווינסק אין 1902 יאָר—7־8 רוב. אַ וואָך[3].
אַ שנײַדער־געזעל אין ביאַליסטאָק האָט אין 1900 יאָר פאַרדינט 4־5 רוב. אַ וואָך[4],
אַ שוסטער־געזעל אין מינסק, אָנהייב 1900 יאָרן—ביז 6 רוב, אַ וואָך[5]. די ווײַס־
האָלץ־אַרבעטער אין ווילנע האָבן פאַרדינט זומער אין 1901 יאָר פון 6־9 רוב. אַ
וואָך, ווינטער—4־6 רוב. אַ וואָך[6]. אַ זעמשער האָט אין ווילנע פאַרדינט אין
1887 יאָר 3־8 רוב. אַ וואָך, [7]) אַ סטאָליער־געזעל אין דעמזעלביקן יאָר—פון 4־6 רוב.
אַ וואָך[8]. אויף איינער פון די גרעסטע טעקסטיל־אונטערנעמונגען, אויף דער „וויטעב־
סקער לײַן־שפּינערײַ“, האָט דער טעגלעכער אַרבעטלוין פון אַן אַרבעטער באַטראָפן
אין 1904 יאָר 50־60 קאָפּ., פון אַ פרוי און אַ יוגנטלעכן אַרבעטער—30־35 קאָפּ.[9].
אויף דער פּאַפּיראָסן־פאַבריק פון יאַנאָווסקי אין ביאַליסטאָק האָבן דערוואַקסענע
אַרבעטער פאַרדינט (1900) 5־6 רוב. אַ וואָך[10]. אין האָמעל, אויף דער שוועבעלעך־
פאַבריק „וועזווי“, האָבן דערוואַקסענע אַרבעטער פאַרדינט פון 75 קאָפּ. ביז אַ רוב.
אַ טאָג[11] (אין דעמזעלביקן יאָר). די גאַרבער אין ביאַליסטאָק (1900) האָבן פאַר־
דינט פון 4־6 רוב. אַ וואָך[12].

מען דאַרף נאָך אויך פאַרגלײַכן דעם אַרבעטלוין פון אַ ייִדישן אַרבעטער,
וואָס איז געווען באַשעפטיקט אין דער האַנטווערקער־קוסטאַרישער מעטאַל־באַאַרבע־
טונג, מיטן אַרבעטלוין פון אַ דורכשניטלעכן מיטל־קוואַליפיצירטן ניט־ייִדישן אַרבע־
טער אויף מעטאַל־באַאַרבעטנדיקע זאַוואָדן. אַ שלאָסער אָדער אַ בלעכער אין ביאַלי־
סטאָק האָט פאַרדינט אין 1900 יאָר 5 רוב. אַ וואָך[13]. לויט סובאָטינען האָט אַ
שלאָסער־געזעל אין ווילנע סאָף 80־ער יאָרן פאַרדינט 4־6 רוב. אַ וואָך[14] (אָנהייב

[1] זע, С. Ландау, Среди еврейского пролетариата, стр. 38.
[2] זע, „Восход“ за 1901 г. кн. 4, ст. Н. Хороша.
[3] אויך דאָרטן.
[4] באַריכט צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין פּאַריז (1900), זאַמלבוך „25 יאָר“.
[5] „דער ייִדישער אַרבעטער“ № 10, ציטירט לויט Бухбиндер, „История евр. раб. движ.“ стр. 13.
[6] ש. אײַנזאַפט. „דער עקאָנאָמישער קאַמף פון די האָלץ־אַרבעטער ביזן 1905 יאָר“, „וויסנשאַפטלעכע יאָרביכער“, זײַט 14.
[7] זע, А. Субботин. „По черте оседлости“, вып. I.
[8] אויך דאָרטן.
[9] זע, Дело № 213 за 1904 г. витебск. губ. по фабр. делам присутсвия, Минский Истор. Архив.
[10] „Восход“ кн. 12 за 1901 г.
[11] אויך דאָרטן.
[12] באַריכט צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָצ. קאָנגרעס אין פּאַריז (1900), זאַמלבוך „25 יאָר“.
[13] אויך דאָרטן.
[14] זע, А. Субботин, вып. I.

1900 יאָרנ האָט א קוואליפיצירטער שלאָסער־געזעל אינ מינסק פארדינט 6 רוב. א וואָכ.), אפ די וויטעבסקער מעטאל־באארבעטנדיקע מאנופאקטורנ האָט דער ארבעט־לוינ, לויט כאראַשנ, „אָפּהענגיק פונ דעמ, צי די ארבעט האָט געפאָדערט א ספעציעלע געניטקײַט, אָדער נאָר ארבעט־קראפט (ווי צ.ב., באמ עגבערנ לעכער, באמ אָנשנײַדנ באָלטנ) זיכ געוואקלט צווישנ 3 אונ 6 רוב. א וואָכ”. אלזאָ, א קוואליפיצירטער ארבעטער האָט אינ דידאָזיקע מאנופאקטורנ נאָכ דעמלט פארדינט 6 רוב. א וואָכ. מע דארפ נעמענ אינ באטראכט, אז איז יענער צײַט (1901) האָבנ די זאוואָדנ פונ לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס אינ קאָנקורענצ־קאמפ שוינ שטארק געשלאָגנ דידאָזיקע מאנופאקטורנ, ווענג וואָס עס דערציילט דערזעלביקער כאראָש. שפעטער וועלנ מיר זענ, ווי דידאָזיקע מאנופאקטורנ זײַנענ, אונטערנ דרוק פונ קאָנקורענצ מיצאד די זאוואָדנ פונ לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס, שוינ געקומענ אינ יענער צײַט אינ א צושטאנד פונ יערידע. אָבער אינ די 80־70־ער יאָרנ איז די לאגע אינ דעמ פראט געווענ אסאכ בעסער. צומ באדויערנ האָבנ מיר ניט קיינ יעדיעס, וואָס זאָלנ דערלויבנ פארגלײַכנ פאר יענע יאָרנ די לאגע פונ דעמ ייִדישנ ארבעטער אינ דידאָזיקע מאנופאקטורנ מיט דער לאגע פונ דעמ דורכשניטלעכנ ארבעטער אפ א טשוהונ־זאוואָד, צ. ב. אָט ליגט פאר אונדז די רעשימע פונ די ארבעטער אינ 1904 יאָר מיט דער אָנווײַזונג פונ יעדערנס ארבעטלוינ) פונ דעמ מאשינ־בוי־זאוואָד יאקאָבסאָנ אונ ליפשיצ. ווי הויכ איז געווענ דער ארבעט־לוינ פונ די ארבעטער? דער העכסטער ארבעטלוינ אפנ זאוואָד איז געווענ 1 רוב. 80 קאָפּ. א טאָג. עס האָט אָבער נאָר איינ ארבעטער פארדינט אזויפיל. צוויי ארבעטער האָבנ פארדינט צו 1 רוב. 60 קאָפּ. איינ ארבעטער—1 רוב. 70 קאָפּ. איינ ארבעטער—1 רוב. 40 קאָפּ. דער ארבעטלוינ פונ אלע איבעריקע ארבעטער האָט ניט אריבערגעשטיגנ 1 ר.— 1 רוב. 20 קאָפּ. (פארשטייט זיכ, ניט אלע ארבעטער האָבנ אזוי פיל פארדינט, אסאכ פונ זיי האָבנ פארדינט אסאכ וויייניקער). דערדאָזיקער פארגלײַכ באווײַזט, אז אפילע אינ אָנהייב פונ די 1900־ער יאָרנ האָט א קוואליפיצירטער ארבעטער אינ דער האנטווערקער־קוסטארישער אָדער מאנופאקטורישער מעטאל־באארבעטונג פארדינט אינ אלגעמיינ ניט וויייניקער, ווי דער ניט־ייִדישער מיטל־קוואליפיצירטער ארבעטער אפ א גרויסער מעכאניזירטער מעטאל־באארבעטנדיקער אונטערנעמונג.

מיר ווייסנ שוינ, אז אפ דעמדאָזיקנ זאוואָד זײַנענ צווישנ די ארבעטער געווענ 5 ייִדנ. אלע זײַנענ זיי סטאָלער, וואָס בילדנ דעמ גאנצנ סטאָלער־צעכ. דער ארבעטלוינ פונ יעדערנ פונ זיי איז פאָלגנדיקער: 1 רוב. 30 קאָפּ. (א טאָג), 1 רוב. 20 קאָפּ., 1 רוב., אונ 1 רובל 60 קאָפּ. ביכלאל זײַנענ ייִדישע ארבעטער, אפ וויפל זיי באגעגענענ זיכ אפ מעטאל־באארבעטנדיקע זאוואָדנ אינ מינסקער גובערניע, געוויינטלעכ—סטאָליער (אָדער אנדערע ארבעטער אינ געביט פונ האָלצ־באארבעטונג), אָדער שלאָסער אונ געפינענ זיכ אינ דער לאגע פונ קוואליפיצירטע ארבעטער מיט א הויכנ ארבעטלוינ. אזוי, לעמאָשל, זײַנענ די דרײַ ייִדישע ארבעטער, וועלכע מיר טרעפנ אפ דעמ טשוהונ־ אונ מעכאנישנ זאוואָד פונ סיגיזמונד סקירמונט, באשטאנענ פונ 2 סטאָלער אונ איינ קעסלער. דער קעסלער האָט באקומענ 1 רוב. 49,5 קאָפּ א טאָג אונ די סטאָלער: איינער—1 רובל 3,5 קאָפּ. דער צווייטער—92 קאָפּ. א טאָג, אפנ צווייטנ מאשינ־בוי־זאוואָד פונ יאקאָבסאָנ אונ ליפשיצ (קאָשארער), אפ וועלכנ

עס זײַנענ געווענ באשעפטיקט, ווי מיר האָבנ געזענ, 9 ייִדישע ארבעטער, זײַנענ די לעצטע, לויט די פראָפעסיעס, באשטאנענ פונ 5 שלאָסער, איינ סטאָלער, 2 האָלצ־טאָקער, איינ מאָדעלשטשיק. דער ארבעטלוינ פונ דידאָזיקע ארבעטער — פונ 1 רוב. 10 קאָפ. ביז 1 רוב. 40 קאָפ. א טאָג. אפנ שיפבוי־זאוואָד פונ אָבריענ־דע־ליאסי, אפ וועלכנ עס זײַנענ געווענ באשעפטיקט 7 ייִדישע ארבעטער, זײַנענ די לעצטע באשטאנענ פונ 2 מאליער אונ 5 לערנ־ייִנגלעכ — שלאָסער. דער ארבעטלוינ פונ די מאליער — 1 רוב. 10 קאָפ. אונ 90 קאָפ. א טאָג. אפנ זאוואָד פונ סוויענטאָרזשיצקי אונ סמיעטכשעצקי איז דער איינציקער ייִדישער ארבעטער, וואָס מיר געפינענ דאָרטנ, געווענ א גיסער, וועלכער האָט פארדינט 24 רוב. א מאָנאט.

אלזאָ, זעענ מיר, אז אפ דידאָזיקע אונטערנעמונגענ טרעפנ זיכ ייִדישע ארבעטער אפ אזוי פיל, אפ וויפל די אונטערנעמונגענ, אדאנק דעמ כאראקטער פונ דער פראָדוקציע, נייטיקנ זיכ נאָכ אינ קוואליפיצירטער האנט־ארבעט (סטאָלערײַ אונ שליאָסערײַ), וואָס ווערט דערפאר גאנצ גוט אָפגעצאָלט, בעסער ווי אינ די האנטווערקערישע ווארשטאטנ.

אָבער אזוינע ארבעט־קראפט ווערט דאָ אָנגעווענדעט אינ אנ אומבאדײַטנדיקער מאָס. אינ אלגעמיינ האָט דער ייִדישער האנטווערקערישער אָדער קוסטארישער ארבעטער, אָנקומענדיק אפ דער פאבריק אָדער אפנ זאוואָד אינ יענע יאָרנ (70־90־ער יאָרנ), געקענט האָפנ נאָר אפ דער אראָפזעצונג פונ זײַנ לעבנ־ניוואָ אונ אינ זייער זעלטענע פאלנ — אפ דער אופהיטונג פונ זײַנ פריִעדיקנ לעבנ־ניוואָ.

דאָס אלצ האָט, פארשטייט זיכ, ניט געקענט סטימולירנ דעמ איבערגאנג פונ דעמדאָזיקנ ארבעטער אפ דער פאבריק. אלס א געלערנטער ארבעטער, מײַדט ער נאטירלעכ אויס יענע ארבעט־צווײַגנ, וווּ דער ארבעטלוינ איז נידעריק, זאָל עס זײַנ אפילע אינ דער סאמע עכטער מאנופאקטור אונ ניט נאָר אינ דער פאבריק. דעמ בעסטנ בײַשפיל, אינ דעמ פראט, שטעלט פאָר מיט זיכ די גארבערײַ, וווּ די ייִדישע ארבעטער, ווי עס איז באוווסט, זײַנענ ניט געווענ באשעפטיקט אינ „נאסע" אָפטיילונגענ, וווּ עס האָט זיכ ניט געפאָדערט קיינ געניטקײַט אונ וווּ דער ארבעטלוינ איז דערפאר געווענ זייער א נידעריקער.

מיט איינ וואָרט, דאָס פעלנ פונ דעמ שטאָטישנ קוסטאר אונ האנטווערקער אונ פונ דעמ קוסטארישנ אינ מאנופאקטור־ארבעטער אפ די טעקסטיל־ אונ מעטאל־באארבעטנדיקע אונטערנעמונגענ דערקלערט זיכ דערמיט, וואָס ניט געקוקט אפ דער קאפיטאליזאציע פונ דער האנטווערקערײַ, אז דער גרעסטער טייל פונ דידאָזיקע האָרעפאשניקעס אונ ארבעטער ניט געגאנגענ אהינ, מאכמעס די לאגע פונ דער האנטווערקערײַ אונ פונ דער מאנופאקטור איז נאָכ געווענ אזא, אז זי האָט אינ אלגעמיינ געזיכערט דעמ האָרעפאשניק אונ דעמ ארבעטער ניט קיינ נידעריקער לעבנ־ניוואָ ווי פונ דעמ מיטל־קוואליפיצירטנ ארבעטער אפ דער קאפיטאליסטישער פאבריק. מיר אונטערשטרײַכנ, אז דאָס באציט זיכ נאָר צומ האנטווערקעריש־קוסטארישנ עלעמענט. די פראגע וועגנ דעמ קליינעמ הענדלער פאָדערט א באזונדער אויספאָרשונג. מע דארפ אָבער אָנעמענ, אז בא אזא לאגע פונ דער האנטווערקערײַ אונ מאנופאקטור אינ יענע יאָרנ האָט א באדײַטנדיקער טייל פונ יענע קליינע הענדלער, וואָס האָבנ אָנגעהייבנ צו פארלירנ זייערע עקאָנאָמישע פאָזיציעס, זיכ געצויגנ — לעכאָלאפאָכעס אינ דער פערזאָנ פונ אונטערוואקסנדיקנ דאָר — צו האנט־

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0039-0075 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

דוערקעריַ אונ מאנופאקטור, אָנשטאָט צו דער פאבריק. דאָס איז געווענ דערפאר, וואָס די גרונט־מאסנ פונ די שטאָטישע האנטווערקער, קוסטארעס אונ מאנופאקטור־ארבעטער זײַנענ דאָ געווענ באשעפטיקט אינ אזוינע פראָדוקציִע־צווײַגנ, וועלכע זײַנענ קימאט לאכלוטנ ניט באריִרט געוואָרנ דורכ דער „אינדוסטריִעלער־איבערקערעניש אינ לאנד. דערפאר האָט דער שטאָטישער קוסטאר, דער שטאָטישער האנטווערקער אונ זײַנ געזעל אונ דער מאנופאקטור־ארבעטער געקענט א לאנגע צײַט ניט גײנ אפ דער פאבריק. אונ זײ זײַנענ טאקע א לאנגע צײַט ניט געגאנגענ. דער פויער איז שוינ פונ לאנג געצווונגענ געווענ צו גײנ, אונ אסאכ פונ דעם יונגנ פויערישנ דאָר זײַנענ פאר דער צײַט בוכשטעבלעכ אויסגעוואקסנ אפ דער פאבריק, אָנקומענדיק אהינ פונ קינדווײַז אָנ. דער שטאָטישער האנטווערקער, דער שטאָטישער קוסטאר, דער שטאָטישער האנטווערקערישער אונ מאנופאקטור־ארבעטער איז אינ יענע יאָרנ נאָכ ניט געווענ געצווונגענ צו שיקנ אפ דער פאבריק זײַנ פרוי, זײַנ טאָכטער, זײַנ קינד, ווי דאָס האָט געטאָנ די רוִינירטע פויערישע פאמיליִע. דער שטאָטישער האנטווערקער, דער שטאָטישער קוסטאר, דער מאנופאקטור־ארבעטער האָט דעמלט געשיקט זײַנע קינדער אינ דעמ האנטווערקערישנ ווארשטאט, אונ אינ דער מאנופאקטור, אויסהאָדעווענדיק מאסנ שנײַדער, שנײַדערקעס, סטאָלער א. א. וו. דידאָזיקע פערספעקטיוו האָט נאָכ דעמלט געגרייצט.

דער שטאָטישער האנטווערקער, דער האנטווערקערישער אונ מאנופאקטורישער ארבעטער אונ די מיטגלידער פונ זײַנ מאמיליִע וואָלטנ זיכ א לאָז געטאָנ אינ יענע יאָרנ אינ דער קאפיטאליסטישער פאבריק צוגלײַכ מיטנ פויער, ווענ די „אינדוסטריִעלע איבערקערעניש” אינ ווײַסרוסלאנד וואָלט פארכאפט יענע ארבעט־צווײַגנ, אינ וועלכע עס זײַנענ געווענ באשעפטיקט די גרונט־מאסנ פונ די שטאָטישע האנטווערקער, קוסטארעס אונ מאנופאקטור־ארבעטער; זײ וואָלטנ דעמלט ניט געהאט ווו זיכ אהינצוטאָנ, אונ זײ וואָלטנ דורכגעמאכט דעמזעלביקנ גורל וואָס האָט בעשײַטוי געטראָפנ די האנטווערקער, קוסטארעס אונ די קוסטארישע אונ מאנופאקטור־ארבעטער אינ די שטעט אונ דערפער פונ די מײַרעוו־אײראָפײִשע לענדער. דאָס האָט אָבער ניט פאסירט.

אזוינוי די גרונט־מאסנ פונ די שטאָטישע האנטווערקער אונ קוסטארעס אונ זײערע געזעלנ אונ די גרונט־מאסנ פונ די מאנופאקטור־ארבעטער אינ ווײַסרוסלאנד זײַנענ באשטאנענ פונ ייִדנ, דערקלערט אָט דער אומשטאנד אויכ (אכוצ דעם פאקט פונ טכומ) פארוואָס די ייִדישע ארבעטער זײַנענ געבליבנ אויסער יענע פאָרשריטלעכע אינדוסטריע־צווײַגנ, וואָס האָבנ זיכ באזירט אפ דער מאָדערנער טעכניק.

מ. ראפעס, אָנווײַזנדיק אפ דעמ, אז „די מאשינ־פראָדוקציִע האָט שוינ, לויט א טראדיציִע, ניט געהאט בא זיכ קיינ ייִדנ”, זאָגט: „די סיבעס פונ דערדאָזיקער דערשײַנונג זײַנענ פארשיידנארטיק, אָבער זײ אלע וואָלט מענ קענענ אונטערפירנ אונטער איינ גרונט־סיבע: בא דער לאנגזאמער אויסבילדונג פונ פראָלעטאריאט בא ייִדנ, וועלכע (די ייִדנ) ווערנ אײַנגעשלונגענ דורכנ האנדל אונ עמיגראציִע, האָט די



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

ביליקערע ארבעט פונ די, וואָס פלעגנ קומענ פונ דאָרפ, דערוואָבערט די הויפט־פּאָזיציעס. אכוץ דעמ האָט די קליינבירגערלעכע פסיכאָלאָגיע, פונ איר זייַט, אָפּגעהאלטנ די ייִדנ פונ אוועקגיינ אפנ זאוואָד"[1]).

פריִער פונ אלצ איז ניט פארשטענדלעכ, וויאזוי קענ מענ דערקלערנ די לאנגזאמע אויסבילדונג פונ א פּראָלעטאריאט בא ייִדנ דערמיט, וואָס זיי פלעגנ ווערנ אָפּגעצויגנ דורכ עמיגראציע. א שטארקע עמיגראציע האָט דאָכ דאפקע באדייַט, אז די ייִדנ ווערנ געשטויסנ איננ די רייענ פונ פּראָלעטאריאט. דידאָזיקע דערקלערונג איז נאָכ וויִניקער פארשטענדלעכ דערמיט, וואָס דער אווטער ציטירט מיט צוויי זייַטנ פריִער, אָנ קיינע באוואָרענישנ, דעמ באריכט פונ „בונד" אפ דעמ אינטערנאציאָנאלנ סאָציאליסטישנ קאָנגרעס איננ פּאריזש (1900), ווו עס ווערט צווישנ אנדערנ געזאָגט, אז „די פּראָלעטאריזאציע פונ דער ייִדישער קליינבורזשואזיע, וועלכע האָט פארלאָרנ דעמ פעסטנ באָדנ אונטער די פיס, האָט אָנגענומענ גוואלדיקע מאסשטאבנ. דער איינציקער שוצ־קלאפּאנ—די עמיגראציע—וועלכע האָט אָנגענומענ פאר די יאָרנ (עס רעדט זיכ וועגנ די 80־ער יאָרנ) גוואלדיקע מאסשטאבנ, האָט אויכ ניט געראטעוועט פונ דער איבערבאפעלקערונג. דער אָנבאָט פונ ארבעט־הענט האָט, בא דער שוואכער אנטוויקלונג פונ דער גרויס־אינדוסטריע, אריבערגעשטיגנ דעמ נאָכפרעג, אונ די לאגע פונ ארבעטער־קלאס האָט זיכ שטארק פארערגערט. די דיפערענציאציע איננ דער ייִדישער סוויווע האָט זיכ נאָכ מער פארשטארקט... איננ מעשעכ פונ 1־2 דורעס האָט דאָס ייִדישע פאָלק זיכ שטארק געשפּאָלטנ אפ צוויי פייַנטלעכע לאגערנ. וואָס דער טהאָמ צווישנ זיי איז אלצ געוואקסנ".

מיר האלטנ, אז מענ קענ בעשומויפנ ניטריידנ וועגנ א לאנגזאמער אויסבילדונג פונ א פּראָלעטאריאט בא ייִדנ ביכלאל, נאָר וועגנ א לאנגזאמער אויסבילדונג פונ א פאבריק־זאוואָדישנ פּראָלעטאריאט, ווייַל איננ אלגעמיינ איז דאָכ די צאָל ייִדישע ארבעטער אויסגעוואקסנ גאנצ שנעל. עס איז גענוג אָנצווייַזנ נאָר אפ די מאנופאקטור־ארבעטער בא ייִדנ. איננ די 80־ער יאָרנ אליינ אנטשטייענ צוויי נייַע פּראָדוקציע־צווייַגנ—בערשטער־אינדוסטריע אונ גארבערייַ (טרוקענע אויסארבעטונג), איננ וועלכע עס זייַנענ שוינ געווענ באשעפטיקט צומ סאָפ פונ די 90־ער יאָרנ ניט וויִניקער פונ 5000 ייִדישע ארבעטער. אונ די אנטוויקלונג פונ דער טאבאק־, שוועבעלעכ־ אונ האָלצ־באארבעטנדיקער אינדוסטריע איננ די 80־90 יאָרנ, ווו עס זייַנענ געווענ באשעפטיקט טויזנטער ייִדישע ארבעטער? אונ די אנטשטייונג אונ אנטוויקלונג פונ מעטאלמאנופאקטורנ מיט קימאט אויסשליסלעכ ייִדישע ארבעטער? די באהויפטונג וועגנ דער „לאנגזאמער אויסבילדונג פונ א פּראָלעטאריאט בא ייִדנ" דערמאָנט די באקאנטע „טעאָריע" וועגנ „דער ניט־פּראָלעטאריזאציע פונ די ייִדישע מאסנ אונ די ניט־אינדוסטריאליזאציע פונ די ייִדישע ארבעטער".

ווייַטער: די דערקלערונג, אז, „די ביליקע ארבעט פונ די, וואָס קומענ פונ די דערפער, האָט דערוואָבערט די הויפט־פּאָזיציעס", איז, לויט אונדזער מיינונג, אויכ ניט גענוגנדיק. נאָכ דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש איננ ענגלאנד איז דער אירלענדישער פויער געווענ אסאכ א געפערלעכערער קאָנקורענט פארנ ענגלישנ קוסטאר,

---

[1]) זע M. Рафес, цит. кн. стр. 7

וואָס איז איצט אריבער אפ דער פאבריק[1], איידער דער ווײַסרוסישער אָדער דער ליטווישער פויער פאר דעמ ייִדישנ קוסטאר אונ זײַנ געזעל. פונדעסטוועגנ איז דאָרט דער ענגלישער שפינער אונ דער ענגלישער וועבער ניט געבליבנ אויסגעשלאָסנ פונ דער פאבריק־זאוואָדישער פראָדוקציע.

אונ וואָס עס איז שײַכ דער קליינבירגערלעכער פסיכאָלאָגיע, וועלכע האָט אָפּגעהאלטנ די ייִדנ פונ גיינ אפנ זאוואָד, האלטנ מיר, אז דידאָזיקע פסיכאָלאָגיע איז געווענ ניט שוואכער בא דעמ מײַרעוו־אייראָפּייִשנ קוסטאר ערעוו דער אײַנפירונג פונ די מאשינעס.

מיט איינ וואָרט, דאָס קענ, לויט אונדזער מיינונג, ניט דערקלערנ, פארוואָס די ייִדישע ארבעטער זײַנענ ניט געווענ אינ דער גרויסער אינדוסטריע.

ארויסגייענדיק פונ דיזעלביקע טײַמימ, האלטנ מיר אויכ פאר ניט ריכטיק יענע דערקלערונג וועגנ די „היסטאָרישע וואָרצלענ", וועגנ דער „עקאָנאָמישער ניט־אסימיליאציע" פונ „ייִדישנ פראָלעטאריאט", וואָס עס גיט דער געוועזענער „טעאָרעטיקער" פונ דער ייִדישער נאציאָנאליסטישער קליינבירגערלעכער פארטיי —ס.־ס. י. לעשטשינסקי. אָנווײַזנדיק דערויפ, אז די ייִדישע אינדוסטריעלע קאפיטאליסטנ זײַנענ אויפגעקומענ נאָכ אינ די 70־ער יאָרנ, זאָגט י. לעשטשינסקי: „גאָר אנדערש איז די אנטשטייונג פונ ייִדישנ פראָלעטאריאט. ער טרעט ארויס אפ דער סצענע פיל שפּעטער, ווענ דער רוסלענדישער קאפיטאל האָט שוינ געהאט פארכאפּט גרויסע קאדרענ פונ קוואליפיצירטע ארבעטער, ווענ געוויסע פראָדוקציע־צווײַגנ, ווו עס פאָדערט זיכ א באזונדערע טעכנישע דערפארונג, זײַנענ שוינ געווענ פארנומענ פונ קריסטלעכע אנטוויקלטע ארבעטער. דער ייִדישער פראָלעטאריאט קומט פונ קליינעמ פינצטערנ ווערקשטאט, ווו ער איז געווענ א געזעל אָדער א לערנ־ייִנגל. אונ ערשט אינ די 90־ער יאָרנ האָט די דיפערענצירונג אינ דער ייִדישער מעלאָכע דערגרייכט אזא שטופע, ווענ עס איז מעגלעכ געווענ א שטרײַק פונ ייִדישע ארבעטער אונ עס איז געבאָרנ געוואָרנ דער געדאנק פונ אָרגאניזירנ זיכ"[2].

דאָס איז ניט ריכטיק. די ייִדישע וועבער, לעמאָשל, זײַנענ שוינ לאנג פאר די 90־ער יאָרנ ניט באשטאנענ מער פונ האנטווערקער, געזעלנ אונ לערנ־ייִנגלעכ. די דיפערענציאציע אינ דער וועבערײַ איז שוינ אינ די 70־ער יאָרנ געווענ זייער שארפ. שוינ דעמלט זײַנענ די וועבער געווענ ניט קיינ האנטווערקערישע, ניט קיינ קוסטארישע, נאָר מאנופאקטור־ארבעטער. קימאט דאָסזעלביקע קענ מענ זאָגנ וועגנ די ייִדישע בערשטער אונ גארבער. זיי האָבנ קימאט ניט באוויזנ צו זײַנ קיינ קוסטארישע ארבעטער, ווײַל דידאָזיקע פראָדוקציע־צווײַגנ אנטשטייענ קימאט פונ אָנהייב אָנ ווי קאפיטאליסטישע פראָדוקציעס, וואָס ארבעטנ פארנ ברײַטנ מארק. אונ דידאָזיקע צוויי פראָדוקציע־צווײַגנ זײַנענ, ווי מיר האָבנ געזענ, אויפגעקומענ אינ די 80־ער יאָרנ אונ האָבנ זיכ זייער שנעל פאנאנדערגעוואקסנ, וואָס עס האָט באדײַט, אז עס גייט א שטארקע פראָלעטאריזאציע פונ די ייִדישע מאסנ. אונ ענדלעכ, די מעטאלבאארבעטנדיקע מאנופאקטורנ אינ וויטעבסק, זשלאָבינ אונ ראקאָוו, מיט קימאט אויס־

---

1) זע וועגנ דעמ בא Ф. Энгельс, „Положение раб. кл. в Англии"

2) זע, י. לעשטשינסקי „דער ייִדישער ארבעטער" ז. 108.

שליסלעכ ייִדישע ארבעטער זײַנענ אויכ אופגעקומענ אונ זיכ אנטוויקלט אסאכ פריִער ווי אינ די 90־ער יאָרנ. דירעקטע ארבעטער זײַנענ שוינ אויכ לאנג ניט געווענ קיינ געזעלנ. אלזאָ, די דיפערענציאציע אינ דערדאָזיקער פּראָדוקציע איז שוינ אויכ אסאכ פריִער ווי אינ די 90־ער יאָרנ געווענ גענוג שארפ. עמעס, אינ דער „טעאָריע" וועגנ דער „ניט־פּראָלעטאריזאציע פונ די ייִדישע מאסנ" פאסנ זיכ אזוינע פאקטנ ניט ארײַנ [1], אָבער דאָס איז דאָכ ניט וויכטיק: דעמלט איז עס ערגער פאר די פאקטנ.

יעדנפאל איז קלאָר, אז סײַ די ייִדישע וועבער, סײַ די ייִדישע בערשטער אונ גארבער, סײַ די ייִדישע ארבעטער פונ די מעטאל־באארבעטנדיקע מאנופאקטורנ זײַנענ „ארויסגעטראָטנ אפ דער סצענע" שוינ ניט אזוי „שפּעט, ווענ דער רוסלענדישער קאפּיטאל האָט שוינ געהאט פארכאפּט גרויסע קאדרענ פונ קוואליפיצירטע ארבעטער", אונ פונדעסטוועגנ זײַנענ זיי ניט געגאנגענ דאָרט, ווו זיי האָבנ, אייגנטלעכ, גענדארפט גיינ, לויט דער „קאָנצעפּציע" פונ י. לעשטשינסקי. ווײַזט אויס, אז סאָציאלע דיפע־רענציאציע אליינ איז נאָכ ניט גענוג, קעדיי עס זאָל אופקומענ א פאבריק־פּראָלע־טאריאט. די דיפערענציאציע אינ דער ענגלישער טעקסטיל־פּראָדוקציע איז שוינ לאנג פאר דער אינדוסטריִעלער איבערקערעניש געווענ אזא, אז עס האָט יעדנפאל ניט גע־קענט זײַנ קיינ רייד וועגנ מײַסטערס אונ געזעלנ אָדער וועגנ קוסטארישע ארבעטער. פ א ב ר י ק־ארבעטער זײַנענ זיי אָבער געוואָרנ ערשט דאנ, ווענ די מאשינ איז ארײַנ־געדרונגענ אינ דערדאָזיקער פּראָדוקציע. אונ וואָס עס איז שײַעכ ספּעציִעל די ענגלישע וועבער (אונ ניט נאָר די ענגלישע, נאָר אויכ די אינדישע), זײַנענ זיי א לאנגע צײַט, אפילע נאָכ דער אינדוסטריִעלער איבערקערעניש נאָכ ניט געוואָרנ אינ דער מאסע זייערער פאבריק־ארבעטער, ניט געקוקט דערופ, וואָס די דיפערענציאציע אינ דער וועבערײַ איז געווענ אזא, אז ס'האָט ניט געקענט זײַנ קיינ שום רייד וועגנ מײַסטער אונ געזעלנ אָדער וועגנ קוסטארישע ארבעטער...

דאָסזעלביקע איז אויכ געווענ אינ צענטראל־רוסלאנד. די פּאוולאָווער פּראָדוקציעס „האָבנ נאָכ אינ מיטנ 19־טנ י. ה. פאָרגעשטעלט מיט זיכ א ברייט־פארצווײַגטע נעצ פונ פולשטענדיק־אויסגעפאָרמירטע קאפּיטאליסטישע באציִונגענ" [2].

ניט געקוקט דערופ, האָט נאָכ אינ 40 יאָר ארומ, אינ די 90־ער יאָרנ, „די מאנו־פאקטור פארנומענ דעמ הויפּט־אָרט אינ דער אינדוסטריע פונ דעמדאָזיקנ ראַיאָנ" [3].

די קליינ־פּראָדוקציע איז געווענ פארהעלטענישמעסיק זייער לעבהאפט. דאָס דער־קלערט זיכ דערמיט, וואָס די מעכאניזאציע פונ דער פּראָדוקציע איז געווענ נאָכ

[1]) גאָר אנ אנדער זאכ איז, ווענ מע „קאָנסטאטירט", אז ביז די 90־ער יאָרנ זײַנענ צווישנ די ייִדישע האָרעפּאשניקעס געווענ נאָר מײַסטערס, געזעלנ אונ לערניִנגלעכ. אזויווי א לערניִנגל איז א קינפטיקער געזעל אונ א געזעל—א קינפטיקער מײַסטער, איז „קלאָר", אז אפ וויפל צווישנ ייִדנ איז געוואקסנ א האָרעפּאשנע מאסע ביז צו די 90־ער יאָרנ, זײַנענ דאָס געווענ אויסשליסלעכ האנטווערקערישע מײַסטערס, געזעלנ אונ לערניִנגלעכ, אָבער ניט קיינ פּראָלעטאריער, ד. ה., עס האָבנ זיכ געפּרוכפּערט קליינבירגער, אָבער עס איז ניט געגאנגענ קיינ פּראָלעטאריזאציע. אפ וויפל אָבער ס'האָבנ זיכ קיינ קליינבירגער אויכ ניט געפּרוכפּערט אונ פארמערט, איז געגאנגענ א פּאופּעריזאציע, ווײַל א פּראָלעטאריזאציע איז צווישנ די ייִדישע מאסנ, „ווי באקאנט", ניט געגאנגענ. זע די „טעאָריע" וועגנ דער „ניט־פּראָלעטאריזאציע פונ ייִדישע מאסנ".

[2]) לענינ, באנד 3 ז. 322.

[3]) לענינ, אויכ דאָרטנ ז. 323

שוואכ דורכגעפירט. „אינ 1890־טנ יאָר זײַנענ אינ פאוולאָווער רײַאָנ געווענ נאָר 1500 פאבריק־ארבעטער“ [1]). אינ דערזעלביקער צײַט זײַנענ אינ 1889 יאָר נאָר אינ גאָרבאטאָווער אויעזד אליינ געווענ לויט דער זעמסקער ציילונג באשעפטיקט אינ דערדאָזיקער פראָדוקציע—9311 מאנ, אונ אינ מוראָמער אויעזד, 1881,—2205 מאנ [2]).

אָבער לויט דער מאָס, ווי די מאשינ איז ארײַנגעדרונגענ אינ דידאָזיקע פראָדוקציעס, פארניכטנדיק די „קוסטארעס“ (ד. ה. די הויז־אינדוסטריע), האָבנ די לעצטע זיכ פארוואנדלט אינ פאבריק־ארבעטער. „די טשוועקעס־פראָדוקציע פאלט אונטערנ דרוק פונ דעמ ביליקנ מאשינ־טשוועק, אונ ווערט אָנ צווייפל, פריִער אָדער שפעטער, ווערנ דורכ אימ אינגאנצנ פארניכטעט; די שלעסער־אונ מעסער־פראָדוקציע גייט וואָס ווײַטער אלצ מערער איבער צו ריינער פאבריק־פראָדוקציע... די פראָדוקציע פונ מאשינ־דראָט אנטוויקלט זיכ מיט יעדנ יאָר אלצ מערער אונ מערער“ [3]). די פרעסנ, וועלכע שטאמפעווענ די שארפנ פונ די מעסערס, דעמ קערפער פונ דעמ גאָפל אונ די טיילנ פונ די שלעסער, האָבנ שטארק א קלאפ געגעבנ דעמ קוסטאר פונ מוראָמער אויעזד, וולאדימירער גוב. אָבער די צוזאמענשטעלונג פונ די מעסערס איז געבליבנ נאָכ אינ די הענט פונ די קוסטארעס, ווײַל דאָס איז נאָכ ניט געלונגענ צו מאכנ מיט דער מאשינ“ [4]).

ווענ די דיפערענציִאציע אינ דער ייִדישער מעלאָכע וואָלט פאָרגעקומענ אינ א ג ר ע ס ע ר ע ר מאָס פאר די 90־ער יאָרנ, וואָלט עס נאָכ לאנג ניט געבראכט דערצו, אז די האנטווערקערישע ארבעטער זאָלנ אוועק אפ דער פאבריק, פונקט ווי די דיפערענציִאציע אינ דער מעטאל־באארבעטונג אינ זשלאָבינ, ראקאָוו, וויטעבסק, וואָס איז פאָרגעקומענ אסאכ פריִער, האָט ניט געבראכט דערצו, אז די ארבעטער פונ די־דאָזיקע מאנופאקטורנ זאָלנ לויפנ אפ די מעטאל־באארבעטנדיקע זאוואָדנ; אָדער פונקט, ווי יענע עלעמענטנ פונ דער זיכ פראָלעטאריזירנדיקער ייִדישער סוויווע, וואָס האָבנ אינ די 80־ער יאָרנ ארײַנגעשטראָמט אינ דער בערשטער־ אונ אינ דער גארבער־אינדוסטריע, האָבנ ניט געפונענ פאר נייטיק אָנשטאָט דעמ אָנצוקומענ בעסער אינ דער גרויסער קאפיטאליסטישער אינדוסטריע.

קאָלזמאנ די מאשינ דרינגט ניט ארײַנ אינ א געוויסנ פראָדוקציִע־צווײַג אונ אנולירט ניט די קוואליפיקאציע פונעמ גרעסטנ טייל האָרעפאשניקעס, וואָס זײַנענ באשעפטיקט אינ דעמדאָזיקנ אינדוסטריע־צווײַג, ד. ה. קאָלזמאנ א באשטימטער פראָדוקציע־צווײַג וועט זיכ נייטיקנ אינ א מער אָדער ווייניקער קוואליפיצירטער האנט־ארבעט, וואָס קענ ניט פארביטנ ווערנ דורכ דער ארבעט פונ זיכ פראָלעטאריזירנדיקנ פויער, אָדער דורכ דער ארבעט פונ דער פרוי אונ פונ קינדער—וועלנ די האָרעפאשניקעס פונ דעמדאָזיקנ פראָדוקציע־צווײַג אויסמײַדנ די פאבריק. אונ דאָס איז פאָרגעקומענ אויכ מיט דעמ ייִדישנ ארבעטער.

[1]) באלאבאנאָוו „געשיכטע פונ ארבעטער־קלאס אינ רוסלאנד“ 3 ב. ז. 62

[3]) לענינ. ב. 3, ז. 322.

[3]) באלאבאנאָוו, ציטירטער בוכ ב. 3 ז. 57.

[4]) אויכ דאָרטנ, ז. 58



Bild-Nr.: JG1225-0-01-0041-0079 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main
Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0041-0080 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

אלזאָ, ניט קיין פארשפעטיקטע „דיפערענציִאציע אין דער ייִדישער מעלאָכע״ איז
דאָ שולדיק געווען. דאָס איז ערשטנס. צווייטנס, איז אזא פארשפעטיקונג גאָרניט פאָר־
געקומען. מיר האָבן שוין געזען, אז ווען מען זאָל נעמען אין באטראכט דעם כא־
ראקטער פון יענע פראָדוקציע־צווייַגן, אין וועלכע עס זייַנען געווען קאָנצענטרירט
די גרונט־מאסן פון די ייִדישע האָרעפאשניקעס, וועט מען דארפן קומען צום אויספיר,
אז דידאָזיקע דיפערענציִאציע איז, צוליב די אויבן־אָנגעוויזענע סיבעס, געגאנגען דאפקע
שנעל און ניט לאנגזאם:

אין צוזאמענהאנג דערמיט זאָגט ווייַטער לעשטשינסקי:

„דער ייִדישער פראָלעטאריאט האָט אין אָנהייב פון זייַן עקזיסטענץ געבילדעט
א מעלאָכע־פראָלעטאריאט, דערפאר האָט ער אין זייַנע רייען ניט געהאט, פון איין
זייט, קיין קאדרען קוואליפיצירטע ארבעטער און, פון דער אנדער זייַט, האָט ער זיך
ניט אָנגעשפארט אפן פויערטום״. דערצו דארף מען באמערקן פאָלגנדיקעס: „פון אָנ־
הייב פון זייַן עקזיסטענץ״ איז יעדער פראָלעטאריאט (און ניט נאָר דער ייִדישער) געווען
א מעלאָכע־פראָלעטאריאט. אָבער אין דער צייַט, ווען אומעטום האָט געוויינטלעך דערדאָ־
זיקער מעלאָכע־פראָלעטאריאט דורכגעמאכט זייַן עוואָליוציע פון א מעלאָכע־פראָלעטא־
ריאט אין א מאנופאקטורישן, פאבריק־זאוואָדישן אין דערזעלביקער מאָס, ווי די פראָ־
דוקציע־צווייַגן, ווו ער איז געווען באשעפטיקט, האָבן דורכגעמאכט זייער עוואָליוציִע פון
האנטווערקערייַ, דורך מאנופאקטור צו מאשין־פראָדוקציע, זייַנען די גרונט־מאסן פון
די שטאָטישע האנטווערקער און קוסטארעס געווען באשעפטיקט אין אזוינע פראָדוקציע־
צווייַגן, וואָס האָבן זייער עוואָליוציִע צו דער מאשין־פראָדוקציע ניט דורכגעמאכט און
זייַנען אין בעסטן פאל געבליבן שטעקן אין מאנופאקטור־פעריִאָד. מיט איין וואָרט,
די „אינדוסטריִעלע איבערקערעניש״ אין ווייַסרוסלאנד האָט ניט א קלאפ געטאָן
דעם שטאָטישן האנטווערקער און קוסטאר מיט אזא קראפט, אז זי זאָל קענען
ברעכן די אקשאָנעסדיקייַט פון קליינבירגער, וואָס האָט זיך געקלאמערט פאר זייַן
„זעלבשטענדיקער״ ווירטשאפט, כאָטש זי איז שוין אין א גרויסער מאָס קיין זעלב־
שטענדיקע ניט געווען. זי האָט אויך ניט געקענט צווינגען יענע ייִדישע ארבעטער,
וואָס זייַנען געווען פארנומען אין דער סיסטעם פון דער הויז־אינדוסטריע און אייגנט־
לעכער מאנופאקטור, אריבערצוגיין אפ דער פאבריק. נאָר דערמיט דערקלערט זיך,
וואָס א לאנצע צייַט האָט ניט געקענט בייַגעקומען ווערן די קליינבירגערלעכע פסי־
כאָלאָגיע, וואָס האָט אָפּגעהאלטן דעם קוסטאר און דעם מאנופאקטור־ארבעטער פון גיין
אפן זאוואָד, אָבער לאכלוטן ניט מיט דער אייַנגעבאָרענער קליינבירגערלעכקייַט פון דעם
ייִדישן ארבעטער, ווי מע וואָלט עס געקענט מיינען לויט דער באהויפטונג פון מ. ראפעס.
דערמיט דערקלערט זיך אויך, וואָס דער ייִדישער קוסטאר און זייַן געזעל, דער ייִדי־
שער ארבעטער פון דער מאנופאקטור האָבן זיך געקענט דערלויבן אין זייער קאמף
פאר עקזיסטענץ אזא „אידעאליסטישן״ ארגומענט, ווי די נייטיקייַט אָפּצוהיטן שאבעס־
רו, ווי גאָט האָט געבאָטן—אן ארגומענט, וועלכן מען גיט געוויינטלעך צו אומזיסט
א זעלבשטענדיקע באדייַטונג [1].

---

[1]) זע בא ראפעסן, ציטירטער בוך, זייַט 7. און בא דימאנשטיינען („רויטע בלעטער״ ז.)



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

ניט אײַנגאַנצנ אויסשעפּנדיק איז אויכ אַנ אַנדער אַרגומענט, מיט וועלכנ מענ אָפּער־דירט געווײנטלעכ, ווענ מע דאַרפ דערקלערנ דאָס פּעלנ פונ ײדישע אַרבעטער אינ, לאָמיר זאָגנ, דער קוילנ־אינדוסטריע אונ מעטאַלורגיע־אינדוסטריע פונ אוקראַינע אונ פּוילנ (קריוואָראָזשיע, דאָמבראָווער באַסײנ, סאָסנאָוויצער ריאָנ). מע ווײַזט, געווײנטלעכ, אָנ דערופּ, וואָס דידאָזיקע פּראָדוקציע־צווײַגנ זײַנענ געווענ קאָנצענטרירט אויסערנ טכום, ווו ײדנ איז געווענ פאַרבאָטנ צו וווינענ.

עס איז קײנ שום סאָפּעק ניט, אַז אײנע פונ די סיבעס—פאַרוואָס מיר זעענ זעלטנ ײדישע אַרבעטער אינ דער גרויס־אינדוסטריע—איז דער אומשטאַנד, וואָס די ײדנ זײַנענ געווענ פאַרשפּאַרט אינ א י נ ד ו ס ט ר י ע ל־ אָ פּ ג ע ש ט א נ ע נ ע מ טכום אונ האָבנ ניט געהאַט קײנ צוטריט צו די אינדוסטריעלע צענטרענ. מענ דאַרפ אָבער צוגעבנ נאָכ אײנ מאָמענט. מע דאַרפ נעמענ אינ באַטראַכט, אַז די אַרבעט־באַדינגונגענ אינ קריוואָראָגער געגנט אונ דאָנבאַס זײַנענ געווענ באַזונדערס אינ יענע יאָרנ אַזוינע אומגעווײנטלעכע אונ שווערע, אַז אַפילע דער רוסישער פּויער, וואָס איז געטריבנ געוואָרנ פונ דער גרעסטער דאָרפישער נויט אונ איז דערפאַר געווענ זײער ווײניק איבערקלײַבעריש אינ אַרבעט־באַדינגונגענ, איז זײער אומגערנ געגאַנגענ אָפּ דידאָזיקע אַרבעטנ. צווישנ די ערשטע אַרבעטער אינ די גרובנ האָבנ א באַדײַטנ־דיקנ פּראָצ. אויסגעמאַכט אַנטלאָפענע, פאַספּאָרטלאָזע פּויערים, וואָס פלעגנ נאָכ פונ אַלטע צײַטנ זוכנ דאָרטנ פאַר זיכ א מאָקעמ־מיקלאָט. פונ זײ איז באַשטאַנענ דער קערנ פונ די באַרג־אַרבעטער אינ רוסלאַנד. נאָכ אינ 1900־טנ יאָר האָבנ די זאַוואָדטשי־קעס, אינ צוזאַמענהאַנג מיטנ קריזיס פונ אַרבעט־הענט, פאָרגעלײגט באַמ צוציִענ אַר־בעטער פונ דער הונגערנדיקער באַפעלקערונג ניט אָפּשטעלנ זיכ פאַר צוואַנג־מיטלענ [1] אונ אָפּנ 6־טנ צוזאַמענפאָר פונ די שאַכטנ־באַזיצער פונ דאָרעמ־רוסלאַנד האָט דער אינ־זשענער אונ זאַוואָדטשיק דאַנילאָוו געזענ נאָר אײנ אויסוועג פונ דער לאַגע—אויס־נוצנ די אַרבעט־קראַפט פונ אַרעסטאַנטנ.

פונ דער זעמסקער סטאַטיסטישער אויספאָרשונג אינ מיטנ פונ די 80־ער יאָרנ איז צו זענ, אַז אָפּ דעמ באַרימטנ יוזאָווער זאַוואָד האָבנ דעמ העכסטנ אַרבעטלוינ באַ־קומענ די אויסלענדישע אַרבעטער. פונ 1465 אַרבעטער, וואָס זײַנענ דעמלט געווענ באַ־שעפטיקט אָפּנ זאַוואָד, האָבנ נאָר 454 אַרבעטער פאַרדינט פונ 30 ביז 60 רוב. א מאָנאַט, אַלע איבעריקע—פונ 12 ביז 25 רוב. [2].

נאָכ אינ 1860 יאָר זײַנענ אָנגעקומענ אינ נאָוואָטשערקאַסק 1000 באַרג־אַרבעטער פונ פּרײַסנ, וואָס מענ האָט אויסגעשריבנ אַלס הויכ־קוואַליפיצירטע אַרבעטער, צוזאָגנ־דיק זײ אַלערלײ לעהאָטעס.

אַלזאָ, אויכ דאָ דערזעלביקער בילד: דער קוואַליפיצירטער אויבערשיכט פונ די אַר־בעטער באַשטײט דעריקער פונ אויסלענדער אונ דער אָרטיקער דורכשניטלעכער אַרבע־טער פאַרדינט אינ אַלגעמײנ ווײניקער, יעדנפאַלס ניט מערער, ווי דער ײדישער אַרבעטער. די סיבעס זײַנענ דאָ דיזעלביקע.— די האַנטווערקעריש־קוסטאַרישע

[1]) זע פּאַזשיטנאָוו. „די לאַגע פונ אַרבעטער־קלאַס אינ רוסלאַנד“ 2 ט. ז. 62 (רוסיש).

[2]) זע פּאַזשיטנאָווס ציטירטנ בוכ, 2. ט.

פּראָדוקציעס, אינ וועלכע עס זײַנענ געווענ קאָנצענטרירט די הויפּטמאַסנ פונ די ייִדישע האַרעפּאַשניקעס, זײַנענ ניט באַרירט געוואָרנ דורכ דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש. אַלזאָ, דאָ האָט געווירקט אויכ דערדאָזיקער מאָמענט, אַכוץ דעם צאַריזמ אונ דעם טכומ.

ערשט שפּעטער, שוינ אינ 20־טנ י. ה., ווענ די האַנט־וועבערײַ פאַרלירט ענד־גילטיק דעם באָדנ אונטער די פיס, ווענ די מעטאַל־באַאַרבעטנדיקע מאַנופאַקטור הייבט אָנ שטאַרק צו פילנ די קאָנקורענצ מיצאַד די מעטאַל־באַאַרבעטנדיקע זאַוואָדנ, אונ ווענ, פונ דער אַנדער זײַט, הייבט אָנ די פרוי טיילווײַז אַרײַנצודרינגענ אינ דער סיסטעמ פונ הויז־אינדוסטריע, אינ וועלכער עס פאַרוואַנדלט זיכ, וואָס ווײַטער אַלצ מערער, די האַנטווערקעריש־קוסטאַרישע פּראָדוקציע [1], ערשט דעמלט הייבט אָנ זיכ צו מערקנ א שטרעבונג פונ געוויסע טיילנ פונ ייִדישע אַרבעטער אַרײַנצודרינגענ אינ דער פאַבריק. דעמלט אָבער שטויסנ זיי זיכ אָנ אפ גרויסע שטערונגענ, וואָס וועגנ דעם וועלנ מיר ריידנ נידעריקער.

אינטערעסאַנט איז אינ דעם פּראַט דער גורל פונ די מעטאַל־באַאַרבעטנדיקע מאַנו־פאַקטורנ, ווו עס זײַנענ געווענ באַשעפטיקט קימאַט אויסשליסלעכ ייִדישע אַרבעטער. גאָכ אינ 1901 יאָר האָט כאַראָש אינ זײַנ אויבנציטירטער קאָרעספּאָנדענצ באַמערקט אַז „פאַר דער לעצטער צײַט האָט זיכ באַוויזנ בא די ראַקאָווער פּראָדוצירער א גע־פערלעכער קאָנקורענט—דער מאַשינ-בוי־זאַוואָד, וואָס איז רײַכער פונ זיי מיט מיטלענ אונ מיט טעכניק".

אפ וויפל דײַטשישע אונ פּריצישע מעטאַל־באַאַרבעטנדיקע זאַוואָדנ האָבנ אָנגעהויבנ פונ סאָפ 90־ער יאָרנ צו שלאָגנ ייִדישע מעטאַל־באַאַרבעטנדיקע מאַנו־פאַקטורנ, ווײַזט דער בײַשפּיל פונ לעווענטאָוס זאַוואָד אינ וויטעבסק. מיר ווייסנ שוינ, אַז דערדאָזיקער זאַוואָד האָט אינ 1901 יאָר באַשעפטיקט 80 אַרבעטער. אָבער שוינ אינ פינפ יאָר אַרומ, אינ 1906 יאָר, געפינענ מיר אפ אימ מערניט ווי 40 אַר־בעטער. עפּשער האָט עס אָבער באַדײַט, אַז די אונטערנעמונג האָט פאַר דער צײַט מעכאַניזירט דעמ פּראָדוציר־פּראָצעס אונ האָט געענדערט די אָרגאַנישע סטרוקטור פונ קאַפּיטאַל? עס הייבט זיכ ניט אָנ. אינ די אינײאָנימ פונ וויטעבסקער אַרכיוו לײי־ענענ מיר וועגנ דעמדאָזיקנ זאַוואָד פאָלגנדיקעס: די וואַרשטאַטנ זײַנענ האַנט־וואַר־שטאַטנ, אַרבעטער—40 מאַנ. די יערלעכע פּראָדוקציע—30 טויזנט רובל" [2].

כאַדאָש באַמערקט אויכ, אַז „אפ די פּינסקער פאַבריקנ באַגעגענענ זיכ (עס רעדט זיכ וועגנ 1901 יאָר—ע. טש.) אויסער שוואַרצ־אַרבעטער, אויכ האַנטווערקער, וואָס האָבנ געוואָרפנ זייער מעלאָכע אונ זייער באַלעבאַטישע זעלבשטענדיקײַט אונ זײַנענ אַריבערגעגאַנגענ אינ דער לאַגע פונ לויני־אַרבעטער. אַזוינע האַנטווערקער (רימער, שוסטער, פאַרבער, טשעסלער) זײַנענ אפ דער פאַניר־פאַבריק; אפ דער פאַב־

[1]) אָבער נאָר טיילווײַז, ווײַל דער כאַראַקטער פונ דידאָזיקע פּראָדוקציע־צווײַגנ איז אַזא, אַז ער דערלויבט ניט אײַנצופירנ אַזא פאַרייגפאַכונג פונ די אַרבעט־פּראָצעסנ, בא וועלכער עס זאָל מעגלעכ זײַנ דאָס מאַסנהאַפטע אַרײַנדרינגענ פונ דער פרוי. דעריקער קומט עס פאָר אינ דער שנײַדערײַ, אָבער אויכ טיילווײַז (הויזנ־גייערקעס).

[2]) Дело № 1 за 1906-7 Витебск. губ. по фабр. и горно-заводским делам Присутствия .Минский Истр. Архив.

ריק פון הילצערנע טשוועקלעך און אויך אפ דער שוועבעלעך־פאבריק געוועז אַ 40־30 מאַן... דער ארבעט־לוין פון 5־4־רוב. א וואָך, וואָס אַ ארבעטער באקומט אַ אפן פאבריק, ווײַזט זיך אים אויס פאר רענטאבעלער איידער די זעלבשטענדיקע ארבעט" [1].

אלזאָ, אַזויווי די שטאָטישע האנטווערקער און קוסטארעס און זייערע ארבעטער, ווי די ארבעטער פון די שטאָטישע מאנופאקטורן (אפ וויפל אזוינע האָבן עקזיסטירט) האָבן ניט געקומען קימאט קיין שום אָנטייל אין פּראָצעס פון אויסבילדן אַן אינדוסטריעלן פּראָלעטאריאט אין דידאָזיקע צוויי פּראָדוציר־צווייַגן, און אַזויווי די גרונט־מאסן פון דידאָזיקע ארבעטער און האנטווערקער זײַנען באשטאנען פון ייִדן, האָט זיך דערפאר באקומען, אַז די ייִדישע ארבעטער זײַנען געבליבן אויסער דידאָזיקע גרויסע קאפּיטאליסטישע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן זיך באזירט אפ א מאָדערנער טעכניק. די „טעאָריע" וועגן דער „ניט פּראָלעטאריזאציע פון די ייִדישע מאסן און ניט אינדוסטריאליזאציע פון דעם ייִדישן פּראָלעטאריאט", א „טעאָריע", וואָס האָט פאר איר אויסגאנג־פּונקט גענומען דעם קאמף צווישן נאציאָנאלע גרופּן פון פּראָלעטאריאט פאר דעם ארבעט־מארק האָט דערצו קיין שום שײַכעס ניט.

„... יעדע גרופּע פון פּראָלעטאריער, אין געגעבענעם פאל א נאציאָנאלע גרופּע, וועט באשטימט אויסניצן אלע יענע גינסטיקע באדינגונגען, וועלכע דרינגען ארויס פון דעם צושטאנד פון אָרגאניזם (עס רעדט זיך וועגן „נאציאָנאלע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אָרגאניזמען" — ע. טש.), א באשטאנדטייל פון וועלכן דידאָזיקע גרופּע פּראָלעטאריער איז, די געאָגראפישע סוויווע, די מער גינסטיקע פּאָליטישע לאגע, דער היסטאָריש־באדינגטער קולטורעלער ניוואָ — אלץ וועט ווערן אויסגענוצט דורך די ארבעטער אין קאמף פארן פארקויפן זייער ארבעט־קראפט" [2]. אזא נאציאָנאלע גרופּע פון פּראָלעטאריער וועט אָנווענדן א דירעקטן אָדער אומדירעקטן דרוק אפ איר בורזשואזיע צום גונסטן פון אירע אייגענע אינטערעסן און צום שאָדן פון אן אנדערער, מער שוואכערער, נאציאָנאלער גרופּע פון פּראָלעטאריער.

מיר האָבן שוין געזען, אַז דער ייִדישער האנטווערקערישער און מאנופאקטור־ארבעטער איז ניט געווען און האָט ניט געקענט זײַן קיין קאָנקורענט אפן ארבעט־מארק — באזונדערס אין יענע יאָרן (70־90) — פאר דעם זיך פּראָלעטאריזירנדיקן פּויער, ווײַל ער האָט קיינמאָל ניט אָגגעבאָטן זײַן ארבעט־קראפט ביליקער ווי דער לעצטער. די לאגע איז געווען אקוראט פארקערט. און דאָ האָט, פארשטייט זיך, ניט געקענט זײַן קײַן רייד וועגן א קאמף פון „א נאציאָנאלער גרופּע פּראָלעטאריער", וואָס איז געווען א באשטאנד־טייל פון א שטארקן הערשנדיקן „נאציאָנאלן, סאָציאַל־עקאָנאָמישן אָרגאניזם" קעגן דער ייִדישער גרופּע פּראָלעטאריער, אלס א באשטאנד־טייל פון א שוואכן, אונטערדריקטן „נאציאָנאלן, סאָציאַל־עקאָנאָמישן אָרגאניזם", וואָס נעמט אָפּ בא דער ערשטער גרופּע פּראָלעטאריער דעם ארבעט־מארק. דאָס איז יע געווען, לעמאָשל, אין דעם פאל, ווען כינעזישע ארבעטער פלעגן קומען אין אמעריקע.

---

[1] זע, „Восход" за 1901 г. кн. 10.

[2] זע, י. לעשטשינסקי „דער ייִדישער ארבעטער", זײַט 91.

פילנדיק די גאנצע באַדנלאָזיקייט אונ הילפלאָזיקייט פונ דערדאָזיקער טעאָרעטישער פאָרהאנאָכע אינ געגעבענעם פאל, איז י. לעשטשינסקי גוטמוטיק מאסקים באם אנאליז פונ די קאָנקרעטע באדינגונגענ, אינ וועלכע עס קומט פאָר די „ניט־אינדוסטריאליזאציע פונ ייִדישנ פראָלעטאריאט“, זיכ צו אבסטראהירנ פונ דעם פאקט פונ דירעקטנ אונ אומדירעקטנ דרוק מיצאד דער נאציאָנאלער גרופּע פראָלעטאריער אפּ איר בורזשואזיע צום גונסטנ פונ אירע אייגענע אינטערעסנ. נאָכמער: דער אווזאָר אבסטראהירט זיכ אפילע פונ דעם אונטערשייד, וואָס עקזיסטירט צווישנ „די סובעקטיווע מײַלעס“ פונ דעם ייִדישנ אונ ניט־ייִדישנ ארבעטער, ד. ה., ער זעצט פאָרויס א גלײַכנ קולטורעלנ ניוואָ, א גלײַכנ ארבעטלוינ אונ גלײַכע טעכנישע דערפארונג—א שיינע אבסטראקציע!

אונ פונדעסטוועגנ באקומט זיכ אויכ פונ אזא „אנאליז“ מערניט ווי א קאָנפוז. י. לעשטשינסקי, ענטפערנדיק אפּ דער פראגע, פארוואָס איז דער ייִדישער ארבעטער ניט געווענ אפּ די גרויסע פאבריק־זאוואָדישע אונטערנעמונגענ, זאָגט צווישנ אנדערנ: „די אָרגאניזאציע פונ דער פראָדוקציע פאָדערט פריִער פונ אלצ, אז זײַנ סוביעקט זאָל פארשטיינ יענע, מיט וועלכע עס קומט אימ אויס צו האָבנ צו טאָנ. אינ געגעבענעמ פאל דארפּ די בורזשואזיע פארשטײַנ די שפּראכ פונ די ארבעטער... אינ אָנהייב פונ אנטוויקלונג פונ קאפּיטאליזמ שטערט די אָרגאניזאציע פונ פראָדוקציע דעמ „פרעמדנ“ (ארבעטער) אָנצוקומענ אפּ דער פאבריק פונ „פרעמדנ“ בורזשוא, שפּעטער—שאפט די טעכנישע געניטקײַט פונ יענע, וועלכע האָבנ פארכאפּט דעמ אָרט אינ דער פראָדוקציע, אזא פּליוס, וועלכע מאכט אינגאנצנ פאר אומעגלעכ די קאָנקורענצ מיצאד דעמ „פרעמדנ“ ארבעטער“... אזוי, צ. ב., איז דעמ ייִדישנ ארבעטער איצט זייער שווער אויסצוהאלטנ די קאָנקורענצ פונ קריסטלעכע ארבעטער אינ יענע פראָדוקציע־צווײַגנ, ווו עס פאָדערט זיכ א טעכנישע געניטקײַט, דערפארונג אונ אנטוויקלונג; אונ מיט עטלעכע יאָרצענדליק אונ פריִער, אונ אינ אנדערע ראַיאָנענ נאָכ איצט, האָט ניט געקענט דער קריסטלעכער פאבריקאנט זיכ צונויפרײדנ מיטנ ייִדישנ ארבעטער“ [1].

קעדיי אפּ א געהעריקנ אויפנ אָפּצושאצנ דעמדאָזיקנ „ארגומענט“, איז גענוג צו דערמאָנענ זיכ, אז אינ ווײַסרוסלאנד זײַנענ גראָד די באזיצער אונ אויכ די טעכנישע אָנפירער פונ די גרויסע טעקסטיל־אונ מעטאל־באארבעטנדיקע אונטערנעמונגענ געווענ דאפקע אויסלענדער, דעריקער דײַטשנ, אויכ בעלגיער („וויטעבסקער לײַנ־שפּינערײַ“). איז אָט, אויב מע זאָל גלויבנ לעשטשינסקענ, האָבנ דידאָזיקע אויסלענדער, באזונדערס די דײַטשנ, פארשטאנענ ווײַסרוסיש, ליטוויש אונ פויליש בעסער ווי ייִדיש!

אָבער ניט נאָר אפּ דידאָזיקע אונטערנעמונגענ, אויכ אינ די אנדערע אינדוסטריע־צווײַגנ זײַנענ די טעכנישע אָנפירער פונ די גרויסע אונטערנעמונגענ געווענ, ווי מיר האָבנ געזענ, דײַטשנ. אונ ניט • נאָר אינ ווײַסרוסלאנד איז געווענ אזא לאגע. דאָמבראָווער, סאָסנאָוויצער אונ לאָדזשער אינדוסטריעלע ראַיאָנענ אינ פוילנ זײַנענ אויכ געגרינדעט געוואָרנ, ווי עס איז באקאנט, דורכ אויסלענדישע

---

[1] זע לעשטשינסקי, זײַט 96-97.

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0044-0085 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

קאַפּיטאַליסטן, מיט דער הילף פון אויסלענדישע טעכנישע אָנפירער. דאָסזעלביקע איז אויך געווען אין דאָרעם־רוסלאַנד (דאָנעצער באַסיין, יעקאַטערינאָסלאַוו, כערסאָן).

דערמיט ליקווידירן זיך אויך לעשטשינסקיס איבעריקע „אַרגומענטן" פון דעמזעלבן מין. אָט איז נאָך איינער: „יעדער קלאַסן־אַנטאַגאָניזם, געפאַרבט אין אַ נאַציאָנאַלן אונטערשייד, ווערט פיל פאַרשטאַרקט. יעדע בורזשואַזיע פילט גאַנץ גוט, אַז יעדער קלאַסן־קאַמף ווערט געפירט מיט מער האַס, מיט מער פאַרדרוס, ווען דער דריקער געהערט צו אַ פרעמדער נאַציִע... פאַרשטייט זיך, אַז דאָרטן, ווו עס קאָנקורירן צווישן זיך פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע גרופּן פון אַרבעטער, נוצט די בורזשואַזיע אַסאַך ברייטער אויס „איר ליבע" צום „אייגענעם" פאָלק, צום „אייגענעם" אָרעמען ברודער".

וויאַזוי די בעלגישע באַזיצער פון דער „וויטעבסקער ליַין־שפּינעריַי" אָדער די דײַטשישע באַזיצער פון די קאָוונער מעטאַל־באַאַרבעטנדיקע זאַוואָדן, אָדער די דײַטשישע באַזיצער פון די ביאַליסטאָקער גרויסע טעקסטיל־אונטערנעמונגען, אָדער די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן פון דאָמבראָווער באַסיין און פון סאָסנאָוויצער ריַיאָן וועלן דערקלערן די פּוילישע, רוסישע, וויַיסרוסישע, ליטווישע אַרבעטער, אַז זיי האָבן געמיינזאַמע אינטערעסן מיט די אונטערנעמער אַפן נ אַ צ יִ אָ נ אַ ל ן באָדן, און וויאַזוי זיי וועלן אַפן דאָזיקן באָדן זיי אָנרייצן אַף די ייִדישע אַרבעטער וועט, וויַיזט אויס, אַף שטענדיק בליַיבן י. לעשטשינסקיס אַ סאָד.

יע, די ניט־ייִדישע קאַפּיטאַליסטן (אַזוי אויך די ייִדישע) האָבן שפּעטער ניט געוואָלט אָנעמען אַף זייערע אונטערנעמונגען קיין ייִדישע אַרבעטער, ווען באַ די לעצטע האָט זיך שוין באַוויזן אַ שטרעבונג אָנצוקומען אַפן זאַוואָד אָדער פאַבריק, אָבער לאַכלוטן ניט צוליב אָט די סיבעס, אַף וועלכע עס וויַיזט אָן לעשטשינסקי. די גרונט־סיבע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אין פאַרלויף פון יאָרצענדליק 1895—1905 האָבן די ייִדישע אַרבעטער באַוויזן זיך אויסצוצייכענען מיט אַ גאַנץ באַדיַיטנדיקער שטריַיק־באַוועגונג. דערמיט האָבן זיי גענוג איבערציַיגנדיק דערוויזן, אַף וויפל עס איז אַסאַך רענטאַבעלער, אַלס אָביעקטן פון עקספּלואַטאַציע, צו האָבן די שטילע אונטערטעניקע „דאָרפישע אַרבעט־פּי" איידער דעם שטאָטישן אַרבעטער [1].

און אינדערעמעסן איז געווען פאַרן קאַפּיטאַליסט זייער „אומאָנגענעם" צו האָבן צו טאָן מיט אַזאַ אַרבעטער, וואָס האָט זיך לעגאַבע דעם עקספּלואַטאַטער געפירט לעמאָשל אַזוי: „צווישן די ייִדישע פאַבריקאַנטן, סיַי די גרויסע, סיַי די קליינע און צווישן זייערע אַרבעטער האָבן זיך איַינגעשטעלט אייגנאַרטיקע באַציִונגען, וואָס מען באַמערקט ניט, צ. ב., צווישן אַרבעטגעבער און אַרבעטער אין די צענטראַלע גובערניעס. אין ביאַליסטאָקער ריַיאָן האַלט זיך דער אַרבעטער מיט זיַין פּרינציפּאַל גליַיך אַף גליַיך; ער גיט שטענדיק אַכטונג אַף דעם באַלאַנס פון זיַין פּאַטראָן און

[1] אָבער אַן אַנטשפּרעכנדיקע אַרבעט צווישן די ניט־ייִדישע אַרבעטער וואָלט אומפאַרמיַידלעך געמוזט פאַרניכטן און האָט טאַקע ביסלעכוויַיז פאַרניכטעט דעמדאָזיקן כילעק. אַף וויפל אַזאַ אונטערשייד האָט עקזיסטירט, זיַינען אין דעם געווען שולדיק ניט אין אַ קלענער מאָס יענע „פירער", וואָס האָבן זיך געסטאַרעט מיט אַלערליי מיטלען צו איזאָלירן די ייִדישע אַרבעטער פון די ניט ייִדישע, איגנאָרירנדיק די לעצטע און דערנאָך האָבן זיי אַליין אויסגעטראַכט „קלוגע טעאָריעס" צו דערקלערן, פאַרוואָס די ייִדישע אַרבעטער דרינגען ניט אַריַין אין דער גרויסער פּראָדוקציע.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

ווי נאָר ער באמערקט די קלענסטע העכערונג (פונ באלאנס), שטעלט ער ארויס זײַנע אייגענע פאָדערונגענ. מענ דערציילט, אז אייניקע וועבער, דערלאנגענדיק די פארטיקע סכוירע, האָבנ צונויפגעשטעלט א פולשטענדיקע קאלקוליאציע פונ אלע הויצאָעס פונ זייער פרינציפאל אונ זײַנ ריינעמ רעוועכ, עפּעס אזויווי אופוואָרפנדיק זייער פאטראָנ, אז די ארבעטער האָבנ א צו קליינעמ כיילעק אינ רעוועכ״ [1]).

דאָס האָט אויכ באשטימט די באציִונג פונ ייִדישנ פאבריקאנט צומ ייִדישנ ארבעטער. ער האָט געדולדעט דעמ ייִדישנ ארבעטער נאָר אפ אזויפל, אפ וויפל ער האָט זיכ גענייטיקט אינ א געלערנטנ ארבעטער, אינ אנ ארבעטער פונ דער מאנופאקטור (אזא ארבעטער מוז זײַנ א קוואליפיצירטער) אָדער אינ א קוואליפיצירטנ ארבעטער אינ דער טאבאק־שוועבעלעכ־אינדוסטריע, אָבער ער האָט זיכ געײַלט פּאָטער צו ווערנ פונ אימ, פונ זײַנ קולטורעלנ פּרעטענציעס „גלויבונג־גענאָסנ״, ווי נאָר ער פלעגט איבערגיינ צו מאשינ־ארבעט אונ האָט זיכ ניט גענייטיקט אינ דעמ קוואליפיצירטנ ייִדישנ ארבעטער. געוויס האָבנ זיכ געפונענ אזוינע ייִדישע ארבעטער, וועלכע האָבנ שוינ מאסקימ געווענ, ניט האָבנדיק קיינ אנדער אויסוועג, צו ארבעטנ אפ דער פאבריק פונ זייער ייִדישנ פאטראָנ אויכ פאר א נידעריקערנ ארבעטלוינ. אָבער אפילע אינ אזוינע פאלנ האָט דער ייִדישער פאבריקאנט (אונ אויכ דער ניט־ייִדישער) זייער אומגערנ גענומענ אימ אפ דער ארבעט, ווײַל ער האָט גאנצ גוט פארשטאנענ, אז דער ייִדישער ארבעטער, געשטעלט אינ אזוינע באדינגונגענ, וועט, אלס שטאָטישער ארבעטער, זײַנ מערער אומצופרידנ מיט זײַנ לאגע, ווי דער ניט־ייִדישער ארבעטער, וועלכער איז אָקאָרשט אָדער פריִער אביסל געקומענ פונ דאָרפ, אונ אז דער ייִדישער ארבעטער וועט דערפאר זײַנ א שטענדיקער פארשפּרייטער פונ אומצופרידנקייט אונ יורידונג צווישנ די ארבעטער אפ דער פאבריק. „אינ שמועס מיט פאבריקאנטנ — זאָגט כאָראָש — איז שווער ניט צו באמערקנ זייער פארביטערונג ספּעציעל קעגנ ייִדישע ארבעטער. די היגע קלאל־טוער דערציילנ, אז אינ צײַטנ פונ שווערער נויט, אינ סאמע רעכטנ קריזיס, האָבנ אייניקע פאבריקאנטנ זיכ אָפּגעזאָגט צו העלפנ די ארבעטלאָזע אפ דעמ סמאכ פונ דעמ, וואָס זיי ווילנ ניט העלפנ זייערע אייגענע סאָנימ״ [2]).

אָט דאָס איז די גרונט־סיבע, וואָס דערקלערט אונדז, פארוואָס ייִדישע קאפּיטאליסטנ (אויכ ניטייִדישע) האָבנ ניט געוואָלט צונעמענ קיינ ייִדישע ארבעטער, ווענ די לעצטע האָבנ שוינ ארויסגעוויזנ א דראנג צו גיינ אפ דער פאבריק. די פאבריקאנטנ פלעגנ אויסנוצנ די געלעגנהײַט, וואָס ייִדישע ארבעטער רײַסנ זיכ צו דער פאבריק, קעדיי ארײַנצוטראָגנ א שפּאלטונג אינ די ארבעטער־רייענ, העצנדיק איינ

[1]) אויכ דאָרטנ.

[2]) אויכ דאָרטנ: „ארבעטנדיק בא קאָזלאָווסקענ אפ דער פאבריק, האָב איכ גענומענ זיכ פארטראכטנ וועגנ דעמ, פארוואָס איז בא אימ אסאכ רוסישע ארבעטער אונ ייִדישע זײַנענ גאָר ניטאָ. דעמ סאָד איז מיר באלד געלונגענ צו אנטדעקנ. איינמאָל האָט מיר דער באלעבאָס געזאָגט: „ייִדנ זײַנענ גוטע ארבעטער, אָבער זיי זײַנענ פייִק צו מאכנ בונטנ אונ זיי גיבנ ניט קיינ מעגלעכקײַט צו ארבעטנ אנדערע; זיי גייענ קעגנ די באלעבאטימ, קעגנ דער מאכט אונ קעגנ דעמ קייסער אליינ; אָט יענע ייִדנ, וועלכע גייענ ניט אינ שול אונ עסנ טרייפע וורשט, דאָס זײַנענ אלצ בונטאָווטשטשיקעס״, האָט פארענדיקט דער „אָנקל פעליקס״, ווי די ארבעטער פלעגנ אימ רופנ״. Ив. Песковой, „В. Сморгони" „Красная Летопись", № 8, 1923.

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0045-0087 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

גרופע ארבעטער קעגנ דער צווייטער. ווענ א ייִדישער פאבריקאנט פלעגט ארגומענטירנ, אז דער ייִדישער ארבעטער, אינ פארגלײַכ מיט דעמ ניט־ייִדישנ, איז א פויליאק, פלעגט ער דערמיט אפ זײַנ קאפיטאליסטישנ לאָשנ אויסדריקנ דעמ געדאנק, אז ער איז מאסקימ, באשטימענדיק דעמ ארבעטלוינ פונ ארבעטער, צו אנערקענענ נאָר זײַנ (פונ ארבעטלוינ) פיזיאָלאָגיש־באדינגטנ מאָמענט, אָבער ניט זײַנ היסטאָריש־סאָציאַלנ עלעמענט.

י. לעשטשינסקי האָט אויכ אפ דעמ זײַנ אייגענע „אָריגינעלע“ דערקלערונג. אָנווײַזנדיק אפ דעמ, אז די ייִדישע גרויס־בורזשואזיע אינ רוסלאנד איז אלעמאָל געווענ גענייגט צו אסימיליאציע, זאָגט ער: „געוויס, קאָלזמאנ זי (די ייִדישע גרויס-בורזשואזיע) פראָדוצירט פארנ באגרענעצטנ אָרטיקנ מארק, קאָלזמאנ זי בלײַבט בא דער מאנופאקטורישער אָדער האנטווערקערישער פראָדוציר־פאָרמע, באנוצט זי זיכ נאָר מיט ייִדישע ארבעטער, ווײַל זי בלײַבט אינ די גרענעצנ פונ טכומ, ארבעטנדיק דעריקער אפנ ייִדישנ געברויכער, עקספלואטירנדיק קימאט נאָר ייִדישע ארבעט־קראפט. ווי נאָר זי גייט אָבער אריבער צו דער אינדוסטריע, ד. ה., צו דער פראָדוקציע אפנ ברייטנ מעלוכישנ (לייענ—נאציאָנאלנ—יע. טש.) מארק, אָדער אפנ ווײַטנ אויסערלעכנ מארק, דעמלט איז זי געצווונגענ ארויסצוגייענ פונ טכומ, די גרענעצנ פונ וועלכנ עס זײַנענ פאר איר צו ענג. זי סטארעט זיכ דעמלט צו זײַנ ענלעכ צו דער הערשנדיקער בורזשואזיע, קעדיי צו דעראָבערנ, אזויווי זי, דיזעלביקע רעכט אפנ אינערלעכנ מארק; זי סטארעט זיכ צו דערווײַזנ די טרײַקײַט אונ איבערגעגעבנקײַט דעמ לאנד, אינ עמעסנ, דער הערשנדיקער בורזשואזיע, קעדיי צו בארעכטיקנ אירע פאָדערונגענ אפ אנ אָנטייל אינ דער עקספלואטאציע פונ אויסערלעכנ מארק... ס׳קומט איר אויס צו אסימילירנ אויכ די מאטעריע, אזוי צו זאָגנ; די אונטערנעמונגענ מוזנ ווערנ אסימילירט, די פאבריק טאָר זיכ ניט ווארפנ אינ די אויגנ מיט איר „נאציאָנאלנ כאראקטער“.

עס איז גענוג קעגנצושטעלנ דעמ זייער באשיידענעמ מינסקער מאשינבוי־זאוואָד פונ ייִדישע קאפיטאליסטנ יאקאָבסאָנ אונ ליפשיצ, וואָס האָט, פארשטייט זיכ, ניט געארבעט פארנ ווײַטנ אויסערלעכנ מארק, אפילע ניט פארנ אינערלעכנ מארק אויסערנ טכומ, אָבער אפ וועלכנ עס האָבנ געארבעט קימאט אויסשליסלעכ ניט־ייִדישע ארבעטער, מיט די גרויסע שוועבעלעכ־פאבריקנ אינ באָריסאָוו אָדער פינסק, וואָס זײַנענ געווענ שטארק מעכאניזירט אונ ווו די ארבעטער זײַנענ באשטאנענ קימאט אויסשליסלעכ פונ ייִדנ, אָדער מיט דעמ זייער גרויסנ מעכאניזירטנ האָלצבאארבעטנדיקנ קאָמבינאט אינ פינסק (700 ארבעטער), אפ וועלכנ עס זײַנענ געווענ באשעפטיקט נאָר ייִדישע ארבעטער,—קעדיי אָפצושאצנ די גאנצע לעכערלעכקײַט פונ דעמדאָזיקנ „קריטעריום“.

אויב מענ זאָל גלויבנ לעשטשינסקענ, זײַנענ יאקאָבסאָנ אונ ליפשיצ געווענ אסימיליאטאָרנ אונ די ייִדישע באזיצער פונ די איבעריקע אויבנ־אויסגערעכנטע אונטערנעמונגענ זײַנענ געווענ „גוטע ייִדנ“. אגעוו, לויט לעשטשינסקינ, איז די ייִדישע גרויס־בורזשואזיע אינ טכומ, וואָס איז געווענ אסימיליאטאָריש, ניט געווענ קלוימערשט פארינטערעסירט אינ דער עקספלואטאציע פונ די נאציאָנאל־רעליגיעזע פאָרורטיילנ פונ די ייִדישע ארבעטער אונ דערפאר, קלוימערשט, פלעגט זי רויִק פאר־



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0045-0088 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

ביַיטנ די יִדישע ארבעטער מיט די ניטיִדישע. מיר ווייסנ ניט, צי פארעכנט י. לעשטשינסקי דעם באזיצער פונ דעמ אויבנדערמאָנטנ גרויסנ האָלצ־באארבעטנדיקנ קאָמבינאט אינ פּינסק צו דער גרויסער אסימילירטער אָדער צו דער ניט־גרויסער נאציאָנאליסטישער יִדישער בורזשואזיע, נעמענדיק אָבער אינ באטראכט, אז אפ דעמ דאָזיקנ קאָמבינאט „פלעגט דער מיַיסטער" שאבעס באנאכט, פארנ אָנהייב פונ דער נאכט־סמענע, מאכנ צוערשט האוודאָלע פארנ גאנצנ ארבעטער־קאָלעקטיוו אונ דערנאָך ערשט פלעגט ער צוטרעטנ צו דער ארבעט", רעכענען מיר, אז דערדאָזיקער יִדישער קאפּיטאליסט, ווי אויכ אנדערע יִדישע קאפּיטאליסטנ, האָט זיכ בעסער פאנאנדערגעקליבנ אינ דער פראגע, פארוואָס ער נעמט אָנ אפ דער ארבעט ארבעטער פונ דער אָדער יענער נאציאָנאליטעט, איידער אונדזער „באוווסטער עקאָנאָמיסט".

## די יִדישע מאנופאקטור אונ האנטווערקערישע ארבעטער־פארהעלטעניש.

מיר ווייסנ שוינ, אז אינ דער גארבער אונ בערשטער־אינדוסטריע האָט צום אָנהייב פונ די 90־ער יאָרנ דאָמינירט די סיסטעמע פונ הויז־אינדוסטריע (ניט געקוקט אפ דער עקזיסטענצ פונ אייניקע אייגנטלעכע מאנופאקטורנ) אונ צום אָנהייב 1900 יאָרנ—איז אויסגעוואקסנ די ראָלע פונ דער אייגנטלעכער מאנופאקטור. אינ דער טאבאק־אונ שוועבעלעכ־אינדוסטריע דאָמינירט צומ אָנהייב פונ די 90־טע יאָרנ די אייגנטלעכע מאנופאקטור, אונ צומ אָנהייב פונ די 900־ער יאָרנ קומט שוינ אופ די פאבריק. אינ די פראָדוקציִעס, וואָס האָבנ אויסגעארבעט קליידער, לעדער־ארטיקלענ, אינ די פראָדוקציִעס פונ האָלצ אונ מעטאל־באארבעטונג האָט צומ אָנהייב פונ די 90־ער דאָמינירט די האנטווערקעריַי, דערביַי איז דערדאָזיקער כאראקטער געבליבנ אינ א גרויסנ טייל פונ דידאָזיקע פראָדוקציִעס אויכ צומ אָנהייב פונ די 900־ער יאָרנ, ניט געקוקט דערופ, וואָס א באדיַיטנדיקער טייל פונ דידאָזיקע פראָדוקציִעס האָט אינ מעשעכ פונ די 90־ער יאָרנ אָנגעהויבנ צו ארבעטנ פארנ מאגאזינ אונ איז געווענ אונטערגעוואָרפנ דעמ האנדל־קאפּיטאל.

ווי זשע איז געווענ די צאָל־פארהעלטעניש צווישנ דידאָזיקע צוויי גרופּנ ארבעטער—צווישנ די ארבעטער פונ די מאנופאקטורנ אונ די האנטווערקעריש־קוסטארישע ארבעטער?

מיר וועלנ זיכ באגרענעצנ מיטנ פארגליַיכ פונ די אויבנ־אויסגערעכנטע מאנופאקטורנ אונ האנטווערקעריַיענ, נעמענדיק אינ באטראכט, אז אינ דידאָזיקע מאנופאקטורנ איז געווענ קאָנצענטרירט העכער 60 פּראָצ. פונ אלע יִדישע מאנופאקטור־ארבעטער, אונ, אז אינ די אויסגערעכנטע האנט־ווערקערישע פראָדוקציעס איז געווענ קאָנצענטרירט העכער 60 פּראָצ. פונ אלע יִדישע האנטווערקערישע ארבעטער. געוויס וועט דערדאָזיקער פארגליַיכ, צוליב דעמ כאראקטער פונ דער סטאטיסטיק, מיט וועלכע מיר וועלנ זיכ באנוצנ, קענענ זיַינ נאָר א גראָבער, א לעפּיִערעכדיקער, אָבער אינ אזוינע פאלנ זיַינענ ניט וויכטיק די אבסאָליוטע ציפערנ, נאָר די פּראָצענטואלע פארהעלטענישנ.

לויט די יעדיִעס פונ די קאָרעספּאָנדענטנ, אפ וועלכע עס שטיצנ זיכ די שוינ מער מאָל דערמאָנטע זאמל־ביכער פונ יעק'אָ, זיַינענ אינ 1897 יאָר געווענ באשעפטיקט



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0046-0089 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

אינ דער שוועבעלֿעכ־אינדוסטריע פונ קאַנט 2986 ייִדישע ארבעטער (פונ דער אַלֿגעמײנער צאָלֿ 3031 ארבעטער); אינ דער טאבאק־אינדוסטריע זײַנענ אינ דעמזעלֿביקנ יאָר געווענ באשעפטיקט 3055 ייִדישע ארבעטער (פונ דער אַלֿגעמײנער צאָלֿ 3943); אינ דער גארבער־אינדוסטריע זײַנענ געווענ באשעפטיקט 2403 ייִדישע ארבעטער.

פאר דער בערשטער־אינדוסטריע האָבנ מיר דאטעס פונ אנ אנדער קוועלֿע. אינ נומ. 5 פונ אָרגאנ פונ בערשטער־בונד „דער וועקער” איז פארעפנטלֿעכט א טאבעלֿע, וואָס שילֿדערט דעמ צושטאנד פונ דער בערשטער־אינדוסטריע אינ 1900־טנ יאָר. פונ דערדאָזיקער טאבעלֿע איז צו זענ, אז צו יענער צײַט זײַנענ געווענ 2000 ארבעטער באשעפטיקט אינ דעמדאָזיקנ אינדוסטריע־צווײַג. אזויווי די בערשטער זײַנענ קימאט אויסשליסלֿעכ באשטאנענ פונ ייִדנ, נעמענ מיר אָנ דידאָזיקע צאָלֿ פאר דער צאָלֿ ייִדישע בערשטער.

ייִדישע טעקסטילֿ־ארבעטער אינ ביאַליסטאָקער ראַיאָנ זײַנענ, לויט די יעדיִעס פונ דערמאָנטנ זאמלֿבוכ, געווענ אינ 1897 יאָר—3019. דידאָזיקע יעדיִעס ווערנ באשטעטיקט אויכ דורכ אנ אנדער קוועלֿע: דורכ דעמ באריכט פונ „בונד” אפ דעמ אינטערנאציִאָנאלֿנ סאָציִאַליסטישנ קאָנגרעס אינ פאריזש אינ 1900־טנ יאָר [1].

אפ אזא אויפנ זײַנענ אינ די אויסגערעכנטע פינפ מאנופאקטור־פראָדוקציִעס געווענ באשעפטיקט—13443 ייִדישע ארבעטער.

אזויווי לויט די יעדיִעס פונ דערמאָנטנ זאמלֿבוכ זײַנענ אינ צאָפנ־מײַרעווודיקנ קאנט אינ 1897 יאָר געווענ אינגאנצנ 22279 ייִדישע פאבריק־ארבעטער, מאכט אויס די צאָלֿ ארבעטער אינ די דערמאָנטע פינפ מאנופאקטור־פראָדוקציעס 61 פראָצ. פונ דער גאנצער צאָלֿ ייִדישע פאבריק־ארבעטער.

לויט די יעדיִעס פונ דעמ דערמאָנטנ זאמלֿבוכ (באנד 1, ז. 169), זײַנענ אינ דער פראָדוקציִע פונ קלײדער אונ טואַלעט, אינ סאָפ 90־ער יאָרנ, געווענ באשעפטיקט אינ ליטע—33,2 פראָצ. אונ אינ ווײַסרוסלאַנד—34,5 פראָצ. פונ אַלֿע ייִדישע האנטווערקער; אינ דער פראָדוקציע פונ לעדער־ארטיקלֿענ זײַנענ די אנטשפרעכנדיקע צאָלֿנ געווענ 17,2 אונ 18.8 פראָצ.; אינ דער האָלצ־באארבעטונג—10,2 פראָצ. א ונ 11,9 פראָצ אינ דער מעטאלֿ־באארבעטונג—4,3 פראָצ. אונ 5,1 פראָצ. צוזאמענ, אַלֿזאָ, זײַנענ אינ דידאָזיקע 4 האנטווערקערישע פראָדוקציִעס געווענ באשעפטיקט אינ ליטע 64,9 פר. אונ אינ ווײַסרוסלאַנד—70,3 פראָצ. פונ אַלֿע ייִדישע האנטווערקער. אינ גאנצנ צאָפנ־מײַרעווריקנ קאנט זײַנענ אפ אזא אויפנ געווענ באשעפטיקט אינ דידאָזיקע האנטווערקערישע פראָדוקציִעס 67,7 פראָצ. פונ אַלֿע ייִדישע האנטווערקער.

וויפלֿ זשע זײַנענ געווענ באשעפטיקט ייִדישע האנטווערקערישע ארבעטער אינ דידאָזיקע פראָדוקציִעס סאָפ 90־ער יאָרנ? פאר ווײַסרוסלאַנד האָבנ מיר אזוינע יעדיִעס: ייִדנ־געזעלֿנ זײַנענ געווענ באשעפטיקט אינ אַלֿע האנטווערקערישע פראָדוקציִעס, אינ 1898 יאָר, אינ מאָלעווער גוב.—7649, אינ מינסק גוב.—10451, אינ וויטעבסקער גוב.—7077 (זאמלֿבוכ, באנד 1, ז. 253). קעדײ באשטימענ וויפלֿ האנטווערקערישע געזעלֿנ פונ דערדאָזיקער אַלֿגעמײנער צאָלֿ איז אויסגעפאלֿנ אפ

[1]) אינ דערזעלֿביקער צײַט רעדט זיכ אינ באריכט פונ ביאַליסטאָקער סאָצ. דעמ. קאָמיטעט פאר דעמ אינטערנאציִאָנאלֿנ קאָנגרעס פונ שפינער אונ וועבער אינ בערלינ (1900 יאָר) וועגנ 2000 ייִדישע טעקסטילֿער אינ יענער צײַט (זע זאמלֿבוכ „25 יאָר”).



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0046-0090 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

די 4 דערמאָנטע האנטווערקערישע פראָדוקציִעס, דארפנ מיר נעמענ אינ באטראכט, אז אינ דידאָזיקע פראָדוקציעס זײַנענ געווענ קאָנצענטרירט אומגעפער 0,7 פונ דער גאנצער צאָל יִדישע האנטווערקער. מיר וועלנ ניט ריזיקירנ צו איבערטרײַבנ די צאָל ארבעטער אינ די דערמאָנטע 4 האנטווערקערישע פראָדוקציִעס, ווענ מיר וועלנ אָננעמענ, אז דידאָזיקע צאָל מאכט אויכ אויס 0,7 פונ דער גאנצער צאָל ארבעטער אינ אלע האנטווערקערישע פראָדוקציִעס, ווײַל די דערמאָנטע 4 האנטווערקערישע פראָדוקציעס שטייענ אפנ ערשטנ אָרט, לויט דעמ גראד פונ דער סאָציִאלער דיפערענציִאציע, לויט דעמ גראד פונ דער קאפיטאליזאציע פונ דער האנטווערקערײַ (זע זאמלבוכ, באנד 1, ז. 238,־ 240, 256, 265). אפ אזא אויפנ וועט זיכ באקומענ, אז אינ דידאָזיקע 4 האנטווערקערישע פראָדוקציעס זײַנענ געווענ דעמלט באשעפטיקט אינ ווײַסרוסלאנד 17623 ארבעטער.

וואָס עס איז שײַעכ די ליטווישע גובערניעס, קענענ מיר קאָנסטאטירנ (ארויסגייענדיק פונ דער טאבעלע אפ דער זײַט 232 פונ זאמלבוכ, ב, 1), אז אינגאנצנ יִדישע ארבעטער זײַנענ אינ די 4 האנטווערקערישע פראָדוקציִעס געווענ באשעפטיקט 15755 מאנ. אלזאָ, אינ גאנצנ צאָפנ־מײַרעוודיקנ קאנט זײַנענ געווענ דעמלט באשעפטיקט אינ די 4 דערמאָנטע האנטווערקערישע פראָדוקציעס—33378 ארבעטער, לעגאבע 13443 מאנופאקטור־ארבעטער.

דאָ דארפ מענ אָבער ארײַנטראָגנ אייניקע זייער וויכטיקע אויסבעסערונגענ.

ערשטנס, דארפ מענ נעמענ אינ באטראכט, אז די פראָדוקציע ניט נאָר פונ קליידער, נאָר אויכ פונ טואלעט, איז אינ די מאטעריִאלנ פונ יעק״אָ צוגערעכנט צו די האנטווערקערישע פראָדוקציעס. אינדערעמעסנ אָבער איז עס ניט אינגאנצנ ריכטיק אפילע לעגאבע דער פראָדוקציע פונ קליידער. וואָס עס איז אָבער שײַעכ דער פראָדוקציִע פונ טואלעט, האָט זי שוינ לאנג ניט געטראָגנ קיינ כאראקטער פונ א האנטווערקערישער פראָדוקציע, נאָר זי האָט געהאט די פאָרמע פונ דער סיסטעמע פונ דער הויז־אינדוסטריע. דאָסזעלביקע וועט אויסקומענ אויכ צו זאָגנ וועגנ דער זעמשערײַ־פראָדוקציע.

אָבער אינ דער זאָקנ־פראָדוקציע אליינ, נאָר אינ דער ווילנער גוב., זײַנענ געווענ סאָפ 90־ער יאָרנ באשעפטיקט, לויט די מאטעריִאלנ פונ יעק״אָ, ארומ 2000 ארבעטער.

צווייטנס, מיר האָבנ שוינ געזענ, אז די אווטאָרנ פונ די זאמלביכער פונ יעק״אָ קאָנסטאטירנ אינ ביאליסטאָקער קרײַז 2394 קוסטארעס־וועבער. צומ באדויערנ איז פונ די דערמאָנטע מאטעריִאלנ לאכלוטנ ניט צו זענ, וואָס זײַנענ עס געווענ פאר א קוסטארעס. עס איז אָבער אינגאנצנ אומגלויבלעכ, אז אינ דער טוכ־אינדוסטריע פונ ביאליסטאָקער רײַאָנ, סאָפ 90־ער יאָרנ, בא דער עקאָנאָמישער אָרגאניזאציע, וואָס עס האָט דעמלט כאראקטעריזירט, ווי מיר האָבנ שוינ געזענ, דעמדאָזיקנ אינדוסטריע־צווײַג, זאָלנ האָבנ עקזיסטירט עפעס וועלכע ניט איז זעלבשטענדיקע קוסטארעס. עס איז קיינ צווייפל ניט, אז מיר האָבנ דאָ צו טאָנ מיט ארבעטער פונ דער הויז־אינדוסטריע, ד. ה., מיט דער „אויסערלעכער אָפטיילונג פונ מאנופאקטור״ (מארקס)

אלזאָ, אויב מע זאָל עס אלצ דיסקאָנטירנ, וועט אויסקומענ דידאָזיקע „קוסטארעס״־וועבער, ווי אויכ די זאָקנ־מאכערקעס אונ זעמשערינס צוצורעכענענ צו דער גרופע מאנופאקטור־ארבעטער, ד. ה., עס וועט אויסקומענ די צאָל פונ האנטווערקערישע ארבעטער צו פארקלענערנ מינימומ אפ 5000 אונ די צאָל מאנופאקטור־ארבעטער



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0047-0091 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

פאַרגרעסערנ אָפּ 5000. די פאַרהעלטעניש צווישנ דידאָזיקע צוויי גרופּעס אַרבע־טער וועט זיכ דעמלט אויסדריקנ אומגעפער אַזוי: העכער 28000 האַנטווערקערישע אַרבעטער אונ העכער 18000 מאַנופאַקטור־אַרבעטער.

ווײַטער: מיר האָבנ שוינ געזענ אָפּ דעמ בײַשפּיל פונ וויטעבסק, מאָלעוו, ווילנע (זע 1־טנ קאַפּ.), אַז צומ סאָפּ 90־קער יאָרנ האָבנ ווײניקסטנס 30־40% פּראָצ. פונ אַלע האַנטווערקער געאַרבעט פאַרנ מאַגאַזינ, ד. ה., זײ זײַנענ געווענ אונטערגעוואָרפנ דעמ האַנדל־קאַפּיטאַל אונ האָבנ געטראָגנ פאַקטיש אַ כאַראַקטער פונ הויז־אינדוסטריע. אַזוי, אַז 30־40% פּראָצ. פונ די אַרבעטער, וואָס זײַנענ געווענ באַשעפטיקט אינ די אויבנ־אויסגערעכנטע האַנטווערקערישע פּראָדוקציעס, וועט אויכ אויסקומענ צוצו־רעכענענ צו דער גרופּע מאַנופאַקטור־אַרבעטער. אָפּ אַזאַ אופנ וועט די פאַרהעלטע־ניש זיכ ענדערנ צו גונסטנ פונ די מאַנופאַקטור־אַרבעטער, וואָט זײַנענ, ווײַזט אויס, געווענ מערער איידער האַנטווערקעריש. אונ ענדלעכ דאַרפ מענ נאָכ נעמענ אינ באַטראַכט דאָס, וואָס אויב באַ דער אויסרעכענונג פונ דער צאָל יידישע טעקסטיל־אַרבעטער אונ בערשטער האָבנ מיר זיכ געשטיצט אָפּ ניט־אָפיציעלע ידיעס, איז אָבער די צאָל פונ גאַרבער, טאַבאַק־אַרבעטער אונ שוועבעלעכ־אַרבעטער אויסגערעכנט אינ די דערמאָנטע זאַמלביכער אָפּנ סמאַכ פונ אָפיציעלע ידיעס, וואָס זײַנענ באַשטימט פאַרקלענערט, אונ אָפּנ סמאַכ פונ קאָרעספּאָדענט־ידיעס, וואָס זײַנענ, לויט דער מיינונג פונ די אַווטאָרנ פונ די זאַמלביכער, אויכ ניט קיינ זיכערע.

איז אָט, אויב מע זאָל עס אַלצ נעמענ אינ באַטראַכט, וועט אויסקומענ צו מאַכנ דעמ אויספיר, אַז יידישע מאַנופאַקטור־אַרבעטער, סאָפּ 90־ער יאָרנ, זײַנענ געווענ מערער איידער האַנטווערקערישע, יעדנפאַלס ניט ווייניקער.

## די יידישע אַרבעטער אינ שטאָט אונ שטעטל. פאַרהעלטעניש.

דידאָזיקע צאָל־פאַרהעלטעניש צווישנ די יידישע אַרבעטער פונ מאַנופאַקטורנ אונ האַנטווערקערישע אַרבעטער וועט אָבער אויסזענ גאַנצ אַנדערש, ווענ מיר וועלנ פאַרגלײַכנ ניט די אַלגעמיינע צאָל פונ האַנטווערקערישע אונ מאַנופאַקטור־אַרבעטער אינ גאַנצנ קאַנט, נאָר באַזונדער אינ די שטעט אונ שטעטלעכ.

פּונקט ווי די רוסישע בורזשואַזיע גרינדעט אַ באַדײַטנדיקנ טייל גרויסע אונטער־נעמונגענ אינ דאָרפ, רעכענענדיק זיכ דערמיט, וואָס די רעשטנ פונ לײַבייגנטומ האָבנ נאָכ געהאַלטנ צוגעפעסטיקט דעמ פּויער, צו דער ערד [1], אַזוי האָט די יידישע בורזשואַזיע אַרויסגעוויזנ אַ טענדענצ צו גרינדנ מאַנופאַקטורנ אינ די שטעטלעכ (אונ אַפילע אַריבערגעטראָגנ מאַנופאַקטורנ פונ די שטעט אינ די שטעט־לעכ: צ.ב., בערשטערײַ־אונטערנעמונגענ אינ ווילנע אונ אינ ביאַליסטאָק פאַרשווינדנ אינגיכנ), ווו עס איז געווענ לאָרויוו ביליקע אַרבעט־קראַפט (טיילווײַז האָבנ דאָ געשפּילט אַ ראָל אַזוינע מאָמענטנ, ווי די נאָענטקײַט פונ רוי־שטאָפנ—שוועבעלעכ־אונ האָלצ־באַאַרבעטנדיקע אינדוסטריע), ווו עס זײַנענ ניט געווענ קיינ גרויסע מאַגאַזינעס, אונ עס

[1] לעניג האָט קאָנסטאַטירט פאַר גאַנצ רוסלאַנד, אַז אַ העלפט פונ די פאַבריק־אַרבעטער איז געווענ קאָנ־צענטרירט אויסער די שטעט. (Ленин, Развитие капитализма в России, соч. т. III, стр. 407)



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
DFG

איז ניט געווענ קיינ נאָכפרעג אפּ האנדל־אָנגעשטעלטע, ווו דער נאָכפרעג אפּ דינסט־מיידלעכ איז אויכ געווענ א קלײנער בא דעמ פּראָווינציעלנ לעבנ־אויפנ אפילע פונ דעמ פארמעגלעכנ טייל פונ דער באפעלקערונג.

אינדערעמעסנ זײַנענ די גרונט־מאסנ פונ די ייִדישע מאנופאקטור־ארבעטער קאָנצענ־טרירט אויסער די שטעט, אינ די שטעטלעכ. אינ דעמ וועלנ מיר זיכ איבערצײַגנ, ווענ מיר וועלנ פאנאנדערקלײַבנ די פראגע וועגנ דער פארשפּרייטונג פונ די מאנופאקטורנ.

אינ דער שוינ עטלעכע מאָל ציטירטער קאָרעספּאָנדענצ פונ ביאַלעסטאָקער אינ־דוסטריעלנ רײַאָנ אינ „Экономич. Журнал“ פארנ 1887 יאָר, נומ. 8—9, ברענגט דער אווטער א טאבעלע, וואָס ווײַזט די פארטיילונג פונ די טעקסטיל־אונטער־נעמונגענ צווישנ די ייִדישע אונ ניט־ייִדישע קאפּיטאליסטנ. אזויווי דידאָזיקע פאר־טיילונג ווערט איליוסטרירט ניט אינ דעמ גאנצנ רײַאָנ ביכלאל, נאָר באזונדער אינ די איינצלנע פאבריק־פּונקטנ, גיט דידאָזיקע טאבעלע א מעגלעכקײַט אויסצורעכענענ דעמ פּראָצענט פונ ייִדישע אונטערנעמונגענ אונ פונ דער פּראָדוקציע אפּ זיי, וואָס פאלט באזונדער אפּ ביאַליסטאָק אונ אפּ זײַנ רײַאָנ, ד. ה., אפּ די פאבריק־שטעט־לעכ, וואָס רינגלענ ארומ ביאַליסטאָק. אָט איז די טאבעלע.

| אָ ר ט | צאָל פאבריקנ אונ זאוואָדנ. | | | סומע פונ פּראָדוקציע אינ 1000־ער | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | סאכאקל | ייִדנ. | % פונ ייִדנ. | איינגאנצנ. | ייִדנ. | % פונ ייִדנ. |
| ביאַליסטאָק . . . | 56 | 33 | 58,9 | 1818 | 811 | 41,6 |
| מיכאל. ביז־בורקאָ . | 32 | 4 | 32,5 | 368 | 22 | 5,9 |
| סופּראַסל . . . | 5 | — | 0 | 889 | — | 0 |
| קנישינ . . . | 4 | 14 | 100,0 | 174 | 174 | 100,0 |
| האָראָדאָק . . . | 7 | 7 | 100,0 | 159 | 159 | 100,0 |
| זאבלודאָווע . . . | 7 | 7 | 100,0 | 49 | 49 | 100,0 |
| צעכאנאָווצי . . . | 13 | 3 | 23,1 | 218 | 37 | 16,9 |
| וואסילקאָווע . . . | 13 | 9 | 69.2 | 413 | 120 | 29,1 |
| רוזשאַנע . . . | 12 | 12 | 100,0 | 131 | 131 | 100.0 |
| כאָראָשטשי . . . | 1 | — | 0 | 850 | — | 0 |
| דאָלידע . . . | 1 | — | 0 | 150 | — | 0 |
| דײַנאָווע . . . | 1 | — | 0 | 150 | — | 0 |
| אנד. פּונקטנ . . | 3 | 5 | 6,2 | 871 | 460 | 52,8 |
| ס א כ א ק ל . . | 174 | 94 | 54 | 6240 | 1863 | 29,9 |

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0048-0093 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

(אינ דער טאבעלע זײַנענ ניט ארײַנ ארומ 150 קלײנע האנט-װעבערײַענ מיט א פראָדוקציע פונ ארומ 100 טויזנט רובל, צװײ זײַד-װעבערײַענ מיט א פראָדוקציע פונ 156 טויזנט רובל אונ אײנ הוט-פאבריק מיט א פראָדוקציע פונ 105 טויזנט רוב.).

פונ דערדאָזיקער טאבעלע איז צו זענ, אז פונ דער גאנצער צאָל 94 אונטערנעמונגענ מיט א פראָדוקציע פונ 1863 טויזנט רובל, װאָס האָבנ געהערט צו ייִדישע קאפיטאליסטנ, זײַנענ 33 מיט א פראָדוקציע פונ 811 טויזנט רובל געװענ קאָנצענטרירט אינ ביאלעסטאָק אונ די איבעריקע—אינ די שטעטלעכ ארומ ביאלעסטאָק. אפ אזא אופנ זײַנענ 65 פראָצ. פונ אלע ייִדישע טעקסטיל-אונטערנעמונגענ אונ ארומ 56,5 פראָצ. פונ דער פראָדוקציע געװענ צומ סאָפ פונ די 90-ער יאָרנ קאָנצענטרירט אינ די דערבײַיִקע פאבריק-שטעטלעכ. דאָ דארפ מענ נאָכ נעמענ אינ באטראכט פאָלגנדיקעס:

1. אינ דער צאָל אונטערנעמונגענ, װאָס איז אָנגעװיזנ אינ דער טאבעלע, זײַנענ ניט ארײַנ, װי מיר האָבנ געזענ, 150 קלײנע האנט-װעבערײַענ מיט א פראָדוקציע פונ 100 טויזנט רוב., אָבער דידאָזיקע קלײנע אונטערנעמונגענ זײַנענ געװענ קאָנצענטרירט, װי מיר האָבנ געזענ, אינ די שטעטלעכ. אלזאָ, אויב מע זאָל נאָכ אָט דאָס דימקאָנטירנ װעט אויסקומענ, אז 60 פר. פונ דער טעקסטיל-פראָדוקציע, װאָס האָט זיכ געפונענ אינ די הענט פונ די ייִדישע קאפיטאליסטנ, איז געװענ קאָנצענטרירט אינ די שטעטלעך. אזױ װי די ייִדישע אונטערנעמונגענ האָבנ זיכ אויסגעצײכנט מיט א נידעריקער אָרגאנישער סטרוקטור פונ קאפיטאל, עס האָט דאָמינירט אינ זײ האנט-ארבעט, קענ מענ אָנעמענ, אז דער פראָצ. פונ די באשעפטיקטע ארבעטער, װאָס איז געפאלנ באזונדער אפ ביאלעסטאָק אונ אפ די שטעטלעכ, האָט אנטשפּראָכנ דעמ פראָצ. פונ דער פראָדוקציע.

2. אפ די ייִדישע אונטערנעמונגענ, װי עס איז באװוסט, זײַנענ געװענ באשעפטיקט אויכ ניט-ייִדישע ארבעטער. װאָס מער עס איז געװענ מעכאניזירט די אונטערנעמונג, אלצ מער זײַנענ געװענ אפ איר באשעפטיקט ניט-ייִדישע ארבעטער. אָבער די גרויסע ייִדישע אונטערנעמונגענ, ד. ה. די מעכאניזירטע, זײַנענ געװענ קאָנצענטרירט דעריקער אינ ביאליסטאָק, ניט אינ די שטעטלעכ. דאָס האָט אויכ באמערקט כאָראָש, װעלכער שרײַבט אינ צוזאמענהאנג דערמיט: „אינ ביאליסטאָק טרעפט מענ ייִדישע אויבעטער בא ייִדישע אונטערנעמער זעלטנ, דערפאר האָט אינ די ארומיקע שטעטלעכ דאָמינירט די ייִדישע ארבעטער-באפעלקערונג" („װאָסכאָד", 1901, בוכ 4). דאָס איז אויכ פארשטענדלעכ. װאָס קלענער, װאָס מער אָפּגעשטאנענ עס איז געװענ אינ טעכנישער הינזיכט די אונטערנעמונג פונ ייִדישנ קאפּיטאליסט, אלצ פלײַסיקער האָט דער לעצטער געזוכט ביליקע ארבעט-קראפט, װעלכע ער האָט געקענט לײַכטער געפינענ צװישנ דעד ייִדישער באפעלקערונג אינ שטעטל אײדער אינ שטאָט.

3. דאָס באטײַט אָבער, אז דער פראָצ. פונ ייִדישע טעקסטיל-ארבעטער, װאָס איז געװענ קאָנצענטרירט אינ די שטעטלעכ, איז געװענ באדײַטנדיק גרעסער, װי דער פראָצ. פונ פראָדוקציע אפ די ייִדישע אונטערנעמונגענ אינ די שטעטלעכ.

אפ אזא אופנ קענענ מיר קאָנסטאטירנ, אז די איבערװעגנדיקע צאָל פונ ייִדישע טעקסטילער (ניט װײניקער פונ 70 פראָצ) איז געװענ קאָנצענטרירט אינ די שטעטלעכ ארומ ביאליסטאָק אונ גאָר א קלענערער טײל—אינ ביאליסטאָק גופא.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main

פונ דער אנדער זײַט װײסנ מיר שױנ, אז פונ 11.181 האנטװערקער. אינ ביא־לעסטאָקער קרײַז זײַנענ 7983 (אינ 1887) געװענ אינ ביאליסטאָק גופע. אונ װיפל צװישנ דידאָזיקע האנטװערקער זײַנענ געװענ ייִדנ, קענ מענ זענ כאָטש דערפונ, װאָס לױט דער Памягная книжка Гродненской губ. на 1893 г. האָבנ האנטװערקער־ייִדנ אױסגעמאכט אינ 1891 יאָר אינ די שטעט העכער 75 פראָצ. [1] פונ דער גאנצער צאָל האנטװערקער.

לױט דעמ באריכט אפנ אינטערנאציאָנאלנ סאָציאליסטישנ קאָנגרעס אינ פאריזש (1900) זײַנענ דעמלט געװענ אינ ביאליסטאָק: 200 שנײַדער־געזעלנ; 100 שלאָסער־געזעלנ; 40 בלעכער־געזעלנ; 270 סטאָלער־געזעלנ; 250 בעקער־געזעלנ; 70 קירזשנער־געזעלנ; 250 מולער־געזעלנ (פונ זײ 100 ניט־ייִדישע) אונ אנד. [2]

אפ אזא אופנ זײַנענ נאָר אינ די אױסגערעכנטע פראָפעסיעס געװענ באשעפ־טיקט אינ ביאליסטאָק, סאָפ 90־קער יאָרנ, ארומ 1100 ייִדישע האנטװערקערישע ארבעטער, ייִדישע טעקסטיל־ארבעטער זײַנענ אָבער דעמלט געװענ אינ ביאליסטאָ־קער ריאָנ, לױטנ זעלבנ באריכט—3000. אזױ װי מיר װײסנ שױנ, אז נאָר 30 פר. פונ די ייִדישע טעקסטילער זײַנענ געװענ קאָנצענטרירט אינ ביאליסטאָק גופע, זײַנענ אפ אזא אופנ דאָרטנ געװענ דעמלט אינגאנצנ 900 ייִדישע טעקסטיל־ארבעטער [3]. אפילע אינ דער גרעסטער פאבריק־שטאָט פונ קאנט זײַנענ, אלזאָ, געװענ מער ייִדי־שע האנטװערקערישע ארבעטער, אײדער ייִדישע מאנופאקטור־ארבעטער, יעדנפאלס ניט װײניקער. [4]

װי זשע איז געװענ די לאגע אינ דעמ פראט אינ אנדערע שטעט פונ קאנט, װעלכע האָבנ זיכ בעשומ אופנ ניט געקענט פארגלײַכנ מיט ביאליסטאָק אינ זינ פונ אינדוסטריעלער אנטװיקלונג? פונ דער שױנ אױבנדערמאָנטער טאבעלע, װאָס איז פארעפנטלעכט אינ „װעקער" נומ. 5. (אָרגאנ פונ די בערשטער), איז צו זענ, אז פונ די 1831 ארבעטער בערשטער זײַנענ אפ די צװײ גרעסערע שטעט פונ קאנט, מינסק אונ דװינסק, אױסגעפאלנ 130 מאנ, ד. ה. 7 פראָצ. די איבעריקע 1700 אר־בעטער זײַנענ געװענ צעשפרײט איבער 14 קלײנע שטעטלעכ (קרעסלאװקע, װיל־קאָװישק, נײַ־שטאָט, קאליװאריע, מעזשריטש, נעװעל, טרעסטינע אונ אנד.).

װאָס עס איז שײַעכ דער גארבערײַ־אינדוסטריע זײַנענ בלױז אינ דרײַ גובערניעס (װילנער, גראָדנער מאָלעװער), 116 גארבערײַ־זאװאָדנ געװענ צעשפרײט איבער די שטעטלעכ. גארבערײַענ, װאָס האָבנ געהערט צו ייִדישע אונטערנעמער, זײַנענ געװענ אינ קאנט סאָפ 90־קער יאָרנ, לױט אָפיציעלע יעדיעס—165 אונ לױט די מיטײלונגענ פונ קאָרעספאָנדענט—222. אלזאָ, נאָר אינ דרײַ גובערניעס געפינענ מיר אינ די שטעט־לעכ מער װי א העלפט פונ אלע גארבערײַ־זאװאָדנ אינ קאנט. דערבײַ זײַנענ דידאָ־

---

[1] זע, Памятная книжка Гродн, губ. на 1893 г. отд. III стр. 36

[2] זע זאמלבוכ „25 יאָר", געװידמעט דעמ 25־יאָריקנ יובילײ פונ דער ייִדישער ארבעטער־באװעגונג. װארשע.

[3] לױט סובאָטינענ זײַנענ אינ 1887 יאָר געװענ אינ ביאליסטאָק האנטװערקערישע ארבעטער 995 אונ לערנײִנגלעכ—1867 (זע סובאָטינ. ציטירטער בוכ, טײל 2)

[4] עמעס, די האנטװערקערײַ גופע האָט זיכ צו יענער צײַט, װי מיר האָבנ שױנ געזענ, באדײַטנדיק קאפיטאליזירט.

זיקע יעדיִעס וויַיט ניט קיַין פולע, אפילע לעגאבע דידאָזיקע דריַי קריַיזן. אונ וויפּל זאוואָדן זיַינען געווען אינ די שטעטלעך פונ די איבעריקע דריַי קריַיזן?

וויַיטער: אפ 97 פונ די אויבנדערמאָנטע 116 גארבעריַיען, וואָס זיַינען געלעגן אינ די שטעטלעך פונ די אויסגערעכנטע דריַי גובערניעס, האָבן געארבעט 1.198 יִדישע ארבעטער[1]. דאָס איז געוויס א פארקלענערטע צאָל, וויַיל אינ קריניק אליינ האָבן אינ 1901 יאָר געארבעט 700 גארבער, וואָס דער גרעסטער טייל פונ זיי זיַינען געווע יִדנ[2].

אויב מע זאָל אפילע אָנעמען, אז אלע איבעריקע גארבעריַיען זיַינען געווען קאָנצענטרירט אינ די גרעסערע שטעט פונ קאנט (אינ דערווירקלעכקיַיט איז עס ניט געווען אזוי), וועט זיך אויך דעמלט ארויסוויַיזן, אז דער גרעסטער טייל יִדישע גארבער איז געווען קאָנצענטרירט אינ די שטעטלעך, וויַיל אפ וויפל מיר זעען גארבער אינ די גרעסערע שטעט פונ קאנט, באשטייט דער גרעסטער טייל פונ זיי פונ ניטיִדישע ארבעטער. אינ ווילנע, לעמאָשל, איז דער גרעסטער טייל פונ די גארבער באשטאנען פונ ניט־יִדישע ארבעטער, אינ דווינסק—80 פראָצ. ניטיִדישע גארבער, אינ ביאלעסטאָק— דער גרעסטער טייל ניטיִדישע גארבער; דערפאר אָבער אינ סמאָרגאָנ — העלפט יִידישע אונ העלפט ניטיִדישע; אינ קרינעק — העלפט יִדישע אונ העלפט ניט־יִדישע[3].

דאָס זעלביקע קענ מענ אויך אינ א געוויסער מאָס זאָגנ וועגנ די ארבעטער פונ די שוועבעלעך־פאבריקן. אינ מינסקער גוב. זיַינען געווען קאָנצענטרירט, ווי עס איז באקאנט, די גרעסטע שוועבעלעך־פאבריקן פונ קאנט. מינסקער גוב. קענ מענ רעכענען פארן צענטער פונ דער שוועבעלעך־פראָדוקציע אינ וויַיסרוסלאנד. אינ דערדאָזיקער גוב. אָבער זיַינען קימאט אלע שוועבעלעך־פאבריקן, וואָס זיַינען געשטאנען אונטער דער אופזיכט פונ פאבריק־אינספעקציע (1902), געווען קאָנצענטרירט אינ די שטעטלעך, אכוץ פינסק, וואָס קענ, פארשטייטזיך, ניט צוגערעכנט ווערנ צו די שטעטלעך. אָט זיַינען זיי[4]:

| | | | |
|---|---|---|---|
| שוועבעלעך־פאבריק „דרוזשינא“ פונ מ. סטראָנגינ | — | 270 | ארבעטער אינ קאָידאנאָוו |
| שוועבעלעך־פאבריק „וויקטאָריע“ פונ סאָלאָמאָנאָוו | — | 823 | ארבעטער אינ באָריסאָוו |
| שוועבעלעך־פאבריק „בערעזינא“ פונ בערמאנ | — | 255 | „ „ „ |
| שוועבעלעך־פאבריק „מאָלניִא“ | — | 552 | „ „ מאָזיר |
| שוועבעלעך־פאב. פונ „פראָגרעס וווּלקאנ“ פונ האלפערינ | — | 565 | „ „ פינסק |

אנ אויסנאם שטעלנ פאָר די ארבעטער פונ טאבאק־פאבריקן, וואָס זיַינען געווען קאָנצענטרירט דעריקער אינ די גרעסטע שטעט פונ קאנט: „עדלשטיינס טאבאק־פאבריק אונ דורונטשענס טאבאק־פאבריק—אינ ווילנע, שערעשעווסקעס טאבאק־פאבריק—אינ גראָדנע, יאנאָווסקעס טאבאק־פאבריק—אינ ביאליסטאָק; פונ די פינפ טאבאק־פאבריקנ

---

[1] זע, Сборник материалов об эконом. пол. евреев в Росии, т. II

[2] זע, Восхсд“ 1901 кн. 8.

[3] זע, אבע לעוו, 30 יאָר קאמפ 1895-1925 (מאנוסקריפט)

[4] די יעדיִעס זיַינען גענומען פונ ארכיוו פונ פאבריק־אינספעקטור מינסק גוב. Отчёт за 1902г. Минский Историч. Архив.

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0049-0096 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

אינ מינסקער גוב. (1904), וואָס זײַנען געשטאַנען אונטער דער אופזיכט פונ דער פאַבריק־אינספעקציע, זײַנען געווענ 3 אינ מינסק אונ 2 אינ פינסק.

אַלזאָ, די ייִדישע מאַנופאַקטור־אַרבעטער זײַנען געווענ קאָנצענטרירט דעריקער ניט אינ די גרעסערע שטעט פונ קאַנט, נאָר אינ די שטעטלעכ. אינ די שטעט זײַנען געווענ קאָנצענטרירט דעריקער האַנטווערקערישע אַרבעטער (זע זײַט 7). ווי עס איז געווענ די לאַגע אינ ביאַליסטאָק אינ דעמ פראַט, האָבנ מיר שוינ געזענ. ווי האָט עס אויסגעזענ אינ ווילנע? לויט דעמ באַריכט פונ „בונד” אַפנ אינטערנאַציאָנאַלנ סאָציאַליסטישנ קאָנגרעס אינ פּאַריז (1900) זײַנען געווענ אינ ווילנע אינ יענע אַלע פּראָפעסיעס, וואָס האָבנ געהאַט אָרגאַניזירטע שטרײַק־קאַסעס—5388 אַרבעטער, פונ זיי—865 פאַבריק־אַרבעטער!

שוסטער־געזעלנ אַליינ זײַנען געווענ אינ ווילנע אינ 1897 יאָר 809, פונ זיי—300 ייִדנ אונ 500 ניטייִדנ [1]). אינ מינסק זײַנען אינ 1887 יאָר געווענ, לויט סובאָטינענ—812 האַנטווערקערישע אַרבעטער אונ 500 פאַבריק־אַרבעטער (ייִדישע אונ ניטייִדישע) (זע סובאָטינ, ציטירטער בוכ 1־טער טייל).

ס'איז אינטערעסאַנט צו פאַרגלײַכנ אינ דעמ פראַט די ייִדישע אַרבעטער פונ ווײַסרוסלאַנד מיט די ניט־ייִדישע. מע דאַרפ זאָגנ, אַז בא די לעצטע איז די לאַגע אינ דעמ פראַט געווענ דיזעלביקע. דער גרעסטער טייל ניט־ייִדישע פאַבריק־אַרבעטער איז געווענ קאָנצענטרירט אינ די דערפער אונ אינ די הויפנ. אַזוי, לעמאָשל, זײַנען אינ 1897 יאָר אַפ אַלע 106 טאַרטאַקנ געווענ באַשעפטיקט 4398 אַרבעטער, אַפ אַלע 129 ציגל־זאַוואָדנ—2271 אַרבעטער, אַפ אַלע 37 קאַכל־זאַוואָדנ—1251 אַרבעטער, אַפ אַלע 21 גלאָז־זאַוואָדנ—2065 אַפ אַלע 399 מילנ—1744 אַרבעטער; אַפ אַלע 441 בראַנפנ־זאַוואָדנ—3446 אַרבעטער. אַלזאָ, נאָר אַפ דידאָזיקע אַלע זאַוואָדנ, וואָס זײַנען געווענ קאָנצענטרירט דעריקער אינ דערפער אונ שטעטלעכ [2]), זײַנען געווענ באַשעפטיקט 15.175 אַרבעטער. אינ דערזעלביקער צײַט

[1]) זע „דער ייִדישער אַרבעטער” נומ. 1, 1996 יאָר.

[2]) פונ אַלע 41 טאַרטאַקנ אינ מינסקער גוב., מיט אַ צאָל אַרבעטער פונ 924 מאַנ, זײַנען נאָר 8 מיט אַ צאָל אַרבעטער פונ 140 מאַנ, געווענ אינ אַזוינע שטעט, ווי נײַ־באָריסאָוו, באָברויסק, סלוצק אונ פינסק. איינ זאַוואָד האָט זיכ געפונענ אינ מינסק (14 אַרבעטער). אַלע איבעריקע 32 זאַוואָדנ מיט אַ צאָל אַרבעטער פונ 800 זײַנען געלעגנ אינ די הויפנ אָדער לעבנ די באַנ־סטאַנציעס.

פונ אַלע זעקס גלאָז־זאַוואָדנ אינ מינסקי גוב. מיט אַ צאָל אַרבעטער פונ 551 מאַנ האָט זיכ נאָר איינער (62 אַרב.) געפונענ אינ מינסק. אַלע איבעריקע—אינ די הויפנ אונ לעבנ די באַנ־סטאַנציעס.

פונ אַלע 18 מילנ אינ מינסק. גוב. מיט אַ צאָל אַרבעטער פונ 105 מאַנ האָט זיכ נאָר איינ מיל געפונענ אינ מינסק, (10 אַרב.) פיר מילנ (51 אַרב.)—אינ אַזוינע קלענערע שטעט, ווי סלוצק, באָברויסק, די איבעריקע—אינ הויפנ.

פונ 67 בראַנפנ־זאַוואָדנ מיט אַ צאָל אַרבעטער 556 מאַנ זײַנען נאָר צוויי (59 אַרב). געווענ אינ מינסק, צוויי—מיט אַ צאָל אַרבעטער פונ 39 אינ באָברויסק אונ פינסק. די איבעריקע—אינ הויפנ.

פונ אַלע 7 קאַכל־זאַוואָדנ מיט אַ צאָל אַרבעטער פונ 325 זײַנען (79 אַרבעטער) געווענ אינ מינסק די איבעריקע אינ קלענערע שטעטלעכ (נײַ־באָריסאָוו, נאָוואָגרודאָק אונ אינ הויפנ).

Дела старшего инспектора Минской губ. Отчет за 1902 г. (Минский Истор. Архив.)



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main

זייַנען אפּ די מעטאַל־באַאַרבעטנדיקע זאַוואָדן, וואָס זייַנען געווען דריקער קאָנצענטרירט אין די שטעט, געווען באַשעפטיקט 3000 אַרבעטער און אפּ די טעקסטיל־פאַבריקן—10.000 אַרב. אָבער פון די לעצטע זייַנען געווען נאָר 30 פּראָצ. באַשעפטיקט אין ביאַליסטאָק גופע. די איבעריקע האָבן זיך געפונען אין די שטעטלעך, ווי דאָס איז צו זען פון דער טאַבעלע אפּ דער זייַט 92.

אויב מע זאָל אַפילע צורעכענען די אַרבעטער פון די אייַזנבאַן־וואַרשטאַטן, וואָס זייַנען געווען אין קאַנט אין א גאַנצ באַדייַטנדיקער צאָל און זייַנען געלעגן אין די גרעסערע שטעט (מינסק, האָמעל, פּינסק), וועט אויך דעמלט זיך באַקומען, אז דער איבערוועגנדיקער טייל פון די ניט־ייִדישע פאַבריק־אַרבעטער איז געווען קאָנצענטרירט אויסער די שטעט.

דערבייַ דאַרפ מען אָבער באַמערקן פאָלגנדיקעס: אין דער צייַט, ווען די ייִדישע מאַנופאַקטור־אַרבעטער זייַנען געווען קאָנצענטרירט אין מער אָדער ווייניקער גרעסערע מאַסן אין איינצלנע פונקטן, ווי לעמאָשל: די גאַרבער (אין קרינעק זייַנען אין מיטן פון די 90־ער יאָרן שוין געווען 500 גאַרבער, אין סמאָרגאָן—700 אַרבעטער), שוועבעלעך־אַרבעטער (אין באָריסאָוו אָנהייב 900־טער יאָרן זייַנען געווען 1000 שוועבעלעך־אַרבעטער; אין מאָזיר—העכער 500 אַרבעטער), בערשטער (אין מעזריטש זייַנען סאָפּ 90־ער יאָרן געווען 600 בערשטער, אין קרעסלאַווקע—260 בערשטער, טרעסטנע—200 בערשטער), זייַנען די ניט־ייִדישע פאַבריק־אַרבעטער, וואָס זייַנען געווען קאָנצענטרירט אויסער די שטעט (מיטן אויסנאַם פון די טעקסטיל־אַרבעטער), געווען זייער צעשפּליטערט איבער פאַרשיידענע פונקטן און אַפילע איבער איינצלנע אונטערנעמונגען, צוליב דעם, וואָס אין דידאָזיקע אינדוסטריע־צווייַגן איז דער וואַריאַבעלער קאַפּיטאַל א גאַנצ מינימאַלער. אפּ אַלע 41 טאַרטאַקן אין מינסקער גוב. זייַנען, לעמאָשל, געווען באַשעפטיקט אין 1904 יאָר 924 מאַן, אָדער דורכשניטלעך, 22 אַרבעטער אפּ איין זאַוואָד. אפּ אַלע 18 מילן אין דעמזעלביקן יאָר זייַנען געווען באַשעפטיקט 105 מאַן, אָדער דורכשניטלעך 6 מאַן אפּ יעדן מיל; אפּ אַלע 67 בראַנפנזאַוואָד; אפּ אַלע 9 ציגל־זאַוואָדן זייַנען געווען באַשעפטיקט 556 מאַן, אָדער דורכשניטלעך 8־9 מאַן אפּ יעדן זאַוואָדן זייַנען געווען באַשעפטיקט 509 מאַן, אָדער דורכשניטלעך 56 מאַן אפּ איין זאַוואָד; אפּ אַלע 7 קאַכל־זאַוואָדן זייַנען געווען באַשעפטיקט 325 מאַן, אָדער דורכשניטלעך 46 אפּ יעדן זאַוואָד. גרעסערע מאַסן אַרבעטער זעען מיר נאָר אפּ די גלאָז־זאַוואָדן. אפּ אַלע 6 גלאָז־זאַוואָדן זייַנען געווען באַשעפטיקט 551 מאַן, דורכשניטלעך 90 אַרבעטער אפּ איין זאַוואָד.

דערפאַר אָבער זייַנען אפּ יענע פאַבריקן און זאַוואָדן, וואָס זייַנען געלעגן אין די גרעסערע שטעט, געווען די ניט־ייִדישע אַרבעטער קאָנצענטרירט אין באַדייַטנדיקע מאַסן (אפּ טילמאַנס זאַוואָד אין קאָוונע זייַנען אין סאָפּ 90־ער יאָרן געווען באַשעפטיקט 800 אַרבעטער, אין די פּינסקער אייַזנבאַן־וואַרשטאַטן זייַנען נאָך אין 1894־טן יאָר געווען באַשעפטיקט 500 אַרבעטער, שוין ניט רײדנדיק וועגן די גרויסע ביאַליסטאָקער טעקסטיל־פאַבריקן), וואָס מע קען, פאַרשטייט זיך, ניט זאָגן וועגן די ייִדישע אַרבעטער אין די שטעט, וועלכע זייַנען געווען דריקער, ווי מיר האָבן געזען, האַנטווערקערישע אַרבעטער.

# דער באשטאנד פון די יִדישע ארבעטער לויטן געשלעכט.

מיר האָבן שוין געזען, אז די „אינדוסטריִעלע איבערקערעניש״ אין קאנט האָט
ניט רויִנירט די גרונט־מאסן פון די שטאָטישע האנטווערקער און קוסטארן, אז לע־
כאַלהאפאכעס ביז די 90־ער יאָרן האָט די קוסטאריש־האנטווערקערישע פּראָדוקציע
זיך געהאלטן. דערפאר האָט דער אינדוסטריִעלער פּראָלעטאריאט אין ווייסרוסלאנד
זיך קימאט ווי לאכלוטן ניט רעקרוטירט פון שטאָטישע האנטווערקער און קוס־
טארעס, און די לעצטע זיינען א לאנגע צייט געבליבן קאָנצענטרירט אין האנט־
ווערקערישע פּראָדוקציִעס און מאנופאקטורן, ד.ה., דאָרטן, ווו עס האָט זיך נאָר
געפאָדערט קוואליפיצירטע ארבעט.

אָבער צווישן די מאנופאקטורן, וואָס זיינען דאָ אנטשטאנען און זיך אנטוויקלט,
זיינען געווען צוויי אזוינע, וואָס האָבן געפאָדערט, צוליבן כאראקטער פון דער פּראָ־
דוקציִע, א מינימום פון קוואליפיצירטער ארבעט־קראפט. מיר מיינען די טאבאק־און
שוועבעלעך־מאנופאקטורן. אפ וויפל די ארבעטער אפ דידאַזיקע מאנופאקטורן האָבן
זיך רעקרוטירט ניט פון א דאָרפישן, נאָר פון א שטאָטישן עלעמענט, האָט דער לעצ־
טער, נאטירלעך, ניט געקענט שטאמען פון יענע שיכטן פון די שטאָטישע האָרעפּאש־
ניקעס, וואָס האָבן פארמאָגט אָדער, וואָס האָבן נאָך געקענט דערווערבן א האנט־
ווערקערישע קוואליפיקאציע: זייער באציִונג צו דידאָזיקע מאנופאקטורן איז געווען
דיזעלביקע, ווי צו דער פאבריק. אפ דידאָזיקע מאנופאקטורן זיינען געגאנגען די
קינדער פון יענער שטאָטישער אָרעמקייט, פאר וועמען עס איז ניט געווען צוטריט־
לעך די האנטווערקערישע קוואליפיקאציע [1]) און פון זיי אין דער ערשטער ריי —
די פרוי. דאָ האָבן געווירקט פאָלגנדיקע מאָמענטן:

די פּויערשע ווירטשאפט, זייענדיק אפילע ארייַנגעצויגן אין מארק־באציִונג, איז
אין א באדייַטנדיקער מאָס א שטוביקע ווירטשאפט, א פארברויכענדיקע ווירטשאפט
(וואָס קלענער די פּויערישע ווירטשאפט איז, אלץ באדייַטנדיקער איז דערדאָזיקער
מאָמענט); שפּילט דאָ די ארבעט־קראפט פון דער פרוי אסאך א גרעסערע ראָלע, ווי
אין דער ווירטשאפט פון שטאָטישן קליינבירגער (קליינער קרעמער, קוסטארן א.א.וו.),
דערפאר איז די איבעריקע ארבעטקראפט, וואָס עס ווארפט ארויס אפן מארק די פּויע־
רישע ווירטשאפט, אפ וויפל זי רויִנירט זיך אונטערן דרוק פון דער קאפּיטאליסטי־
שער אנטוויקלונג, ניט אויסשליסלעך א פרויען־ארבעט־קראפט, ניט אין דער ערשטער
ריי א פרויען ארבעט־קראפט.

אין דער פאמיליע פון דעם זיך רויִנירנדיקן שטאָטישן קליינבירנער, ווען די האכנאָ־
סעס ווערן צו קליין אפ אויסצוהאלטן די גאנצע פאמיליע, איז אן איבעריקער עסער
פריער פון אלץ ניט דער זון, נאָר די טאָכטער, ווייל זי ווערט זייער ווייניק אויס־
גענוצט אין דער שטוביקער ווירטשאפט אלס ארבעט־קראפט, מאכמעס עס איז ניטאָ
בא דעם שטאָטישן קליינבירגער קיין באדייַטנדיקע שטוביקע ווירטשאפט [2]).

[1]) קעדייי זיך אויסלערנען א מעלאָכע, האָט מען געדארפט דורכגיין א 3–4 יאָריקן סטאזש פון א
לערן־ייִנגל. אין דער צייט האָט מען געדארפט זיך אליין אויסהאלטן און אָפט אפילע צאָלן דעם מייסטער
פארן לערנען.

[2]) דערביי אנולירט די אנטוויקלונג פון האנטווערקעריי און מאנופאקטורן אסאך פון פריִערדיקע
פונקציִעס פון דער שטוב־ווירטשאפט: נייען, שטריקן זאָקן, באקן ברויט, וואשן וועש און אנד.

דאָס איז ערשטנס. אכוצ דעמ האָבנ דאָ געשפּילט א ראָלע פאָלגנדיקע מאָמענטנ: די פרוי איז, לויט די פאָרשטעלונגענ, וואָס עס הערשנ אינ דערדאָזיקער סוויווע, ניט קיינ קינפטיקער הויפט פונ דער פאמיליע. זי וועט ניט דארפנ אינ דער צוקונפט אויס-האלטנ די גאנצע פאמיליע; איר ארבעט אינ קינדער-עלטער אונ ביז דער כאסענע ווערט באטראכט אָפט אלס א צ ײַ ט וו י ל י ק ע ארבעט; איר פארדינסט ווערט באטראכט אלס א צײַטווײַליקע אונטערשטיצונג אינ דעמ ביודזשעט פונ דער פאמיליע, וועלכע (אונטערשטיצונג) דארפ שפּילנ א ראָלע קאָלזמאנ זי איז ניט אוועק פונ דער פאמיליע. איר ארבעט אָבער ווערט ניט באטראכט אלס א מיטל צו באקומענ א באשטימטע קוואליפיקאציע פאר דער צוקונפט, אדאנק וועלכנ זי זאָל ווערנ עקאָנאָמיש זעלבשטענדיק אפנ גאנצנ לעבנ. אזא קוק האָט מענ נאָר אפ דער ארבעט פונ זונ אונ ניט פונ דער טאָכטער.

אינדערעמעסנ: צווישנ די ייִדישע ארבעטערנס אינ די מאנופאקטורנ זעענ מיר ניט קיינ כאסענעגעהאטע פרויענ. דאָס האָט נאָכ באמערקט מארטאָוו, ווענ ער האָט געפירט א פראָפּאגאנדיסטישע ארבעט צווישנ די ווילנער ייִדישע ארבעטער:

„וואָס עס איז שײַעכ די ארבעטערנס, איז דאָ אנ אלגעמיינער קלאל, אז אינ די האנטווערקערײַענ אונ אינ די פאבריקנ (טאבאק, גילזנ, קאָנפעטנ, קאָנווערטנ אונ אנד.) ארבעטנ זיי נאָר ביז דער כאסענע, נאָכ וועלכער זיי ווערנ „באלעבאָסטעס“ אינ דער נעבעכדיקער ווירטשאפט פונ קליינעמ מײַסטער, הענדלער אָדער קאָנטאָר-שטשיק“ [1].

דאָס קאָנסטאטירט אויכ כאָראָש. אפ דער שוועבעלעכ-פאבריק אינ פינסק זײַנענ פונ 350 פרויענ „ארומ 150 אינ עלטער פונ 17–25 יאָר; די איבעריקע זײַנענ פונ 12–15 יאָר... אפ די אלע פאבריקנ וועט איר ניט טרעפנ קיינ איינ כאסענעגעהאטע פרוי“.

וועגנ דעמ זאָגט אויכ איידעס אָט דער פאקט, וואָס צווישנ די קינדער אפ די טאבאק-אונ שוועבעלעכ-פאבריקנ איז די גרעסטע מערהײַט באשטאנענ פונ מיידלעכ אונ ניט פונ ייִנגלעכ. אזוי זײַנענ אינ 1885 יאָר געווענ צווישנ די קינדער אפ דער טאבאק-פאבריק בא שערעשעווסקענ 114 מיידלעכ אונ 33 ייִנגלעכ; אפ דער טאבאק-פאבריק פונ זילבערבלאט (ביאליסטאָק)—82 מיידלעכ אונ 8 ייִנגלעכ; אפ דער טאבאק-פאבריק פונ סעטדזאָנ (דווינסק)—54 מיידלעכ אונ 18 ייִנגלעכ, אפ דער טאבאק-פאבריק פונ גינזבורג (קאָוונע)—60 מיידלעכ אונ 20 ייִנגלעכ; אפ דער טאבאק-פאבריק פונ פאָדליאשטשוק אונ יאקאָבסאָנ (שאוול)—69 מיידלעכ אונ 15 ייִנגלעכ [2]; אפ דער שוועבעלעכ-פאבריק „מאָלניא“ אינ מאָזיר געפינענ מיר אינ 1902 יאָר צווישנ די קינדער — 100 מיידלעכ אונ 32 ייִנגלעכ, אפ דער שוועבעלעכ-פאבריק „פראָגרעס ווולקאנ“ (פינסק)—85 מיידלעכ אונ 22 ייִנגלעכ [3].

אָבער אויסלערנענ די קינדער א מעלאָכע איז פאר דעמ זיכ רויִנירנדיקנ קליינעמ קרעמער געווענ זייער שווער. אויב לעגאבע דעמ זונ זײַנענ די עלטערנ גרייט געווענ

1) זע, Мартов, записки соц-демократа, стр. 191
2) זע, Городков, отчет фабр. испектора Вил. округа
3) זע, Отчет стар[illegible]. фабр. инсп. Минск. губ. за 1902 г. Минский историч. Архив



Bild-Nr.: JG1225-0-01-0051-0099 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main
Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main

נאָכ צו ברענגענ קאָרבאָנעס, איז אָט דידאָזיקע גרייטקייַט ניט געווענ, ווענ עס האָט זיכ געהאנדלט וועגנ דער טאָכטער. עס איז כאראקטעריסטיש אינ דעמ פראט פאָל־גנדיקעס: ווי עס איז באוויסט, האָבנ די יִדישע מאסנ זיכ באצויגנ מיט אומצוטרוי צו די האנטווערקערישע שולנ, וואָס זייַנענ געגרינדעט געוואָרנ אפ געזעלשאפטלעכע מיטלענ, אונ זיי פלעגנ בעסער אוועקגעבנ זייערע קינדער אויסלערנענ זיכ א מע־לאָכע אינ פריוואטע ווארשטאטנ. בלויז דער סאמע אָרעמער טייל פונ דער באפעל־קערונג, וואָס איז ניט געווענ בעקויעכ אייַנצואָרדענענ די קינדער אינ פריוואטע ווארשטאטנ, פלעגט זיי אָפגעבנ אינ די האנטווערקערישע שולנ, ווו אכוצ דעמ, וואָס מע פלעגט לערנענ אומזיסט, פלעגט מענ נאָכ געבנ מאטעריִעלע אונטערשטיצונג איז אָט ווייַזט זיכ ארויס, אז צומ ערשטנ יאנוואר 1903 י. זייַנענ אינ יענע האנט־ווערקערישע שולנ, וועגנ וועלכע עס איז אונדז געלונגענ צו באקומענ יעדיִעס, געווענ די צאָל שילער אייַנגעטיילט אזוי: אינ 12 מענערשולנ זייַנענ געווענ 1327 שילער אונ אינ 10 פרויענ־שולנ—1453 שילער[1]) דאָס איז נאָכ אָבער ווייניק: דער פראָצ. פונ די שילער, וואָס האָט פארלאָזנ די שול, איז אינ די פרויענ־שולנ געווענ אסאכ הע־כער ווי אינ די מענערשולנ. באזונדערס אסאכ פלעגנ אוועקגייַנ פונ דעמ אלגעמיי־נעמ ערשטנ קורס, נאָכ וועלכנ די קינדער דארפנ אָנקומענ אינ ווארשטאט באמ שול אפ אזא אויפנ האָט זיכ צומ 1־טנ יאנוואר 1903 באקומענ אזא בילד: אינ די מע־נער־שולנ זייַנענ אינגאנצנ געווענ 1327 שילער (אריַינעמענדיק אויכ די, וואָס זייַנענ געווענ אפנ ערשטנ אלגעמיינעמ קורס, ווו מענ פלעגט באקומענ אנ אלגעמיינע בילדונג), אונ די צאָל פונ די, וואָס האָבנ זיכ געלערנט א מעלאָכע—1018; אינ די פרויענ־שולנ זייַנענ די אנטשפרעכנדיקע ציפערנ געווענ—1453 אונ 654. אזוי הויכ איז געווענ דער פראָצ. פונ די, וואָס פלעגנ אנטלויפנ פונ דעמ ערשטנ אלגע־מיינעמ קורס. ווהינ פלעגנ אוועקגייַנ דידאָזיקע קינדער אינ יענע יאָרנ, ווענ אָנקו־מענ אינ א פריוואטנ האנטווערקערישנ ווארשטאט איז פאר זיי געווענ זייער שווער, מאכמעס די עלטערנ האָבנ זיי ניט געקענט אויסהאלטנ אפ זייערע אייגענע קאָסטנ דרייַ־פיר יאָר צייַט? דאָס איז געווענ יענער קאָנטינגענט, וואָס פונ אימ פלעגנ זיכ רעקרוטירנ די ארבעטערנס אפ די טאבאק־שוועבעלעכ־אונ אנדערע אזוינע פאבריקנ. שפעטער, לויט דער מאָס, ווי די האנטווערקערייַ פארוואנדלט זיכ אינ הויז־אינדוסטריע, פארגרעסערט זיכ אויכ די צאָל פרויענ אינ דער האנטווערקערייַ, ווייַל די ארבעט אינ געביט פונ דער הויז־אינדוסטריע פאָדערט אָפט (יעדנפאלס אינ באשטימטע פראָדוקציע־צווייַגנ) ניט קייַנ גרויסע צוגרייטונג. דערפאר זעענ מיר טאקע שפעטער די פרויענ אינ דער קאָנפעקציע־אינדוסטריע פונ וויטעבסק, אינ דער פראָ־דוקציע פונ מענער־הויזנ. ס. מארגאָלינ האָט געקענט קאָנסטאטירנ, אז אינ דער צייַט, ווענ אינ דער פראָדוקציע פונ מענער־קליידער, ווו עס ווערט אָנגעווענדעט נאָר ספעציִאליזאציִע פונ ארבעט אונ ניט ארבעט־צעטיילונג, האָבנ די פרויענ אויסגעמאכט 2,3 פראָצ. פונ אלע ארבעטער, איז אינ דער פראָדוקציע פונ אויבערשטע דאמענ־קליידער דער אָנטייל פונ פרויענ דערגאנגענ ביז 80 פראָצ. פונ אלע ארבעטער[2]).

[1]) זע, Материалы по вопросам професс. образования и поощрения ремеслен. труда среди евреев в России, изд. ЕКО, 1905 г.

[2]) זע, С. Морголин. Портняжное производство

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0052-0101 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

דאָס איז אָבער אַלצ געווענ שפּעטער, ווענ די האַנטווערקעריַי האָט זיכ אַלצ מער אונ מער פאַרוואַנדלט אינ דער סיסטעמ פונ הויז־אינדוסטריע. אינ יענע יאָרנ אָבער, װעגנ װעלכע מיר ריידנ דאָ, האָט די ייִדישע אַרבעטערנ, צוליב די אויבנדערמאָנטע סיבעס, געמוזט פאַרנעמענ אַנ אָרט דעריקער אינ די צוויי דערמאָנטע מאַנופאַקטורנ [1]), אָבער ניט אינ די האַנטווערקערישע פּראָדוקציעס.

אינ 1897 זײַנענ אַפ די שוועװעלעכ־פאַבריקנ אינ וויַיסרוסלאַנד זײַנענ געווענ באַשעפטיקט 902 מענער אונ 1547 פרויענ (אויסער קינדער), ד. ה.. די פרויענ האָבנ אויסגעמאַכט העכער 63 פּראָצ. פונ דער גאַנצער צאָל אַרבעטער. אַפ די טאַבאַק־פאַבריקנ אינ וויַיסרוסלאַנד זײַנענ אינ דעמזעלביקנ יאָר צווישנ דער אַלגעמיינער צאָל 3055 אַרבעטער געווענ 1891 פרויענ, ד. ה., די פרויענ האָבנ אויסגעמאַכט 62 פּר. לעגאַבע דער גאַנצער צאָל מאַנופאַקטור־אַרבעטער, וואָס זײַנענ געווענ באַשעפטיקט אינ די 5 אויבנדערמאָנטע מאַנופאַקטורנ, האָבנ די פרויענ אויסגעמאַכט אַרומ 25. פּראָצ.

אַסאַכ קלענער איז געווענ די פאַרהעלטעניש פונ די ייִדישע אַרבעטערנס צו די ייִדישע אַרבעטער אינ די האַנטווערקערישע פּדאָדוקציעס. אינגאַנצנ זײַנענ געווענ אַרבעטערנס אינ די האַנטווערקערישע פּראָדוקציִעס אינ 1897 יאָר: אינ ליטע—3556; אינ וויַיסרוסלאַנד—4826 (זאַמלבוכ פונ יעקאָ, ב. 1, ז. 206). דער גרעסטער טייל פונ דידאָזיקע אַרבעטערנס איז געווענ באַשעפטיקט אינ דער פּראָדוקציע פונ קליידער אונ טואַלעט. די אויסרעכענונגענ אַפּנ סמאַכ פונ דער טאַבעלע אינ דעמ דערמאָנטנ זאַמלבוכ, ב. 1, ז. 208 באַווײַזנ, אַז 75 פּראָצ. פונ אַלע פרויענ אינ די האַנטווערקערישע פּראָדוקציעס זײַנענ געווענ באַשעפטיקט אינ דער פּראָדוקציע פונ קליידער אונ טואַלעט. מיר נעמענ אָנ, אַז אַרבעטערנס זײַנענ אויכ געווענ 75 פּר. פונ אַלע פרויענ־האַנטווערקער אינ דערדאָזיקער פּראָדוקציִע (מיר האָבנ רעכט דערצו, וויַיל, ווי שוינ אויבנ געזאָגט, איז די סאָציִאַלע דיפערענציִאַציע אינ דער שנײַדעריַי געווענ שאַרפער ווי אינ אַנדערע האַנטווערקערישע פּראָדוקציִעס. אַפּ אַזאַ אויפנ באַקומענ מיר, אַז אינגאַנצנ אַרבעטערנס זײַנענ אינ דער פּראָדוקציע פונ קליידער אונ טואַלעט געווענ אינ ליטע 2667, אינ וויַיסרוסלאַנד—3619. אינ דערזעלביקער צײַט זײַנענ ביכלאַל אַרבעטער אינ דער פּראָדוקציע פונ קליידער אונ טואַלעטנ געווענ אינ ליטע 7118 (זע זאַמלבוכ, ב. 1, ז. 232). אַלזאָ, זײַנענ אינ ליטע צווישנ די 7118 אַרבעטער אינ דער פּראָדוקציע פונ קליידער אונ טואַלעט געווענ 2667 פרויענ.

וואָס עס איז שײַעכ וויַיסרוסלאַנד איז די לאַגע געווענ אַזאַ: די האַנטווערקער אינ דער פּראָדוקציע פונ קליידער אונ טואַלעט האָבנ אויסגעמאַכט אַביסל מער ווי

[1]) פאַר דער פרוי איז לײַכטער געוואָרנ אַרײַנצודרינגענ אינ דידאָזיקע אינדוסטריִעלע צווײַגנ—טאַבאַק־אונ שוועבעלעכ־פּראָדוקציע — אַדאַנק דעמ, וואָס דידאָזיקע פּראָדוקציע־צווײַגנ זײַנענ ניט אויפגעקומענ, ווי מיר האָבנ געזענ, לעכאַטכילע אַלס צענטראַליזירטע מאַנופאַקטורנ, נאָר אינ דער פאָרמ פונ דער סיסטעמ פונ דער הויז־אינדוסטריע. אַלזאָ, עס איז מעגלעכ געווענ פאַר דער פרוי צו פאַרייניקנ די אַרבעט אינ דידאָזיקע פּראָדוקציע־צווײַגנ מיט דער אַרבעט אינ דער שטוביקער ווירטשאַפט, וועלכע איז אינ אַ געוויסער מאָס פאַראַנ אויכ בײַ דעמ שטאָטישנ קליינבירגער. דערמיט, ווײַזט אויס, דערקלערט זיכ אויכ וואָס די ייִדישע פרוי באַגעגנט זיכ ניט אַפ די גרויסע טעקסטיל־פאַבריקנ, וועלכע זײַנענ, ווי באַקאַנט, אויפגעקומענ פונ אָנהייב אָנ אַלס פאַבריקנ אונ זײַנענ נים אויסגעוואַקסנ בעהאַדראָגעדיק פונ דער סיסטעמ פונ הויז־אינדוסטריע.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

א דריטל פונ אלע האנטווערקער (זאמלבוך, ז. 196). אָנעמענדיק, אז דיזעלביקע פארהעלטעניש איז געווענ אויכ צווישנ די האנטווערקערישע ארבעטער, וואָס האָבנ אויסגעמאכט אינ ווײַסרוסלאנד אינ 1898 יאָר—25.177 (זאמלבוך, ז. 253), חעלנ מיר באקומענ, אז אינ דער פראָדוקציע פונ קליידער אונ טואלעט זײַנענ געווענ באשעפּטיקט אינ ווײַסרוסלאנד—8392 ארבעטער, דערפונ 3619 ארבעטערנס אָדער 43 פראָצ.

לעגאבע דער גאנצער צאָל האנטווערקערישע ארבעטער אינ די פיר גרונטלעכע האנטווערקערישע פראָדוקציעס ווען די ייִדישע ארבעטערנס אויסמאכנ אינ גאנצ צאָפנ-מײַרעוודיקנ קאנט ארומ 19 פראָצ.

אלזאָ, זעענ מיר, אז אינ צוויי פונ די פינפ אויבנ-אויסגערעכנטע מאנופאקטור-פראָדוקציעס האָט דאָמינירט די פרויענ-ארבעט, אריבערשטײַגנדיק 60 פר. אינ דערזעלביקער צײַט האָט אינ קיינ איינ האנטווערקערישער פראָדוקציִע די פרויענ-ארבעט ניט דאָמינירט, אונ זי באַגעגנט זיכ נאָר אינ איינער פונ די פיר גרונטלעכע האנטווערקערישע פראָדוקציעס—אינ דער פראָדוקציע פונ קליידער אונ טואלעט—דערגרייכנדיק דאָרטנ 40 פראָצ. פונ דער צאָל ארבעטער.

אינ דער צײַט, וואָס אינ די 5 מאנופאקטור-פראָדוקציעס שטעלנ פאָר די פרויענ 25 פראָצ. פונ דער גאנצער צאָל ארבעטער אינ דידאָזיקע פראָדוקציעס, מאכנ זיי אויס אינ די 4 גרונטלעכע האנטווערקערישע פראָדוקציעס—19 פראָצ. פונ דער גאנצער צאָל ארבעטער. אלזאָ, ארבעטערנס זײַנענ געווענ אינ די מאנופאקטור-פראָדוקציִעס אבסאָליוט אונ דעריקער רעליאטיוו מערער איידער אינ די האנטווערקערישע פראָדוקציעס.

אינדערעמעסנ איז די רעליאטיווע צאָל פונ די ייִדישע ארבעטערנס אינ די מאנופאקטורנ געווענ נאָכ גרעסער אונ אינ די האנטווערקערישע פראָדוקציעס נאָכ קלענער. מע דארפ נעמענ אינ באטראכט, ווי מיר האָבנ שוינ פריִער אָנגעוויזנ, אז די פראָדוקציִע פונ טואלעט דארפ צוגערעכנט ווערנ צו די מאנופאקטור-פראָדוקציעס, אונ אינ דערדאָזיקער פראָדוקציע זײַנענ געווענ באשעפטיקט, ווי עס איז באקאנט, קימאט אויסשליסלעכ פרויענ. אלזאָ, די רעליאטיווע צאָל ארבעטערנס איז אינדערעמעסנ געווענ אינ די מאנופאקטור-פראָדוקציעס נאָכ גרעסער. פונדעסטוועגנ דארפ מענ דאָ באמערקנ, אז דער פראָצ. פונ די ייִדישע ארבעטערנס צווישנ דער אלגעמיינער צאָל ייִדישע ארבעטער איז ניט געווענ העכער, ווי דער פראָצ. ארבעטערנס צווישנ דער אלגעמיינער צאָל ארבעטער אינ גאנצ רוסלאנד. לויטנ באריכט פונעמ עלטסטנ פאבריק-אינספעקטער, וואָס כאפּט ארומ 485.597 ארבעטער, האָבנ די פרויענ אויסגעמאכט 31.41 פראָצ. פונ דער גאנצער צאָל ארבעטער אונ די מענער—68,59 פראָצ. [1].

---

[1] זע, Балабанов. Очерки по истории рабочего класса в России. ч. II.

קאפ. 3.

# די לאגע פונ די ייִדישע ארבעטער.

מיר האָבנ שוינ געזענ, וואָס עס האָבנ מיט זיכ פאָרגעשטעלט אינ אָנהייב פונ די 90־קער יאָרנ יענע אונטערנעמונגענ, אפ וועלכע עס האָבנ געארבעט די ייִדישע ארבעטער: דאָס איז געווענ אָדער די סיסטעמ פונ מאנופאקטור, אָדער האנטווער־קערישע ווארשטאטנ. אפ אזא אויפנ קענ מענ זאָגנ, אז יענע אינדוסטריע־צווייַגנ אינ ווייַסרוסלאנד, ווו עס זייַנענ געווענ באשעפטיקט די ייִדישע ארבעטער, האָבנ נאָכ איבערגעלעבט דעמ פעריאָד פונ פראָדוצירנ אבסאָליוטנ מערוווערט.

ס'איז נאטירלעכ, אז אינ דידאָזיקע אינדוסטריע־צווייַגנ איז פאר די ייִדישע קא־פיטאליסטנ געווענ איינ מיטל צו רעאליזירנ די דורכשניטלעכע רעוועכ־נאָרמע: וואָס מערער אראָפּזעצנ דעמ לעבנ־ניוואָ פונ ייִדישנ ארבעטער. א גאנצע ריי אומשטאנדנ האָבנ פארלייַכטערט דידאָזיקע אופגאבע פונ די ייִדישע קאפיטאליסטנ. די ניטרעגולערע פראָדוקציִע, וואָס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר דער סיסטעמ פונ הויז־אינדוסטריע, וועג דער אונטערנעמער קענ פרייַ פארקירצנ אונ פארגרעסערנ די פראָדוקציע, כאראק־טעריזירט אלע אינדוסטריע־צווייַגנ, אינ וועלכע עס זייַנענ געווענ באשעפטיקט די ייִדישע ארבעטער אונ וועלכע האָבנ שוינ געהאט פארלאָרנ דעמ כאראקטער פונ האנט־ווערקערייַ.

„אינ דער אויסערלעכער ספערע פונ דער פאבריק, מאנופאקטור אונ מאגאזינ, זאָגט מארקס,—אינ דער ספערע פונ הויז־אינדוסטריע, אינ וועלכער די פראָדוקציִע איז אזוי אויכ דורכויס ניט קיינ רעגולערע אונ געפינט זיכ לעגאבע דעמ רוישטאָפּ אונ די באשטעלונגענ אינ פולער אָפּהענגיקייַט פונ ווילקיר פונ קאפיטאליסט, וואָס איז דאָ ניט געבונדנ מיט וועלכע־עס־איז אויסרעכענונגענ וועגנ אויסנוצנ געבייַדעס, מא־שינעס אונ א. וו. אונ וואָס ריזיקירט מיט גאָרנישט אכוצ מיט דער פעל פונ די אר־בעטער אליינ,—אינ דערדאָזיקער אויסערלעכער ספערע ווערט אפ אזא אויפנ סיסטעמא־טיש קולטיווירט אנ אינדוסטריִעלע רעזערוו־ארמיי, וואָס איז גרייט שטענדיק צו די דינסטנ פונ קאפיטאליסט, אונ ווערט אינ איינ טייל פונ יאָר אופגעלייזט דורכ אנ אומ־מענטשלעכנ ארבעט־יאָכ, בייס אינ דעמ אנדער טייל יאָר ווערט זי דורכ דעמ פעלנ פונ ארבעט געבראכט אינ דער לאגע פונ לומפנ־פראָלעטאריאט [1]" דערדאָזיקער סעזאָנ־כאראקטער פונ דער ארבעט האָט כאראקטעריזירט קימאט אלע יענע מאנופאקטורנ,

---

1) זע, К. Маркс. Кацитал, з. I, стр. 459-460, попул. изд.

ווו עס זײַנענ געווענ באשעפטיקט די ייִדישע ארבעטער. אינ דער כאזער־האָר־אינדוסטריע, לעמאָשל, האָבנ די אונטערנעמונגענ ניט געארבעט קײנמאָל א קײַלעכדיקנ יאָר, נאָר בלויז אינ פרילינג אונ הארבסט. דידאָזיקע סעזאָנענ זײַנענ, ווײַזט אויס, געווענ צוגעפאסט צו דער לײפּציקער מעסע, וואָס קומט אויכ פאָר צוויי מאָל אינ יאָר—אינ פרילינג אונ הארבסט. די אונטערנעמער פלעגנ באנײַענ די פּראָדוקציע אָפּהענגיק פונ דעמ, וויאזוי עס פלעגט זיכ ארויסווײַזנ אפ דער לײפּציקער מעסע די קאָניונקטור פאר כאזער־האָר.

אָבער דער אומשטאנד, וואָס די ארבעט פלעגט גײנ ניט א קײַלעכדיקנ יאָר, נאָר סעזאָנענווײַז, האָט געשאפנ שטענדיק פאר יעדנ סעזאָנ א גרויסע צאָל פרײַע ארבעט־הענט אונ דאָס האָט געמוזט דריקנ אפּנ ניוואָ פונ ארבעטלוינ.

דאָס איז ערשטנס. צווײטנס דארפ מענ נאָכ נעמענ אינ באטראכט פאָלגענדיקעס:

די רוסישע ארבעטער זײַנענ אינ יענע יאָרנ ניט אלעמאָל אונ ניט אומעטומ געווענ אינ דער גענוגנדיקער מאָס. דער דאָנעצער באסײנ, ווענ ער איז אנטשטאנענ, די צוקער־זאוואָדנ אינ דאָרעמ־מײַרעוודיקנ רוסלאנד אונ די סיבירער אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ זײַנענ געצווונגענ געווענ דורכ ספּעציעלע אגענטנ צו ווערבירנ ארבעטער אינ די גובערניעס פונ צענטראל־אינדוסטריעלנ ריאָנ אונ דערבײַ אונטערקויפנ אפילע די וואָלאָסט־סטאראָסטעס.

די עלעמענטנ, וואָס פונ זײ האָבנ זיכ רעקרוטירט די ייִדישע ארבעטער, זײַנענ געווענ לאָרויוו אינ אלע פּונקטנ פונ טכומ אינ אלע צײַטנ פונ יאָר. זײ איז ניט אויסגעקומענ צו ווערבירנ דורכ ספּעציעלע אגענטנ, ווײַל די ווײניקע אונ ניט גרויסע פאבריקנ אונ זאוואָדנ, וואָס זײַנענ אופגעקומענ אינ ווײַסרוסלאנד, זײַנענ קײנמאָל ניט געווענ אינ דער לאגע פונ די אונטערנעמונגענ אינ די ניט באפעלקערטע געביטנ, ווי לעמאָשל, *קריוואָראָזשיע*, *דאָנבאס* אונ סיביר; פארקערט, אינ ווײַסרוסלאנד גופע פלעגט מענ ווערבירנ פויערימ אפ ארבעט פאר קיִעווער צוקער־זאוואָדנ. אָט איז א קאָנטראקט, וואָס האָט געשלאָסנ א פּאָדריאדטשיק מיט דער קאָנטאָר פונ אײנעמ פונ די ציקער־זאוואָדנ אינ קיִעווער גובערניע:

„איכ פארפליכט זיכ צוצושטעלנ פונ *מאָלעווער גוב.* (אונדזער קורסיוו—ע. טש.) אפּנ זאוואָד פונ טשערניגאָווער גוב. 200 ארבעטער אונ 60 האלב־ארבעטער. וואָס 200 אָדער מינדסטנ 65 פונ זײ דארפנ זײַנ פונ די אויסגערעכנטע גובערניעס אונ 100—פונ די אָרטיקע פויערימ... דער ארבעטער דארפ זײַנ אלט פונ 18 ביז 40 יאָר, דער האלב־ארבעטער—פונ 15 ביז 18 יאָר, פרויענ—פונ 16 ביז 35 יאָר".[1]

דאָס פלעגט מענ אָבער ווערבירנ *פויערימ*. יענע ניט פולע באוועגונג־פרײַהײַט, וואָס ס'האָט באקומענ דער רוסישער פויער נאָכ דער „באפרײַונג", האָט אימ פונדעסטוועגנ ניט געשטערט אינ דער נאָכ־רעפאָרמע־צײַט צו באפעלקערנ דעמ דאָרעמ אונ דעמ דאָרעמ־מיזרעכ פונ רוסלאנד אונ אפ אזא אויפנ אביסעלע שיטערער צו מאכנ דעמ צענטראלנ אינדוסטריעלנ ריאָנ מיט זײַנ איבערפלוס פונ פרײַע ארבעט־הענט.

---

[1] זע, Новицкий. Каеевский Фабричный округ. Отчет за 1885 г. С.П.Б. 1886.
ציט. לויט Балбанов, Очерки по истори рабочего класса в России, ч. II. сар. 78.

אָבער פארנ ייִדישנ האָרעפּאשניק איז דערדאָזיקער וועג, ד. ה., דער וועג פונ קאָלאָניזאציע אונ איבערוואנדערונג אויכ געווענ פארמאכט. דער איינציקער אויסוועג איז דאָ געווענ די עמיגראציע איבערנ אָקעאנ, וואָס האָט טאקע אָנגענומענ גרויסע מאסשטאבב אונ האָט פארלייַכטעט אינ א געוויסער מאָס די לאגע פונ די ייִדישע האָרעפּאשניקעס.

אונ אפילע אינ צענטראל-אינדוסטריעלנ ראַיאָנ זייַנענ די רוסישע ארבעטער ניט אינ אלע צייַטנ פונ יאָר געווענ לאָרויוו. אינ דער גרויסער מאסע זייערע פארבונדנ מיט דער ערד, פלעגנ די רוסישע ארבעטער אינ די זומער-כאדאָשימ זיכ רייַסנ אהיימ אונ די פאבריקאנטנ פלעגט אויסקומענ אינ אזוינע צייַטנ צו העכערנ דעמ ארבעטלוינ אָדער אראָפּצוזעצנ דעמ ארבעט-טאָג.

אינ קעגנזאצ צומ רוסישנ ארבעטער, וואָס האָט זיכ רעקרוטירט קימאט אויסשליסלעכ פונ פויערטומ [1]), שטאמט דער ייִדישער ארבעטער פונ שטאָטישע מעשטשאנעס: די קאדרענ ייִדישע ארבעטער האָבנ זיכ רעקרוטירט פונ דעמ זיכ רויִנירנדיקנ שטאָטישנ קליינבירגערטומ אונ פונ דער שטאָטישער אָרעמקייַט ביכלאל. די ייִדישע ארבעטער זייַנענ שטענדיק געווענ לערויוו אינ אלע צייַטנ פונ יאָר, זיי האָבנ ניט געקענט אויסנוצנ זייער שטיקל ערד קעגנ דעמ פאבריקאנט, ווי א טרומפּ, ווייַל זיי האָבנ עס ניט פארמאָגט.

די שוועבעלעכ-פאבריקאנטנ פונ טשערניגאָווער גוב. פלעגנ שיקנ מענטשנ צו דינגענ ארבעטער; דידאָזיקע מענטשנ פלעגנ ארומפאָרנ מיט מוזיק איבער די דערפער, פלעגנ אייַנאָרדענענ טענצ, פלעגנ אייַנשיקערנ דערוואקסענע אונ קינדער. אינ 1886 יאָר האָבנ צוויי אזוינע קאָמפּאניעס פונ צוויי פארשיידענע פאטראָנענ זיכ צונויפגעשטויסנ אינ איינ דאָרפ אונ עס איז דערגאנגענ ביז צו א געשלעג, בא וועלכנ עס האָט געליטנ אויכ דער סטאראָסטע פונ דאָרפ [2]).

בא די ייִדישע שוועבעלעכ-פאבריקאנטנ האָט דאָס דינגענ פונ ארבעטער ניט ארויסגערופנ אזוינע „בייַ-הויצאָעס“: אינ די שטעטלעכ איז געווענ אזויפיל אָרעמקייַט, וואָס פלעגט פאר יעדנ פרייַז גיינ ארבעטנ אפ די שוועבעלעכ-פאבריקנ.

ענדלעכ, דער זיכ פראָלעטאריזירנדיקער פויער האָט ניט געמוזט אומבאדינגט זיכ ווענדנ צו פאבריק-ארבעט, האָט ניט געמוזט אומבאדינגט זיכ פארדינגענ צומ אינדוסטריעלנ קאפּיטאליסט; ער האָט געקענט פארקויפנ זייַנ ארבעט-קראפט אויכ דעמ אגראריער אָדער קולאק.

דער ייִדישער ארבעטער אָבער האָט געקענט פארקויפנ זייַנ ארבעט-קראפט נאָר די שטאָטישע קאפּיטאליסטנ, ד. ה., אפנ ארבעט-מארק איז ער אנטקעגנגעשטאנענ אסאכ אנ ענגערנ קרייַז פונ קאפּיטאליסטנ, וועלכע האָבנ דערפאר געקענט לייַכטער אראָפּרייַסנ די פעל פונ אימ.

מיט איינ וואָרט, קעדיי צו צווינגענ דעמ רוסישנ פויער אוועקצוווארפנ זייַנ מאָגערע ווירטשאפט אונ אוועקצוגיינ אפנ פאבריק, איז די רוסישע פאבריקאנטנ אונ

[1]) פונ 14.552 דערוואקסענע ארבעטער, וואָס דעמענטיעוו האָט אויסגעפרעגט אינ דרייַ קרייַזנ פונ מאָסקווער גוב. אינ מיטנ פונ די 80-קער יאָרנ, האָבנ נאָר 1.242 ד. ה. 8.5 פראָצ. געשטאמט ניט פונ פויערטומ. דעריקער האָבנ זיכ ארויסגעוויזנ אסאכ מעשטשאנעס צווישנ די מייַסטערס. (זע Дементьев, Фабрика, что она даст населению и что она у него берет, стр. 17 и 19).

[2]) זע, В. В. Святловский, Фабричный рабочий, стр. 36

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0054-0106 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

זאוואָדטשיקעס אויסגעקומענ אָפּטמאָל אָנצושטרענגענ זייער דערפּינדערישקײַט. יענע עלעמענטנ אָבער, פונ וועלכע עס האָבנ זיכ רעקרוטירט די יידישע ארבעטער, האָבנ אפילע אזא מאָגערע ווירטשאפט אויכ ניט פארמאָגט אונ מיט זיי איז די זאכ געווענ אסאכ איינפאכער.

אינ די רייענ פונ דער רוסישער בורזשואזיע געפינענ מיר אזוינע גליקלעכע נאָר אפנ אוראל: די באזיצער פונ די אוראלער גרובנ אונ זאוואָדנ האָבנ געהאט שטענדיק די נייטיקע צאָל שקלאפנ, זיי אָבער איז אויסגעקומענ כאָטש צו „רויִנירנ זיכ" בא דער באפרײַונג פונ די פויערימ אונ באטיילנ זייערע לײַבאייגענע ארבעטער מיט שטיקלעכ ערד, קעדיי אפ אזא אויפנ זיי צו צופעסטיקנ צו די זאוואָדנ.

די יידישע בורזשואזיע האָט אָבער פונ אזוינע הויצאָעס ניט געוווסט. אלע הויצאָעס האָט גענומענ אפ זיכ דער צאריזמ, וואָס האָט פארשלאָסנ די יידישע האָרעפּאשניקעס אינ טכומ, האָט זיי געבונדנ די הענט מיט די פיס אונ האָט זיי אָפּגעגעבנ דער יידישער בורזשואזיע אפ אופּצועסנ.

דאָס אלצ האָט זיכ געמוזט, פארשטייט זיכ, אָפּרופנ אפ דער לאגע פונ יידישנ ארבעטער. דאָס אלצ האָט געמוזט ווירקנ אפ זײַנ ארבעט־לוינ, אפ דער לענג פונ זײַנ ארבעט־טאָג, אפנ סאניטאר־היגיִעניִשנ צושטאנד פונ די אונטערנעמונגענ, מיט איינ וואָרט—דאָס האָט באשטימט אינ א געוויסער מאָס די ארבעט־באדינגונגענ אפ די אונטערנעמונגענ, ווו עס זײַנענ געווענ באשעפטיקט די יידישע ארבעטער.

דערמיט, וואָס אפ די אונטערנעמונגענ, ווו עס זײַנענ געווענ באשעפטיקטע יידישע ארבעטער, איז די לענג פונ ארבעט־טאָג געווענ גרעסער, ווי אפ די מעכאניזירטע אונטערנעמונגענ, ווו עס האָבנ געארבעט ניט־יידישע ארבעטער [1]), ווערט נאָכ אָבער ניט גענוג אונטערגעשטראָכנ יענער גראד פונ פארשקלאפונג פונ יידישע ארבע־טער מיצאד דעמ יידישנ קאפּיטאליסט, יענע ברייטע מעגלעכקײַטנ פונ עקספּלואטא־ציע, וואָס עס האָט געהאט דער יידישער אינדוסטריעלער קאפּיטאליסט, דינגענדיק א יידישנ ארבעטער.

פונ דעמ שטאנדפּונקט איז אינטערעסאנט דער פארגלײַכ פונ די ארבעט־באדינ־גונגענ אפ די אונטערנעמונגענ, ווו עס זײַנענ געווענ באשעפטיקט די יידישע ארבע־טער, מיט די ארבעט־באדינגונגענ אפ די אונטערנעמונגענ פונ דעמזעלביקנ טיפּ (ד. ה. אויכ ניט מעכאניזירטע), ווו עס זײַנענ געווענ באשעפטיקט ניט־יידישע ארבעטער

אזויווי אינ ווײַסרוסלאנד האָבנ מיר ניט אזוינע אונטערנעמונגענ, וועלנ מיר נעמענ פאר א פארגלײַכ די האנטוועבערײַענ אינ מאָסקווער גוב. וואָס זײַנענ צוזאמענ מיט אנדערע אונטערנעמונגענ אויסגעפאָרשט געוואָרנ, לויטנ אופ־טראָג פונ מאָסקווער גובערניאלער זעמסטווע דורכ דעמענטיעוונ, אינ מיטנ פונ די 80־ער יאָרנ, אונ מיר וועלנ פארגלײַכנ די ארבעט־באדינגונגענ אפ דידאָזיקע אונטער־נעמונגענ מיט די ארבעט־באדינגונגענ אינ די האנטוועבערײַענ אינ ביאליסטאָקער רײַאָנ. לויט די יעדיִעס פונ דעמענטיעוונ האָבנ אינ יענע יאָרנ די ארבעטער אינ די האנטוועבערײַענ אונ אינ די אסנאָווער אָפּטיילונגענ געארבעט 13,2 שאָ; אינ די קאנטאָרנ, וואָס פלעגנ פארטיילנ אָסנאָוועס, האָבנ די אָסנאָוועס־אָפּטיילונגענ געארבעט

[1]) זע דעמ צווייטנ קאפּיטל.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0055-0107 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

12,3 שאָ; אין די קליינע בוימוואָל־וועבערייַען (ווו ס'האָט געהערשט האנט־ארבעט) האָבן די ארבעטער געארבעט 13 שאָ. [1])

וועגן דער גרויס פון ארבעט־טאָג פון די ייִדישע וועבער אין מיטן פון די 80־ער יאָרן (אין ביאַליסטאָקער ריַיאָן) געפינען מיר ידיעות אין דעם באריכט פון פאבריק־אינספעקטאָר פון ווילנער אָקרוג פארן 1885 יאָר. דער אווטער פון די דאָזיקע ידיעות, דער פאבריק־אינספעקטאָר גאָראָדקאָוו, פארדינט, פארשטייט זיך, ניט קיין צוטרוי, ווייַל ער סטארעט זיך מיט אלע מיטלען צו פארטושירן די עקספּלואטאטארישע ראָלע פון די ביאַליסטאָקער און פון די אנדערע קאפיטאליסטן. פונדעסטוועגן איז אפילע ער געצווונגען אָנצוווייַזן פאר אייניקע ייִדישע טעקסטיל־אונטערנעמונגען א 14־און א 141/2־שאָעדיקן ארבעט־טאָג; דאָס איז אף די פאבריקן פון יאנקל פינעס, לייבע יִצחאָק פינעס און שמועל פינעס [2]). מע דארף זאָגן, אז צווישן די פאבריקן, וואָס האָבן געהערט צו ייִדישע קאפיטאליסטן, זייַנען די אויסגערעכנטע אונטערנעמונגען געווען זייער באדייַטנדיקע (אף דער ערשטער האָבן דעמלט געארבעט 116 מאנ.) מע קען זיך שוין פאָרשטעלן, ווי גרויס עס איז געווען דער ארבעט־טאָג אף די קליינע פאבריקלעך. אף די דערמאָנטע אונטערנעמונגען איז אָבער דער ארבעט־טאָג געווען א גרעסערער אפילע אין מיטן פון די 80־ער יאָרן. מיט וואָס זשע דערקלערט זיך דערדאָזיקער אונטערשייד צווישן דעם גרויס פון ארבעט־טאָג אין די האנטוועבערייַען פון מאָסקווער גוב. און אין די האנטוועבערייַען אין ביאַליסטאָקער ריַיאָן, ווו עס זייַנען געווען באשעפטיקט ייִדישע ארבעטער?

אָנווייַזנדיק אף דעם, אז דער גרעסטער טייל פון די ארבעטער אין די האנטווע־בערייַען פון מאָסקווער גוב. האָט ניט איבערגעריסן די פארבינדונגען מיט דער ערד און איז זומער אוועק אף פעלד־ארבעט, זאָגט דעמענטיעוו, אז עס עקזיסטירט אן אונטערשייד צווישן דער לענג פון ארבעט־טאָג אף דידאָזיקע אונטערנע־מונגען ווינטער און זומער. „דאָסראָוו דערקלערט זיך דערדאָזיקער אונטערשייד מיטן אָפּשאצן דעם ווערט פון דער ארבעט, וואָס (ארבעט) ווערט ביכלאל זומענר אָפּגעצאָלט טייַערער ווי ווינטער... אף די גרויסע פאבריקן, וואָס ארבעטן מיט מעכאנישער קראפט, איז דערדאָזיקער אונטערשייד שוין פאָרשווונדן אינגאנצן, אָבער אין די קליינע פּראָדוקציעס... לאָזט ער זיך נאָך שטארק פילן, אָבער שוין ניט אין דער פאָרמע פון פאקטישער העכערונג פון ארבעטלוינ... נאָר אין דער פאָרמע פון קאָמפּענסירנדיקער פארקלענערונג פון ארבעט־טאָג זומער און פארגרעסערונג פון ארבעט־טאָג אום ווינטער, ווען עס ווערן געמאכט די אזוי־גערופענע „זאסידקי“ [3]) (אונטערגעשטראָכן פון אונדז — ע. טש)

די האנטוועבערייַען און ענלעכע אונטערנעמונגען אין מאָסקווער גוב. האָבן, אלזאָ, געמוזט זיך רעכענען מיט דער סאָציאַלער אָפּשטאמונג פון זייערע ארבעטער

---

[1]) זע Дементьев. Фабрика, что она дает населению и что она у него берет, стр. 94.

[2]) זע, Городков. Отчет фабр. инспоктора Вил. округа за 1985 г.

[3]) זע, Дементьев. цит. сочин. стр. 96



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0055-0108 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

מיט דעם פאקט, וואָס זיי האָבן נאָך אין דער גרעסטער מערהייַט אופגעהיט די פאַרבינדונג מיט דער ערד און דערפאר האָבן די אונטערנעמונגען געמוזט פארקירצן דעם ארבעט־טאָג אין באשטימטע צייַטן פון יאָר, אזוי, אז דער דורכשניטלעכער ארבעט־טאָג אין מעשעך פון גאנצן יאָר האָט זיך אויך באקומען קירצער, ווי אין די ענלעכע אונטערנעמונגען אין ביאליסטאָקער ריַיאָן.

געוויס האָט זיך די לאגע פון דעמדאָזיקן ארבעטער, וואָס האָט אופגעהיט די פארבינדונג מיט דער ערד, דורך דעם זיך לאכלוטן ניט פארבעסערט.

יעדנפאלס האָט זיך זייַן לאגע ניט געקענט פארבעסערן דורך דעם, וואָס זייַן מער־ארבעט האָבן געטיילט צווישן זיך דער אינדוסטריעלער קאפיטאליסט און דער האלב־פעאָדאלער פּאָרעץ. דערפאר איז קלאָר, אז די לאגע פון דעמדאָזיקן ארבעטער אין מאָסקווער גוב, איז ניט געווען לאכלוטן בעסער, ווי די לאגע פון דעם ייִדישן האנטוועבער אין ביאליסטאָקער ריַיאָן. אין דעמדאָזיקן אונטערשייד צווישן דער לענג פון ארבעט־טאָג בא די ייִדישע און ניט־ייִדישע האנטוועבער איז געקומען צום אויסדרוק נאָר יענער פאקט, וואָס דער ייִדישער אינדוסטריעלער קאפיטאליסט האָט געהאט אין זייַן רעשוס די גאנצע מער־ארבעט פון דעם ייִדישן ארבעטער, ניט זייַענדיק געצווונגען זיך צו טיילן מיטן פּאָרעץ, ווי דאָס איז געווען אף די קליינע ניטמע־כאניזירטע אונטערנעמונגען, ווו עס זייַנען געווען באשעפטיקט ניט־ייִדישע ארבעטער. דאָס ספעציפישע אין דער לאגע פון ייִדישן ארבעטער אין געגעבענעם פאל איז געווען דער פאקט, וואָס האגאם ער האָט ניט געהאט קיין שום פארבינדונג מיט דער ערד, איז ער דאָך געווען באשעפטיקט אויסשליסלעך אף אונטערנעמונגען, ווו עס האָט אומבאגרענעצט געהערשט האנטארבעט, אין דער צייַט, ווען צווישן די ניט־ייִדישע ארבעטער איז זייער פארבינדונג מיט דער ערד אלץ שוואכער געוואָרן לויט דער מאָס, ווי זיי פלעגן ארייַנגעצויגן ווערן אפ גרויסע אונטערנעמונגען מיט א מאשין־פּראָדוקציע, ווו דער קאמפ פון ארבעטער קעגן דער עקספלואטאציע האָט זיך באדייַטנדיק פארלייַכטערט אדאנק אָביעקטיווע און סוביעקטיווע סיבעס. מיט אנדערע ווערטער: דאָס ספעציפישע אין דער לאגע פון ייִדישן ארבעטער איז אין דעם פראט באשטאנען אין דעם, וואָס זייַן אָפּגעריסנקייַט פון דער ערד—דערדאָזיקער היסטאָרישער סימען פון א סאָציאל־רייפן פראָלעטאריאט—האָט לאכלוטן ניט איידעס געזאָגט וועגן זייַן סאָציאלער רייפקייַט, ווייַל ער האָט גאנץ רויִק פארייניקט די אָפּגעריסנקייַט פון דער ערד מיט דער באשעפטיקונג אין דער סיסטעם פון הויז־אינדוסטריע. די פולשטענדיקע אָפּגעריסנקייַט פון דעם ייִדישן ארבעטער פון דער ערד—דערדאָזיקער היסטאָרישער סימען פון א פראָלעטאריאט, וואָס איז קאָנצענטרירט אין גרויסע מאסן אף גרויטע קאפיטאליסטישע אונטערנעמונגען, ד. ה., דער היסטאָרישער סימען פון א פראָלעטאריאט, וואָס איז אויסגעוואקסן אין א מעכטיקער סאָציאלער קראפט, האָט אפ איין האָר ניט פארגרעסערט זייַן סאָציאלע מאכט, ווייַל ער איז דאָך געבליבן צעשטויבט איבער קליינע אונטערנעמונגען מיט דער סאמע נידעריקער אָרגאנישער סטרוקטור פון קאפיטאל.

מיט איין וואָרט, דער ייִדישער בורזשואַ האָט געקענט זייַן איינגאנצן צופרידן: ער האָט אומבאגרענעצט געהערשט איבערן ייִדישן ארבעטער; א קייַלעכדיקן יאָר איז דערדאָזיקער ארבעטער געצווונגען געווען צו ארבעטן 18 שאָ אין מעסלעס אפ זייַן



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

אונטערנעמונג, און דער ייִדישער קאַפּיטאַליסט האָט ניט אָפּגעטראָטנ זײַנ שקלאַפּ דעם פּאָרעצ אַפ איינ שאָ ניט, ווי דאָס האָט „נעבעכ" געמוזט טאָנ א קאַפּיטאַליסט אינ מאָסקווער גוב; דערבײַ איז די דערוּוערבונג פונ אזא ארבעטער, ד. ה., אנ אר־בעטער, וואָס איז אינגאנצנ אָפּגעריסנ פונ דער ערד און געפינט זיכ אויסשלייסלעכ אינ רעשוס פונ דעם ייִדישנ אינדוסטריעלנ קאַפּיטאַליסט—פּאָרגעקומענ אָנ דער קלענ־סטער העכערונג פונ דער אָרגאנישער סטרוקטור פונ קאַפּיטאַל. די דאָזיקע דערוּווער־בונג האָט דער ייִדישער קאַפּיטאַליסט געהאַט צו פאַרדאַנקענ אויסשליסלעכ דעם צאַ־ריזם און זײַנ אונטערדריקערישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

אינ אזא לאגע, ווי די ייִדישע וועבער, האָבנ זיכ געפונענ אויכ אנדערע ייִדישע אר־בעטער. לויט כאָראָשנ האָט דער ארבעט-טאָג אינ די קרינקער גארבערײַענ, אינ 1901 יאָר, געדויערט פונ 6 א האלב אינדערפרי ביז 8-9 אינ אָוונט. „מע זאָגט, אז דער ארבעט־טאָג איז פריִער געווענ נאָכ גרעסער און איז פאַרקירצט געוואָרנ אדאנק די אומרועס צווישנ די ארבעטער, וואָס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ מיט עטלעכע יאָר פריִער און האָבנ זיכ אריבערגעטראָגנ אהער פונ ביאַלעסטאָק".

לויט דעמענטיעוונ איז אַפ די גארבערײַענ אינ מאָסקווער גוב. (מע דאַרפ געדענ־קענ, אז די טעכנישע באזע אינ דעמדאָזיקנ אינדוסטריע-צווײַג איז געווענ דיזעלביקע דאָ און דאָרטנ) געווענ די דורכשניטלעכע לענג פונ ארבעט־טאָג אינ מיטנ פונ די 80־ער יאָרנ—12,3 שאָ. די סיבע איז דאָ דיזעלביקע, ווײַל די ארבעטער פונ די גאר־בערײַענ פלעגנ אינ דער מערהײַט (53,7 פּראָצ.) אוועקגיינ זומער אַפ פעלד־ארבעט.

אינ דער כאזער־האָר־אינדוסטריע האָבנ די ארבעטער, אינ אָנהייב פונ די 90־ער יאָרנ, געארבעט פונ 16-18 שאָ א טאָג. אינ דער קרויווישער און ענלעכער לויטנ כאראקטער בערשטל־אינדוסטריע, אינ מאָסקווער גוב., איז די לענג פונ ארבעט־טאָג אינ מיטנ פונ די 80־ער יאָרנ געווענ 13 שאָ.

לויט דעמענטיעוונ איז אַפ די שוועבעלעך־פאבריקנ אינ מאָסקווער גוב. די לע פונ ארבעט-טאָג געווענ אינ מיטנ פונ די 80־ער יאָרנ—11 שאָ. און וואָס עס איז שײַעכ דער לענג פונ ארבעט־טאָג אַפ די שוועבעלעכ־פאבריקנ אינ ווײַסרוסלאנד, ווי עס זײַנענ געווענ באשעפטיקט, ווי עס איז באקאנט, קימאַט אויסשליסלעכ ייִדישע ארבעטער, דערוויסנ מיר זיכ וועגנ דעם פונ דעם אויבנדערמאָנטנ באריכט פונ פאב־ריק־אינספּעקטער פונ ווילנער אָקרוג פּאָלגנדיִקעס: „אַפ די גרעסערע און פאַרהעלט־ניסמעסיק גוט אײַנגעאָרדנטע פאבריקנ זײַנענ אײַנגעשטעלט פעסטע טערמינענ פאַרנ אָנהייב און פאַרנ סאָפ פונעם ארבעט־טאָג. — פונ 7-8 אינדערפרי ביז 7-8 אינ אָוונט, מיט צוויי איבערײַסנ, א האלב־שאָעדיקנ — אינדערפרי און א שאָעדיקנ— אַפ מיטיק. אַפ די איבעריקע קלענערע פאבריקנ (אַפ גאָלדינס פאבריק אינ מינסק; אַפ שאפּיראָס פאבריק אינ מינסק; אַפ אראָנזאָנס פאבריק אינ מאָלעווער גוב.) הייבט זיכ אָנ דער ארבעט־טאָג זומער—באַמ זונענ־אויפגאנג און ענדיקט זיכ מיטנ זונענ־אונטערגאנג (אונטערגעשטראָכנ פונ אונדז — ע. טש.)... „אינ מעשעכ פונ דעמדאָזיקנ לאנגנ ארבעט-טאָג ווערנ געמאַכט צוויי איבערײַסנ: אינדערפרי—אַפ א האלב שאָ און מיטיק—אַף א שאָ".

וואָס עס איז שײַעכ די באהויפּטונגענ פונ גאָראָדקאָוונ וועגנ דער לענג פונ ארבעט־טאָג אַפ די גרויסע און גוט־אײַנגעאָרדנטע שוועבעלעכ־פאבריקנ, פאַרדינענע

זיי לאכלוטנ נים קיינ צוטרוי. דער אווטער אלײנ דערציילט וועגנ דער גרעסטער טאבאק־פאבריק אינ קאנט, וועגנ שערעשעווסקעס טאבאק־פאבריק אינ גראָדנע, פאָלגנדיקעס: ווּ עס געפינט זיך א דאמפ־מאָטאָר, ווי אפ דער פאבריק פונ שערעשעווסקי אינ גראָדנע אָדער אפ דער פאבריק פונ פאָדליאשטשוק אינ שאוול, דאָרטנ הייבנ אָנ צו ארבעטנ די סטופעס פונ שמעק־טאבאק פריִער, 5־6 אזייגער אינדערפרי, אונ ענדיקנ 8־9 אזייגער אינ אָוונט. אינ מעשעכ פונעמ טאָג ווערט געמאכט נאָר איינ איבערײַס—אפ מיטיק. אפ איינינקע קלײנע פאבריקנ ווערט גאָר ניט געמאכט קיינ איבערײַס. בא א פארשטארקטער פראָדוקציע הייבט זיך אָנ די ארבעט אינ דערזעלביקער צײַט, אָבער זי ענדיקט זיך אסאכ שפעטער ווי געוויינטלעכ. א פארשטארקונג פונ דער פראָדוקציע הייבט זיך אָנ אומעטומ אפ די טאבאק־פאבריקנ ערעוו דעמ יִדישנ פייסעכ; אינ אָט דער צײַט פארציט זיך די ארבעט אינ די פאפיראָסנ אונ ציגארנ־אָפטיילונגענ ביז 10־11 אזייגער אינאָוונט. (גאָראָדקאָוו—ז. 28).

אפ וויפל דערדאָזיקער אווטער פארדינט ניט קיינ צוטרוי, ווענ ער דערציילט וועגנ די ארבעט־באדינוגנגענ אפ די אונטערנעמונגענ, קענ קלאָר ווערנ פונ פאָלגנדיקעס: אינ דער טאבעלע, וואָס מיר געפינענ צומ סאָפ פונ זײַנ בוכ, איז אָנגעוויזנ, אז אפ דער שוועבעלעכ־פאבריק פונ לייבע שאפיראָ, ווּ מענ ארבעט, ווי מיר האָבנ שוינ געזענ, זומער פונ זונ־אופגאנג ביז צומ אונטערגאנג מיט אנ איבערײַס פונ אָנדערהאלבנ שאָ, איז די לענג פונ ארבעט־טאָג—11 שאָ!

אָדער אנ אנדער בײַשפיל. לויט זײַנע יעדיִעס, האָט זיך אינ די גארבערײַענ די ארבעט אָנגעהייבנ געוויינטלעכ 5־6 אזייגער אינדערפרי אונ האָט זיך פארענדיקט 7־8 אינאָוונט, מיט צוויי איבערײַסנ פונ $1^1/_2$ שאָ ביידע צוזאמענ. דאָס איז געווענ אינ מיטנ פונ די 80־ער יאָרנ. אפ וויפל דאָס איז „ריכטיק“, קענ מענ זיך איבערצײַגנ פונ דעמ, וואָס כאָראָש, וועלכער איז גאנצ ווײַט געווענ פונ קאָמפראָמעטירנ די יִדישע פאבריקאנטנ, האָט קאָנסטאטירט פארנ אָנהייב פונ די 900־טע יאָרנ, מיט 15 יאָר שפעטער, נאָכ א שטורמישער באוועגונג פונ די ארבעטער אינ די 90־ער יאָרנ—אסאכ א לענגערנ ארבעט־טאָג.

אָבער דער בילד פונ דער אומבעראכמאָנעסדיקער עקספלואטאציע פונ יִדישנ ארבעטער, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אינ א זייער לאנגנ ארבעט־טאָג, וועט זײַנ ניט פול, אויב מיר וועלנ לאָזנ אויסערנ אויג איינעמ זייער א וויכטיקנ מאָמענט.

די פראגע וועגנ דער לענג פונ ארבעט־טאָג—דאָס איז די פראגע ווֶעגנ דעמ, וויפל פרײַע צײַט בלײַבט אינ רעשוס פונ ארבעטער אפ אופצושטעלנ זײַנע פיזישע קרעפטנ אונ אפ צו באפרידיקנ זײַנע קולטורעלע באדערפענישנ. „די צײַט—דאָס איז דער רוימ פאר דער מענטשלעכער אנטוויקלונג“ (מארקס). אינ דעמ פראט איז וויכטיק ניט נאָר די לענג פונ ארבעט־טאָג, נאָר אויכ—וויפל רו־טעג אינ יאָר האָט דער ארבעטער, ניט רעכנענדיק, פארשטייט זיכ, אזוינע „רו־טעג“, וואָס ווערנ ארויסגערופנ דורכ דער ארבעטסלאָזיקײַט. מיט איינ וואָרט, וויפל צײַט אינ יאָר רוט דער ארבעטער?

די יִדישע ארבעטער איז אויסגעקומענ, באמ באגינענ פונ דער ארבעטער־באוועגונג, צו פירנ א ביטערנ קאמפ קעגנ אזא ווילדנ אינסטיטוט, ווי די ארבעט אינ די דאָנער־

שטיקן א גאנצע נאכט אלס קאָמפּענסאציע פאר דעם ניט פולן ארבעט־טאָג און פרײַטיק און קעגן דער ארבעט אין די שאבעסדיקע אָוונטן. אָט ווי אזוי עס האָט די ייִדישע בורזשואזיע געערט איר שאבעס! אפ וויפל די ייִדישע ארבעטער האָבן זיך אין דעם פּראט געפונען אין ערגערע באדינגונגען אין פארגלײַך מיט זייערע ניט־ייִדישע ברי־דער, איז צו זען דערפון, וואָס דעמענטיעוו האָט בא זײַן אויספאָרשונג געקענט פעסט־שטעלן, אז אפ 21 פאבריקן פון 54 ווערן געגעבן האלב־יאָנטעוו־טעג, און די אר־בעט פארענדיקט זיך 12 אזייגער באטאָג; דאָס איז—ערעוו גרויסע יאָנטויווים. בלויז אפ איין כעמישן זאוואָד פון די אלע אונטערנעמונגען, וואָס דעמענטיעוו האָט אויסגעפאָרשט, פלעגט זיך די ארבעט ענדיקן שאבעס 12 אזייגער באטאָג, אָבער מיט עטלעכע שאָ פריִער, ווי געוויינטלעך, פלעגט זיך די ארבעט ענדיקן קימאט אפ אלע פאבריקן. דערבײַ איז אינטערעסאנט, אז דידאָזיקע פריִערדיקע פארענדיקונג פון דער ארבעט שאבעס, דידאָזיקע לעהאָטע איז געווען א קלענערע אפ די פאבריקן מיט מאשין־פּראָדוקציִע און א גרעסערע—אפ די קליינע אונטערנעמונגען אָדער אפילע אפ גרויסע, נאָר מיט האנט־פּראָדוקציע, און ניט נאָר דערפאר, ווײַל דאָרטן איז ניט נייטיק געווען צו רייניקן די מאשינעס נאָך דער ארבעט, נאָר דערפאר, וואָס דאָרטן פלעגט זיך טאקע פריִער ענדיקן די ארבעט.

די צאָל אָפיציִעלע ניט ארבעט־טעג (טאבעל־טעג) אין רוסלאנד אין מיטן פון די 80־ער יאָרן איז געווען—91. די צאָל יאָנטויווים אין יאָר, וואָס די ייִדישע קאפּי־טאליסטן פלעגן דערלויבן די ייִדישע ארבעטער, איז געווען אסאך נידעריקער, ווי דידאָזיקע צאָל. וועגן דעם טיילט מיט אין זײַן באריכט גאָראָדקאָוו—אן איידעס, וואָס מען קען אים אין דעם פאל באשטימט גלויבן. „די אונטערנעמונגען מיט ייִדישע ארבעטער—זאָגט ער—היטן ניט אָפּ קיינע קריסטלעכע יאָנטויווים אכוץ די קרוינ־טעג—נײַ־יאָר, ווייגאכטן און פייסעך. זיי זײַנען אָבער שטענדיק פארמאכט שאבעס און אין אנדערע ייִדישע יאָנטויווים. אן אויסנאם שטעלן פאָר נאָר די טי־פּאָגראפיעס, וואָס אכוץ שאבאָסים פײַערן זיי אסאך א קלענערע צאָל ייִדישע יאָנ־טויווים. די טאבאק און אנדערע ייִדישע פאבריקן היטן אָפּ אכוץ שאבאָסים נאָך 25 יאָנטעוו־טעג אין יאָר, די דרוקערײַען—ניט מער ווי 9" (גאָראָדקאָוו, ז. 30־29). אלזאָ, דער מאקסימום פון רו־טעג האָט בא ייִדישע ארבעטער אויסגעמאכט 75, אין טי־פּאָגראפיעס—60. [1]

אינדערעמעסן איז עס אָבער מער ווי נאטירלעך.

די פוריטאנישע בורזשואזיע אין ענגלאנד וואָלט געקענט אין איר שטרעבן צו פאר־קירצן די צאָל יאָנטויווים נעמען פאר א מוסטער די ייִדישע בורזשואזיע. דעם ייִדישן ארבעטער, וואָס האָט זיך אָקאָרשט באוויזן אפ דער געזעלשאפטלעכער ארענע, איז טיי־קעפ אויסגעקומען צו דערפילן אפ זײַנע פלייצעס יענעם אומשטאנד, אז ער שטאמט פון אזא געזעלשאפטלעכע סוויווע, וועלכע האָט קיינמאָל ניט געצאָלט קיין צינזן יענע

[1] עס איז אינטערעסאנט, אז אפילע אין 1908 יאָר האָבן די ייִדישע ארבעטער אפ דער פאבריק פון מעכאנישער האָלץ־באארבעטונג „פרימא" (אין מאָזיר) געהאט מיט צוויי טעג ווייניקער יאָנטויווים אין יאָר, איידער זייערע ניט־ייִדישע ברידער אפ דערזעלביקער פאבריק.

Дела старшего фабр. инсп. Минск. губ. „Переписки с фабрикой „Прима" Минский Истор. архив)

מיטל־אַלטערלעכע טראַדיציִעס, צו וועלכע עס האָט אויך געהערט אוא „דעסאל״, ווי אסאך יאַנטויווים [1]). די ייִדישע ארבעטער זײַנען, אלזאָ, געווען קאָנצענטרירט אַפּ אונטערנעמונגען מיט מיטלאַלטערלעכער טעכניק, אָבער מיט ארכיקאפּיטאַליסטישע זיטן. פאר אָט דערדאָזיקער ווידערשפּרעכלעכקײַט האָבן זיי באצאָלט מיט א פארקירצונג פון יענעם רו־מינימום, וואָס עס פלעגט באקומען געוויינטלעך, אין ענלעכע באדינגונגען, דער ניטייִדישער לוינ־שקלאַפּ.

פאָלגנדיקע טאבעלע ווײַזט דעמ ארבעט־לוינ פון די ייִדישע ארבעטער אינ פארגלײַך מיט דעמ ניטייִדישנ ארבעטער (די דאטעט גענומענ בא גאָראָדקאָוו אונ דעמענטיעוו)

| | ייִדישער ארבעטער<br>ארבעט־לוינ אינ א וואָכ | ניטייִדישער ארבעטער<br>ארבעט־לוינ אינ א וואָכ |
|---|---|---|
| א האַנט־וועבער . . . . . . | פאבריק פונ י. פינעס—2-5 ר.<br>פאבריק פונ ל. פינעס—2-4 ר.<br>פאבריק פונ ז. יאסינאָווסקי—פונ 4-8 רובל.<br>פאבריק פונ ב. פּאָליאַק—פונ 5-7 רובל. | א רוסישער האַנט־וועבער אינ מאָסקווער גוב.—2 ר. 31 ק. |
| שפּולניצע . . . . . . . . | פאבריק פונ יאסינאָווסקי 2 ר.<br>״ ״ ס. פרענקעל 1-2 ר. | אינ מאָסקווער גוב. 79 קאָפּ. |
| א גארבער . . . . . . . | אינ שאוול—2.5 ביז 4 ר.<br>״ ווילנע 5 ר. | ״ ״ ״ 3 ר. 93 ק. |
| אנ ארבעטער אינ דער שוועבעלעכ־פאבריק. . . . . . . | אינ דווינסק 1-8 ר.<br>״ קאָוונע 3-4 ר. | אַפּ דער שוועבעלעכ־פאבריק פונ וואלטסאָנ אינ מאָלעח. גוב. 2 ר. 40 קאָפּ ביז 3 ר. 60 קאָפּ. |

פונ דערדאָזיקער טאבעלע איז צו זענ, אז דער ייִדישער האַנטוועבער פארדינט מערער ווי דער ניטייִדישער האַנטוועבער (ער פארדינט אפילע מערער פונ דעמ ניט־ייִדישנ וועבער, וואָס איז באשעפטיקט באמ מעכאנישנ שטול—דאָס האָבנ מיר געזענ אינ צווייטנ קאפּיטל). אונ ניט נאָר דער ייִדישער וועבער—אויכ די ייִדישע ארבעטער פונ אנדערע קאטעגאָריעס פארדינענ מער, ווי די ניטייִדישע ארבעטער פונ די אנטשפּרעכנדיקע קאטעגאָריעס. ציִ באטײַט עס, אז דער העכערער ארבעטלוינ פונ דעמ ייִדישנ ארבעטער אינ יענע יאָרנ האָט אימ געזיכערט אויכ א העכערנ לעבנ־ניוואָ אינ פארגלײַכ מיט דעמ ניט־ייִדישנ ארבעטער? ניינ. דאָ דארפ מענ נעמענ אינ באטראכט פאָלגנדיקע מאָמענטנ.

ערשטנס, פונקט ווי דער דורכשניטלעכער ארבעטטאָג פונ דעמ ניט־ייִדישנ ארבעטער, וואָס איז געווענ פארבונדנ מיט דער ערד, האָט זיכ ניט אויסגעשעפּט, ווי

[4]) דעמענטיעוו, לעמאָשל, האָט קאָנסטאטירט אינ זײַנ אויספאָרשונג דעמ צוזאמענהאנג צווישנ דער גרויסער צאָל יאָנטויווים אַפּ די אונטערנעמונגענ מיט דער גרויסער צאָל ארבעטער, וואָס האָבנ ניט איבערגעריסנ די פארבינדונגענ מיט דער ערד. אזוי, לעמאָשל, האָט אַפּ דער גרויסער מעכאניזירטער ראָטענער מאנופאקטור די צאָל יאָנטויווים אינ יאָר אויסגעמאכט—89 (אלזאָ—ווייניקער פאר דער צאָל אָפּיציִעלע ניט ארבעט־טעג) אונ אַפּ דער האנט־בוימוואָל־וועבערײַ פונ אושאקאָוו—126, אין דער גארבערײַ פונ אָסטאפּאָווע—174:

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0058-0113 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

מיר האָבן שוין געזען, מיט דער צאָל שאָען, וואָס ער האָט פארבראכט אפ דער פאבריק, נאָר ער איז געווען פאקטיש באדײַטנדיק גרעסער. אזוי איז אויך מיט דעם פאבריק־פארדינסט פון דעמדאָזיקן ארבעטער; מיט אים שעפט זיך ניט אויס דער גאנצער פארדינסט פון דעם ארבעטער. אָט וואָס עס זאָגט דעמענטיעוו וועגן דעמדאָזיקן ארבעטער:

„אפ די האנט־בוימוואָל־וועבערײַען זײַנען די פארדינסטן פון די מענער, פרויען און קינדער אסאך נידעריקער, ווי אפ די מעכאנישע. די אמאָל שטארק־אנטוויקלטע האנט־בוימוואָל־וועבערײַ לעבט איצט אויס אירע לעצטע טעג. אסאך פון דידאָזיקע פאבריקן זײַנען אָדער אריבערגעגאנגען אפ מעכאנישער פראָדוקציע, אָדער זיי האָבן זיך פארמאכט. איצט איז אין דער האנט־בוימוואָל־וועבערײַ פארבליבן נאָר די פראָדוקציע פון עטלעכע קאָמפליצירטערע שטאָפן און פון עטלעכע זייער ביליקע שטאָפן... דידאָזיקע פאבריקן זײַנען נאָך געבליבן אן אָרעמיקלאָט פאר יענעם ארבעט־עלעמענט, וואָס האָט נאָך ניט געוואָרפן די ערדארבעט און וואָס זוכט נאָך ווינטער־צײַט פארדינסטן. דערמיט דערקלערט זיך אויך, אָן צווייפל, דער נידעריקער ארבעט־לוין בא א זייער לאנגן ארבעט־טאָג" (דעמענטיעוו ז. 146).

אזוי וועט אויך אויסקומען צו דערקלערן דעם אונטערשייד צווישן דעם ארבעט־לוין פון יידישן און ניט־יידישן ארבעטער, ווען זיי ארבעטן אין אנדערע פראָדוקציע־צווײַגן, ווו עס הערשט נאָך האנט־ארבעט.

אָט וואָס עס זאָגט דעמבאָוועצקי וועגן די ארבעט־באדינגונגען אפ וואָלטסאנס שוועבעלעך־פאבריק, ווו עס האָבן געארבעט ניט־יידישע ארבעטער און וואָס איז געווען, ווי מיר האָבן שוין געזען, קימאט די איינציקע שוועבעלעך־פאבריק, ווו די פראָדוקציע איז געווען שטארק מעכאניזירט שוין צום אָנהייב פון די 80־ער יאָרן.

„...די ארבעטער פירן דורך זייערע ארבעטן מאסנווײַז, פארבײַטנדיק איינער דעם צווייטן און ארבעטנדיק אָן איבערײַסן ניט מער ווי 10 שאָ. אלע, די מענער און די פרויען, קומען אפ דער ארבעט פון די נאָענטסטע דערפער און באקומען פאר א 10־שאָעדיקן ארבעט־טאָג: די ערשטע — פון 40 ביז 60, די לעצטע — פון 30 ביז 40 ק." (דעמבאָוועצקי, ז. 270).

וואָס עס איז שײַעך דעם אונטערשייד צווישן ארבעטלוין פון די יידישע און ניט־יידישע גארבער, האָבן מיר שוין געזען, אז 53 פראָצ. גארבער אין מאָסקווער גוב. זײַנען נאָך געווען פארבונדן מיט דער ערד.

צווייטנס, זייער א וויכטיקן אָרט אין ביודזשעט פון ארבעטער פארנעמען די הויצאָעס אפ קווארטיר. דער יידישער ארבעטער, אין קעגנזאץ צום רוסישן ארבעטער, האָט שטענדיק געלעבט אין א פריוואטער געדונגענער קווארטיר. מיר ווייסן שוין, אז דעם יידישן קאפיטאליסט איז ניט אויסגעקומען אָפּצורײַסן דעם יידישן ארבעטער פון דער לאנדווירטשאפט; אים איז דערפאר ניט אויסגעקומען, אזוי־ווי דעם רוסישן קאפיטאליסט, ארײַנצושלעפן, ארײַנצוציען אפ דער פאבריק דעם פויער מיט זײַן גאנצער פאמיליע, קעדיי צו עקספּלואטירן די ביליקע פרויען און קינדער־ארבעט. דער יידישער ארבעטער מיט זײַן גאנצער פאמיליע איז שטענדיק געשטאנען צו דינסט דעם יידישן קאפיטאליסט און רוימלעך זײַנען זיי קיינמאָל ניט געווען אזוי אָפּגעטיילט איינער פון דעם אנדערן, ווי דער רוסישער קאפיטאליסט פון דעם רוסישן ארבעטער, וואָס איז געקומען פון די רייען פונעם זיך פראָלעטאריזירנדיקן



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

פויערים. פאַר דעם יידישן קאפּיטאַליסט האָט דערפאַר ניט געהאַט קיין שום זינען צו בויען בא דער אונטערנעמונג קאַזאַרמעס אָדער איינצלנע שטיבלעך פאַר ארבעטער [1]. ער האָט גערן איבערגעלאָזן די ארבעטער, אז זיי זאָלן אליין זאָרגן וועגן דירו׳ס. ווי טײַער דאָס האָט אָפּגעקאָסט די יידישע ארבעטער אין די שטעט פון טכום זיט א צוזאַמענגעפּרעסטער באפעלקערונג, איז לײַכט זיך פאָרצושטעלן. אָט איז אן עילוסטראַציע פונעם ארבעטלוין און דירע־געלט פון די יידישע ארבעטער אין פינסק (צום אָנהייב פון די 90־ער יאָרן) [2].

| מיט וואָס באַשעפטיקט זיך. | ארבעטלוין אין א כוידעש. | דירע־געלט פאַר א יאָר. | וואָס פאַר א טייל פון מאָנאטלעכן ארב.־לוין. |
|---|---|---|---|
| אן ארבעטער אפ זארפאק . . . . | 16 ר. | 36 ר. | איין פינפטל |
| א טאָג־ארבעטער . . . . . . . | - 12 | - 36 | איין פערטל |
| א לערער . . . . . . . . . | - 25 | - 45 | איין זיבעטל |
| אן ארב. אפ דער שוועבעלעך־פאבריק | - 25 | - 45 | איין זיבעטל |
| א שנײַדער . . . . . . . . | - 20 | - 46 | איין פינפטל |
| א סטאָלער אפ דער פאבריק . . . | - 25 | - 64 | איין אכטל |
| א פורמאַן . . . . . . . . . | - 20 | - 45 | איין צענטל |
| א פאבריק־ארבעטער . . . . . . | - 6 | - 28,8 | צוויי פינפטל |
| א פאבריק־ארבעטער . . . . . . | - 16 | - 45 | איין פינפטל |

1) אין דער ערשטער העלפט פון די 80־ער יאָרן האָבן נאָר 18 פר. פון אלע ארבעטער אין מאָסקווער גוב. געוווינט אין פריוואטע דירעס, דער גרעסטער טייל האָט געוווינט אין קאַזאַרמעס און אין די ווארשטאטן (Балабанов. Очерки по истории раб. кл. в России, ч. II стр. 108 זז) קאַזאַרמעס פאַר ארבעטער זײַנען אויך געווען בא די גרויסע פאבריקן אין וולאדימירער גוב., אין פעטערבורג און אין אנד. שטעט

אין ווײַסרוסלאנד טרעפן מיר זעלטענער די אונטערנעמער זאָלן אויסבויען דירעס פאַר זייערע ארבעטער. די סיבעס דערפון דאַרף מען, לויט אונדזער מיינונג, זוכן אין פאָלגנדיקן: ערשטנס, אפ וויפל עס רעדט זיך וועגן אונטערנעמונגען, וואָס זײַנען געלעגן אין די שטעט, איז די אונטערנעמער דאָ ניט אויסגעקומען אנצונעמען וועלכע עס איז באזונדערע מיטלען, קעדיי צו פאַרסירן דאָס אָפּרײַסן דעם פויער פון זײַן ערד און קעדיי אים מיטצוהעלפן אריבערגיין אין שטאָט, ד.ה., אפ דער פאבריק מיט דער גאנצער פאמיליע. דאָ איז די פּראָלעטאַריזאַציע אזוי אויך בעגאַנגען גענוג שנעל און אין דאָרף פון ווײַסרוסלאנד האָבן ניט עקזיסטירט יענע באדינגונגען, וועלכע האָבן מיט געמאלד צוגעשמידט דעם פויער צו זײַן מאָגערער ווירטשאַפט, ווי למשל, אין צענטראַל־רוסלאנד. צווייטנס, אפ וויפל עס רעדט זיך וועגן אונטערנעמונגען, וואָס זײַנען געלעגן אויסער די שטעט, איז דאָ די לאגע געווען אזא: אזוינע די פאבריקן און זאַוואָדן אין קאַנט האָבן זיך ניט אויסגעצייכנט מיט גרויסע מאַסשטאבן און האָבן ניט געפאָדערט קיין גרויסע צאָל ארבעטער, איז פאַר זיי געווען גענוג יענע ארבעט־העגט, וואָס עס פלעגן ליפערן די פויערים פון איינעם אָדער עטלעכע דערבײַיקע דערפער. אזוינע ארבעטער האָבן געקענט בלײַבן וווינען אין זייערע דאָרפישע שטיבלעך, און נאָר פאַר א קליינעם טייל ארבעטער פלעגט אויסקומען צו בויען וווינונגען בא די אונטערנעמונגען. אין באריכט פון פאבריק־אינספעקטער גאָראָדקאָוו ווערט געבראַכט טאקע אסאך אזוינע אונטערנעמונגען, בא וועלכע די פאבריקאנטן האָבן אויסגעבויט וווינונגען פאַר א טייל פון די ארבעטער.

2) זז 10 „Восход“ за 1901 г., кн.

פונ דערדאָזיקער טאבעלע איז צו זענ, אז וואָס נידעריקער דער ארבעטלוינ-
מאכט אויס אלצ א גרעסערנ טייל פונ אימ די דירע-געלט. דאָ גילט דערעלביקער
געזעצ, לויט וועלכנ וואָס נידעריקער. עס איז דער ארבעט-לוינ, אלצ א גרעסערנ
טייל פונ אימ מאכנ אויס די הויצאָעס אפ דערנערונג.

ניט בעסער איז געווענ די לאגע אינ דעמ פראט אויכ אינ די שטעטלעכ. „פאר
א ווינקל אונ מיטיקנ — דערציילט כאראָש וועגנ דעמ לעבנ פונ די קרינ־יקער גאר-
בער—צאָלנ די ניט-כאסענעגעהאטע ארבעטער 2-3 רוב. א וואָכ, פאמיליענ-מענטשנ
צאָלנ פאר א קוואָרטיר פונ איינעמ אָדער צוויי צימערנ—פונ 30 ביז 50 רוב. א יאָר"[1]).

אונ אָט ווי עס אָרדענענ זיכ איינ מיט דירעס די פינסקער ידישע ארבעטער:
„די דירע-געלט פאָדערט דער באלעבאָס פאָרויס פאר א גאנצנ יאָר, לויט דעמ היגנ
אויסדרוק—„זגורו". פארשטייט זיכ, אז דער ארבעטער, וואָס פאַדינט 3-4 רוב. א
וואָכ אונ האָט א פאמיליע פונ 5-7 מענטשנ, קענ ניט ארײַנטראָגנ מיט איינ מאָל
25-36-45 רוב. א. א. וו. ווילנדיק אָדער ניט ווילנדיק קומט אימ אויס זיכ צו ווענדנ
צומ פראָצענטניק אונ צאָלנ „וואָכער", ער לײַט א סומע באמ פראָצענטניק אונ צאָלט
יעדע וואָכ א טייל פונ כויוו צוזאממענ מיט פראָצענטנ. געוויינלעכ ווערט דער רעכע-
נונג געמאכט אזוי: פאר הונדערט רוב. צאָלט דער באלכויוו יעדע וואָכ 2 רוב. מיט
24 קאָפ. 2 רוב. גייט אפ דעקנ דעמ כויוו, די 24 קאָפ. איז פראָצענט"[2]).

אָט וויפל עס מאכט אויס דירע-געלט דעמ ידישנ ארבעטער! אונ דאָס איז נאָר
אינ די שטעטלעכ (קרינ־יקי) אונ אינ די ניטבאדײַטנדיקע שטעט (פינסק). אינ די גרעסערע
שטעט (ווילנע, ביאליסטאָק, מינסק) איז די לאגע אינ דעמ פראט געווענ נאָכ ערגער.

אונ ווי האָבנ אויסגעזענ די דירעס, פאר וועלכע דער ידישער ארבעטער האָט
געצאָלט אזויפיל געלט? צי האָבנ זיי באפרידיקט לעכאָלאפאָכעס די עלעמענטארסטע
פאָדערונגענ פונ היגיענע, צי האָבנ זיי געגעבנ דעמ ארבעטער א מעגלעכקײַט אָפ-
צורוענ אינ די שאָענ, וואָס ער איז געווענ פרײַ פונ דער ארבעט? „די ענגשאפט
אונ די טײַערקײַט פונ די דירעס האָבנ אויסגעארבעט בא דעמ פינסקער ארבעט-פאָלק
א באזונדערע צופאסונג-פייִקײַט. אזוי, לעמאָשל, קענ מענ באטאָג טרעפנ שלאָפנדיק
אינ די בעטנ פונ די ארבעטער, וואָס זײַנענ אוועק אינדערפרי צו דער ארבעט,
אנדערע ארבעטער פונ דער נאכט-סמענע, וואָס האָבנ אָפגעדונגענ דעמ ווינקל". „אגעוו
פונ די קינדער אונ דער באטאָגיקער געפילדער שטערט אינ א באדײַטנדיקער מאָס
זייער רו". (כאראָש, אויכ דאָרטנ).

אָרעמער ליבעראל כאראָש! ער איז געווענ איבערצײַגט, אז די ידישע ארבעטער
אינ פינסק זײַנענ געווענ אָריגינעל אינ זייער געניטקײַט זיכ צוצופאסנ צו זייערע
ווױנונג-באדינגונגענ. ער האָט קיינ אנונג ניט געהאט, אז זייערע קלאסנ-ברידער אינ
ענגלאנד (אונ אויכ אינ רוסלאנד) האָבנ נאָכ מיט אסאכ צענדליקער יאָרנ פריִער
אָנגעווענדט דיזעלביקע „ווױנונג-פראקטיק": „זיי האָבנ אָנגעהויבנ פראקטיקירנ נאכט-

1) זע „Восход" за 1901 г, кн. 8
2) דאָ זעענ מיר, אז „ווענ די פאבריקאנטנ פרעסנ אויס אלצ, וואָס מע קענ פונ די ארבעטער, אונ די לעצטע באקומענ ענדלעכ זייער ארבעטלוינ, פאלנ אָנ אפ זיי די איבעריקע טיילנ פונ דער בורזשואזיע: די הויז-באזיצער, קרעמער, פראָצענטניקעס א. א. וו." (מארקס אונ ענגעלס „קאָמוניסטישער מאניפעסט").

ארבעס, י. ה., ווען עס ווערט נאכט און א גרופע ארבעטער, אויסגעמאטערט דורכן ארבעט־טאָג, גייט אוועק שלאָפן, קומט אפ איר אָרט אפ דער פאבריק א צווייטע גרופע ארבעטער; די באטאָגעדיקע גרופע ארבעטער ווארפט זיך אריַין אין די בעטן, וואָס זיַינען אָרוואָס פארלאָזן געוואָרן פון דער נאכט־גרופע און פארקערט. אין לאנקאשיר גייט ארום א ווערטל, אז די בעטן פלעגן קיינמאָל זיך ניט אָפקילן"[1].

אלזאָ, די ייִדישע ארבעטער זיַינען אין דעם פראט לאכלוטן ניט געווען אָריגינעל. דער אונטערשייד אין געגעבענעם פאל באשטייט נאָר אין דעם, וואָס די ענגלישע ארבעטער האָבן געלעבט אין אזעלכע וווינונג־באדינגונגען סאָף 18־טן און אָנהייב 19־טן י. ה. און די ייִדישע ארבעטער... אין אָנהייב 20־טן י. ה.

אָבער דידאָזיקע וווינונג־באדינגונגען פון דעם ייִדישן ארבעטער, וואָס האָבן זיך, ווי מיר האָבן געזען, געלייגט ווי א שווערע לאסט אפ זיין ביודזשעט, האָבן געהאט אָן צווייפל אויך איינע זייער א פאָזיטיווע זיַיט: זיי האָבן מיטגעהאָלפן צו פארפעסטיקן דעם ייִדישן ארבעטערס אומאָפהענגיקייט פון זיַינע פאבריקאנט. אויב דער רוסישער פאבריקאנט, פארשאפנדיק זיַינע ארבעטער „איַינגעזעסנקייט", ד. ה., געבנדיק אים א דירע, האָט געקענט אים שטענדיק האלטן אונטער דער דראָונג צו ווערן ארויסגעוואָרפן פון דעם באלעבאָס דירע צוזאמען מיט דער פאמיליע און אפ אזא אויפן צווינגען אים צו אונטערטעניקייט, האָט דער ייִדישער פאבריק־ארבעטער ניט געהאט וואָס מוירע צו האָבן דערפאר: ער האָט געקענט דרייסטער ארויסטרעטן קעגן זיַין עקספלואטאטער, וועלכער האָט אים געקענט, עמעס, ארויסווארפן פון דער פאבריק, אָבער ניט פון דער קווארטיר. דאָס האָט אָן צווייפל געשפילט א פאָזיטיווע ראָל אינעם באגינען פון דער ייִדישער ארבעטער־באוועגונג.

אז דאָס איז טאקע געווען אזוי, ווייַזט די לאגע פון א באדיַיטנדיקן טייל ייִדישע האנטווערקערישע ארבעטער, וואָס האָט ניט נאָר געגעכטיקט אין די ווארשטאטן פון באלעבאָס, נאָר איז אויך געווען אפ די קעסט פון באלעבאָס. באזונדערס אָפט האָט זיך דאָס פראקטיקירט צווישן די האנטווערקערישע ארבעטער, וואָס זיַינען געקומען צו פאָרן אין שטאָט פון דער פראָווינצ פון די שטעטלעך. די קליינע צאָל ארבעטער אין א האנטווערקערישן ווארשטאט, דער כאראקטער פון האנט־ארבעט, דער פאטריאַכאַלער כאראקטער פון די באציִונגען צווישן דעם באלעבאָס און די ארבעטער אין די ערשטע ציַיטן, איידער עס האָט זיך נאָך באוויזן צו קאפיטאליזירן די האנטווערקעריַי און איידער עס איז אנטשטאנען אן ארבעטער־באוועגונג—דאָס אלץ האָט פארלייַכטערט דאָס צופאסן דעם האנטווערקערישן ווארשטאט פאר א וווינונג פון די ארבעטער. שפעטער, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די ארבעטער־באוועגונג אין ריַיאָן פון טכום, האָט דערדאָזיקער אומשטאנד באדיַיטנדיק פארשווערט דעם קלאסן־קאמפ פון די ייִדישע האנטווערקערישע ארבעטער. כאראקטעריסטיש אין דעם פראט איז די סיסטעם, וואָס עס האָבן איַינגעפירט די אזויגערופענע „בירזשעס". זיי האָבן לעכאטכילע געהאט איַינגעפירט אזא סיסטעם, אז אן ארבעטער דארף ניט ארבעטן אפ איין אָרט מערער ווי א באשטימטע ציַיט—4־5 וואָכן. דאָס איז געווען דערפאר, וואָס צווישן די ארבעטער און אונטערנעמער האָבן אין יענער ציַיט געהערשט דאָסראָוו פאטריאַר־

[1]) זע, К. Маркс Капитал, т. стр. 782

כאלע באציִונגען. דער ארבעטער פלעגט זיכ גאנצ אָפט אָנדינגען צום באַלגבאָס אפ קעסט און „נאכטלעגער“ (איבערהויפט די ניטכאסענעגעהאטע און די אָנגעפאָרענע). אזא ארבעטער איז געווען, קען מען זאָגן, אינגאנצן אינ רעשוס פון באַלעבאָס און צוליב די קעסט—אָפהענגיק אפילע פון דער באַלעבאָסטע. ווען עס האָט זיכ אָנגעהויבן די שטרײַק־באוועגונג, פלעגן די אונטערנעמער אויסנוצן דעמדאָזיקן קאָנײַנגענט ארבעטער פון „אייגענע מענטשן“, שטוביקע. אָט די שטוביקע מענטשן פלעגן געוויינטלעכ ארבעטן לענגער פון דער באשטימטער צײַט; דער אונטערנעמער פלעגט זיכ דער־וויסן פון זיי, וואָס עס קומט פאָר אינ זײַן ווארשטאט צווישן די ארבעטער פון גאנצן פאכ... דידאָזיקע פאָדערונג האָט, אלזאָ, געהאט דעם ציל צו קעמפן קעגן אינסטיטוט פון „אייגענע ארבעטער־מענטשן“. עס פארשטייט זיכ, אז בא אזא לאגע האָט שוינ דעם ווייניק באוווּסטזיניקן אייגפאכ ניט געלוינט צו כאנפענען דעם אונטערנעמער און אײַנרײַסן מיט דער „בירזשע“ [1].

אָבער דאָס אלצ איז נאָכ ווייניק. ווען מען באטראכט די הויכ פון ארבעטלוינ פון דעם ייִדישן ארבעטער, דארפ מען אכוצ די צוויי אָנגעוויזענע מאָמענטן (די אָפ־געריסנקײַט פון דער ערד, ד. ה. דאָס ניט האָבן קיינ קליינע פויערישע ווירטשאפט—און די דירע־פראגע) ניט פארגעסן אויכ דאָס, וואָס דער ייִדישער ארבעטער, ווי ביכלאל די ייִדישע האָרעפאשניקעס אין טכום, זײַנען געווען געצוווּנגען פון זייער בעטלערישן ארבעטלוינ צו באפרידיקן די פאָדערונגען ניט נאָר פון דעם מעלוכע־אפאראט אינ צארישן רוסלאנד, נאָר אויכ די פאָדערונגען פון דער קלעריקאל־בור־זשואזער ייִדישער קעהילע (קאָראָבקע און אנד.), אזוי, אז דער ייִדישער ארבעטער איז, אינ פארגלײַכ מיטן ניטייִדישן ארבעטער, געווען פאקטיש באלאסטעט מיט א זייער באדײַטנדיקן צוגאָב־שטײַער. וואָס פאר א הויצאָעס עס האָט געפאָדערט פון דעם ייִדישן ארבעטער דאָס אויסהאלטן די אלע אקסעסוּארן פון דעם ייִדישן מיטל־אלטער, איז צו זען כאָטש פון פאָלגנדיקן: אינ דעם שטעטל יאנאָווע (קאָוונער גוב.) האָט קאָשערע פלייש געקאָסט אינ 1894 יאָר—23־16 קאָפּ. א פונט. [2] אינדערזעל־ביקער צײַט קימאט, ד. ה. אינ די יאָרן 1891־1900, האָט א פונט פלייש (ניט קיינ קאָשערע) געקאָסט אינ מאָסקווע: ערשטער סאָרט—14 קאָפּ. דריטער סאָרט—$6^1/_2$ קאָפּ אינ פעטערבורג האָט א פונט פלייש דורכשניטלעכ געקאָסט אינ יענע יאָרן 11 קאָפּ.; אינ כארקאָוו האָט אינ די יאָרן—1904־1905 געקאָסט א פונט פלייש פון דריטן סאָרט $3^1/_2$ קאָפּ., פון 1־טן טאָרט—$9^1/_2$ קאָפּ. [3].

בא דער נאציִאָנאל־רעליגיִעזער אָפּגעפרעמדקײַט, אײַנגעשלאָסנקײַט פון די ייִדישע האָרעפאשניקעס אינ טכום, אדאנק באשטימטע היסטאָרישע באדינגונגען, האָבן די טראדיציעס פון מיטלעלטער שטארק געהערשט אינ זייערע מויכעס אפילע א לאנגע צײַט נאָכדעם, ווי אינ דער ייִדישער סוויווע האָבן זיכ געעפנט שארפע קלאסנ־סטי־רעס. דער ייִדישער ארבעטער, וואָס האָט אינ זײַן ווארשטאט שוינ לאנג געקעמפט

[1] זע מ. בערמאנ „דער קאמפ פון די ייִדישע ארבעטער פאר די ארבעט־בירזשעס, זאמלבוכ „25 יאָר“, ז. 104.

[2] זע, Пажитнов. Положенис раб. кл, в России ч. II стр. 78

[3] זע, Памятная книжка Ковенской губ. на 1894 г. стр. 132

קעננ זײַנ באַלעבאָס — דעמ עקספּלואטאטער, האָט זיכ פונדעסטוועגנ א לאַנגע צײַט ניט אָפּגעזאָגט פונ קאָשערע פלייש, קאָנסערווירנדיק אפ אזא אויפנ, אפ זײַנ אייגענעמ כעזשבנ, דעמ גאנצנ יידישנ מיטלעלטערלעכנ שימל, וואָס האָט ווי א קאָשמאר געדריקט אפ זײַנ באַוווסטזײַנ. דערדאָזיקער אומשטאנד האָט נאָכ געהאט א גרעסערע ווירקונג מיט דעמ, וואָס א גרויסער טייל פונ יידישע ארבעטער, דער גרעסטער טייל פונ מאַנופאקטור־ארבעטער, איז געווענ, ווי מיר האָבנ געזענ, קאָנצענטרירט אינ די שטעטלעכ, ווו די געזעלשאפטלעכע באַציִונגענ זײַנענ געווענ ווייניקער קאָמפּליצירט און מער פרימיטיוו, ווו די יידישע סוויווע, צוזאמענגעשמידט דורכ די טראַדיציעס פונ מיטלעלטער, האָט באַזונדערס פעסט געהאלטנ אינ אירע לאַפּעס אלע „גלויבנ־גענאָסנ“; ווו די מאכט פונ דער אָפּיציעלער יידישער געזעלשאפטלעכער מיינונג איז געווענ באַזונדערס שטאַרק, אסאכ שטאַרקער ווי אינ די גרעסערע שטעט פונ טכומ, וואָס זײַנענ ארונטערגעפאלנ פריער אונטער נײַע ווירקונגענ פונ דרויסנ.

פונ דעמדאָזיקנ שטײַער־לאַסט, וואָס עס האָבנ ארופגעלייגט די יידישע בורזשואזיע און די יידישע קלעריקאלנ אפ דעמ יידישנ ארבעטער, האָט ער ניט געהאט וווהינ צו אנטלויפנ, סײַדנ ער זאָל רײַסנ מיט זײַנ גלויבנ. סײַ אינ שטאָט און סײַ אינ שטעטל האָט אפ אימ געדריקט דערדאָזיקער יאָכ: די קאָראָבקע האָט אימ אומעטומ פארפאָלגט, ער האָט פונ איר ניט געקענט אנטלויפנ אינערגעצ אפילע אינ דאָרפ; ווענ ער וואָלט געקענט אנטלויפנ אהינ, וואָלט ער זיכ אויכ ניט געראַטעוועט פונ איר.

יע. טארלע דערציילט, אז אינ אָנהייב 19־טנ י. ה. האָבנ די ליאָנער ארבעטער געסטארעט זיכ צו באַזעצנ אויסערנ שטאָט, אינ די דערבײַיִקע דערפער, ווײַל די הויכע שטאָטישע שטײַערנ אפ די ארטיקלענ פונ ערשטנ געברויכ האָבנ שרעקלעכ פארטײַערט דאָס לעבנ. פאר יעדנ אָקס אָדער קו פלעגט מענ באַמ ארײַנפירנ אינ שטאָט (ליאָנ) מוזנ אָפּצאָלנ — 21 פראנק [1]. עס איז נאָכ א פראגע צי דערדאָזיקער שטײַער האָט אויסגעמאכט אזא הויכנ פראָצ. לעגאבע דעמ פרײַז אפ פלייש, ווי דאָס האָט אויסגעמאכט יענער שטײַער, וואָס עס האָבנ אײַנגעפירט די יידישע קלעריקאלנ און די יידישע בורזשואזיע, און וועלכער האָט זיכ געלייגט מיט זײַנ גאנצער לאַסט דעריקער אפנ יידישנ ארבעטער און האָרעפּאשניק. אָבער אינ דער צײַט, ווענ דער ליאָנער ארבעטער האָט זיכ געראַטעוועט פונ דעמ שטאָטישנ שטײַער, אנטלויפנדיק אינ דערבײַיִקנ דאָרפ, האָט דער יידישער ארבעטער אפילע די דאָזיקע מעגלעכקײַט אויכ ניט געהאט.

אזוי זײַנענ געווענ די ארבעט־באַדינגונגענ פונ די יידישע מאַנופאקטור־ארבעטער. ניט בעסער, פארשטייט זיכ, איז געווענ די לאַגע פונ די האנטווערקערשע ארבעטער; אויכ דאָ זעענ מיר א שרעקלעכ־לאַנגנ ארבעט־טאָג און א שרעקלעכ נידעריקנ ארבעט־לוינ. באַזונדערס שווער איז געווענ די לאַגע פונ דעמ שטעטלדיקנ האנטווערקערישנ ארבעטער. אָט וואָס מיר לייענענ אינ א ביטע, וואָס די עלטערנ פונ די בערעזינער שנײַדער־און קירזשנער־געזעלנ האָבנ דערלאנגט דעמ מינסקער גובערנאטער אינ 1902 יאָר: „די פאראָרדענונג אינ אָנהייב פונ פארגאנגענעמ 1901 יאָר, לויט וועלכער די

[1] יע. Е. Тарле. Рабочий класс во Франции в первые времена машинного производства, стр. 239

געזעלן און די לערן־ייִנגלעך דארפן ארבעטן פון 6 אינדערפרי ביז 6 אינאָוונט, איז שטארק ניט געפעלן געוואָרן די באזיצער פון די האנטווערקערישע ווארשטאטן, וואָס האָבן ביז דער אויבנדערמאָנטער אדמיניסטראטיווער פאראָרדענונג געצווונגען די לערן־ייִנגלעך צו ארבעטן פון 5 אזייגער אינדערפרי ביז 12 באנאכט און ערעוו־יאָנטעוו פלעגט דער ארבעט־טאָג דערגיין ביז 22 שאָ אין מעסלעס".

ווען די לערן־ייִנגלעך פלעגן פון איבערגעמאטערטקייט איינשלאָפן בא דער ארבעט, פלעגן די באלעבאטים זיי וועקן מיט געשרייען: א סרייפע! [1].

אָט אזוי האָט אויסגעזען דאָס לעבן פון די ייִדישע האנטווערקערישע ארבעטער אין שטעטל אפילע אין אָנהייב פון 20־טן י. ה. אפילע די סאמע עלמענטארסטע פיזישע באדערפענישן, ווי, לעמאָשל, דאָס שלאָפן, „וואָס איז נייטיק פאר דער אופשטעלונג, באנייונג און אָפפרישונג פון דער לעבן־קראפט, דערפירט דער קאפיטאל צו אזויפיל שאָ פון פארגליווערטקייט, וויפל עס איז אומבאדינגט נייטיק אפ אופצולעבן דעם ענד־גילטיק־אויסגעמאטערטן אָרגאניזם" [2].

אָבער ניט בעסער איז אויך געווען די לאגע פון די האנטווערקערישע ארבעטער אין די גרעסערע שטעט. „די ארבעט־צייט אין אלע אונדזערע ווארשטאטן,—לייענען מיר אין Минский Листок נום. 37 פארן 1887 יאָר,—דערגרייכט ביז 15־16 שאָ. אין דער צייט, ווען לויט דעם 153 ארטיקל פון האנטווערקערישן סטאטוט דארף ער דויערן נאָר 12 שאָ, פון 6 ביז 6 אינאָוונט (אריינגערעכנט אין דעם אויך צוויי שאָ אפ פרישטיק און מיטיק). עס איז אומעגלעך זיך פאָרצושטעלן אפ וויפל א 15־16 שאָענדיקער ארבעט־טאָג מאטערט אויס און גראָבט אונטער ס׳געזונט פון די געזעלן, און באזונדערס פון 13־14־יאָריקע לערן־ייִנגלעך, שוין ניט ריידנדיק וועגן דער פיזישער אומעגלעכקייט זיך צו אנטוויקלען גייסטיק און מאָראליש.... די לאגע פון די לערן־ייִנגלעך איז נאָך ערגער, איידער די לאגע פון די געזעלן... זיי מוזן ניט נאָר אויספילן שטוביקע ארבעטן, זיי ווערן נאָך געמאטערט מיט הונגער, אכוץ אין די יאָנטעוודיקע טעג, ווען עס ווערט זיי געגעבן א מיטיק פון אוגערקעס, וואָס קאָסטן זומערצייט זייער ביליק... לויט די ידיִעס, וואָס מיר פארמאָגן, איז די לאגע אין דעם פראט אזא, אז אין דעם גרעסטן טייל פון אונדזערע ווארשטאטן באקומען די לערן־ייִנגלעך אפ פרישטיק מאקסימום 2 קאָפּ. אָבער זייער אָפט איין קאָפּיקע און אלט־געבאקענעם ברויט. די „ברויט־פראגע" איז איינע פון די וויכטיקסטע פראגעס אינעם לעבן פון לערן־ייִנגל, וועגן וועלכער עס ווערן געפירט מיט די באלעבאטים און אָפטער מיט די באלעבאָסטעס אומענדלעכע מילכאָמעס, ווייל די לערן־ייִנגלעך פאָדערן פרישן ברויט. דערמיט דערקלערן זיך, ווי עס ווייזט אויס, די אָפטע אָנקלאָ־געס, וואָס עס קומען אָן אין „רעמעסלענע אופראווע", און וואָס ווערן דערמאָנט אין דער נאָטיץ פון דעם „רעמעסלענע גאָלאָווא". צו מיטיק ווערט געגעבן איין קאָפּיקע אפ צו קויפן די ערשטע „געריכט", וואָס באשטייט, געוויינטלעך, פון הערינג, אוגער־קעס אָדער זויער־מילך, דערנאָך ווערט געגעבן א זופ געקאָכט אָן פלייש און אָן פעטס.

[1] זע, Дела канцелярии Минского губернатора за 1901 г. № арх. описи-7818, Минский Историч. Архив

[2] זע, Маркс. Капитал. т. I стр. 190

אײַנאָוונט ווערט ווידער בעגעבנ די זופּ, וואָס עס בלײַבט פונ מיטיק, קיינ ברויט ווערט שוינ נימ געגעבנ אונ דערמיט ענדיקט זיכ די לעצטע סודע; טיי ווערט די לערנ־ייִנגלעכ ניט געגעבנ, אפּ א באָד באקומענ זיי אויכ ניט. אָט אזוי זעט אויס אינ אלגעמיינע שטריכנ די לאגע פונ דעמ לערנ־ייִנגל. אינ די קריסטלעכע ווארשטאטנ איז די דערנערונג אביסל בעסער, ווײַזט אויס, צוליב דער ביליקײַט פונ פלייש אונ פעטס, אָבער דערפאר זײַנענ די שטוביקע ארבעטנ שווערער״.

וועגנ דער לאגע פונ די האנטווערקערישע ארבעטער אינ ווילנע, אָנהייב 90־ער יאָרנ, דערוויסנ מיר זיכ פונ דער ביטע, וואָס עס האָט דערלאנגט דער שנײַדער־געזעל, טעוויע קאַפּוסט, דעמ ווילנער גובערנאטער אינ 1892 יאָר: [1] „לויט דעמ אלערהעכסטנ באפעל איז דער ארבעט־טאָג אינ די האנטווערקערישע ווארשטאטנ דורכנ געזעצ פונ 1879 יאָר באגרענעצט אפּ צוועלפ שאָ. ס׳זײַנענ שוינ אוועקגעגאנגענ 13 יאָר אונ ניט איכ אונ ניט מײַנע כאווײרים, די אנדערע ארבעטער, האָבנ נאָכ קיינמאָל ניט געשפּירט די וווילטעטיקע קראפט פונ דעמדאָזיקנ געזעצ פאר אונדזער לעבנ. פּונקט ווי פריִער, אזוי דויערט אויכ איצט די ארבעט אינ די ווארשטאטנ פונ 7 אינדערפרי ביז 11־12 בײַנאכט, אונ ערעוו־יאָנטעוו צווינגט אונדז דער באלעבאָס גאנצענע טעג אָפּצוזיצנ איבער דער ארבעט.״

ווי עס איז באוווּסט, ווערנ די ארבעט־באדינגונגענ באשטימט ניט נאָר דורכ דער לענג פונ ארבעט־טאָג אונ דער הייך פונ ארבעט־לוינ, נאָר אויכ דורכ די סאניטאר־היגיִענישע באדינגונגענ אפנ פאבריק.

מיר האָבנ שוינ געזענ, אז דער ייִדישער מאנופאקטור־ארבעטער האָט געמוזט פארדינענ מער אינ פארגלײַכ מיטנ ניט־ייִדישנ ארבעטער, קעדיי קענענ האלטנ זיכ אפנ לעבנ־ניוואָ פונ דעמ לעצטנ, אונ אז דערדאָזיקער אומשטאנד האָט אימ געצוווּנגענ צו פארברענגענ אינ דער מאנופאקטור, אינ ווארשטאט א גרעסערע צאָל שאָענ, ווי דער ניט־ייִדישער ארבעטער.

דאָס האָט אָבער אויכ באטײַט, אז דער ייִדישער ארבעטער איז א גרעסערנ טייל פונ טאָג געווענ אונטערגעוואָרפנ דער שעדלעכער ווירקונג פונ יענע קאָשמאַרע סאניטאר־היגיִענישע ארבעט־באדינגונגענ, צו וועלכע עס האָט זיי פארורטיילט דער ייִדישער קאפּיטאליסט. אונ מע דארפ זאָגנ, אז דער ייִדישער קאפּיטאליסט, האָבנדיק א מעגלעכקײַט אויסצומײַדנ די אופזיכט מיצאד דער פאבריק־אינספּעקציִע [2] (מיר דארפנ זיכ דערמאָנענ, אז מיר האָבנ דאָ צו טאָנ דעריקער מיט קליינע אונטערנעמונגענ אונ ניט מיט צענטראליזירטע מאנופאקטורנ), האָט ארויסגעוויזנ א וווּנדערלעכע דערפינ־דערישקײַט אינ פּראט פונ פארערגערנ די סאניטאר־היגיִענישע ארבעט־באדינגונגענ, אראָפּזעצנדיק דעמ ייִדישנ ארבעטער אפּ דער שטופע פונ פי. אָט איז א בײַשפּיל: אפּ דער וואָל־מאנופאקטור פונ לייבע פינוס, אינ שטעטל רוזשאני (ביאליסטאָקער רײַאָנ), האָט דער פאבריק אינספּעקטער געפונענ זייער אנ אָריגינעלע אײַנאָרדענונג פונ די רעטיראדנ. „די רעטיראדנ זײַנענ געווענ אויסגעבויט נעבנ צאמ, וואָס האָט

[1] דערדאָזיקער דאָקומענט איז פארעפנטלעכט אינ „רויטנ פינקעס״, צווייטער זאמלבוכ.

[2] האנאמ די לעצטע איז שטענדיק געשטאנענ אפּ דער זײַט פונ פאבריקאנט.

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0062-0121 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

אָפּגעטיילט דעם פאַבריק־הויף פון נעבן שכיינעסדיקן גאָרטן. אונטן אין צאַם, איז געווען אויסגעהאַקט אַ לאָך פון אַנדערהאַלבן קוואַדראַט פוס, די רעטיראַדן פון דער זייט פון פאַבריק זיינען געווען ,,אַרומגעצוימט מיט אַ צאַם, איבער וועלכן עס פלעגן מוזן אַריבערקריכן אָט די אַלע, וואָס פלעגן גיין אין די דאָזיקע ערטער און צוריק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער ראַפינירטער ציל פון מאַכן אַ לאָך אין צאַם און פון מאַכן אַ צאַם אַרום די רעטיראַדן איז באַשטאַנען אין פאָלגנדיקעס: די לאָך איז געמאַכט געוואָרן מיט ,,דער, קאַוואָנע, אַז די כאַזיירים זאָלן קענען פריי קומען פון דעם דערבייאיקן גאָרטן אין די רעטיראַדן און זיי אויסריינען, און דער צאַם האָט געשטערט די כאַזיירים אַריינצודרינגען ווייטער אין פאַבריק־הויף".

אָט אַזוי האָט דער ייִדישער טעקסטיל־פאַבריקאַנט, קעמפנדיק אַפן מאַרק קעגן דעם ניטייִדישן טעקסטיל־פאַבריקאַנט, וואָס האָט געהאַט אונטערנעמונגען מיט אַ מאָדערנער טעכניק, געשפּאָרט; דערפאַר האָט באַצאָלט דער ייִדישער אַרבעטער, באַצאָלט דערמיט, וואָס ער האָט געמוזט דערלויבן דעם ייִדישן קאַפּיטאַליסט צו איזדיעקעווען זיך איבער אים.

דאָס איז נאָך אָבער ווייניק. פאַרגעדענקנדיק יענעם קלאַל פון דער קאַפּיטאַליסטישער מאָראַל, אַז „אויב דער אַרבעטער געברויכט די צייט, וואָס עס געפינט זיך אין זיין רעשוס, פאַר זיך אַליין, באַגאַנוועט ער דעם קאַפּיטאַליסט" (מאַרקס), האָט דער ייִדישער קאַפּיטאַליסט גראָב און אָן צערעמאָניעס איגנאַנצן איגנאָרירט, אַף וויפל עס איז נאָר מעגלעך געווען, די פיזישע באַדערפענישן פון די אַרבעטער. „די מענטשן פון פאַראיאָריקן שטרייק־קאָמיסיאָן, ליינען מיר אין אַ פּראָקלאַמאַציע פון 1901 יאָר,— האָבן מוידע געווען, אַז בא זיי האָט זיך געשטעלט די האָר קאַפּויר, ווען די שטרייקנדע האָבן זיי דערציילט, וואָס זיי ליידן און שטייען אויס אין פאַבריק. צי דען האָט דער זשאַנדאַרמסקער, וועלכער האָט אייזערנע נערוון און אַ שטיינערנעם האַרץ, ניט געווישט זיינע אויגן, ריידנדיק מיט די אַרעסטירטע פאַפּיראָסנמאַכערקעס? אַ דאָקטער האָט באַוויזן, אַז בא דאָס ראָוו אַרבעטער זיינען געשוואָלן די פוזירן, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט קיין סאָרטיר־אויבן. ניט לאַנג איז געווען אָפּגעדרוקט אין „גראָדנענסקיע וועדאָמאָסטי" אַ סטאַטיסטיק, אין וועלכער עס איז באַוויזן, אַז פון 1500 אַרבעטער, וועלכע זיינען פאַרשריבן אַפן פאַבריק, האָבן דורך אַ יאָר געקרענקט מער ווי 1300 מענטשן! און דאָס זיינען די, וועלכע האָבן זיך באַנוצט מיט דער פאַבריטשנער באָלניצע. הייַנט וויפל האָבן זיך געהיילט אינדערהיים? אַנעמעסער בייסוילעם!" [1]

אַרויסגייענדיק פון אַ צווייטן קלאַל פון דער קאַפּיטאַליסטישער מאָראַל, אַז דער לעבן־דויער פון דעם אַרבעטער איז ווייניקער וויכטיק ווי זיין פּראָדוקטיוויקייט, קאָלזמאַן דערדאָזיקער לעבן דויערט, האָט דער ייִדישער קאַפּיטאַליסט זיך געגעבן גאָר די מי פיזיש אויסצוראָטן זיינע אַרבעטער. „די מאַשיניסטקעס האָבן געוויינט און געבעטן דעם אינספּעקטער,— ליינען מיר אין דערזעלביקער פּראָקלאַמאַציע,— אַז מע זאָל ניט קערן דעם פאָל אין דער צייט, ווען זיי געפינען זיך אין כיידער,

[1] „גראָדנער פאַבריק־פלוג־בלעטל", אַרויסגעגעבן פון גראָדנער סאָצ. דעמאָקראַט. קאָמיטעט, יאַנוואַר 1901. זע „רויטע בלעטער".



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

וואָרעמ זײ ווערנ דערשטיקט פונ טאַבאַק־פּוילנ. האָט ער זײ געזאָגט, אַז דאָס איז אומ־
מעגלעכ. ווײַל פונ די פּוילנ קלײַבט מענ אופ אַסאַכ טאַבעק און שערעשעווסקי קענ
ניט צוליב זײ לאָזנ זיכ וואַלגערנ סכוירע". אָט אַזוי האָט דער „גאָטפּאָרכטיקער יידי־
שער קאַפּיטאַליסט אָפּגעהיט דעמ געבאָט פונ זײַנ טוירע: „דו זאָלסט האָלט האָבנ דײַנ
כאַווער, ווי זיכ אַליינ".
אַזוי זײַנענ געווענ די סאַניטאַר־היגיִעניִשע באַדינגונגענ אַפּ די אונטערנעמונגענ
אויכ אינ אַנדערע אינדוסטריִע־צווײַגנ. „די סאַניטאַרישע באַדינגונגענ אַפּ די פאַב־
ריקנ,— לייענענ מיר אינ דעמ באַריכט פונ ביאַליסטאָקער סאָציִאַל־דעמאָקראַטישנ קאָ־
מיטעט אַפּנ 4־טנ אינטערנאַציִאָנאַלנ קאָנגרעס פונ די שפּינער און וועבער אינ
בערלינ אינ 1900 יאָר,— זײַנענ זייער שלעכטע: די לאָקאַלנ זײַנענ זייער ענגע,
די ווענטיליאַציע פעלט אינגאַנצנ, די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט שטויב, די באַלײַכטונג
איז זייער שלעכט. די מעדיציִנישע הילפ פאַר די אַרבעטער געפינט זיכ אינ אַ קלאָגנ־
דיקנ צושטאַנד, ניט געקוקט אַפּ די געזעצלעכע פאָרשריפטנ אינ דעמ פּראַוו. לויטנ
געזעצ מוז יעדע פאַבריק האָבנ איר אייגענעמ דאָקטער און איר אייגענע אַמבולאַ־
טאָריע, זי מוז האָבנ אַ שפּיטאָל־בעטל אַפּ יעדע הונדערט אַרבעטער; אינדערעמעסנ
אָבער ווערט דערדאָזיקער געזעצ מיצאַד די פאַבריקאַנטנ ניט אָפּגעהיט; ער צאָלט
דעמ דאָקטער זייער ווייניק און פאָדערט פונ אימ אַסאַכ אַרבעט, אַזוי, אַז דער דאָק־
טער קומט צו פאָרנ אַפּ דער פאַבריק נאָר איינ מאָל אינ כוידעש. די קראַנקע, וואָס
זײַנענ בא אימ געווענ איינ מאָל, גייענ צו אימ ניט אַ צווייטנ מאָל, עס איז קיינ
וווּנדער ניט, וואָס ער באַהאַנדלט אַזוי די קראַנקע: עס פּאַסירט, אַז איינער און
דערזעלביקער דאָקטער אַרבעט גלײַכצײַטיק אַפּ 15 פאַבריקנ... די אַמבולאַטאָריעס
זײַנענ שמוציק, האַלב־פינצטער און אינ זײ זײַנענ אָנגעלייגט סכוירעס".
דעמזעלביקנ בילד זעענ מיר אויכ אינ דער גאַרבערײַ. „די פאַבריק־געבײַדעס
זײַנענ נידעריק און פײַכט. די אַרבעטער און אַרבעטערנס באַגיסנ זיכ שטענדיק מיט
לייזונגענ פונ די ווייק־צאָפּעס, ווי אויכ פונ די אַשונג־און · אויסגאַרב־צאָפּעס. די
לופט איז אומדערטרעגלעכ שווער, דער אויר פונ די פעלנ פּילט אָנ שטענדיק דידאָ־
זיקע נאַסע לאָקאַלנ. די אַרבעטערנס, וואָס לייגנ איבער מיט הוילע הענט די פעלנ,
זײַנענ אינגאַנצנ נאַס פונ די צעלאָזונגענ, וואָס באַגיסנ זײ אינ דער צײַט פונ דער
אַרבעט. קאַלכ־לויג און גאַרבונג־זויער באַדעקנ די הענט, די פיס און אַפילע די פּענע־
מער פונ די אַרבעטער און אַרבעטערנס מיט ווונדנ. אינ די לאָקאַלנ, ווו די אַרבעטנ
ווערנ דורכגעפירט, איז ניטאָ קיינ ווענטיליאַציע, אייניקע פונ זײ (לאָקאַלנ) שטעלנ
פאָר מיט זיכ נידעריקע שמוציקע שטאַלנ. קיינ ספּעציִעלע לאָקאַלנ צומ טריקענענ
די פעלנ זײַנענ ניטאָ, און די פעלנ ווערנ געטריקנט דאָרטנ, ווו עס זײַנענ באַשעפ־
טיקט די אַרבעטער, אַזוי, אַז די לופט ווערט אָנגעגליט פונ אויוונ און ווערט דורכ־
געזאַפּט מיט די אויסדאַמפונגענ פונ די פעלנ... אַפּנ זאַוואָד פונ ב. האָב איכ געזענ,
צ. ב., ווי טראָפּנס פליסיקײַט פונ די פעלנ, וואָס האָבנ זיכ געטריקנט אַפּ שטאַנגענ און־
טערנ סופיט, זײַנענ שטענדיק געפאַלנ אַפּנ פּאָדלאָגע, באַגיסנדיק דערבײַ די אַרבעטער.
אינ די שמועסנ מיט די אַרבעטער האָבנ די לעצטע זיכ באַקלאָגט אַפּ קאָפּ־ווייטיק,
רעוומאַטיזמ אינ די פיס און ווייטיקנ אינ די האַנט־מוסקולנ... אָבער אָט די אַלע שעד־
לעכע אַרבעט־באַדינגונגענ זײַנענ נאָכ אַלצ גאָרניט אינ פאַרגלײַכ מיט דער שרעקלע־

כער אָרטיקער פלאָג — „די סיבירער יאזווע", מיט וועלכער מע שטעקט זיך זייער אָפט אָן אַפ דידאָזיקע זאוואָדן. פאר דעם צײַט־אָפּשניט פונ אָקטיאבער 1898 ביז מײַ 1899 האָבן די היגע דאָקטוירים קאָנסטאטירט צען פאלן פונ דערדאָזיקער קראנקײַט". [1]

אלזאָ, באם בויען די פאבריק־געבײַדעס, באם אײַנאָרדענען די ארבעט אינ זיי, האָט געגאָלטן אײן קלאל: וואָס מערער שפּאָרן אונ וואָס ווייניקער אָפּהיטן דאָס געזונט פונ די ארבעטער. „קימאט א העלפט פונ די וואָלקאָווישקער ארבעטער — לייענען מיר וועגן די ארבעט־באדינגונגען בא די בערשטער אינ א קאָרעספּאָנדענץ פונ ווילקאָווישק, דעם 25־טן סענטיאבער 1896 יאָר — איז קראנק אַפ לונגען־קראנקײַט; אויסער דעם האָבן זיי שטענדיק וווּנדן אַפ די פיס פונ דער שטענדיקער ארבעט שטייענדיקערהײט" [2]). אינ דערזעלבער קאָרעספּאָנדענץ לייענען מיר: „אינ אָט דער צײַט איז פאָרגעקומען פאָלגנדיקער צופאל: באם פאלמעסן א בערשטער, וואָס איז געווען אוועק אינ דער ארמיי אונ איז טייקעף נאָכדעם געשטאָרבן, האָט מען געפונען די לונגען אינגאנצן צעפרעסן פונ שטויב. דאָס האָט געמאכט א גרויסן רוישעם אין שטאָט [3])".

אַפ די טאבאק־אונ שוועבעלעך־פאבריקן איז אויסגעקומען ווייניקער פונ אײנ קוב. קלאפטער. אַפ אן ארבעטער: „אַפ די טאבאק־פאבריקן איז די גרעסטע געפרעסטקײַט פונ די ארבעטער אינ די פאפּיראָסן־אונ ציגארן־אָפּטיילונגען, ווו די ארבעטער זיצן געוויינטלעך שטײַף אײנער לעבן צווייטן, אונ ווו דער קובישער סכום לופט אַפ א מענטשן איז זעלטן מער פאר א האלבן אָדער דריטל קלאפטער, ווי צ. ב., אַפ דער טאבאק־פאבריק פונ כארליפ אונ מינסק אָדער אַפ דער טאבאק־פאבריק פונ הירשע אפעל אינ בריסק. אינ ווילנע האָט זיך אַפ דער טאבאק־פאבריק פונ עדעלשטיינ נאָך דער אויסמעסטונג ארויסגעוויזן, אז 75 פאפּיראָסן־ארבעטער זײַנען געווען צונויפגעפרעסט אינ א לאָקאל פונ 40 קובישע קלאפטער. אַפ דער גילזן־פאבריק פונ לייזער מאנדעלבלאט אינ בריסק האָבן אַפ א רוים פונ 18 קובישע קלאפטער געארבעט 31 מאנ; אַפ דער גילזן־פאבריק פונ רובינרויט אינ בריסק האָבן אינ א לאָקאל פונ 30 קובישע קלאפטער געארבעט 55 ארבעטער; אַפ דער גילזן־פאבריק פונ מ. רובינרויט איז דיזעלביקע צאָל ארבעטער געווען צונויפגעפרעסט אינ א לאָקאל פונ 25 קובישע קלאפטער" [4]).

אַפ וויפל די סאניטאר־היגיענישע ארבעט־באדינגונגען פונ די ייִדישע ארבעטער האָבן געמאכט כויזעק אפילע פונ דער צארישער פאבריק־געזעצגעבונג, איז צו זען דערפונ, וואָס די פאבריק־אינספּעקציע פלעגט אַפ די ייִדישע פאבריקן זייער אָפט מאכן פּראָטאָקאָלן צוליב דעם. אינטערעסאנט איז, ווי אומפארשעמט עס פלעגן די ייִדישע קאפּיטאליסטן זיך פּרוּוון פארענטפערן. אינ 1906 יאָר האָט דער פאבריק־אינספּעקטער געמאכט א פּראָטאָקאָל אַפ דער קנעפלעך־פאבריק פונ די ברידער נאטאנזאָן אינ דווינסק, ווײַל דער סכום לופט אינ אונטערשטן עטאזש פונ דער דערמאָנטער

[1]) זע, „Восход" за 1901 г. кн. 38.
[2]) זע „דער ייִדישער ארבעטער" נומ. 1, 1896
[3]) אויך דאָרטן.
[4]) זע, Городков, цит, сочин., стр. 77

פאבריק איז געווען 123 קובישע קלאַפטער, געאַרבעט האָבנ אפנ דאָזיקנ עטאַזש—97 מאַנ. אינ אויבערשטנ עטאַזש איז דער סכום לופט געווען 175 קוב. קלאַפטער אונ געאַרבעט האָבנ דאָרטנ 254 מאַנ, אזוי, אז אפ איינ ארבעטער איז אויסגעקומענ 0,69 קוב.קלאַפט.

דער ייִדישער קאפיטאַליסט נאַטאַנזאָנ האָט אָבער געהאַט די כוצפע זיכ צו פארענטפערנ אפ אזא אופנ: אינ די מעלוכישע אונ פריוואַטע לערנ־אנשטאַלטנ אינ דווינסק קומט ניט אויס אפ יעדער שילער אָנדערהאַלבנ קובישע קלאַפטער לופט. דאָס דערקלערט זיכ דערמיט, וואָס די נאָרמע אָנדערהאַלבנ קובישע קלאַפטער איז די מאַקסימאַלסטע, די סאַמע געווונטשענע, אָבער ניט אלעמאָל די דערגרייכבאַרע. אויב די מעלוכע קענ ניט דערגרייכנ די דאָזיקע מאַקסימאַלע נאָרמע אינ די לערנ־אנשטאַלנ, ווו עס ווערנ דערצויגנ יונגע אָרגאַניזמענ, דער שײַנ אונ די צוקונפט פונ לאַנד, קענ מענ דאָכ אַוודע ניט שטעלנ אזא פאָדערונג צו א פריוואַטער פערזאָנ, צו א פאבריקאנט" [1], דערפאר דערקלערט דער פאבריקאנט פאר אומעגלעכ אינ דער נאָענטסטער צײַט צו פארגרעסערנ די געבײַדע פונ דער פאבריק. די סאַניטאַר־היגיִענישע באדינגונגענ אפ דער פאבריק האָבנ אָבער געטראָגנ אזא כאראַקטער, אז אפילע דער צאַרישער פאבריק־אינספעקטער האָט אינ דער קאָמיסיע, וואָס דער גובערנאַטער האָט אויסגעטיילט אפ אויסצופאָרשנ דעמדאָזיקנ איניען, ענדגילטיק אָפּגעזאָגט זיכ צו רעכענענ מיט דער ארגומענטאַציע פונ פאבריקאַנט. „דעמ טערמינ, וואָס נאַטאַנזאָנ באשטימט אפ אופצוזוכנ א גרעסערע געבײַדע פאר זײַנ פאבריק, האַלט דער רעפערענט (דער פאבריק־אינספעקטער) פאר א צו לאַנגנ אונ דערקלערט עס נאָר מיט נאַטאַנזאָנס שטרעבונג אויכ ווײַטער צו שפאָרנ אפנ כעזשבנ פונ דעמ געזונט אונ לעבנ פונ די מיידלעכ אונ קינדער, וואָס זײַנענ בא אימ באשעפטיקט. נאַטאַנזאָנס ארגומענט וועגנ דער אומפארמײַדלעכקײַט אָפּצוזאָגנ א טייל ארבעטער (אויב מע וועט אימ צווינגענ טייקעף צו שאפנ א גרעסערע געבײַדע), דארפ מענ לויט דער מיינונג פונ רעפערענט באגיטיקנ, ווײַל דער פארדינסט פונ די ארבעטער אפ נאַטאַנזאָנס פאבריק, וואָס באטרעפט דורכשניטלעכ 40־50 רוב. א יאָר בא א 12־שאָעדיקנ ארבעט־טאָג, אינ אנ אטמאָספער, וועלכע איז פארגיפטעט פונ קוילנ־גאַז, קענ קוימ קאָמפּענסירנ דאָס פארקירצנ דעמ לעבנ פונ די ארבעטער, וואָס זײַנענ באשעפטיקט אינ אזא אטמאָספער".

דער רוסישער ארבעטער, ווי א סאָציִאַלער טיפּ, איז אסאַכ עלטער פונ ייִדישנ ארבעטער [2] אונ אפ זײַנ אָרגאַניזמ האָט די קאפיטאַליסטישע פאבריק מיט אירע שעדלעכע סאַניטאַר־היגיִענישע ארבעט־באדינגונגענ אָנגעהויבנ אסאַכ פריִער איר רויִנירנדיקע ווירקונג. פּאָגאָזשעוו נאָכ האָט געפונענ, אז „דער שווערער אײַנדרוק, וואָס עס מאַכט די מוסקולאַטור אונ דער אלגעמיינער אויסערלעכער אויסזענ פונ דעמ

1) זע, Дело № 1 за 1906-7 г. Витебск. губ. по фабр. и горно-заводским делам Присутствия. Минский Историч. архив.

2) צווישנ דעמ רוסישנ פּראָלעטאַריאַט געפינענ מיר א שיכט ארבעטער, וואָס פירט זײַנ פּראָלעטאַרישע געאָלאָגיע נאָכ פונ 18־טנ י. ה., פונ יענע צײַטנ, ווענ די פאבריקאַנטנ „האַלטנדיק פאר ניט רענטאַבל צו האָבנ אפ זייערע פאבריקנ פויערים מיט זעלבשטענדיקע ערדארבעטערשע ווירטשאַפטנ, פלעגנ זיי פארוואַנדלענ אינ אײנפאַכע באטראַקעס", אפ אזא אופנ, אז די צוגעשריבענע צו דער פאבריק אָדער געקויפטע פויערים פלעגנ זיי אריבערוואַרפנ פונ יענע ערטער, ווו די פויערים האָבנ געהאַט זייערע אייגענע ווירטשאַפטנ, אפ די זאַוואָדנ, ווו מע האָט זיי קיינ ערד ניט געגעבנ (זע, Балабнаов цит. сочин. ч. I стр. 43).

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0064-0125 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

גרעסטנ טייל ארבעטער אפ די גרויסע פאבריקנ, פארשטארקט זיכ בא דער קאזיאָנער „אלטער פאבריק־באפעלקערונג“ [1].

דער ייִדישער ארבעטער אָבער איז, אלס א סאָציִאלער טיפ, אסאכ ייִנגער אונ האָט ניט געארבעט ניט נאָר אפ פאבריקנ אינ אייגנטלעכנ זינ פונ וואָרט, נאָר אפילע אפ גרויסע מאנופאקטורנ. אפ זײַנ אָרגאניזמ האָבנ די סאניטאר־היגיִענישע ארבעט־באדינגונגענ פונ דער קאפיטאליסטישער פאבריק ניט געקענט האָבנ זייער רויִנירנ־דיקע ווירקונג; פונ דער אנדער זײַט, איז ער אָבער געקומענ אפ דער קליינער פאבריק ניט פונ דאָרפ, ניט פונ דער ארבעט אפ דער פרײַער לופט, אונ דערפאר אויכ — מיט א שוואכנ, קרענקלעכנ אָרגאניזמ. די סאניטאר־היגיִענישע באדינגונגענ, אפ וועלכע עס האָט אימ פארורטיילט דער ייִדישער קאפיטאליסט, האָבנ געמוזט זייער שנעל רויִנירנ זײַנ אָרגאניזמ.

ס'האָט זיכ געקענט דוכטנ, אז פונ אזא אינסטיטוט, ווי פאבריק־קראָמענ, האָבנ די ייִדישע ארבעטער ניט געדארפט אייגנטלעכ לײַדנ, אפ וויפל די אונטערנעמונגענ, וווּ עס זײַנענ געווענ באשעפטיקט די ייִדישע ארבעטער, זײַנענ ניט געלעגנ אינ די דערפער. דאָס האָט דאָכ, ווי באקאנט, געדינט אלס טערעצ פאר די רוסישע פאברי־קאנטנ באמ עפענענ קראָמענ בא די פאבריקנ—זיי זײַנענ קלוימערשט ארויסגעגאנגענ פונ הומאניטארע טײַמימ: זיי האָבנ געשטרעבט צו פארזאָרגנ זייערע ארבעטער מיט די נייטיקע פראָדוקטנ, וואָס עס האָט, פארשטייט זיכ, זיי לאכלוטנ ניט געשטערט אײַנצופירנ פאר די ארבעטער, אז זיי מוזנ אָבליגאטעריש קויפנ פראָדוקטנ אינ די פאבריק־קראָמענ.

אָבער ניט געקוקט דערופ, האָבנ די ייִדישע קאפיטאליסטנ דאָכ פארשטאנענ, אויסצונוצנ אויכ אזא אינסטיטוט, קעדיי צו פארגרעסערנ די עקספלואטאציע פונ די ארבעטער. אזויווי זיי פלעגנ ניט פינקטלעכ אויסצאָלנ דעמ ארבעטער דעמ ארבעט־לוינ—אָפטמאָל איינ מאָל אינ א האלב יאָר—פלעגנ זיי ארויסגעבנ אָנשטאָט געלט צעטלעכ צו א באשטימטנ קרעמער, וואָס פלעגט זיי אָפלאָזנ די נייטיקע סכוירעס אפ באָרג, לויט העכערע פרײַזנ, פארשטייט זיכ. דאָס האָט זיכ פראקטיקירט באזונ־דערס אָפט אינ גארבער־רײַאָנ (סמאָרגאָנ, קרינעק אונ אנד.)

---

[1] ציטירט לויט Балабанов, указ. сочин. ч. I стр. 49



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
UB DFG

# דער סאָציאלער, פּאָליטישער אונ קולטערעלער פּאָנעמ פונעמ יידישנ ארבעטער באמ באגינענ פונ דער ארבע־טער-באוועגונג.

עס עקזיסטירט א מיינונג, אז איינע פונ די סיבעס פאר דער פריערדיקער אונ שנעלערער פארשפרייטונג פונ דער סאָציאל־דעמאָקראטישער באוועגונג צווישנ די יידישע ארבעטער, אינ פארגלײַכ מיטנ ניט־יידישנ ארבעטער, איז געווענ אויכ דאָס, וואָס „דער ארבעטער־קלאס אינ אייגנטלעכנ רוסלאנד איז געווענ, אזוי צו זאָגנ, היסטאָריש יינגער, דערשײַנענדיק אפ דער היסטאָרישער סצענע פארהעלטענישמעסיק גאָר ניט לאנג, אינגאנצנ מיט א צוויי-דרײַ יאָרצענדליקנ צוריק".

א. יעלניצקי [1]), וואָס באהויפּטעט עס, איז אינ דעמ פאל אינגאנצנ אײַנשטימיק מיט אקימאָוו (מאכנאָוועצ); אקימאָוו,—אָנווײַזנדיק אפ דעמ, אז די געזעלשאפטלע־כע באוועגונג צווישנ דער יידישער אינטעליגענצ האָט זיכ אָנגעהויבנ נאָכ אינ די 40־ער יאָרנ, זאָגט: „די יידישע ארבעטער־באוועגונג איז נאָכ עלטער, איידער די באַ־וועגונג פונ דער אינטעליגענצ. צווישנ די ארבעטער האָבנ נאָכ פונ לאנגע צײַטנ עקזיסטירט קאסעס אפ אונטערשטיצנ דעמ קאמפ קעגנ די באלעבאטימ, פאר דער אויסבעסערונג פונ די ארבעטער־באדינגונגענ; עס קענ זײַנ, אז דידאָזיקע אָרגאניזאציעס פירנ זייער אָנהייב פונ יענע צײַטנ, ווענ עס האָבנ עקזיסטירט אינ פוילנ אונ אינ דײַטשלאנד צעכנ, אינ וועלכע עס פלעגנ ניט ארײַנגענומענ ווערנ יידישע ארבעטער" [2])

עס פארשטייט זיכ, אז אויב אזוי איז עס טאקע געווענ, איז דער רוסישער ארבעטער־קלאס היסטאָריש יינגער פאר די יידישע ארבעטער. דאָס איז אָבער לאכ־לוטנ ניט ריכטיק. שוינ ניט ריידנדיק וועגנ דעמ, וואָס אקימאָוו אידענטיפיצירט אינ געגעבענעמ פאל צעכישע אָרגאניזאציעס פונ האנטווערקערישע געזעלנ מיט פראָפעס־סיאָנעלע פאריינענ פונ ארבעטער, פאלט דאָ דער אוטער ארײַנ נאָכ אינ א צווייטנ פעלער: ער נעמט אָנ, לויט דער אנאלאָגיע מיט מײַרעוו־אייראָפּע, ווי עפּעס א זעלבסטפארשטענדלעכקײַט, אז צווישנ די יידישע האנטווערקערישע ארבעטער האָט אויכ עקזיסטירט עפּעס אזוינס ווי געזעלנ־פארבאנדנ אָדער געזעלשאפטנ פאר קעגנ־זײַטיקער הילפ, אינ דער צײַט, ווענ מיר האָבנ לאכלוטנ ניט קיינע שומ פאקטישע מאטעריאלנ, וואָס זאָלנ דערלויבנ צו מאכנ אזוינע אויספירנ [3]),

[1]) זע, А. Ельницкий. История раб. движ. в россии ч. I, стр. 56

[2]) זע, Акимов (Маховец) Очерки развития соц.-дем. в России. стр. 15

[3]) אונדז איז באוווסט נאָר איינ פאקט פונ א פרווו, וואָס עס האָבנ געמאכט יידישע האנטווערקערישע ארבע־טער אינ רוסלאנד אפ זיכ צו אָרגאניזירנ באזונדער פונ די באלעבאטימ—אינ 1841 יאָר. דער־דאָזיקער פרווו איז ניט געלונגענ (זע פראָפ. סאָסיס „די יידישע באלמעלאָכעס אונ זייערע פראָבלימ" „צײַטשריפט" ב. 4.)

דערפאר ווייסן מיר אָבער (זע ערשטן קאפיטל), אז צום אָנהייב פון די 90־ער יאָרן האָט די האנטווערקערייַ אין וויַיסרוסלאנד זיך ערשט אָנגעהויבן צו קאפיטאליזירן און אז דערדאָזיקער פּראָצעס האָט זייַן פולע אנטוויקלונג באקומען ערשט פון אָנהייַב 900־ע יאָרן. צום אָנהייב פון די 90־ער יאָרן אָבער האָט א גאנצ קליינער טייל פון ייִדישע האנטווערקערישע ארבעטער פארלאָרן די האָפענונג זיך איינצושאפן קליינע זעלבשטענדיקע ווארשטאטן, זיך פארוואנדלענדיק אפ אזא אויפן אין שטענדיקע ארבעטער—אין פּראָלעטאריער. אפ וויפל עס איז נאָך ניט האָפענונגלאָז געוועזן אין יענע יאָרן די פּערספּעקטיוו פאר דעם ייִדישן געזעל צו ווערן א זעלבשטענדיקער מייַסטער אפילע אין דעם גרעסטן צענטער פון קאנט, אין ווילנע, איז צו זען אפילע דערפון, וואָס אין די ווילנער ייִדישע ארבעטער־קרייַזלעך, וואָס זייַנען באשטאנען קימאט אויסשליסלעך פון האנטווערקערישע ארבעטער, האָט זיך אין דער ערשטער העלפט פון די 90־ער יאָרן גערעכנט פאר אן אלגעמיינעם קלאל, „אז א באוווּסטזיניקער ארבעטער, וואָס איז געוואָרן א מייַסטער און האָט געדונגען כאָטש איין געזעל, פלעגט באזייַטיקט ווערן פון דער אָרגאניזאציע. זעלבשטענדיקע קוסטארעס־יעכידים האָט מען געדולדעט אין דער אָרגאניזאציע, אָבער זייערע באציִונגען צו די לערן־ייִנגלעך, וועלכע זיי פלעגן האלטן, זייַנען געשטאנען אונטער א שטרענגער אויפזיכט" [1]. און אָפט פלעגט די אָנפירער פון די קרייַזן אויסקומען צו באאָבאכטן, ווי די סאמע אקטיווע מיטגלידער, ווערנדיק זעלבשטענדיקע מייַסטערס, פלעגן אייַנשטעלן ווייַט ניט קיין כאווערישע באציִונגען צו זייערע לערן־ייִנגלעך [2].

ווי דאָס זאָל אָבער ניט זייַן, איז אויב ס'איז עקאָנאָמיש וואָס וויַיטער אלץ שווערער געוואָרן זיך צו דערשלאָגן די לאגע פון א מייַסטער, איז דאָך פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ש דער שנייַדערשער, שוסטערשער אָדער סטאָלער־געזעל געוועזן נאָך א גוטער האנטווערקער. און דאָס איז געוועזן אין ווילנע, ווו די צעלייגונג פון האנטווערקערייַ איז אוועק וויַיטער ווי ערגעץ אנדערשווו. ווי האָט אויסגעזען אלס סאָציִאלער טיפּ דער האנטווערקערישער ארבעטער אין די קלענערע שטעט און אין די שטעטלעך, איז לייַכט זיך פאָרצושטעלן.

אלזאָ, די ייִדישע ארבעטער, וואָס זייַנען געוועזן באשעפטיקט אין די האנטווערקערישע פּראָדוקציעס, אפ וויפל זיי האָבן אופגעהערט צו זייַן האנטווערקער און זייַנען געוואָרן ארבעטער, זייַנען זיי געוועזן היסטאָריש זייער יונג, אסאך ייִנגער איידער די גרונט־מאסן פון די רוסישע ארבעטער. אכוץ דעם זייַנען אזעלכע ארבעטער אין אָנהייב פון די 90־ער יאָרן געוועזן זייער ווייניק אין צאָל.

היסטאָריש פריִער האָבן זיך אויסגעבילדעט יענע גרופּן ייִדישע ארבעטער, וואָס מיר געפינען אין אָנהייב פון די 90־ער יאָרן אין די מאנופאקטורן. צווישן זיי האָבן

[1] זע, Мартов. записки соц.—дем, стр. 193

[2] ווי עס איז באוווּסט האָבן די לאסאליִאנישע און אייַזענאכישע פּראָפּפאראייִנען אין דייַטשלאנד אָנגענומען אלס מיטגלידער אויך קליינע מייַסטערס. איינער פון די מאָטיוון אין געוועזן דאָס, וואָס דעמלט ד. ה. אין מיטן פון די 70־ער יאָרן, האָבן ארבעטער, מיטגלידער פון פאראייִנען, אסאך אָפטער ווי איצט, געקענט ווערן זעלבשטענדיקע מייַסטערס, און עס איז ניט ווינטשנסווערט געוועזן אָפּצושטויסן פון זיך דידאָזיקע אָפּטמאָל זייער פייִקע עלעמענטן, צווינגענדיק זיי ארויסצוגיין פון די פאראייִנען. (זע Про-фесс. движение, Нестрипке. ч. I стр. 129.

זיך פריִער פון אלעמען אויסגעבילדעט די יידישע טעקסטיל־ארבעטער—די וועבער. אָבער אויך דידאָזיקע סאמע עלטערע גרופּע פון די יידישע ארבעטער איז אין איר מאסע [1] צו יענער צייט (צום אָנהייב פון די 90־ער יאָרן) קוים געווען עלטער ווי דריי יאָרצענדליקן. אין די 50־יאָרן האָט אין ביאליסטאָקער ראַיאָן, ווי מיר האָבן שוין געזען, זיך נאָך גענוג פעסט געהאלטן די קוסטארישע וועבעריי, און ערשט אין יענער צייט הייבט אָן די קאפּיטאליסטישע פאבריק און די מאנופאקטור ענערגיש ארויסשטויסן די קוסטארישע פּראָדוקציע. אַסאך שפּעטער ווי די טעקסטיל־ארבעטער האָבן זיך אויסגעבילדעט די יידישע גארבער. מיר האָבן שוין געזען, אז סיי אין סמאָרגאָן, סיי אין מאָלעווער גובערניע באוויזן זיך יידישע גארבער אין מיטן פון די 80־ער יאָרן.

די ערשטע בערשטער־פאבריק אין צאָפּן־מייַרעוודיקן קאנט אנטשטייט אין ווילקאָווישק (געוו. סוּוואלקער גוב:) אין 1875 יאָר [2], אָבער א פארשפּרייטונג באקומט דערדאָזיקער אינדוסטריע־צווייַג ערשט פון די 80־יאָרן (קרעסלאווקע, נעוול, מעזשריטש, קנישן און אנד.).

די ערשטע טאבאק־פאבריקן אנטשטייען אין די 50־ער און 60־ער יאָרן.

אלזאָ, ניט נאָר, וואָס די גרונט־מאסן פון די יידישע ארבעטער האָבן זיך ניט אויסגעבילדעט פריִער פון דעם רוסישן ארבעטער־קלאס, נאָר אפילע די סאמע עלטסטע גרופּע פון די יידישע ארבעטער (די וועבער) איז היסטאָריש ניט עלטער, ווי די עלטסטע שיכטן רוסישע ארבעטער, וואָס באוויַזן זיך נאָך, ווי מיר האָבן שוין געזען, אין 18־טן י. ה. [3].

אלזאָ, דער היסטאָרישער עלטער פון די יידישע ארבעטער איז זייער א קליינער, קלענער ווי דער היסטאָרישער עלטער פון די גרונט־מאסן פון רוסישן ארבעטער־קלאס. דערביי זייַנען היסטאָריש באזונדערס יונג יענע גרופּן פון די יידישע ארבעטער, וואָס זייַנען געווען די פּיִאָנערן פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג, ד. ה., די ארבעטער פון די האנטווערקערישע פּראָדוקציעס, דאפקע יענע ארבעטער, צווישן וועלכע די סאָציִאל־דעמאָקראטישע פּראָפּאגאנדע און אגיטאציע האָט זיך אָנגעהויבן פריִער און האָט זיך פארשפּרייט באזונדערס שנעל—א דערשייַנונג, וואָס א. יעלניצקי, ווי מיר האָבן געזען, דערקלערט ניט ריכטיק מיט דעם גרעסערן היסטאָרישן עלטער פון די יידישע ארבעטער אין פארגלייַך מיט זייערע רוסישע ברידער.

דער יידישער מאנופאקטור־ארבעטער האָט זיך פּאָזיטיוו אונטערגעשיידט פון דעם האנטווערקערישן ארבעטער ניט נאָר מיט זייַן גרעסערן היסטאָרישן עלטער. אלס אן

[1] איינצלנע גרופּן יידישע וועבער, ווי עס באוויַזט א. יודיצקי אין זייַן ארבעט „יידישע בורזשואזיע און יידישער פּראָלעטאריִאט אין דער ערשטער העלפט XIX י. ה.״—זייַנען אסאך עלטער און האָבן שוין עקזיסטירט אין אָנהייב XIX י. ר.

[2] זע, „Фабр.-заводские предприятия Росс. Империи,“ изд. совета с'ездов торговли и промышл. 1914 г.

[3] „דער קלאס ארבעטער, וועלכע האָבן ניט קיין אייגענעם דאך, וועלכע האָבן ניט פאקטיש קיין שום אייגנטום... האָט זיך אויסגעבילדעט ניט פון נעכטיקן טאָג; ער האָט שוין זייַן פאבריק־גענעאלאָגיע און ניט קיין קליינער טייל פון דידאָזיקע ארבעטער ציילט שוין דעם דריטן דאָר״ זאָגט דעמענטיעוו וועגן די ארבעטער פון מאָסקווער גוב., וואָס ער האָט אויסגעפאָרשט (זע דעמענטיעווס ציטירטע ווערק 46).

ארבעטער פונ דער מאנופאקטור, איז ער שוינ דערמיט אליינ געווענ א העכערע־סאָציאַלער טיפּ, ווי דער האנטווערקערישער ארבעטער.

ווי באשיידנ עס זײַנענ ניט געווענ די באזונדערע אונטערנעמונגענ אינ יענע פּראָדוקציע־צווײַגנ, ווו עס האָט געהערשט די מאנופאקטור, אינ פארגלײַכ מיט מאָדערנע פאבריק־זאוואָדישע אונטערנעמונגענ, זײַנענ זיי דאָך, אינ פארגלײַכ מיט די האנטווערקערישע ווארשטאטנ, געווענ פונ גאנצ אימפּאָזאנטע מאסשטאבנ. דער גרעסטער שוסטער־ווארשטאט אינ ווילנע (ליאכינסקעס) האָט אָנגעצײלט אינ 1896 יאָר 32 ארבעטער [1]. אינ דערזעלבער צײַט זײַנענ אינ דער בערשטער־אינדוסטריע, ווי מיר האָבנ געזענ, געווענ אסאכ אונטערנעמונגענ ניט נאָר מיט 30־40 ארבעטער, נאָר איינ אונטערנעמונג האָט אפילע געהאט מערער פונ 100 ארבעטער אונ דרײַ אונטערנעמונגענ — צו 50 ארבעטער אונ העכער.

אינ קרינעק, צ. ב., זײַנענ אינ מיטנ פונ די 90־ער יאָרנ געווענ 600־700 גארבער [2], אינ סמאָרגאָנ, צומ אָנהייב 20־טנ י. ה. — 1.500 גארבער [3].

שוינ אָפּגערעדט פונ דער טעקסטיל־אינדוסטריע, ווײַל שוינ אינ 1885 יאָר זײַנענ אפּ דער יידישער פאבריק פונ פינעסנ געווענ באשעפטיקט 116 ארבעטער [4].

אפּ שערעשעווסקעס טאבאק־פאבריק אינ גראָדנע זײַנענ געווענ אינ 1885 יאָר, ניט רעכענענדיק די באשעפטיקע 147 קינדער, — 700 ארבעטער [5].

אפּ דער שוועבלעכ־פאבריק פונ זאקס אינ דווינסק זײַנענ אינ 1885 יאָר געווענ, ניט רעכענענדיק די קינדער — 180 ארבעטער [6].

א טאבאק־ אָדער שוועבלעכ־פאבריקאנט, אָדער א באזיצער פונ א כאזער־האָר־פאבריק איז געווענ, ווי א סאָציאַלער טיפּ, אסאכ נעענטער צומ מאָדערנעמ קאפּיטאליסט, ווי דער באזיצער פונ סאמע גרעסטנ שנײַדערשנ אָדער שוסטערשנ ווארשטאט. אינ העסקעמ מיט דעמ, איז אויכ דער יידישער ארבעטער פונ דער טאבאק־ בערשטער־ אָדער טעקסטיל־פאבריק געווענ, ווי א סאָציאַלער טיפּ, אדאנק זײַנ אָביעקטיווער לאגע אינ פּראָצעס פונ געזעלשאפטלעכער פּראָדוקציע, אסאכ נעענטער צומ מאָדערנעמ פּראָלעטאריער, איידער דער שנײַדער אָדער סטאָלער־געזעל. יענע מינדערהײַט פונ דידאָזיקע האנטווערקערישע ארבעטער, וואָס האָט שוינ געהאט פארלאָרנ די האָפענונג זיכ צו דערשלאָגנ צו דער לאגע פונ א מײַסטער, איז געווענ ארומגערינגלט מיט א מאסע ארבעטער, וואָס זייערע שטימונגענ האָבנ נאָכ טיפּ געוואָרצלט אינ דער האנטווערקערײַ אונ זײַנענ געווענ א שטערונג פאר דערדאָזיקער מינדערהײַט אפּ איר וועג צו א ברייטערער קלאסאָווער צונויפשמעלצונג. מיט איינ וואָרט, דער האנטווערקערישער ארבעטער איז אינ אסאכ א קלענערער מאָס געווענ א פּראָלעטאריער, ווי דער גארבער, בערשטער אָדער וועבער. דערדאָזיקער ארבעטער איז דער־

1) „דער יידישער ארבעטער" 1 1896.

2) אויכ דאָרטנ.

3) זע, „Последние Известия" от 2 апр. 1903 г.

4) זע, Городков, цит. сочин.

5) אויכ דאָרטנ.

6) אויכ דאָרטנ.

פאר געווענ אסאכ ווייניקער פּייִק אופּצונעמענ די לערע וועגנ קלאסנ־קאמפּ, וועגנ קלאסנ־סטירעס ווי די לעצטע.

דאָס האָט נאָכ באמערקט מארטאָוו, וואָס האָט אָנגעפירט אינ אָנהייב פונ די 90־ער יאָרנ מיט ייִדישע ארבעטער־קרײַזלעכ אינ ווילנע. אינ דער צײַט, ווענ די האנטווערקערישע ארבעטער האָבנ, דורכארבעטנדיק דעמ „קאָמוניסטישנ מאניפעסט“, בעשום אויפנ זיכ ניט געקענט פאָרשטעלנ די צווישנ־באציִונגענ פונ פארשיידענע קלאסנ אונ זייער סאָציִאלער נאטור [1], באקומט דער ארבעטער פונ עדלשטיינס טאבאק־פאבריק, רוווּנ פרידמאנ, אזא כאראקטעריסטיק פונ אווטער: „בא דער נאָענסטער באקאנטשאפט איז געווענ לײַכט צו זענ, אז דערדאָזיקער „ריינער פראָלעטאריער“, וואָס איז ניט געווענ געבונדנ מיט קיינ .האנטווערקערישע טראדיציעס אונ וואָס איז דורכגעגאנגענ א שווערע שול פונ ארבעט אינ דער סאמע קאפּיטאליסטישער אונטערנעמונג פונ ווילנע—אפ עדלשטיינס טאבאק־פאבריק, האָט פאָרגעשטעלט מיט זיכ גאָר אנ אנדערנ קולטור־סאָציִאלנ־טיפּ, ווי די מערהײַט פונ אונדזערע געזעלנ. דער פּאָליטישער אונ סאָציִאלער ראדיקאליזמ זײַנענ אסאכ שארפער געווענ אויסגעדריקט אינ אימ אונ האָבנ לאכלוטנ ניט געטראָגנ קיינ בוכ־אונ קרײַזל־כאראקטער, ווי דאָס האָט זיכ אָפּט געמערקט בא מײַנע אנדערע שילער. די מאָטיווונ פונ סאָציִאלנ חאס האָבנ אסאכ דײַטלעכער געקלונגענ אינ אימ.“ [2]

אָבער אינ דערזעלביקער צײַט איז דער ייִדישער מאנופאקטור־ארבעטער געווענ אונטערגעוואָרפנ דער ווירקונג פונ א גאנצער ריי פאקטאָרנ, וואָס האָבנ באדײַטנדיק אָפּגעשוואכט, באמ באגינענ פונ דער ארבעטער־באוועגונג, יענע מײַלעס פונ זײַנ אָביעקטיווער לאגע אינ פּראָצעס פונ געזעלשאפטלעכער פּראָדוקציע, אינ זינ פונ אויסארבעטנ א פּראָלעטארישע קלאסאָווע פּסיכאָלאָגיע.

אפּ די סאמע גרעסטע אונטערנעמונגענ, ווו עס האָבנ דאָמינירט ייִדישע ארבעטער—מיר מיינענ די טאבאק־אונ שוועבעלעכ־פאבריקנ — זײַנענ די ארבעטער אינ דער גרעסטער מערהײַט באשטאנענ פונ פרויענ אונ קינדער. די ייִדישע ארבעטערנ אָבער, ווי מיר האָבנ שוינ געזענ, איז אינ יענער צײַט ניט פארבליבנ אפּ דער פאבריק נאָכ דער כאסענע. דאָס האָט אָבער באטײַט, אז די ייִדישע ארבעטערנ האָט באטראכט איר ארבעט אפּ דער פאבריק, ווי א צײַטווײַליקע, אונ איר סאָציִאלע לאגע, ד. ה., די לאגע פונ א פּראָלעטארקע, אויכ אלס א צײַטווײַליקע. דאָס האָט געמוזט שטארק שטערנ דער אויסארבעטונג פונ א פּראָלעטאריש־קלאסאָווער פּסיכאָלאָגיע בא דער ייִדישער ארבעטערנ, דערמיט איז זי געשטאנענ נידעריקער פונ דעמ ארבעטער אפּ דער טאבאק־אונ שוועבעלעכ־פאבריק אונ אויכ פונ אלע איבעריקע ייִדישע מאנופאקטור־ארבעטער, דערמיט האָט זי זיכ אינ א געוויסער מאָס דערנעענטערט צו די ייִדישע האנטווערקערישע ארבעטער, וואָס האָבנ אינ זייער גרונט־מאסע גאָר געלעבט

---

[1] אינ פאָרוואָרט צו דער פּוילישער אויסגאבע פונ „קאָמוניסטישנ מאניפעסט“ (1892 יאָר) באמערקט ענגעלס, אז „מיט דער צאָל עקזעמפּליארנ פונ „מאניפעסט“, וואָס זײַנענ פארשפּרייט אפּ דער געגעבענער נאציאָנאלער שפּראכ, קענ מענ מיט א געוויסער גענויִקײַט באשטימענ ניט נאָר דעמ צושטאנד פונ דער ארבעטער־באוועגונג, נאָר אויכ דעמ גראד פונ אנטוויקלונג פונ גרויס־אינדוסטריע אינ דעמ לאנד“.

[2] זע, Мартов, цит. сочин., стр. 208

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0067-0131 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

מיט דער האָפענונג (און א האָפענונג ווײַט ניט קיין אילוזאָרישע) ארויסצוגיין פונ דער לאגע פונ אנ ארבעטער [1]).

ווײַטער: צום אונטערשייד פונ די ייִדישע ארבעטער אפ די אנדערע מאנופאקטורנ (צ.ב. גארבער, בערשטער) און פונ די האנטווערקערישע ארבעטער, וואָס האָבנ אינ די ראמענ פונ זייער פראָפעסיע באזעסנ א מער אָדער ווייניקער גלײַכע קוואליפיקאציע און אינ צוזאמענהאנג דערמיט ארויסגעצייכנט זיכ מיט א מער אָדער ווייניקער גלײַכנ לעבנ-ניוואָ, זעענ מיר צווישנ די ארבעטער פונ די טאבאק-און שוועבעלעכ-פאבריקנ א שארפע גראדאציע לויט דער קוואליפיקאציע און דערפאר אויכ לויט דעמ לעבנ-ניוואָ.

פאר אונדז ליגנ די ארבעטער-רעשימעס פונ צוויי טאבאק-פאבריקנ אינ מינסק מיט דער אָנווײַזונג פונ דעמ ארבעטלוינ פונ יעדנ ארבעטער [2]). אפ איינער פונ זיי (כארליפס פאבריק) זײַנענ געווענ אינ 1904 יאָר 33 ארבעטער; אפ דער אנדער פאבריק (צוקערמאנ-דאווידזאָנ)—41 ארבעטער. אפ דער ערשטער פאבריק האָבנ פונ 38 ארבעטער—21 (אלע—דערוואקסענע פרויענ, נאָר איינער פונ זיי—א יוגנטלעכער) פארדינט פונ 1 ר. 75 קאָפּ. ביז 2 ר. 75 קאָפּ. א וואָכ. און 9 מאנ (מענער) האָבנ פארדינט פונ 6 ביז 8 רוב. א וואָכ.

אפ דער צווייטער פאבריק האָבנ פונ 41 ארבעטער—21 (אלע—דערוואקסענע פרויענ) פארדינט פונ 1 ר. 75 קאָפּ. ביז 2 ר. 75 קאָפּ א וואָכ. 4 יוגנטלעכע—פונ 1 ר. 25 קאָפּ. ביז 2 ר. 50 קאָפּ. 9 ארבעטער—(מענער) 7-8 רוב. א וואָכ.

עס לוינט דידאָזיקע פארטיילונגענ צו פארגלײַכנ מיט דער פארטיילונג פונ די בערשטער, לויטנ ארבעטלוינ.

אפ ראטנערס בערשטער-פאבריק (אינ מינסק) זײַנענ אינ דעמזעלביקנ יאָר געווענ באשעפטיקט 15 ארבעטער. לויטנ ארבעטלוינ האָבנ זיי זיכ פארטיילט אפ פאָלגנדיקנ אויפנ: איינ ארבעטער האָט פארדינט 1 ר. 40 קאָפּ. א טאָג; 3 ארבעטער—צו 1 ר. 30 קאָפּ. א טאָג; 5 ארבעטער צו 1 ר. 20 קאָפּ. א טאָג; 2 ארבעטער צו 1 ר. 10 קאָפּ. א טאָג; 3 ארבעטער צו 1 ר. א טאָג און איינ ארבעטער—90 קאָפּ. א טאָג [3]).

עס ווארפט זיכ אינ די אויגנ די קימאט גלײַכע קוואליפקאציע און דער קימאט גלײַכער ארבעטלוינ בא די בערשטער, צומ אונטערשייד פונ די ארבעטער אפ די

1) אפ דער שוועבעלעכ-פאבריק „דרוזשיבע" (קוידאנאָוו) זײַנענ אינ 1904 יאָר געווענ צווישנ 274 ארבעטער 94 מענער, די איבעריקע—פרויענ און קינדער; אפ דער שוועבעלעכ-פאבריק „וויקטאָריא" אינ באָריסאָוו זײַנענ-צווישנ 823 ארבעטער געווענ נאָר 260 מענער; אפ דער שוועבעלעכ-פאבריק „בערעזינא" אינ באָריסאָוו זײַנענ די אנטשפרעכנדיקע ציפערנ געווענ 255 און 42, אפ דער שוועבעלעכ-פאבריק „פראָגרעס וולקאנ" (פינסק)—565 און 100; אפ דער שוועבעלעכ-פאבריק „מאָלביא" (מאָזיר)—552 און 131 (Дела старш. фабр. инсп. Минск. губ, Дело зав. Лаутербаха. Минск. Историч. Архив)

אפ שערעשעווסקעס טאבאק-פאבריק זײַנענ געווענ אינ 1885 יאָר צווישנ 823 ארבעטער 253 מענער, די איבעריקע—פרויענ און קינדער. אפ סענדערזאָנס פאבריק אינ דווינסק זײַנענ די אנטשפרעכנדיקע ציפערנ געווענ 294 און 42. (Городков. Отчет фабр-инсп. Вил. окр. за 1885 г.)

2) דידאָזיקע רעשימעס האָבנ מיר גענומענ פונ די איניאָנימ פונ עלטסטנ פאבריק-אינספעקטער פונ מינסקער גוב. פארנ 1904 יאָר. מינסקער היסטאָרישער ארכיוו, איניענ פונ זאוואָד לויטערבאכ.

3) אויכ דאָרטנ.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main

טאבאק־פאבריקנ, ווו עס איז קימאט ניטאָ קיינ איבערגאנג פונעם בוכשטעבלעכ בעט־לערישנ ארבעטלוינ פונ דער גרונט־מאסע ארבעטער צו דעם פארהעלטענסמעסיק זייער הויכנ ארבעטלוינ פונ א קליינער גרופע קוואליפיצירטע ארבעטער.

די ארבעטער פונ די טאבאק־אונ שוועבעלעכ־פאבריקנ זײַנענ געווענ עפשער די איינציקע גרופע ייִדישע ארבעטער, צווישנ וועלכע עס איז געווענ צוגלײַכ מיט דער גרונט־מאסע ניט קוואליפיצירטע פרויענ אונ יוגנטלעכע, וואָס זײַנענ זייער נידעריק באצאָלט געוואָרנ—א גרופע קוואליפיצירטע ארבעטער, וואָס זייער ארבעט האָט זיכ גאנצ הויכ באצאָלט, ד. ה., א גרופע ארבעטער־אריסטאָקראטיע.

דאָס האָט זיכ שפּעטער אָפּגעשפּיגלט אפנ קאמפ פונ דידאָזיקע גרופּעס ארבע־טער. די שטרײַקנ אפ די טאבאק־אונ שוועבעלעכ־פאבריקנ האָבנ קיינמאָל ניט ארומ־גענומענ אלע ארבעטער פונ דער פאבריק. געוויינטלעכ פלעגנ שטרײַקנ איינצלנע צעכנ, די אנדערע צעכנ פלעגנ ארויספרײַסנ דעם שטרײַק, אונטערנ דרוק פונ דער גרופּע ארבעטער־אריסטאָקראטיע.

דער באריכט פונ „בונד" וועגנ דער ייִדישער ארבעטער־באוועגונג אפנ אינטער־נאציאָנאלנ סאָציאליסטישנ קאָנגרעס אינ פאריזש אינ 1900־טנ יאָר ווײַזט אָנ, אז די דורכשניטלעכע צאָל שטרײַקנדיקע, וואָס עס קומט אויס אפ יעדנ שטרײַק, האָט אויסגעמאכט פאר די פאבריקנ—ארום 160 מאנ, אונ פאר די האנטווערקערישע פּראָ־דוקציעס—ארום 100 מאנ. דידאָזיקע פארהעלטענישמעסיק קליינע צאָל שטרײַקנדיקע, וואָס עס קומס אויס אפ יעדנ שטרײַק אינ די פאבריק־פּראָדוקציעס, דערקלערט דער באריכט דערמיט, וואָס „אפ די גרויסע פאבריקנ שטרײַקנ נאָר איינצלנע צעכנ, וועלכע באשעפטיקנ א פארהעלטנישמעסיק קליינע צאָל ארבעטער, צ. ב., אינ די וועבערײַענ פלעגנ אָפּט ווארפנ די ארבעט נאָר די „מאָטאלשטיצעס" אונ „אָסנאָוואל־שטשיצעס", אפ די טאבאק־פאבריקנ—די ציגארנ־מאכערס, די פאקערנס. [1]).

דאָסזעלביקע באמערקט אויכ מארטאָוו. אָבער אויכ צווישנ דידאָזיקע פרויענ (אפ די טאבאק־פאבריקנ), זאָגט ער, ווי אויכ צווישנ די אייניקע צאָלרײַכע מענער פּאפּי־ראָסניקעס, וואָס האָבנ פארנומענ א פּריווילעגירטע לאגע לעגאבע די פרויענ אונ האָבנ זיכ שווער אונטערגעגעבנ דער אגיטאציע (אונטערגעשטראָכנ פונ אונדז—ע. טש.), האָט רווונ פרידמאנ דערוואָרבנ א גרופּע אָנהענגער [2])

פאר אונז ליגט א פּראָקלאמאציע, וואָס עס האָט ארויסגעלאָזן דער אָרטיקער קאָמיטעט פונ „בונד" אינ אפּרעל 1901־טנ יאָר, אינ צוזאמענהאנג מיטנ שטרײַק אפ גאלפּערינס שוועבעלעכ־פאבריק אינ פּינסק. [3]). פונ דערדאָזיקער פּראָקלאמאציע איז צו זענ, אז אינ דעמדאָזיקנ שטרײַק האָבנ אָנטיילגענומענ ווײַט ניט אלע צעכנ פונ דער פאבריק. אינ דערדאָזיקער פּראָקלאמאציע לייענענ מיר: „שוועסטער פונ שויל־שטוב אונ פונ שאכטל־שטוב! אונדז לעבט זיכ ניט בעסער פונ די פאקערנס. די פאקערנס שטרײַקנ, מיר מוזנ אויכ ווארפנ די ארבעט. ברידער אונ שוועסטער פונ אלע אי־

---

[1]) זע, „Материалы к ист. евр. раб. движ." стр, 82, Изд. „Трибуна"

[2]) זע, Мартов, цит. сочин., стр. 206

[3]) Минск. Истор. Архив. Арх. дело № 7805

בעריקע אָטדעלעניעס! די פּאַקערנס האָבן אונדז באַוויזן, וואָס מיר האָבן צו טאָן, וויאַזוי אויסצובעסערן אונדזער לאַגע. לאָמיר נעמען די פּאַקערנס פאַר א פּרימער.

פון דעם ראַפּאָרט, וואָס דער פּינסקער פּאָליצמייסטער האָט געשיקט דעם מינסקער גובערנאַטער וועגן דעמדאָזיקן שטרײַק דערוויסן מיר זיך, אז דער שטרײַק האָט זיך אָנגעהויבן דעם דריטן אַפּרעל. אין דעם טאָג „זײַנען ניט געקומען אף דער פאַבריק ביז 100 אַרבעטערנס פון דעם פּאַקער־צעך, דערנאָך, דעם 4־טן אַפּרעל, איז ניט געקומען נאָר אַן אומבאַדײַטנדיקע צאָל, און דעם 5־טן און 6־טן זײַנען געקומען אף דער אַרבעט קימאַט אַלע אַרבעטערנס".

אף אַזאַ אופן איז דערדאָזיקער שטרײַק, ווי עס ווײַזט אויס, אַראָפּגעריסן געוואָרן, אַדאַנק דעם, וואָס די איבעריקע צעכן זײַנען ניט צוגעשטאַנען צום שטרײַק.

לויט די ידיעות פון דער אָכראַנקע, איז אין 1897־טן יאָר געמאַכט געוואָרן א פּרווו צו באַאַרבעטן די שוועבעלעך־פאַבריק אין בעליצע (פּאָרשטאָט פון האָמעל), ווו עס האָבן געאַרבעט העכער 400 אַרבעטער, אָבער דאָס איז ניט געלונגען. „די סיבע איז, ווײַזט אויס, געווען אין דעם, וואָס דער גרעסטער טייל פון די אַרבעטער—זײַנען מיידלעך, וועלכע וווינען בא זייערע עלטערן, און פאַר זיי האָט דער פאַרדינסט אפן פאַבריק געדינט נאָר אַלס אונטערשטיצונג, אַלס קלענער פּלוס צום נאַדאַן, וואָס די עלטערן האָבן געקליבן. קוקנדיק אף דעם (ד. ה., אף דער אַרבעט—ע. טש.), ווי אף א צײַטווײַליקס, אָבער ניט ווי אף עפּעס א גרינטלעכס, האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט זיך דורכדרינגען מיט דעם געדאַנק וועגן זייער לאַגע, ווײַל דאָס איז אייגנטלעך ניט געווען זייער לאַגע". [1]).

אַלזאָ, צווישן די ייִדישע מאַנופאַקטור־אַרבעטער זײַנען גראָד יענע, וואָס זײַנען געווען באַשעפטיקט אף די סאַמע גרעסטע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען (טאַבאַק־ און שוועבעלעך־פאַבריקן), געווען ווייניקער פעיִק צוליב די אָנגעוויזענע סיבעס אויסצואַרבעטן א פּראָלעטאַריש־קלאַסאָווע פּסיכאָלאָגיע. דידאָזיקע גרופּעס אַרבעטער שפּילן טאַקע די סאַמע אומבאַדײַטנדיקע ראָלע באַם באַגינען פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג.

די ייִדישע בערשטער און גאַרבער זײַנען געווען באַשעפטיקט, ווי מיר האָבן געזען, אין אַזוינע פּראָדוקציעס, וואָס זײַנען צום אָנהייב פון די 90־ער יאָרן געווען אינגאַנצן אונטערגעוואָרפן דער מאַכט פון האַנדל־קאַפּיטאַל, וועלכער האָט שוין צו יענער צײַט באַוויזן אַראָפּצוזעצן דעם אַלגעמיינעם לעבן־ניוואָ און דערמיט אויך דעם קולטורעלן ניוואָ פון דעמדאָזיקן אַרבעטער. דער קולטורעלער ניוואָ פון דעמדאָזיקן אַרבעטער איז דערפאַר געווען, ווי מיר וועלן באַלד זען, נידעריקער, פון דעם קולטורעלן ניוואָ פון דעם האַנטווערקערישן אַרבעטער, ווײַל די האַנטווערקערישע פּראָדוקציעס זײַנען צו יענער צײַט בלויז טיילווײַז געווען באַהערשט דורך דעם האַנדל־קאַפּיטאַל.

די טוער פון „בונד" (לעמאָשל—מעדעם, מיכאַלעוויטש) שילדערן די ייִדישע וועבער און בערשטער, ווי אַזוינע גרופּעס אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט צווישן די ייִדישע אַרבעטער מיט קולטורעלקײַט, אינטעליגענטישקײַט און דערפאַר

[1]) זיט. לויט בוכבינדערן, „די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג אין האָמעל 1890—1905", „קראַסנאַיאַ לעטאָפּיס" 2—3, 1922.

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0068-0134 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

אויך מיט דער גרעסטער צוגעגרייטקייט אופצונעמען רעוואָליוציאָנערע אגיטאציע און פראָפאגאנדע. מעדעם רופט אָן די ברשטער—די שמאנט פון די יידישע אר־בעטער [1]).

ריידנדיק וועגן דעם קרייזל ביאליסטאָקער וועבער אין מיטן פון די 90־ער יאָרן, זאָגט מיכאלעוויטש: „וועבערייַ איז דעמלט בא יידן ניט געווען פארעכנט צו די נידעריקע מעלאָכעס, ווי אשטייגער שוסטערייַ און שנייַדערייַ. מען האָט עס גע־האלטן פאר א בעקאָוועדיקער באשעפטיקונג... באלעבאטישע קינדער פלעגן זיך אויסלערנען וועבערייַ... אָט די אלע מענטשן האָבן מיטגעבראכט דעם פראָלעטאריאט זייער אינטעליגענץ, זייער שארפע כקירע און היסלאוועסדיקע געפילן און האָבן זיך מיטן קאָפּ און הארץ איבערגעגעבן דער נייַער סאָציאליסטישער טוירע, וועלכע זיי האָבן איצט מעקאבל געווען בא זייערע וועב־שטולן" [2]).

דאָסזעלביקע זאָגט מיכאלעוויטש אויך וועגן די ברשטער. די ברשטערייַ „איז געווען א קאָנצענטרירטע פאבריק־ארבעט מיט אן אויסשליסלעך יידישן פראָלע־טאריאט. אהין פלעגן אָנקומען באלעבאטישע קינדער מיט א צוגעגרייטער יידישער און וועלטלעכער בילדונג. די ברשטער זייַנען געווען זייער אנטוויקלטע ארבעטער און זיי האָבן די ערשטע אוועקגעשטעלט בא זיך אן אָרגאניזאציע. [3]).

דעם באוווסטן טוער פון ברשטער־בונד, שמואל דעם געלן, כאראקטערידירט מיכאלעוויטש ווי—„זייער א באלייענטן באָכער מיט א זעלבשטענדיקן און אייגנ־ארטיקן סייכל... א טיפּ פון אן אלטן יידישן לאמעדוואָווניק" [4]).

צי איז עס טאקע געווען אזוי? די „קולטורעלקייַט", „אינטעליגענטישקייַט", וואָס עס שעצן אזוי די טוער פון „בונד" בא די יידישע וועבער און ברשטער, האָט ווייַט ניט שטענדיק מיטגעהאָלפן דידאָזיקע ארבעטער צו דערקענען זייערע קלאסן־אינ־טערעסן. דאָס איז ערשטנס. צווייטנס, האָבן די מאסע פון די וועבער און די בער־שטער גאָרניט פארמאָגט—לעהייפעך צו דער מיינונג פון מעדעם און מיכאלעוויטש, דידאָזיקע „קולטורעלקייַט".

ווי איז אין עמעסן געווען די לאגע?

אויבן איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, אז אין דער טוך־אינדוסטריע פון ביאלי־סטאָקער רייאָן האָט נאָך זייער לאנג (ביז די 50־ער יאָרן) זיך געקענט האלטן מער אָדער ווייניקער זיכער די קוסטארישע פראָדוקציע. דעם ברייטן נאָכפרעג אף טוך־אויסארבעטונגען האָט דעמלט קוים באפרידיקט די פראָדוקציע, וואָס איז געווען אָרגאניזירט אף א קוסטארישן אויפן. עס איז דערפאר נאטירלעך, וואָס דידאָזיקע באשעפטיקונג האָט אין מיטן פון 19־טן י. ה. זיך גערעכנט פאר א גאנץ רענטאבע־לער און האָט טאקע געזיכערט אן אָגשטענדיקן לעבן־ניוואָ. וועגן דעם זאָגט איידעס דער פארהעלטנישמעסיק הויך־„קולטורעלער" (פון שטאנדפונקט פון רעליגיעזער בילדונג) ניוואָ פון דעם אלטן דאָר וועבער, זייער סאָלידע אָנגעלייענטקייַט אין דער יידישער רעליגיעזער ליטעראטור, וואָס עס האָט אויך באמערקט דער טעכניקער י. כאָראָש,

[1]) מעדעם „פון מייַן לעבן", באנד. 1. זייַט 213.

[2]) מיכאלעוויטש „זיכרוינעס פון א סאָציאליסט" 1 באנד, ז. 43.

[3]) " " " " 2 באנד, ז. 8.

[4]) " " " " 1 באנד, ז. 34.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0069-0135 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

וועלכער איז אין 1901 יאָר געווען אין ביאַליסטאָקער ריַאָן. „שפּעט אינאָוונט — דערציילט כאַראַש — האָב איך געהערט אין האָראָדאָק, גייענדיק דורכן גאַס, דעם אומעטיקן ניגן פון די געמאַרע־לערנער, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אייניקע הײַזער. דאָס זײַנען געווען וועבער, וועלכע האָבן געווידמעט זייערע זעלטענע אָפּרו־שאָען דער באַפרידיקונג פון זייערער גײַסטיקע און רעליגיעזע אינטערעסן. אין די שטעטלעך און אין ביאַליסטאָק עקזיסטירן אסאך קרײַזלעך, וואָס לערנען אינאָוונט די יידישע רעליגיעזע ליטעראַטור“ [1]).

די אַלטע אַרבעטער־וועבער זײַנען, אַף אַזאַ אופן, געווען ווײַט ניט פון קיין פלעביייִשן שניט, נאָר, פאַרקערט, האָבן געשטאַמט פון „באַלעבאַטישע פאַמיליעס“, ווו זיי האָבן נאָך אַלס קינדער באַוויזן צו באַקומען די טראַדיציאָנעלע יידישע בילדונג אין אַ ברייטערן מאַסשטאַב.

דאָס איז נאָך אָבער ווייניק. אַפילע באַדײַטנדיק שפּעטער, ווען די קוסטאַרישע וועבערײַ האָט שוין געהאַט פאַרלאָרן דעם באָדן פון אונטער די פיס, פלעגט אַרײַנפאַלן צווישן די יידישע וועבער אַ הויך־„קולטורעלער“ עלעמענט — אויך, פאַרשטייט זיך, פון שטאַנדפּונקט פון רעליגיעזער בילדונג. די זאַך איז באַשטאַנען אָט אין וואָס:

צום אונטערשייד פון די האַנטווערקערישע פּראָדוקציעס, וואָס האָבן געאַרבעט אַפן לאַנגזאַמענ וואַקסנדיקן און קימאַט באַשטימטן קאָנטינגענט פון באַשטעלער, — האָט די טוך־אינדוסטריע פון ביאַליסטאָקער ריַאָן געאַרבעט אַפן ברייטן מאַרק און איז געווען אונטערגעוואָרפן די וואַקלונגען פון דעם לעצטן.

אין יאָרן פון הויכער קאָניונקטור, ווען עס פלעגט זיך באַווײַזן אַ גרויסער נאָכפרעג אַף שטאָפן, וועלכער פלעגט ניט באַפרידיקט ווערן דורך די פאַראַנענע פאַבריקן, זײַנען אַנטשטאַנען אַסאַך נײַע קוסטאַרישע וואַרשטאַטן, וואָס האָבן ניט שלעכט פאַרדינט אַדאַנק דעם באַדײַטנדיקן וווּקס פון די פּרײַזן אַף שטאָפן אין אַזוינע צײַטן. אַזאַ צײַט האָט די טוך־אינדוסטריע אין ביאַליסטאָקער ריַאָן איבערגעלעבט, לעמאָשל, אין די יאָרן פון דער רוסיש־טערקישער מילכאָמע. „די וועבער־אינדוסטריע — לייענען מיר אין דעם באַריכט פון ביאַליסטאָקער קאָמיטעט פון די וועבער אַפן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון די וועבער און שפּינער אין בערלין, אין 1900־טן יאָר, — עקזיסטירט אין ביאַליסטאָק שוין 55 יאָר [2]). אין פאַרלויף פון דידאָזיקע יאָרן האָט זי איבערגעלעבט, אָפּהענגיק פון אָפּזאַץ, גוטע און שלעכטע צײַטן. אַ גוטע צײַט פאַר ביאַליסטאָקער ריַאָן איז געווען די צײַט פון דער רוסיש־טערקישער מילכאָמע 1877־1878 יאָר, ווען די אַרמיי פלעגט באַזאָרגט ווערן מיט ביאַליסטאָקער שטאָפן, און ווען עס איז נאָך געווען דערצו אָפן די רוסיש־רומענישע גרענעץ, וואָס האָט ווידער געזיכערט אַ באַדײַטנדיקן אָפּזאַץ.. אין די 60־ער יאָרן, ווען די צאָל אַרבעטער פון פוילן און דײַטשלאַנד האָט זיך פאַרקירצט און די אָפּזאַץ־מערק האָבן זיך פאַרברייטערט, האָבן די פאַבריקאַנטן, צוליב מאַנגל פון אַרבעט־הענט, פאָרגעלייגט

---

1) זע „Восход“, 1901 г., кн. 4.

2) דאָס איז ניט ריכטיק, זי איז אַנטשטאַנען פריִער.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main

די געניטערע ארבעטער פאָלגנדיקעס: נעמענ עטלעכע ייִנגלעכ, אויסלערנענ זיי די מעלאָכע אונ צוזאמענ מיט זיי אויסארבעטנ סכוירע לויט זייער באשטעלונג. אפּ אזא אויפנ פלעגט דער ארבעטער זיכ פארוואנדלענ אינ א פארמיטלער... צוליב דעמ לײַכטנ פארדינסט, לײַכטנ רעוועכ פלעגנ זיכ אסאכ ארבעטער ווארפנ אפּ דער פארמיטלערײַ אונ די צאָל פארמיטלער איז שנעל געוואָקסנ" [1].

אָט די האָפענונג „זיכ ארויסצורוקנ" אדאנק דער הויכער קאָניונקטור, ווי אסאכ אַלטע קוסטארעס, וואָס זײַנענ געוואָרנ קליינע אונ מיטעלע קאפּיטאליסטנ, האָט אינ אזוינע יאָרנ צוגעצויגנ צו דערדאָזיקער פּראָדוקציע אויכ אזוינע עלעמענטנ פונ דער ייִדישער באפעלקערונג, וואָס וואָלטנ זיכ קיינמאָל ניט אנטשלאָסנ צו ווערנ שנײַדער, שוסטער אָדער אנדערע האנטווערקער,

עס פארשטייט זיכ, אז די הויכע קאָניונקטור האָט ניט געקענט גליקלעכ מאכנ אלעמענ, נאָר בלויז איינצלנע, מער גּעניטע פּערזאָנענ. וויבאלד מענ איז אָבער איינמאָל ארײַנגעטראָטנ אינ דערדאָזיקער פּראָדוקציע, האָבנ זיי שוינ געמוזט בלײַבנ אינ איר אויכ שפּעטער אלס ארבעטער. ווענ מיכאלעוויטש איז, אינ מיטנ פונ די 90־ער יאָרנ, געקומענ צופאָרנ אינ ביאליסטאָק, איז ער געוואָרנ איבערראשט פונ דעמ זייער מאָדנעמ באשטאנד פונ די דאָרטיקע ארבעטער־קרײַזלעכ. ס'האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז דאָרטנ איז געווענ א באדײַטנדיקע צאָל עלטערע וועבער, מענטשנ מיט בערד, וואָס אסאכ פונ זיי האָבנ זיכ געקענט בארימענ מיט זייער אנ אינטערעסאנטער פארגאנגענהײַט. צווישנ זיי איז געווענ, לעמאָשל, א געוועזענער מעלאמעד, א געוועזענער שויכעט, עטלעכע כסידימ, וואָס זײַנענ נאָכ געווענ געצווונגענ צו רעכענענ זיכ מיט דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, אונ זײַנענ נאָכ געגאנגענ אינ שול דאווענענ,—אונ ביכלאל אסאכ געוועזענע טאלמודיסטנ [2].

דאָס איז געווענ, ווײַזט אויס, יענער עלעמענט, וואָס האָט זיכ לעכאטכילע געווענדעט צו דער וועבערײַ אינ די יאָרנ פונ הויכ־קאָניונקטור מיט דער האָפענונג זיכ צו דערשלאָגנ צו דער לאגע פונ אונטערנעמער, אָבער ער איז נעבעכ אָפּגענארט געוואָרנ דורכ דער פארפירערישער מארק־סטיכיע.

אכוץ דעמ האָט דאָ געווירקט מיסטאָמע נאָכ א מאָמענט. אינ אזוינע פּראָדוקציע־צווײַגנ פלעגט אינ יאָרנ פונ הויכ־קאָניונקטור זיכ אויכ שטארק אופהייבנ דער ארבעטלוינ, וואָס האָט אויכ געקענט צוציִענ צו דערדאָזיקער פּראָדוקציע די דערמאָנטע עלעמענטנ [3].

דאָסזעלביקע איז אינ א געוויסער מאָס פאָרגעקומענ אויכ אינ דער כאזער־האָר־אינדוסטריע. דערדאָזיקער אינדוסטריע־צווײַג, וואָס איז, ווי מיר ווייסנ, נאָכ אסאכ ייִנגער פונ דער טעקסטיל־אינדוסטריע אינ ביאליסטאָקער ראַיאָנ, האָט אויכ געארבעט, ווי מיר האָבנ שוינ געזענ, אפּנ ווײַטנ מארק אונ איז געווענ אונטערגעוואָרפנ זײַנע

[1]) זע זאמלבוכ „25 יאָר".

[2]) מיכאלעוויטש, זיכרוינעס פונ א סאָציאליסט, 1 באנד. זײַט 43.

[3]) „דעמלט האָט די ייִדישע באפעלקערונג געקוקט אפּ פיזישער ארבעט פונויבנ אראָפּ, האלטנדיק דאָס וואָרט „שוסטער", „שנײַדער" פאר א זידל־וואָרט, אקעגנ זשע איז ניט קיינ כארפּע געווענ צו זײַנ א יוּוועלירער, א דרוקער, א שטעפּער". (זע דעמ זאמלבוכ פונ דער געזעלשאפט פאָליט־קאטאָרזשאנעס).

דאָס איז אויכ פארשטענדלעכ: די יוּוועלירער, דרוקער (אונ אויכ די שטעפּער) האָבנ, לויט זייער לעבנ־ניוואָ, געהערט צו דער אריסטאָקראטיע פונ די ייִדישע ארבעטער (וועגנ דעמ ווײַטער). אָבער אָט דער מאָמענט האָט באשטימט די באציִונג פונ ייִדישע האָרעפּאשניקעס צו פארשיידענע פּראָפעסיִעס.

װאקלונגען. אין דעמדאָזיקן אינדוסטריע־צװײַג האָט נאָך גאָר ניט לאנג דער אָדער יענער קלײנער פּראָדוצירער זיך דערשלאָגן צו דער מאדרײגע פון א קאפּיטאליסט, ארױסרופנדיק דערמיט בא דעם אונטערװאקסנדיקן דאָר א שטרעבונג נאָכצוטאָן דידאָזיקע גליקלעכע. און אינדערעמעסן—קומט מען אָן צו א שנײַדער אָדער צו א שוסטער לערנען זיך די מעלאָכע, בלײַבט מען אפּ אײביק א שנײַדער אָדער א שוסטער, קומט מען אָבער אָן אין א כאזער־האָר־װארשטאט איז גאָר ניט אױסגעשלאָסן די מעגלעכקײַט צו װערן מיט דער צײַט אן אונטערנעמער. דערפאר זעען מיר דאָ טאקע צװישן די בערשטער צוגלײַך מיט דער מאסע, װאָס האָט זיך רעקרוטירט פון די שטעטלדיקע אונטערשטע שיכטן—אױך א באשטימטן גאנץ קולטורעלן עלעמענט פון „באלעבאטישע פאמיליעס“. אײנער פון די סאמע אָנגעזעענע טוער פון בערשטער־בונד, װולף אלעקסאנדריסקי, איז געװען ביזן אָנקומען אפּ דער בערשטער־פאבריק—א יעשיװע־באָכער, אן אנדער אָנגעזעענער טוער פון בערשטער־בונד, אראָן פּוטער, איז געװען א זון פון א באל־אכסאניע—א סאָציאלע אָפּשטאמונג, אן ארכײַכעסדיקע, לױט די פאָרשטעלונגען פון די דעמאלטיקע ייִדן. אײנער פון די ערשטע בערשטער אין װילקאװישק, װאָס איז ארײַנגעטראָטן אין דער קאמפּ־קאסע אין 1895 יאָר, איז געװען, װי זינגער דערצײלט אין זײַנע זיכרוינעס [1]—„א פײַקער באדכן“. דער גרינדער פון דער ערשטער שטרײַק־קאסע בא די בערשטער, דער װילנער בערשטער נאָטע סאפּעט, איז געװען, לױט זינגערן, „א טיפּ־רעליגיִעזער מענטש“. דעם באװוסטן טוער פון בערשטער־בונד, שמועל דעם געלן, האָט מיכאלעװיטש כאראקטעריזירט, װי מיר האָבן געזען, פאר זײער אן אָנגעלײענטן מענטשן—„א טיפּ פון א לאמעדװאָװניק“.

און ענדלעך, אן אנאלאָגישן בילד זעען מיר אױך אין דער ערשטער צײַט אין דער גארבערײַ. זי איז אנטשטאנען (די טרוקענע אױסארבעטונג), װי מיר האָבן געזען, אין די 80־ער יאָרן, און הײבט אָן טײקעפּ צו ארבעטן אפּ א ברײטערן מארק. „די גארבער—לײענען מיר אין דעם אױבנציטירטן ארטיקל װעגן דער לאגע פון דער גארבער־אינדוסטריע אין מאָלעװ—איז געלונגען דורכצולײגן נײַע אָפּזאץ־װעגן און פארברײטערן דעם אָפּזאץ װײַט איבער די גרענעצן פון אָרטיקן מארק. אין דער צײַט, װען די הױפּט־מאסע פון פעל (נאסע אױסארבעטונג) פלעגט ביז דעמאלט װערן אָפּגעזעצט אין שטאָט גופע, האָט מען איצט אָנגעהױבן צו ארבעטן דעריקער פארן ארױספיר, און נאָר זײער אן אומבאדײַטנדיקער טײל פון די אױסגעארבעטע פעלן (פון 9 ביז 5 פּראָצ.) פלעגט בלײַבן אין שטאָט, אזױ, אז מאָלעװ איז געװאָרן אן ארױספיר־פּונקט פון פעל־אױסארבעטונגען, פון װאנען די פעלן פלעגן זיך פאנאנדערגײן אפּן דאָרעם, אין פּױלן און אפילע אין די צענטראלע גובערניעס“ [2]

עס איז נאטירלעך, אז דעדאָזיקער פּראָדוקציע־צװײַג האָט צוגעצױגן אסאך באלאָנים. „ביסלעכװײַז האָבן אײניקע פון די ארבעטער, װאָס זײַנען געװען באשעפטיקט בא מיכאלסקען (דער ערשטער זאװאָדשיק—א דײַטש), אָנגעהױבן צו עפענען אײגענע װארשטאטן... עמעס, אין דער ערשטער צײַט פון זײער טעטיקײַט האָבן די

---

1) זינגער, זיכרוינעס (מאנוסקריפּט). זינגער איז אן אלטער טוער פון „בערשטער־בונד“.

2) זע, Журнал „Свобода и равенство“ 1907 г. № 40

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0070-0138 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

יִידישע זאוואָדטשיקעס זיכ אָנגעשטויסנ אפ אזוינע גרויסע שוועריקײַטנ, אז אייניקע פונ זיי זײַנענ געווענ געצוווּנגענ צו פארמאכנ די ווארשטאטנ אונ איינער פונ דידאָזיקע זאוואָדטשיקעס, וואָס האָט געעפנט א גארבערײַ מיט 24 יאָר צוריק (עס ווערט געשריבנ אינ 1907 יאָר), איז אַ אזויפיל רויִנירט געוואָרנ, אז ער האָט געמוזט ווארפנ דעמ געשעפט אונ אװעקפאָרנ זוכנ גליק אינ אמעריקע... דאָכ האָט אָבער די פראָדוקציע זיכ באלד ארויסגעוויזנ אפ אזויפיל רענטאבל, אז אפילע יענע יִידישע זאוואָדטשיקעס, וואָס האָבנ געהאט צום אָנהייב פארמאכט זייערע גארבערײַענ, האָבנ זיי ווידער אופגעעפנט אונ אפילע יענער, וואָס האָט עמיגרירט אינ אמעריקע, האָט זיכ אומגעקערט צוריק אינ מאָלעוו, קעדיי ווידער זיכ צו נעמענ פאר זײַנ פריִערדיקנ געשעפט״ [1])

מיט איינ וואָרט, מיר זעענ דאָ אויכ דעמזעלביקנ בילד: א נײַע פראָדוקציע, נאָר וואָס אנטשטאנענ, ארבעט פאר א ברייטנ מארק, אונ איז אונטערגעוואָרפנ די וואקלונגענ פונ דעמ לעצטנ. די האָפענונג אפ א לײַכטנ רעווועכ האָט צוגעצויגנ צו דער־דאָזיקער פראָדוקציע אויכ א „קולטורעלנ״ עלעמענט. מיר האָבנ שוינ [illegible]זענ, אז אינ סמאָרגאָנ זײַנענ די ערשטע יִידישע גארבער געווענ די קרויווים פונ דעמ זאוואָדטשיק אליינ. דערמיט דערקלערט זיכ אויכ, ווײַזט אויס, דאָס, וואָס די ערשטע מײַסטערס גארבער זײַנענ, לויט די זיכרוינעס פונ א. לעוו, געווענ אינטעליגענטישע ארבעטער [2])

אָט איז א רעשימע פונ די ערשטע יִידישע גארבער אינ סקידל, וואָס דער כ׳ אבע לעוו, אויכ אנ אלטער סקידלער גארבער, האָט נאָכ פערזענלעכ געקענט:

אבע—א זונ פונ א פערד־הענדלער, אסאכ געלייענט די יִידישע אונ רוסישע ליטעראטור.

מאָטקע ליאמפערט—א זונ פונ א טווּע־סויכער, א געוועזענער יעשיווע־באָכער אסאכ געלייענט די העברייִשע אונ רוסישע ליטעראטור.

נאָכעמ לאָמ—א זונ פונ א רײַכנ פארבער, א געוועזענער לערער, געוואָרנ א גארבער.

אוורעמל דעמ כאָסידס—דעמ כ׳ לעווס מײַסטער, א זונ פונ בעקאָוועדיקע פרומע יִידנ, אנ אינטעליגענטער באָכער, געוואָרנ א גארבער.

זאלמענ־ועלוול באָראָכאָוויטש, א געוועזענער יעשיווע־באָכער, געוואָרנ א גארבער. אינ די יאָרנ פונ רעאקציע געוואָרנ א לערער.

מוישע־לייזער לאָמ, א זונ פונ א רײַכנ פערד־הענדלער, אנ אינטעליגענטער באָכער.

מייער, א זונ פונ א מעלאמעד, א מעשוירער בא כאזאָנים, זייער אנ אָנגעלייענטער באָכער, פלעגט געבנ גלײַכצײַטיק „אוראָקנ״ אפ פידל שפילנ, אינ 1908 יאָר געוואָרנ א לערער

יעדידי קאָלער, א געבילדעטער באָכער.

---

1) אויכ דאָרטנ.

2) אבע לעוו, זיכרוינעס וועגנ דער ארבעטער־באוועגונג אינ סמאָרגאָנ (מאנוסקריפט).



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

אלזאָ, אָט דאָס איז געווענ דער פאָנימ פונ יענעמ קולטורעלנ עלעמענט, וואָס מיר טרעפנ דעמלט צווישנ די ארבעטער אינ אזוינע פראָדוקציע-צווײַגנ, ווי די וועבערײַ, בערשטערײַ אונ גארבערײַ.

אָבער אָט דערדאָזיקער אומבאדײַטנדיקער קולטורעלער עלעמענט, וואָס איז ארײַנגעצויגנ געוואָרנ אינ די דערמאָנטע פראָדוקציע-צווײַגנ, האָט ניט באשטימט דעמ קולטורעלנ פאָנעמ פונ דער מאסע ארבעטער, וועלכע זײַנענ געווענ קאָנצענטרירט אינ דידאָזיקע פראָדוקציעס. אזוינע פראָדוקציעס, ווי גארבערײַ, בערשטערײַ זײַנענ קימאט פונ אָנהייב אָנ אנטשטאנענ אלס קאפיטאליסטישע פראָדוקציעס, אינ וועלכע עס האָט געהערשט דער האנדל-קאפיטאל. ווײַטער, בא אזא שנעלנ וווקס פונ דידאָזיקע פראָדוקציע-צווײַגנ (אינ דער בערשטערײַ, וואָס איז אנטשטאנענ, ווי מיר האָבנ געזענ, ערשט אינ די 80-ער יאָרנ, זײַנענ שוינ אינ סאָפ פונ די 90-ער יאָרנ געווענ העכער 2000 ארבעטער; אינ סמאָרגאָנ, ווו דער ערשטער גארבערײַ-זאוואָד איז אנטשטאנענ אינ 1883 יאָר, זײַנענ שוינ אינ 1895 יאָר געווענ 700 ארבעטער)—בא אזא שנעלנ וווקס פונ דער צאָל ארבעטער האָבנ זיי נאטירלעכ זיכ געמוזט רעקרוטירנ פונ די ברייטע שיכטנ פונ דער שטעטלדיקער באפעלקערונג. עס איז פאראנ א גרונט אָנצונעמענ, אז די ייִדנ, וואָס זײַנענ ארויסגעטריבנ געוואָרנ פונ די דערפער אינ די 80-ער יאָרנ, האָבנ צוגעשטעלט אינ א באדײַטנדיקער מאָס ארבעטקראפט פאר דידאָזיקע נײַע, נאָר וואָס אנטשטאנענע פראָדוקציע-צווײַגנ. אז אינ סמאָרגאָנ איז עס טאקע אזוי פאָרגעקומענ,—איז אנ איידעס דער כ׳ ווילענטשיק. אינ זײַנע זיכרוינעס וועגנ „סמאָרגאָנ אינ די 80-ער יאָרנ“ שרײַבט ער צווישנ אנדערנ:

„די גארבערײַ אינ סמאָרגאָנ האָט זיכ אנטוויקלט אומגעהויער שנעל. גינסטיק פאר דערדאָזיקער אנטוויקלונג איז געווענ צווישנ אנדערנ אויכ דאָס, וואָס אינ אָנהייב פונ די 80-ער יאָרנ איז אָנגעקומענ א באדײַטנדיקע צאָל ייִדנ, ארויסגעטריבענע פונ די דערפער, אפנ סמאכ פונ איגנאטיעווס צײַטווײַליקע געזעצנ. דערדאָזיקער דאָרפישער עלעמענט מיט מאָזאָליעס אפ די הענט אונ מיט א שטארקער מוסקולאטור איז געווענ צוגעפאסט, ווי מענ דארפ ניט בעסער, צו דער שווערער ארבעט אינ די גארבער-אונטערנעמונגענ.“ [1].

דערדאָזיקער עלעמענט איז, לויט זײַנ קולטורעלנ ניוואָ, געווענ, פארשטייט זיכ, זייער ווײַט פונ יענע קולטורעלע אינטעליגענטישע ערשטע ארבעטער אינ די גארבער-אונטערנעמונגענ, וועגנ וועלכע עס דערציילט דער כ׳ א. לעוו.

א. גאָלוב שילדערט טאקע אינ זײַנע זיכרוינעס די סמאָרגאָנער גארבער אינ די 80-ער יאָרנ אלס זייער א פינצטערנ אונ אָפגעשטאנענעמ עלעמענט, אפ אזויפיל אנ אָפגעשטאנענעמ, אז די „נאראָדאָוואָלטשעסקע“ פאמיליע רובאנאָוו, וואָס האָט זיכ דעמלט געפונענ אינ סמאָרגאָנ, האָט געהאלטנ פאר אומעגלעכ צו פירנ אנ ארבעט צווישנ די גארבער-אונ האָט לעכאטכילע געפירט א רעוואָליוציאָנערע ארבעט נאָר צווישנ די האלבע אינטעליגענטנ [2].

[1] ווילענטשיק „סמאָרגאָנ אינ די 80-ער יאָרנ“, זיכרוינעס (מאנוסקריפט).

[2] עליאָהו גאָלוב, זיכרוינעס (מאנוסקריפט).

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0071-0140 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

אפילע די ווילנער גארבער זײַנען געשטאנען צום אָנהייב פונ די 90־ער יאָרנ אפ א זייער נידעריקנ ניוואָ פונ באוווּסטזײַנ. אָנווײַזנדיק אפ דעם, אז בא דער דורכפי־רונג פונ שטרײַקנ האָבנ די ייִדישע ארבעטער אָנגעהויבנ צו לאָזנ אינ גאנג פויסטנ אונ שטעקנס, זאָגט מארטאָוו: „דאָס האָט זיכ געלאָזט הערנ די קלאסנ־אופוואכונג פונ אזוינע פראָפעסיעס, ווי די ג א ר ב ע ר (אונטערגעשטראָכנ פונ אונדז—ע. טש.) לאסט־פורמאנעס, קוימענקערער, בעקער,—אנ אוילעמ וואָס גיסט זיכ צונויפ דורכ אומבאמערקבארע איבערגאנגענ מיט דעמ לומפנ־פראָלעטאריאט" [1].

די מאסע פונ די ייִדישע גארבער האָט זיכ, ווײַזט אויס, גאנצ ווייניק אונטער־גענשיידט אינ דעמ פראט פונ זייערע ניט־ייִדישע כאווײרימ. פעראדזיטש דערציילט, אז ווענ די ליטווישע סאָציאַל־דעמאָקראטנ האָבנ אָנגעהויבנ צו פירנ אנ אגיטאציע צווישנ די ווילנער גארבער (פעראדזיטש רעדט וועגנ די ניט־ייִדישע גארבער—ע. טש.) אונ האָבנ ארויסגערופנ א שטרײַק צווישנ זיי, „האָט דאָס שטארק ארײַנגעבראכט אינ צאָרנ איינעמ א באזיצער פונ א קליינער גארבערײַ, וואָס האָט געהייסנ, דוכט זיכ, מענקע. בא אימ אפ דער גארבערײַ האָבנ געהערשט פאטריִארכאלישע באציִונגענ, וועלכע האָבנ זיכ אויסגעדריקט צוזאמענ מיט דער שטארקער עקספּלואטאציע אויכ אינ דעמ, וואָס אינ גרויסע יאָנטויווימ פלעגט ער אײַנאָרדענענ א „פעשטע" (א מאָל־צײַט) פאר זײַנע ארבעטער, פלעגט שטעלנ ביר אונ בראנפנ אונ פלעגט אליינ עסנ, טרינקענ, זינגענ אונ אפילע טאנצנ מיט די ארבעטער. אזוי זײַנענ געווענ די זיטנ נאָכ אינ צוויי דײַטשישע גארבערײַענ. דידאָזיקע פאניבראטסטווע מיט די ארבעטער איז בא די דײַטשישע באלעבאטימ געווענ א באזונדער סיסטעמ פונ קאָנקורענצ מיט די ייִדישע גארבערײַענ.

איז אָט דער מענקע האָט איינמאָל נאָכ דעמ, ווי ער האָט אָנגעשיקערט זײַנע ארבעטער, אײַנגערעדט זיי אָנצושלאָגנ איינעמ פונ אונדזערע אגיטאטערנ—א שוסטער, קעדיי ער זאָל מער ניט גייג צו אימ אפנ זאוואָד אונ ניט פירנ קײַנ באקאנטשאפט מיט זײַנע ארבעטער. מענקעס ארבעטער האָבנ טאקע אויסגעפאטשט אונדזער שוסטער אונ האָבנ אימ אזוי צעשלאָגנ, אז מע האָט אימ געמוזט אָפפירנ אינ שפיטאָל; זיי האָבנ אימ ארײַנגעוואָרפנ אינ א לוזשע אפנ גאס: „זאָל זיכ דערטרינקענ דער סאָ־ציִאליסט!". [2]

אומגעפער אפ דעמזעלביקנ ניוואָ פונ קלאסנבאוווּסטזײַנ זײַנענ געשטאנענ די מ א ס נ פונ די בערשטער. דער כ׳ דאָלגאָפאָלסקי, וואָס איז אינ סאָפ 90־קער יאָרנ געווענ א לערנ־ייִנגל אפ דער בערשטער־פאבריק אינ נעוול, שילדערט די בערשטער ווי אנ אָפגעשטאנענע פינצטערע מאסע, וועלכע פלעגט זיכ בייז איזדיעקעווענ איבער די לערנ־ייִנגלעכ [3]. די הערשאפט פונ האנדל־קאפיטאל, וואָס האָט ארויפגעזעצט דעמ לעבנ־ניוואָ פונ דעמ ארבעטער, האָט זיכ באזונדערס שטארק אויסגעדריקט אינ דער ווערבערײַ.

---

[1]) זע Мартов, Записки соц.-демократа, стр. 243.

[2]) פעראדזיטש, זיכרוינעס, 96־1897 י, „קראסנאיא לעטאָפּיס" נומ. 2־3 1922.

[3]) זע די „גארבער שטיבע" נומ. 1, 1924.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

ווי נאָר אינ דעמראָזיקנ פראָדוקציִע־צווייַג האָט זיכ אָנגעזאמלט אזא צאָל ארבעטער, וואָס האָט אינ אלגעמיינ באפרידיקט דעם נאָכפרעג אפ ארבעט־קראפט אפילע אינ יאָרנ פונ הויכ־קאָניונקטור (אונ אינ דעמראָזיקנ פראָדוקציִע־צווייַג, ווי אינ דעם סאמע עלטסטנ פונ די דערמאָנטע פראָדוקציִע־צווייַגנ, איז דאָס פאָרגעקומענ פריִער ווי אנדערש וווּ); די ארבעטלאָזיקייַט אונ דער נידעריקער ארבעטלוינ זייַנענ געוואָרנ דער גורל פונ דער מערהייַט פונ דיִדאָזיקע ארבעטער, איז אומפארמייַדלעכ געוואָרנ די אראָפזעצונג פונ זייער לעבנ־ניוואָ אונ דערמיט אויכ פונ זייער קולטורעלנ ניוואָ. זיי האָבנ שוינ ניט געקענט מערער געבנ זייערע קינדער יענע טראדיציִאָנעלע ייִדישע בילדונג אינ פארברייטערטנ מאסשטאב, וואָס זיי האָבנ אליינ אמאָל באקומענ אינ יענע יאָרנ, ווענ די קוסטארישע פראָדוקציע האָט זיכ נאָכ מער אָדער ווייניקער פעסט געהאלטנ. פונ סאמע פריִענ עלטער האָבנ די קינדער איצטער געמוזט העלפנ דעם פאָטער באמ וועב־שטול. דערמיט דערקלערט זיכ אויכ, וואָס יענע „קולטורעלקייַט“, „אינטעליגענטישקייַט“ פונ די וועבער, וואָס מיכאלעוויטש איז אזוי אנטציקט פונ איר, געפינענ מיר נאָר בא דעם אלטנ דאָר וועבער. י. כאָראָש באמערקט, אז דער סאמע קולטורעלער שיכט פונ די וועבער, דאָס זייַנענ די אלטע, אָבער ניט די יוגנט. די מערהייַט פונ דער יוגנט רעדט ניט קיינ אנדער שפראכ אכוצ ייִדיש אונ „אינ זייערע קינדעריאָרנ האָבנ זיי זייער ווייניק געלערנט אינ כיידער“ [1].

אָט די פארענדערטע לאגע אינ דער וועבערייַ האָט ארויסגערופנ גאנצ אינטערעסאנטע פראָצעסנ אינ דער וועבער־סוויווע. דער אלטער דאָר וועבער זוכט אנ אויסוועג פונ דער לאגע: אייניקע פונ זיי טרעטנ ארופ אפנ וועג פונ קאמפ קעגנ דער עקספלואטאציע. דערמיט דערקלערט זיכ יענער צוהערער־באשטאנד פונ פראָפאגאנדיסטישנ קרייַזל, וואָס האָט אזוי איבעראשט מיכאלעוויטשנ. אָט דעם וועג קלייַבנ אָבער אויס נאָר איינצלנע וועבער פונ אלטנ דאָר; אנדערע גייענ לויט דער ליניע פונ קלענסטנ ווידערשטאנד: אָדער זיי טראָגנ מיט אונטערטעניקייַט אריבער דעם יאָכ פונ קאפיטאליסטישער עקספלואטאציִע, אָדער זיי סטארענ זיכ אינגאנצנ אוועקצוגיינ פונ דערדאָזיקער פראָפעסיע. אינ טעקסטיל־שטעטל „האָראָדאָק“ האָט כאָראָש באגעגנט א „רעפאָרמירטנ מעלאמעד“, וואָס איז געווענ פריִער א וועבער. נאָכנ ענדיקנ דעם פעריאָד „קעסט“, איז ער געצוווּנגענ געווענ זיכ אויסצולערנענ וועבערייַ, אינ וועלכער ער האָט אָפּגעארבעט עטלעכע יאָר. דער שטענדיקער מאנגל אינ ארבעט האָט אימ אָבער באוויגנ צוווארפנ דידאָזיקע באשעפטיקונג, אָפּגעבנ עקזאמענ אפ

[1]) דאָסזעלביקע מערקט אָפּ אויכ ס. גאָזשאנסקינ „דאָרטנ (אינ ביאליסטאָק) האָבנ מיר דאָס ערשטע מאָל באגעגנט א ייִדישע ארבעטער־אינטעליגענצ... ייִדישע ארבעטער, וואָס קענענ ניט קיינ אנדער שפראכ, אונ זייַנענ גענוג אינטעליגענט אפ זייער שפראכ... אזוינע ארבעטער האָבנ מיר אינ ווילנע ניט באגעגנט. נאָכ א באזונדערקייַט: אינ ווילנע האָבנ אינ דער באוועגונג אָנטיילגענומענ יונגע ארבעטער, פונ א יאָר, 20-25, אינ ווילנע האָט מענ זעלטנ געקענט טרעפנ אינ דער באוועגונג א מענטשנ פונ א יאָר 30; אינ ביאליסטאָק זייַנענ די ארבעטער, וועגנ וועלכע איכ רייד, געווענ אלט א יאָר פערציק־פינפונפערציק פאמיליענ־מענטשנ. די יוגנט איז געגאנגענ נאָכ זיי“. (זע, Революционное движение среди евреев, изд. общ, политкатаржан).

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0072-0142 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

א מעלאמעד און עפּענען א „כײדער־מעסוקנ“. איצט פארדינט ער ביז 200 רוב. א זמאנ און איז גאנצ צופרידנ מיט זײַנ לאגע“ [1]).

דער וועג פונ איבערבײַטנ די פּראָפעסיע איז געווענ אָבער אינ די באדינגונגענ פונ טכום באגרענעצט אינ די סאמע שמאָלסטע ראמענ. אינ דערזעלביקער צײַט האָט אָט די „קולטורעלקײַט“, די „אינטעליגענטישקײַט“, פונ א דינעמ שיכט ארבעטער, פאר וועלכע מיכאלעוויטש איז געווענ אזוי אנטציקט,—גאָר ניט פארלײַכטערט דאָס ארופטרעטנ אפנ וועג פונ קאמפּ קעגנ די עקספּלואטאָרנ. מע דארפ ניט פארגעסנ, אז דאָס איז געווענ א קולטורעלקײַט, א בילדונג פונ א באזונדערנ מינ. דאָס איז געווענ אָט די בילדונג אינ דער ייִדישער רעליגיעזער ליטעראטור, וואָס האָט אינ די באדינגונגענ פונ ייִדישנ שטעטל אינ יענע יאָרנ בלויז געהאָלפנ דעמ ארבעטער צו *בארעכטיקנ טעאָרעטיש* יענע ביטערע לאגע, אינ וועלכער ער האָט זיכ געפונענ און פונ וועלכער ער האָט ניט געזענ די עמעסע וואָרצלענ.

אפּ וויפל דערדאָזיקער עלעמענט איז צוגעשטאנענ צו דער באוועגונג, איז זײַנ ראָל געווענ גיכער א נעגאטיווע, ווי א פּאָזיטיווע. דידאָזיקע געוועזענע יעשיווע־באָכערימ, כסידימ, מעלאמדימ, וואָס זײַנענ דורכגעגאנגענ א גרינטלעכע שול פונ רעליגיעז־נאציאָנאלער אָפּגעזונדערטקײַט, האָבנ ארײַנגעטראָגנ א גרויסנ טייל פונ דעמ אינ דער ייִדישער ארבעטער־באוועגונג. דאָס איז געווענ יענע ייִדישע „ארבעטער־אינטעליגענצ“, וואָס האָט, צוזאמענ מיט דער ייִדישלעכער אינטעליגענצ, ארײַנגעטראָגנ א שטארקנ נאציאָנאליסטישנ שטראָמ אינ דער ייִדישער ארבעטער־באוועגונג. דידאָזיקע עלעמענטנ האָבנ פריִער פונ אלעמענ עקספּלואטירט די נאציאָנאלע באגרענעצטקײַט פונ די אָפּגעשטאנענע טײלנ פונ די ייִדישע ארבעטער, אָנשטאָט זיי רעוואָליוציאָניזירנ און העלפנ אויסלעבנ דידאָזיקע שווערע יערושע פונ זייער היסטאָרישנ זײַנ. ניט אומזיסט האָט דידאָזיקע „ארבעטער־אינטעליגענצ“ אָנגעפירט מיט דער באוועגונג פונ די סאמע באדײַטנדיקע גרופּנ פונ די ייִדישע ארבעטער (בערשטער, גארבער, וועבער), צווישנ וועלכע די בונדישע טראדיציִעס זײַנענ געווענ באזונדערס שטארק. מיר געפינענ דעריבער פאר נאטירלעכ, וואָס אזוינע אויסגעשפּראָכענע שאָוויניסטנ, ווי מעדעמ און מיכאלעוויטש, שעצנ אזוי הויכ דידאָזיקע אינטעליגענטישקײַט פונ די בערשטער און גארבער.

גאנצ אנדערש איז געווענ אינ דעמ פראט די לאגע אינ די האנטווערקערישע פּראָדוקציִעס. דידאָזיקע פּראָדוקציִעס, וואָס האָבנ אויסגעארבעט קליידער, שוכווארג, האָלצ־ און מעטאל־ארטיקלענ, האָבנ אופגעהיט, ווי מיר האָבנ געזענ, אסאכ לענגער זייער האנטווערקערישנ כאראקטער. דער האנדל־קאפּיטאל האָט אסאכ שפּעטער פארכאפּט דידאָזיקע פּראָדוקציע־צווײַגנ, דערפאר האָט ער אויכ שפּעטער ערשט אראָפּ־

[1]) כאָטש עס איז ניטאָ קיינ גרונט אָנצונעמענ, אז דידאָזיקע דערשײַנונג האָט געטראָגנ מער אָדער ווייניקער א מאסנ־כאראקטער, פונדעסטוועגנ איז עס דאָכ סימפּטאָמאטיש: אויב אינ די 70־ער יאָרנ ווערט א מעלאמעד א וועבער, איז אינ די 90־קער יאָרנ ווערט א וועבער א מעלאמעד. נײַע צײַטנ—נײַע זיטנ. צו יענער צײַט האָט דער האנדלס־קאפּיטאל אפּ אזויפיל באהערשט דעמדאָזיקנ פּראָדוקציִע־צווײַג, אז פאר דעמ קלײנבירגער איז ניט געווענ מער קיינע שומ שאנסנ אפּ „זעלבסטאררויסרוקונג“ און ער האנדלט איצט לויטנ לאָזונג: ראטעוועט זיכ, ווער עס קענ“.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main

געזעצט דעם אלגעמיינעמ לעבנ־ניוואָ אונ דערמיט אויכ דעם קולטורעלנ ניוואָ פונעמ האנטווערקערישנ ארבעטער.

עמעס, צווישנ די ייִדישער שנייַדער, שוסטער, סטאָליארעס געפינענ מיר ניט, אפילע צווישנ אלטנ דאָר, אנ עלעמענט, וואָס איז אָנגעלייענט אינ דער ייִדישער רעליגיִעזער ליטעראטור, ווי מיר האָבנ עס געזענ, לעמאָשל, צווישנ די וועבער. דערדאָזיקער סאָציִאלער שיכט אינ די שטעט פונ טכום האָט אלעמאָל געהערט צום „דעמאָס" אונ איז געשטאנענ גאנצ וויַיט פונ דער ייִדישער גייַסטיקער אריסטאָקראטיע. אָבער מיר האָבנ שוינ באמערקט, אז דערדאָזיקער מינ „קולטורעלקייַט", „בילדונג" האָט וויַיט ניט אלע מאָל פארלייַכטערט דעם ייִדישנ ארבעטער דאָס דערקענענ זייַנע קלאסנ־אינטערעסנ. דערפאר איז אָבער די עלעמענטארע בילדונג, ד. ה. דאָס קענענ לייענענ אונ שרייַבנ אפ דער מוטערשפראכ (אונ ניט נאָר אפ דער מוטערשפראכ, נאָר אויכ אפ דער רוסישער שפראכ), צווישנ דערדאָזיקע גרופע ארבעטער געשטאנענ זייער הויכ אפילע נאָכ אינ די שפעטערדיקע יאָרנ.

ס. מארגאָלינ, וואָס האָט אויסגעפאָרשט אינ 1911 יאָר די שנייַדערשע פראָדוקציע אינ א גאנצער רייִ שטעט פונ טכום, טיילט מיט פאָלגנדיקעס וועגנ דער איווערעדיקייַט פונ די ארבעטער אינ דער שנייַדערשער פראָדוקציע. אינ ברעזינ האָבנ 79 פראָצענט ארבעטער־שנייַדער געקענט נאָר דאווענענ אינ ייִדיש (אָבער ניט שרייַבנ אונ לייענענ) אינ ווילנע זייַנענ אזעלכע געווענ נאָר 8,3 פראָצ. [1]

אָט דער קאָלאָסאלער אונטערשייד וועט פאר אונדז זייַנ גאנצ פארשטענדלעכ, ווענ מיר וועלנ זיכ דערמאָנענ, אז ברעזינ איז שוינ פונ לאנג געווענ זייער א גרויסער צענטער פונ קאָנפעקציע־אינדוסטריע, ווו די שנייַדער האָבנ שוינ פונ לאנג, נאָכ פונ די 70־ער יאָרנ, געארבעט פאר די גרויסע קאָנפעקציִע־פירמעס. אנ איבעריקער באווייַז פאר דער ענגער אָפהענגיקייַט, וואָס עס האָט עקזיסטירט צווישנ דעם קולטורעלנ ניוואָ פונ די ארבעטער אינ דידאָזיקע פראָדוקציעס מיט דעם גראד פונ זייער (פונ די פראָדוקציִעס) אונטערגעוואָרפנקייַט דעם האנדל־קאפיטאל.

דידאָזיקע יעדיִעס כאראקטעריזירנ אינ דעם פראט די לאגע פונ 1911, ווענ די צעלייגונג פונ דער האנטווערקערייַ האָט שוינ באוויזנ אוועקצוגיינ וויַיט פאָרויס, אינ פארגלייַכ מיט די 90־ער יאָרנ. ווי הויכ עס איז געווענ די איווערעדיקייַט פונ די ייִדישע האנטווערקערישע ארבעטער אינ די באדייַטנדיקערע שטעט פונ קאנט אינ די 90־ער יאָרנ, קענ מענ זענ כאָטש דערפונ, וואָס אפילע אינ 1911 יאָר איז עפעס ווייניקער ווי א העלפט פונ אלע ווילנער ייִדישע שנייַדער־ארבעטער געווענ איווערעדיק סייַ אינ רוסיש אונ סייַ אינ ייִדיש. 39,7 פראָצ. פונ זיי זייַנענ געווענ איווערעדיק נאָר אינ ייִדיש. צווישנ די מענער האָט דערדאָזיקער פראָצענט דערגרייכט 47, איווערעדיקע אינ ייִדיש אונ אינ רוסיש איז צווישנ די מענער געווענ מער ווי א העלפט, אזוי, אז ניטאיווערעדיקע איז צווישנ די מענער געווענ עפעס מער ווי 1 פראָצ.

וואָס פאר א באדייַטונג עס האָט געהאט דערדאָזיקער הויכער גראד פונ איווערעדיקייַט בא האנטווערקערישע ארבעטער אינ פראט פונ אופנעמענ א שריפטלעכע אגיטאציע, איז לייַכט זיכ פאָרצושטעלנ. עמעס, דאָ דארפ מענ נאָכ נעמענ אינ באטראכט, אז

---

[1] זע, С. О Марголин, Портняжное производство

דער 1905 יאָר האָט אַסאַך מיטגעהאָלפן אין פּראַט פון אופהייבן ניט נאָר דעם קלאַסנ־באַוווּסטזײַן, נאָר אויך די אַלגעמיינע איוורעדיקײַט פון די יִדישע אַרבעטער, אַזוי, אַז כאָטש פאַרגלײַכן דעם צושטאַנד אין דעמדאָזיקן פּראַט פון 1911 יאָר מיט די 90־ער יאָרן דאַרף מען דאָס האָבן אין זינען. אָבער דאָך איז קיין שום ספק ניט, אַז אין די 90־ער יאָרן, ווען די האַנטווערקערײַ האָט ערשט נאָך אָנגעהויבן זיך צו צעלייגן, האָט דער קולטורעלער ניוואָ פון דעם יִדישן האַנטווערקערישן אַרבעטער געקענט זײַן אַ פאַרהעלטניסמעסיק גאַנץ הויכער, אַ העכערער ווי דער קולטורעלער ניוואָ פון די מאַנופאַקטור־אַרבעטער. מע דאַרף אויך נעמען אין באַטראַכט, אַז די מאַנופאַקטור־אַרבעטער זײַנען געווען, ווי מיר האָבן שוין געזען, אין אַ גרעסערער מאָס אַ „פּרוויען־פּראָלעטאַריאַט.״ דאָס האָט אויך געמוזט זיך אָפּשפּיגלען אויפן אַלגעמיינעם קולטורעלן ניוואָ פון דידאָזיקע אַרבעטער. לויט די ידיעות, וואָס מיר געפינען בא ס. מאַרגאָלין, וועלכער האָט אויסגעפאָרשט די שנײַדערײַ אין פאַרשיידענע שטעט פון טכום, זײַנען געווען צווישן די יִדישע אַרבעטערנס 27,4 פּראָצ. אַנאַלפאַבעטן לעגאַבע 1,7 פּראָצ. צווישן מענער. עמעס, אין ווילנע איז דערדאָזיקער פּראָצענט געווען נידעריקער; אין העסקעם מיט דעם איז דער אינטערעסן־קרײַז פון דער יִדישער אַרבעטערן געווען זייער אַ שמאָלער. ליטוואַק דערציילט, אַז ווען ער האָט געגרינדעט אַ קליינע יִדישע ביבליִאָטעק אין ווילנע, אין אָנהייב 90־ער יאָרן האָט ער איינמאָל פאָרגעלייגט אַ קאָנוואָרטניצע, וואָס פלעגט נעמען ביכער אין דערדאָזיקער ביבליִאָטעק, צו נעמען עטלעכע ביכער אויך פאַר די אַנדערע אַרבעטערנס פון דער פאַבריק. אַף דעם האָט זי געענטפערט: „ניטאָ פאַר וועמען צו נעמען: עטלעכע מער אַנטוויקלטע מיידלעך לייענען רוסיש און די איבעריקע זײַנען אַנאַלפאַבעטן אויך אין יִדיש. אַכוץ דעם האָבן זיי גאָר ניט קיין צײַט צו לייענען, זיי לערנען זיך טאַנצן״ [1].

אַזוי איז אויך געווען דער קולטורעלער פּאָנים און דער ניוואָ פון קלאַסנבאַוווּסטזײַן פון די טאַבאַק־אַרבעטערנס; אויך אין די שטעט אויסערן טכום. אין קיִעוו פלעגט מען אין די 90־ער יאָרן פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציִעס צווישן די פּאַפּיראָסניצעס פון עגיזס פאַבריק. אָפּהיטנדיק זיי באַם טויער פון פאַבריק, בײַס דעם מיטיק־איבערײַס אין פאָרשטעלנדיק זיך פאַר זיי ווי אַ גאַלאַנטעריי־פּריקאַזשטשיק, פלעגט מען פאַרשפּרייטן צווישן זיי פּראָקלאַמאַציִעס אונטערן שלייער פון רעקלאַמעס פון דעם העכסטן מאַגאַזין, ווו מען קען קויפן זייער נייטיקע סכוירעס פאַר מיידלעך״. [2]

[1] זע ליטוואַק, „די זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן״, „רויטער פּינקעס״ 1 זמב ז. 6. דיזעלביקע דערשײַנונג זעען מיר אויך אין יענער צײַט אין דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג. צווישן די אַרבעטערנס פון פּעטערבורג — דערציילט פּלעכאַנאָוו, — זײַנען געווען עטלעכע רעוואָליוציִאָנערקעס און ס'פלעגן זיך טרעפן צווישן זיי אַפילע שטרײַקן (אַף טאַבאַק־פאַבריקן), אָבער ביכלאַל זײַנען אין דער דעמלטיקער אַרבעטער־באַוועגונג, די פּרוויען געשטאַנען אַפן סאַמע לעצטן פּלאַץ. אייניקע פאַבריק־אַרבעטער רעוואָליוציִאָנערן האָבן ניט כאַסענע געהאַט דערפאַר, וואָס אין זייער סוויווע זײַנען ניט געווען פאַר זיי קיין פּאַסנדיקע פּרוויען. „אונדזערע פּרוויען זײַנען גאָר נאַרעשע און די אינטעליגענטקעס וועלן דאָך מיט אַ נאַשבראַט ניט כאַסענע האָבן, זיי גיבן נאָר סטודענטן״, — פלעגן ניט אָן ערגעניש ריידן אַזוינע אַרבעטער״ Плеханов. Русский рабочий в революц. движении, сочин., т. III стр. 145

[2] זע, Сборник „К 25-летию I-го с'езда партии

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0074-0145 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

עס איז קיין וואונדער ניט נאָך דעם אַלעמען, וואָס אין 1902 יאָר נאָך האָט מען געקענט צווינגען די אַרבעטער פון זאַקס שוועבעלעך־פאַבריק אין דווינסק צו גיין אַפן העספּעד אין שול איבער זייער פאַרשטאָרבענעם פאַבריקאַנט, וואָס איז געווען אַ שרעקלעכער עקספּלואַטאַטאָר. די אַרבעטער זײַנען אַוועק אַפן העספּעד, כאָטש זיי האָבן נאָכדעם אין שול געמאַכט אַן אָבסטרוקציע [1]. אין פּינסק, אַף דעם האָלץ־באַאַרבעטנדיקן קאָמבינאַט, וווּ די גרעסטע מערהײַט אַרבעטער איז באַשטאַנען פון פרויען, פלעגט דער מײַסטער, אין 1901 יאָר, שאַבעס אינאָוונט, פאַרן אָנהייב פון דער אַרבעט, מאַכן האַוודאָלע אין דער אָנוועזנהײַט פון אַלע אַרבעטער און דערנאָך ערשט פלעגן די אַרבעטער צוטרעטן צו דער אַרבעט [2].

אַפילע יענע ייִדישע אַרבעטערנס, וואָס זײַנען שוין געווען אַרײַנגעצויגן אין דער באַוועגונג, פלעגן אַרויסווײַזן אַ וואונדערלעכע פּאָליטישע נאַיוקײַט. דער כ׳ רײַטשוק דערציילט אין זײַנע זיכרוינעס, אַז אין דער צײַט פון שטרײַק פון די זאָקן־מאַכערקעס אין ווילנע, אין 1898 יאָר, האָט מען אַף דער „בירזשע“ די שטרײַקנדיקע אַרויסגעגעבן שטיצע. „אייניקע זאָקן־מאַכערקעס האָבן געמיינט, אַז די געלט האָט צוגעשיקט פון פּעטערבורג די רעגירונג. ס׳האָט פּאַסירט, אַז זאָקן־מאַכערקעס פלעגן קומען און פאָדערן געלט, וואָס די קייסערינע האָט געשיקט צו אונטערשטיצן די שטרײַקנדיקע“ [3].

דידאָזיקע ווילנער ייִדישע זאָקן־מאַכערקעס, וואָס פלעגן שטעלן אַזוינע טשיקאַווע פראַגעס, האָט מען געקענט גאַנץ דרייסט פאַרגלײַכן אין זין פון פּאָליטישער נאַיוקײַט מיט יענער פּעטערבורגער זאָקן־מאַכערקעס, אין אָנהייב פון די 90־ער יאָרן, וואָס האָט געשטריקט באַל־זאָקן פאַר דער פירשטן סאַן־דאָנאַטאָ, און וועגן וועלכער עס דערציילט אַקימאָוו פאָלגנדיקעס: אַ כאַווער האָט אָנגעהויבן צו דערווײַזן פאַר דער זאָקן־שטריקערקע די אומגערעכטיקײַט פון די געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען. די אומגליקלעכע זאָקן־מאַכערקע איז מיטאַמאָל באַגײַסטערט געוואָרן און אָנגעהויבן ריידן: „אַך, ווען איר וואָלט געוווּסט וואָס פאַר אַ שיינהײַט זי (די פירשטן טאַן־דאַנאַטאָ איז, וואָס פאַר אַ רײַכע, וואָס פאַר אַ גראַציִעזע, וואָס פאַר אַ באַציִונג זי האָט צו מיר און מיר, וואָס? מיר, פאַרשטייט זיך, דאַרפן שטריקן זאָקן, ווען איך טו איר אָן מײַן זאָק, קען איך די אויגן ניט אָפּרײַסן פון איר פיסל...“ [4]

מאַרטאָוו אונטערשטרײַכט אויך, אַז די אַגיטאַציע צווישן די ייִדישע אַרבעטערנס און זייער אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט אויסצושטיין אַסאַך שוועריקײַטן צוליב דידאָזיקע אומשטענדן. „אַפן גרענעץ פון לומפּן־פּראָלעטאַריאַט און פּראָסטיטוציע זײַנען געשטאַנען די עטלעכע הונדערט מיידלעך און פרויען, וואָס פלעגן אומבאַראַכמאָנעסדיק עקספּלואַטירט ווערן אַף דער טאַבאַק־פאַבריק פון עדלשטיין און אַף דער אַנדערער, אַביסל קלענערער פאַבריק פון דורונטשאַ,—זאָגט מאַרטאָוו,—„זיי האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך זייער ניט קיין גינסטיקן באָדן פאַר פּראָפּאַגאַדע“ [5].

---

[1] זע, „Последние известия“ № 63.

[2] זע, „Восход“ за 1901 г. кн. 10.

[3] זע, ע. רײַטשוק. זיכרוינעס „רויטע בלעטער“.

[4] זע, Акимов (Махновец). Очерки развития соц-дем в. Росии, стр. 43.

[5] זע, Мартов, цит. кн. стр. 206.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

בא אזא לאגע, בא אזא ניוואָ פונ באוווּסטזײַנ צווישנ די ייִדישע ארבעטערנס, אי די ערשטע ייִדישע סאָציִאל־דעמאָקראטנ אָפטמאָל אויסגעקומענ אָנצוווענדנ לעגאבנ די ייִדישע ארבעטערנס דיזעלביקע מעטאָדנ פונ אגיטאציע, וואָס די רוסישע סאָציִאל־דעמאָקראטנ פלעגנ אָפטמאָל אָנווענדנ לעגאבע די סאָלדאטנ. פונקט ווי דאָרטנ פלעגט מענ שיקנ מיידלעכ צו שליסנ באקאנטשאפט מיט סאָלדאטנ, קעדיי אפ אזא אויפנ אָנגוקניפנ א פארבינדונג מיט זיי, אזוי פלעגט מענ דאָ מיטנ זעלביקנ ציל שיקנ באָכורים. אָבער אויכ דאָס פלעגט שווער געלינגענ. די ארבעטערנס פלעגנ פונ אָנהייב גאנצ געדולדיק זיכ צוהערנ צו דער „פילאָסאָפיע” פונ זייערע קאוואלערנ, זעענדיק אינ דעמ א באשטימטנ מאנעוור פונ א מאנצביל, וואָס אנטשליסט זיכ ניט טייקעפ צו פארפירנ דעמ געווונטשענעמ שמועס. סאָפקאָלסאָפ פלעגנ זיי אימ איבעריַסנ מיט א פראגע, ווענ וועט ער שוינ אָנהייבנ צו ריידנ וועגנ דעמ איקער”... [1]

נאָכ דעמ אלעמענ וועט מענ דארפנ קומענ צומ אויספיר, אז פערעדזיטש אידעאליזירט אינ זײַנע זיכרוינעס די ייִדישע ארבעטערנ אינ יענע יאָרנ, ווענ ער פארגלײַכט זי מיט דער פוילישער ארבעטערנ. „די פוילישע ארבעטערנ אינ יענער צײַט— זאָגט ער—האָט זיכ טאקע ניט געקענט פארגלײַכנ מיט דער ייִדישער ארבעטערנ, אונ ניט דערפאר, וואָס דאָ איז געווענ א גרויסער אונטערשייד צווישנ דער מאטעריִעלער קולטור פונ זיי ביידנ, אינ זייערע לעבנ־אומשטענדנ איז עפשער קיינ אונטערשייד ניט געווענ, נאָר אינ דער צײַט, ווענ די פוילישע ארבעטערנ האָט זיכ געפונענ אונטער דער שטארקער ווירקונג פונ קסיאָנדז אונ האָט געטרוימט כאסענע צו האָבנ מיט עפעס א קאנצעליאריסט, פלעגט די ייִדישע ארבעטערנ זיכ פארטראכטנ פײַנלעכ איבער דעמ שרעקלעכנ רוסישנ לעבנ אונ איר נעשאָמע האָט געגארט צו נעמענ אנ אָנטייל צוזאמענ מיט אירע ברידער אינ דעמ באפרײַונג־קאמפ פונ פראָלעטאריאט... אונ אינ דער צײַט, ווענ די רייענ פונ דער ייִדישער אָרגאניזאציע זײַנענ געווענ פול מיט ארבעטערנס, זײַנענ מיר געווענ בעקויעכ צו בילדנ בלויז איינ קרײַז פונ ארבעטערנס פונ 5־6 מיטגלידער” [2].

די גרויסע צאָל ארבעטערנס אינ דער ווילנער ייִדישער סאָציִאל־דעמאָקראטישער אָרגאניזאציע דערקלערט זיכ, ערשטנס, דערמיט, וואָס דאָ אינ ווילנע האָבנ אינ אסאכ פראָדוקציעס (זאָקנ־פראָדוקציע, טאבאק־פראָדוקציע, טײַלוויַזו שנײַדערײַ) דאָמינירט ארבעטערנס. צווייטנס, איז לאכלוטנ ניט ריכטיק צו צושרײַבנ די ייִדישע ארבעטערנס ביכלאל, וואָס זײַנענ געשטאנענ אינ אלגעמיינ אפ א נידעריקנ קולטורעלנ אונ באוווּסטזײַנ־ניוואָ, אזוינע הויכע מאָטיוונ, צומ אונטערשייד פונ דער פוילישער ארבעטערנ, וואָס האָט געטרוימט כאסענע צו האָבנ מיט א קאנצעליאריסט. די מערהײַט פונ די ייִדישע ארבעטערנס, ארײַנטרעטנדיק אינ די קרײַזנ, זײַנענ ארויסגעגאנגענ פונ דיזעלביקע מאָטיוונ, וואָס די פוילישע ארבעטערנס. קאָפעלזאָנ ווײַזט דירעקט אָנ אפ דידאָזיקע מאָטיוונ, וואָס האָבנ געווירקט אפ דעמ ארײַנטרעטנ פונ די ייִדישע

---

[1] זע, טיכאלעוויטש „זיכרוינעס פונ א סאָציִאליסט”, 2־טער באנד ז. 36.

[2] פערעדזשיטש, זיכרוינעס פונ 1896־1897 יאָר. „קראסנאיא לעטאָפיס” נומ 2־3 1922 יאָר.

ארבעטערנס אינ די קרייזנ. „די שטרעבונג צו בילדונג איז געווענ בא די ארבע־טערנס אסאכ שטארקער עפשער צוליב פערזענלעכע מאָטיוונ“ [1]).

דאָסזעלביקע ווייזט אָנ אויכ מיכאלעוויטש. ווענג די יידישע קרייזלעכ־ארבעטער, זאָגט מיכאלעוויטש, אז „זיי פלעגנ אָפט זיכ אסימילירנ צווישנ דער אינטעליגענצ און די מער אנטוויקלטע ארבעטער און ארבעטערנס פלעגנ פאקטיש נאָכ עטלעכע יאָר לערנענ אינ די קרייזלעכ ווארפנ זייערע פראָפעסיעס און אָנהייבנ זיי לערנענ „אינטעליגענטישע“ פראָפעסיעס. די ארבעטער פלעגנ אלס עקסטערנעס שטרעבנ אָנ־צוקומענ אינ אוניווערסיטעט און די ארבעטערנס פלעגנ שטרעבנ צו ווערנ אקו־שערקעס, דאנטיסטקעס און פעלדשערקעס“ [2]).

אויכ מארטאָוו ווייזט אָנ דערויפ (זע מארטאָוו „זיכרוינעס פונ א סאָציאל־דעמאָ־קראט ז. 191, רוסיש).

ווי ארבעטער פונ אנ אונטערדריקטער נאציע, זיינענ די יידישע ארבעטער אוואדע געווענ פארינטערעסירט אינ פאָליטישער פרייהייט. פאָלעמיזירנדיק קעגנ די „עקאָנאָמיסטנ“, זאָגט לענינ, אז „אינ דער אלגעמיינער סומע פונ יענע לעבנ־פאלנ, ווענ דער ארבעטער ליידט (אליינ אָדער פאר זיינע נאָענטע מענטשנ) פונ רעכטלאָ־זיקייט, ווילקיר און געוואלט,—שטעלנ פאָר מיט זיכ די פאלנ פונ פאָליציייִשער אונ־טערדריקונג אינ פראָפעסיאָנעלנ קאמפ — א קליינע מינדערהייט“ [3]). דעמדאָזיקנ לע־נינס גדאנק דארפ מענ באזונדער אונטערשטרייכנ, ווענ עס רעדט זיכ ווענג דעם יידישנ ארבעטער, וואָס האָט נאָכ אסאכ מער, אסאכ אָפטער פונעם רוסישנ ארבע־טער, געפילט אפ זיינ פלייצע דעמ גאנצנ ווילקיר, די גאנצע סיסטעמ פונ גוואלד־טאטנ מיצאד דער צארישער זעלבסטהערשונג, וועלכע האָט אימ ניט געגעבנ אפילע די סאמע עלעמענטארע בירגער־רעכט. דער יידישער ארבעטער איז דערפאר אוואדע געווענ פייִק צו פארשטיינ דעמ צוזאמענהאנג צווישנ זיינ פארשקלאפטער לאגע מיט דעמ עקזיסטירנדיקנ פאָליטישנ רעזשימ אינ לאנד. ער איז דערפאר אוואדע געווענ פייִק צו פארשטיינ די קאמפ־נייטיקייט קעגנ דעמדאָזיקנ רעזשימ, אלס אנ אומפאר־מיידלעכנ באדינג פאר זיינ אלגעמיינעמ באפרייונג־קאמפ, ד. ה., די נייטיקייט פונ פ א ָ ל י ט י ש נ ק א מ פ. אינ דעמ פראט האָט דער יידישער ארבעטער, זיכ ניט אונ־טערגעשיידט פונ די ארבעטער פונ אנדערע אונטעדריקטע נאציעס פונ רוסלאנד.

אָבער גלייכצייטיק זיינענ די יידישע ארבעטער געווענ, ווי מיר האָבנ געזענ, שטארק צעשטויבט איבער קליינע ווארשטאטנ אינ גרעסערע שטעט (די האנטווער־קערישע ארבעטער) און איבער קליינע שטעטלעך (מאנופאקטור־ארבעטער). די איזאָ־לירטע באוועגונג פונ דידאָזיקע גרופעס ארבעטער (אָפגעזונדערט פונ די ניטיידישע ארבעטער) איז געווענ צו נישטיק, אז זי זאָל קענענ ארויסרופנ בא זיי א גדאנק ווענג דער מעגלעכקייט זיכ צו פארמעסטנ מיט דער צארישער הערשאפט, מיט זיינ ארמיי און פאָליציי. מענ דארפ ניט פארגעסנ, אז דאָ, אינ ווייסרוסלאנד,

---

[1]) קאָפעלזאָנ „די ערשטע שפראָצונגענ“, ארבעט־לעכ פארנ 1922, ז. 69. בא מ. ראפעס, וועלכער ציטירט דידאָזיקע שורעס פונ קאָפעלזאָנס זיכרוינעס, זיינענ די לעצטע ווערטער („עפשער צוליב פערזענ־לעכע מאָטיוונ“) ארויסגעוואָרפנ.

[2]) מיכאלעוויטש, „זיכרוינעס פונ א סאָציאליסט“ 1 ט. ז. 32.

[3]) לענינ, 4 ב. ז. 400.

וואָס איז געלעגנ הארט בא דער רוסיש־דײַטשישער גרענעצ, זײַנען געווענ קאָנצענטרירט זייער גרויסע מיליטערישע קרעפטנ פונ צאריזם, אונ דאָ האָט מענ געקענט אפילו אינ די שטעטלעך (וועגנ די באדײַטנדיקערע שטעט איז שוינ אָפּגערעדט) באגעגענענ גאנצ שטארקע גארניזאָנענ. אלזאָ, אויכ צוליב דעמ איז דאָ געווענ באזונדערס שעפערלעכ די איזאָלירטקײַט פונ די ייִדישע ארבעטער פונ זייערע ניט־ייִדישע כאווייריִמ, ווײַל דאָס האָט נאָכ געקענט געבנ א שטארקנ אומגלויבנ אינ די אייגענע קויכעס. אָט די דאָזיקע נישטיקײַט פונ די אייגענע קרעפטנ פונ די ייִדישע ארבעטער, אָפּגעזונדערט פונ די ניט־ייִדישע, אינ זייער קאמפ פאר פאָליטישער פרײַהײַט, האָט געקענט זיי לײַכט ברענגענ צומ אָפּזאָגנ זיכ פונ דער דאָזיקער אויפגאבע, ווי אנ אבסאָליוט ניט אויספילבארע אונ איליוזאָרישע—א דאנקבארער באָדנ פאר „עקאָנאָמיזמ“. אזוינע שטימונגענ האָבנ זיכ נאָכ גיכער געקענט פארפעסטיקנ אדאנק דעמ, וואָס די ייִדישע ארבעטער האָבנ די ערשטע צײַט (ביזנ מיטנ פונ די 90־ער יאָרנ) אינ זייער עקאָנאָמישנ קאמפ קימאט לאכלוטנ זיכ ניט אָנגעשטויסנ (צוליב א גאנצער ריי סיבעס) אפ א ווידערשטאנד מיצאד דער אָרטיקער מאכט.

דאָס איז ערשטנס.

צווייטנס, איז דער ייִדישער ארבעטער געווענ א טיפ־פראָווינציאָנעלער ארבעטער, אָבער ניט נאָר אינ געאָגראפישנ זינענ פונ וואָרט. דאָ, אינ ווײַסרוסלאנד, איז געווענ אינ יענע יאָרנ א טויטע שטילקײַט (אינ די 90־ער יאָרנ), אינ פארגלײַכ מיט דער פראָווינצ (וועגנ די רעזידענצנ ריידנ מיר ניט) פונ אייגנטלעכער רוסלאנד, ווײַל דאָ זײַנענ דעמלט ניט געווענ ניט קיינ „זעמסטוועס“ מיט זייער ליבעראלער פראָנדע, ניט קיינ „דריטער עלעמענט“, ניט קיינ סטודענטשאפט,—מיט איינ וואָרט, דאָ זײַנענ ניט געווענ יענע געזעלשאפטלעכע קויכעס, וואָס זײַנענ אינ איבעריקנ רוסלאנד אינ יענע יאָרנ ארויסגעטראָטנ מיט פאָליטישע פאָדערונגענ. די ערשטע סטודענטישע דעמאָנסטראציעס סאָפ 90־ער יאָרנ האָבנ באקרומענ, ווי עס איז באוווסט, א אימפאָזאנטנע קראפט, אדאנק דעמ, וואָס צו זיי איז צוגעשטאנענ די ארבעטער־מאסע. די באוועגונג פונ דער בורזשואזיע קעגנ אבסאָליוטיזמ האָט אומעטומ, אינ אלע לענדער אויכ געהאַט א געוויסע דערציִערישע באדײַטונג פאר די ערשטע שריט פונ דעמ באפרײַונג־קאמפ פונ פראָלעטאריאט,—עס איז נאָר נייטיק געווענ באצײַטנס, אָנ פארשפעטיקונג, אָפּטיילנ דעמדאָזיקנ באפרײַונג־קאמפ אידעאָלאָגיש אונ אָרגאניזאציאָנעל פונ דער באוועגונג פונ דער בורזשואזיע. „אפ דער ערשטער סטאדיע פונ קאמפ,—זאָגנ די אויטערנ פונ „קאָמוניסטישנ מאניפעסט“,—שטעלנ פאָר די ארבעטער מיט זיכ ניט קיינ צונויפגעשמאָלצענע מאסע, זיי זײַנענ צעשטויבט איבערנ גאנצנ לאנד אונ צעריסענ דורכ דער קאָנקורענצ. ווענ זיי פארייניקנ זיכ אינ א מער קאָמפאקטנ אָרגאניזמ, קומט עס פאָר ניט אינ רעזולטאט פונ זייער אייגענער פארייניקונג, נאָר א רעזולטאט פונ א פארייניקונג פונ דער בורזשואזיע, וואָס איז געצווונגענ צו ברענגענ אינ באוועגונג דעמ גאנצנ פראָלעטאריאט, קעדיי צו דערגרייכנ אירע אייגענע פאָליטישע צילנ“.

אָט דאָס האָט דאָ געפעלט. דאָ איז ניט געווענ, ווי געזאָגט, ניט קיינ באוועגונג פונ דער סטודענטשאפט אונ ניט קײַנ באוועגונג פונ די „זעמסטוועס“. דאָס איז

אָבער ניט געווען ניט נאָר אויסער דער ייִדישער סוויווע; דאָס איז אויך ניט געווען
אין דער יידישער סוויווע. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט יענע יאָרן, ווען עס איז
אויפגעקומען דער ציאָניזם, א רעאקציאָנערע נאציאָנאלע באוועגונג, וואָס איז גע-
גאנגען אונטער דער פאָן פון פּאָליטישן אינדיפערענטיזם בענוגייע צו רוסלאנד און
דערמיט פאקטיש געשטיצט די זעלבסטהערשאפט. דאָס איז געווען די באוועגונג דעריקער
פון דער ייִדישער מיטעלער און קליינבורזשואזיע, ד. ה., דאפקע פון יענע .רופעס פון
דער ייִדישער בורזשואזיע, וואָס האָבן דאָמינירט אין די שטעט פון צאָפן-מייִרעוו-
דיקן קאנט. אפ וויפל עס האָט עקזיסטירט א ליבעראלע, ניט אפּאָליטישע ייִדישע
בורזשואזיע, איז דאָס געווען א גרויסבורזשואזיע, וואָס האָט געהאט איר אָרט, דע-
ריקער אויסער די גרענעצן פון צאָפן-מייִרעווודיקן קאנט.

אָט אין דעם זין, איז דער ייִדישער ארבעטער דעריקער געווע: א פּראָווינציִע-
לער ארבעטער. ער איז געשטאנען אָן א זייט פון דעם הויפּט-טואקט פון געזעל-
שאפטלעך-פּאָליטישן קאמף אין לאנד. עס איז כאראקטעריסטיש, אז אפילע די
סאמע פאָרגעשריטענע ייִדישע ארבעטער אין ווילנע האָבן, ווי מארטאָוו דערציילט,
דעמלט קיין צייטונגען ניט געלייענט און האָבן גאָרנישט פארשטאנען אין פּאָליטישע
פראגן. ניט נאָר, וואָס זיי האָבן גאָרנישט פארשטאנען אין פראגן פון אינטערנא-
ציאָנאלער פּאָליטיק, זיי האָבן אפילע געהאט א נעפּלהאפטע פאָרשטעלונג וועגן דעם
געזעלשאפטלעכן קאמף אין די גרעסערע צענטערס פון רוסלאנד.

געפינענדיק זיך, פון איין זייט, אונטער א שטארקן נאציאָנאלן דרוק, ד. ה.,
פילנדיק די צארישע זעלבסטהערשאפט פריִער פון אלץ אפ דער ליניע פון נא-
ציאָנאלער אונטערדריקונג, און, פון דער אנדער זייט, באזיצנדיק, אדאנק די
אויבנאָנגעוויזענע באדינגונגען, א זייער שמאָלן פּאָליטישן האָריזאָנט, האָט דער ייִדי-
שער ארבעטער געקענט זייער לייכט פארשמעלערן די אויפגאבעס פון פּאָליטישן
קאמף, איינפּרעסנדיק אים אין נאציאָנאלע ראמען—א באָדן פאר נאציאָנאלן אָפּאָר-
טוניזם. צוליב אָט די אלע אומשטאנדן איז דאָ, אין דער ייִדישער ארבעטער-סוויווע,
באזונדערס נייטיק געווען א סיסטעמאטישע אקשאָנעסדיקע אופווירקונג מיצאד א רע-
וואָליוציאָנערער פּראָלעטארישער פארטיי. און דאָ איז די דראָזיקע אופווירקונג געווען אין
דערמיט לייכטער, וואָס די ארבעטער-באוועגונג אין די גרויסע אינדוסטריעלע צענטערס אין
לאנד. דער רוסישער מארקסיזם, וואָס האָט זיך צו יענער צייט און געהאט אויס-
געבילדעט, האָבן דאָך געווירקט אפ דער ייִדישער ארבעטער-באוועגונג, וועלכע איז
דאָך ניט געווען אָפּגעטיילט מיט א כינעזישער וואנט פון דער רוסישער ארבעטער-
באוועגונג.

דערדאָזיקער פּראָווינציִאליזם, מיט וועלכן עס האָט זיך אויסגעצייכנט דער ייִדי-
שער ארבעטער אין ווייסרוסלאנד, איז געווען באזונדערס כאראקטעריסטיש פאר
דעם ייִדישן מאנופאקטור-ארבעטער. מיר האָבן שוין געזען, אז דער ייִדישער מאנו-
פאקטור-ארבעטער איז געווען דעריקער א שטעטלדיקער ארבעטער, און דער האנט-
ווערקערישער ארבעטער—דעריקער, א שטאָטישער ארבעטער. דער ערשטער איז אפ
אזא אויפן געווען א פּראָווינציִאל צווישן פּראָווינציִאלן.

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0076-0150 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

דידאָזיקע שטעטלדיקע ייִדישע סוויווע האָט געמוזט ארופלייגנ א טיפנ שטעמפל אפ דער פיזיאָנאָמיע פונ ייִדישנ מאנופאקטור־ארבעטער.

קאָנצענטרירט ניט אינ די גרויסע שטעט פונ קאנט, ווו נײַע ווינטנ פונ דער צײַט פלעגנ קענענ ארײַנדרינגענ אסאכ לײַכטער, ווו די רעוואָליוציאָנערע אינטעליגענצ האָט געזוכט פארבינדונגענ מיט די האָרעפאשנע מאסנ, נאָר אינ די שטילע, טויטע שטעטלעכ, ווו די אײַנגעשלאָסנ־ייִדישע סוויווע איז געווענ אסאכ שטארקער, ווי אינ שטאָט, צונויפגעשמידט דורכ די טראדיציעס פונ מיטלאלטער,— זײַנענ דידאָזיקע גרופעס ארבעטער געווענ געשטעלט אינ באזונדערס שווערע באַדינגונגענ, ווײַל די גאנצע סוויווע האָט ווי א קאָשמאר געדריקט אפ זייער געזעלשאפטלעכנ באוווסטזײַנ, פארשווערנדיק דאָס אנטשטיינ אינ קאָפ פונ אזא ארבעטער דעמ געדאנק פונ פראָטעסט, דעמ אָפענעמ בונט קעגנ די עקספלואטאטאָרנ.

אינדערעמעסנ, ניט אָט די אניוועסדיקע פארערער פונ טאלמוד, וואָס האָבנ געזוכט אינ דער מיטלאלטערלעכער ייִדישער ליטעראטור א טרייסט צו זייער ביטערער לאגע, האָבנ געקענט אופשטיינ קעגנ זייערע עקספלואטאטאָרנ. אפ וויפל דער שטעטלדיקער מיטלאלטער האָט פעסט געהאלטנ אינ געפאנגענשאפט דעמ ייִדישנ ארבעטער, ווײַזט צווישנ אנדערנ דער שטרײַק פונ די ארבעטער אינ קרינעק, אינ 1897־טנ יאָר. אָט ווי א. לעוו שילדערט דעמ אָנהייב פונ דעמדאָזיקנ שטרײַק: „עס איז באשלאָסנ געוואָרנ, אז עס זאָלנ פארשטרײַקנ אלע „טרוקענע" ארבעטער. דער וועטער איז געווענ א שלעכטער, ס'איז געגאנגענ א רעגנ אונ די ארבעטער זײַנענ מער ווי 2 שאָ געשטאנענ אונטערנ רעגנ. מענ האָט זיכ געשוואָרנ אפ א פאָר טפילנ צו האלטנ זיכ פעסט אונ אויספירנ אלצ, וואָס עס וועט ווערנ באשלאָסנ, מענ האָט געזונגענ די „שוועע". אייניקע האָבנ זיכ געלייגט אפ דער ערד אונ געווײנט; פאר פרייד, אָדער פאר צאָרעס—ווייט איכ שוינ ניט. ס'איז דאָכ ניט געווענ קײַנ לײַכטע זאכ פאר אזוינע דערשלאָגענע מענטשנ אנטשליסנ זיכ אפ א שטרײַק ד. ה., אפ הונגער אונ נויט". [1]

אונ אפילע אינ 1905־טנ יאָר, ווענ די בערשטער־פאבריקאנטנ אינ קרעסלאווקע האָבנ אײַנגעלאדנ א מאגיד מיט מעלאמדימ אונ האָבנ אָרגאניזירט „קורסנ" פאר די בערשטער, קעדיי אָפצווענדנ זייער אופמערקזאמקײַט פונ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ, האָט דאָס „געהאט א באשטימטנ דערפאָלג צווישנ די בערשטער פונ אלטנ דאָר" [2].

לויט דאָלגאָפאָלסקיס זיכרוינעס זײַנענ אינ יענע יאָרנ (אָנהייב 90־ער יאָרנ) עטלעכע נעוולער בערשטער געווענ באהעלפער בא זייער באלעבאָס, ווענ ער פלעגט ארויסטרעטנ אלס כאזנ אינ שול [3].

קיינ וווּנדער ניט, נאָכ דעמ אלעמענ, אז דאפקע אינ די שטעטלעכ האָבנ די ייִדישע קלייקוידעש געשפילט זייער אנ אָנגעזעענע ראָלע אינעמ לייזנ קאָנפליקטנ,

---

[1] זע זשורנאל „שטערנ", נומ. 2, א לעוו „דער ערשטער אלגעמיינער שטרײַק פונ די גארבער אינ קרינעק אינ 1897־טנ יאָר".

[2] ראזומני. „קרעסלאווקע אונ איר רעוואָליוציאָנערע פארגאנגענהײַט", „ריגער פריטאָרגנ" נומ... (אינ צײַטונגס־אויסשניט איז דער נומער ניט אָנגעוויזנ.

[3] „גארבער־שטימע" נומ. 1, 1924.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0077-0151 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

וואָס פלעגן פאָרקומען צווישן די ארבעטער און די באַלעבאטים. דאפקע די ייִדישע מאנופאקטור־ארבעטער, אלס שטעטלדיקע ארבעטער, פלעגן באזונדערס אָפט זיך ווענדן צו דער פארמיטלונג פון ראבאָנים אין דער צײַט פון שטרײַק.

„דער ראָוו,—שרײַבט א. לעוו אין זײַנע זיכרוינעס וועגן דעם ערשטן אלגעמײַנעם שטרײַק אין קרינעק,—פארנעמט דאָ זייער אן אָנגעזעענעם אָרט. אלע אָפּמאכן צווישן די פאבריקאנטן און די ארבעטער גייען דורך דורך דער פארמיטלונג פון ראָוו. ווען אן ארבעטער האָט געוואָלט זיך קלאָגן אפן מײַסטער, האָט דער ראָוו פארענדיקט די זאך, אז ער זאָל געבן דרײַ רובל לעטויוועס דער שול. ווען א פרוי איז געקומען צום ראָוו זיך קלאָגן און בעטן, אז דער פאבריקאנט זאָל איר עפּעס וואָס געבן, ווײַל דער מאן האָט זיך אָנגעשטעקט בא אים אפ דער פאבריק, האָט דער ראָוו געענטפערט: ווען בא א פורמאן פאַלט א פערד, לייגן זיך די אַלע איבעריקע צונויף און העלפן אים; דאָסזעלביקע דארפן אויך טאָן די גארבער. די פאבריקאנטן האָבן טאקע גענומען פון יעדן ארבעטער צו 50 קאָפּ. אָדער צו רוב. פאר דער אומגליקלעכער פרוי”.

אלזאָ, דער ראָוו איז דאָ דער אויבערשטער ריכטער אין די שטרײַטן צווישן די ארבעטער און אונטערנעמער. דער ראָוו רעגולירט אפילע דעם ארבעט־טאָג. אזוי ווי די ייִדישע ארבעטער ארבעטן פרײַטיק ביז שפּעט אין אָוונט, האָבן זיי ניט קיין צײַט צו גיין אין באָד ערעוו שאבעס, ווי עס פאַסט זיך פאר א פרומען ייִדן. אזוי „ווי עס פלעגט פארכאפּן דער אָטעם פון אוויר, ווען די גארבער פלעגן קומען אין שול”, האָט „דער ראָוו דערקלערט אין שול, אז פרײַטיק זאָלן די ארבעטער ארבעטן פון צוויי באנאכט ביז 2 באטאָג, קעדיי ניט צו פארשוועכן דעם שאבעט”.

דאָסזעלביקע זעען מיר אויך בא די בערשטער. „די קליינע באַלעבאטים,—לייקענען מיר אין א קאָרעספּאָנדענץ פון מעזשריטש, אין אָרגאן פון די בערשטער „דער וועקער”—האָבן אָנגענומען אפ דער ארבעטער 2 ארבעט פון די 25, וואָס זײַנען געווען ארײַנגעשטעלט אין דער שווארצער ליסטע. די גרויסע אונטערנעמער האָבן געפאָדערט, אז מע זאָל די ארבעטער אָפּזאָגן, האָבן זיי די קליינע באַלעבאטים אָפּגעזאָגט. דאן האָבן די ארבעטער זיך געווענדעט נאָך הילף צום ראָוו (אונטערגעשטראָכן פון אונדז—ע. טש.). עס האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן, אז דער ראָוו איז אליין א מיטגליד פון דעם פארבאנד פון די באַלעבאטים”.

דערבײַ דארף מען נאָך דיסקאָנטירן פאָלגנדיקן אומשטאנד. דערפילנדיק זיך, שפּעטער ווי עס איז שוין אויבן אָנגעוויזן געוואָרן, אלס א באדײַטנדיקע סאָציאַלע מאכט, האָבן דידאָזיקע שטעטלדיקע ארבעטער א לאנגע צײַט ניט אופגעוואכט צום קאמף דערפאר, וואָס די בערשטער און די גארבער אין די שטעטלעך זײַנען צום אָנהייב פון די 90־קער יאָרן געווען קימאט די איינציקע גרופּעס ארבעטער. בא דעם צושטאנד פון דער האנטווערקערײַ אין די שטעטלעך צו יענער צײַט זײַנען דאָרטן לאכלוטן ניט געווען קיין אנדערע ארבעטער, וואָס וואָלטן געקענט זיי געבן א בײַשפּיל פון קאמף קעגן די עקספּלואטאטאָרן, וואָס וואָלטן זיי געקענט אונטערשטיצן אין זייער קאמף.

פון איין זײַט, האָט דאָס באטײַט, אז דידאָזיקע גרופּעס ארבעטער האָבן דאָ ניט געקענט דורכגיין א שול פון אלגעמיין־קלאסאָווער סאָלידארישקײַט.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0077-0152 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

דאָס האָט געשאפנ א באָדנ פאר צעכישער אָפגעזונדערטקײַט, פארטיפערט נאָכ דורכ דעמ, וואָס אינ דעמ געגעבענעמ פאל האָבנ מיר צו טאָנ ניט מיט קיינ פאבריק, נאָר מיט מאנופאקטור־ארבעטער, מיט קוואליפיצירטע ארבעטער, וואָס שטייענ אינ דעמ פראט נעענטער צומ האנטווערקערישנ, ווי צומ פאבריק־ארבעטער.

פונ דער אנדער זײַט, האָט דאָס זיי פארווארטיילט אפ מאכטלאָזיקײַט, האָט ארויסגערופנ דערשלאָגנקײַט, נידערגעדריקטקײַט. אינ אזוינע באדינגונגענ איז נאָכ לאנג ניט אנטשטאנענ בא זיי א געדאנק וועגנ דער מעגלעכקײַט דורכ געמיינזאמע קויכעס אונ קאמפ צו פארבעסערנ זייער לאגע. יעדער פונ זיי סטארעט זיכ ווי עס איז אליינ ארויסצוגיינ פונ דער לאגע, כאָטש אפנ כעזשבנ פונ זײַנע כאווײרימ.

זינגער דערציילט אינ זײַנע זיכרוינעס, אז דער מײַסטער פלעגט פארטיילנ די כאזער־האָר, וואָס ער פלעגט באקומענ פונ אונטערנעמער, אפ גלײַכ צווישנ זײַנע ארבעטער. האָבנ זיכ געפונענ אזוינע ארבעטער, וואָס פלעגנ שטילערהייט אונטערוקנ א טייל פונ דעמ באקומענעמ כאזער־האָר אנ אנדערנ, קעדיי אפ אזא אופנ גיכער צו פארענדיקנ די ארבעט אונ געפעלנ ווערנ דעמ מײַסטער. ס'זײַנענ געווענ צווישנ די בערשטער אויכ „לונאטיקער”, ד. ה. אזוינע, וואָס, וועלנדיק ארויסווײַזנ זיכ פאר זייער פלײַסיקע ארבעטער, פלעגנ זיי זיכ אינאָוונט באהאלטנ ערגעצווו אינ ווארשטאט אונ ארבעטנ דורכ דער נאכט. דערבײַ פלעגנ זיי ארבעטנ באמ לעוואָנע־שײַנ, מוירע האָבנדיק אָנצוצינדנ ליכט, מענ זאָל זיי ניט כאפנ בא דער ארבעט [1])

ווענ אינ ווילקאָווישק (א בערשטער־שטעטל) פלעגט דער פאבריקאנט אזריעל ראָזינ דורכגיינ דורכ די ווארשטאטנ, פלעגנ די בערשטער ארבעטנ מיט אנ אײַנגעהאלטענעמ אָטעמ. אכוץ דעמ רויש פונ די קאמענ פלעגט מענ אינ ווארשטאט ניט הערנ קיינ שאָרכ (זינגער).

דערמיט דערקלערט זיכ, ווײַזט אויס, וואָס די סאמע אופגאמ־פײַקע ארבעטער פאר רעוואָליוציאָנערער אגיטאציע האָט זיכ אינ דערדאָזיקער סוויווע (אינ דער סוויווע פונ די שטעטלדיקע ארבעטער) ארויסגעוויזנ דער אָנגעפאָרענער עלעמענט: ארבעטער, וואָס פלעגנ קומענ פונ אנדערע שטעטלעכ אונ באזונדערס פונ שטעט. אזא געקומענער ארבעטער, אפילע א שטעטלדיקער, האָט אפנ נײַעמ אָרט זיכ ניט געפונענ, נאטירלעכ, אונטערנ יאָכ פונ קרויוועשאפט אונ האָט אויכ געקענט אינ א קלענערער מאָס זיכ רעכענענ מיט דער אָרטיקער געזעלשאפטלעכער מיינונג. דערדאָזיקער עלעמענט פלעגט פריִער פונ אנדערע צושטיינ צו דער באוועגונג. פונ 30 ארבעטער־בערשטער אינ ווילקאָווישק, וואָס זינגערנ איז געלונגענ אינ 1895 יאָר ארײַנצוציִענ אינ א שטרײַק־קאסע (דאָס איז געווענ די ערשטע שטרײַק־קאסע אינ בערשטער־רײַאָנ, ניט רעכענענדיק ווילנע), איז די מערהײַט באשטאנענ פונ אָנגעפאָרענע ארבעטער: פונ קוידאנאָוו, פאָניעוועזש, מאָלעוו אונ אנד. אויסער זיי האָבנ באזונדערס צוטריטלעכ פאר אגיטאציע זיכ ארויסגעוויזנ עטלעכע ארבעטער, וואָס זײַנענ ניט לאנג געקומענ פונ אמעריקע. זיי זײַנענ געווענ די סאמע באוווסטזיניקע, האָבנ אליינ שוינ געכאפט ריידנ וועגנ דער נייטיקײַט צו שאפנ אנ אָרגאניזאציע אונ פירנ א קאמפ. פארשטייט זיכ, געהיימ פונ די איבעריקע ארבעטער (זינגער).

---

[1]) זע זינגערס, זיכרוינעס (מאנוסקריפט).



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

דאָסזעלביקע איז פאָרגעקומענ אויכ אינ קרעסלאווקע. „די ערשטע, וואָס האָבנ אָרגאניזירט א רעוואָליוציאָנערע ארבעט צווישנ די בערשטער אינ קרעסלאווקע, זײַנענ געוועזנ אָנגעפאָרענע ארבעטער, זײַדמאנ אונ בעליײַעוו, אונ אויכ דער אָרטיקער אינטעליגענט איסאק ראבינאָוויטש" [1].

אינ נעוועל האָט דער ערשטער ארויסגעזאָגט דעמ געדאנק וועגנ דער נייטיקײַט זיכ צו אָרגאניזירנ—א בערשטער פונ באָברויסק, איסאק קאָידאנאָוו [2].

דאָ, צווישנ די שטעטלדיקע ארבעטער, האָט דער אָנגעפאָרענער עלעמענט געשפילט דיזעלביקע ראָלע, וואָס עס האָבנ געשפילט אינ די פראָווינציעלע פאבריק-צענטרענ אינ רוסלאנד די אָנגעפאָרענע ארבעטער פונ די שטעט. „צווישנ די אָנגעפאָרענע ארבעטער אינ די ניט גרויסע צענטרענ אונ צווישנ די ארבעטער-פויערימ פונ די דערבײַיקע דערפער,—דערציילט דאָדאָנאָוו,—באמערקט זיכ א פולשטענדיקער פעלנ פונ סאָלידארישקײַט. וואָס פאר א כוצפעדיקע אויפירונג ס'זאָל זיכ ניט דערלויבנ די פאבריק-אדמיניסטראציע... שווײַגנ אלצ די ארבעטער, וואָס שטאמענ פונ די ארומיקע דערפער אונ מאכנ אנ אָנשטעל, אז זיי זײַנענ מיט אלצ צופרידנ. זיי באהאלטנ זיכ הינטער די פלייצעס פונ די אָנגעפאָרענע ארבעטער, געוויינטלעכ אָבער פארורטיילנ זיי דעמ פראָטעסט פונ זייערע כאווײרימ. די הערנ פאבריקאנטנ אליינ פארשטייענ אונ שאצנ דידאָזיקע כאראקטער-שטריכנ פונ דעמ פאבריק-זאוואָדישנ ערדארבעטער אונ פילנ א טיפע סימפאטיע צומ דאָזיקנ טיפ ארבעטער.., אינ דער באציִונג פונ דער פאבריק-אדמיניסטראציע צו דעמ אונ צו דעמ אנדער טיפ ארבעטער באמערקט זיכ א גרויסער אונטערשייד... דער אומרויִקער עלעמענט אפ די פאבריקנ—דאָס זײַנענ די אָנגעפאָרענע ארבעטער" [3].

אזוי איז אויכ געוועזנ אינ די שטעטלעכ. ווי נאָר עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א באוועגונג צווישנ דידאָזיקע גרופעס ארבעטער, זײַנענ די פאבריקאנטנ באשטאנענ קוידעמקאָל דערופ, אז די אָרטיקע מאכט זאָל ארויסשיקנ די אָנגעפאָרענע ארבעטער. אונ די מאכט פלעגט, פארשטייט זיכ, גערנ אויספילנ דעמ פארלאנג פונ די פאבריקאנטנ.

אויב דער אָנגעפאָרענער עלעמענט צווישנ די שטעטלדיקע ארבעטער פלעגט זײַנ דער איניציִאטער פונ דער באוועגונג, זײַנענ, פארקערט, די שטעטלדיקע ארבעטער, אלס אנ אָנגעפאָרענער עלעמענט אינ די שטעט, געוויינטלעכ, ארויסגעטראָטנ אלס שטרײַקברעכער. דאָס איז געוועזנ די „דערעוווענשטשינע" אינ דער סוויווע פונ די יידישע ארבעטער, קעגנ וועלכער מע האָט געמוזט אָנעמענ באזונדערע מיטלענ. די ווילנער בערשטער איז אויסגעקומענ אינ דער ערשטער צײַט ניט ווייניק צו לײַדנ פונ דער שטרײַקברעכערײַ מיצאד די שטעטלדיקע בערשטער. דערדאָזיקער אומשטאנד האָט צווישנ אנדערנ זיי באוויגנ צו נעמענ זיכ ענערגיש פאר דער אָרגאניזאציִע פונ בערשטער-ריײַאָנ. נאָר אויב דער שטעטלדיקער מאנופאקטור-ארבעטער האָט פאָרגעשטעלט מיט זיכ א בײַשפיל פונ אָפגעשטאנענקײַט, איז גאנצ פארשטענדלעכ, אז דער שטעטל-

---

[1] ראזומני, „קרעסלאווקע אונ איר פארגאנגענהײַט". „ריגער פרימאָרגנ" נומ.

[2] זע די זיכרוינעס פונ א גרופע אלטע נעוועלער בערשטער (מאנוסקריפט).

[3] В. Додонов. Русский Манчестер. „Русское Богатство" № 12 за 1900 г. (Цит. по Прокоповичу „К рабочему вопросу в России").

דיקער האנטווערקערישער ארבעטער האָט זיכ נאָכ מער אויסגעצייכנט אינ דעמדאָזיקנ פראט. מיר האָבנ שוינ געזענ, אז עס עקזיסטירט א מיינונג, אז די „בירזשעס" זײַנענ לעכאטכילע געשאפנ געוואָרנ צו קעמפנ קעגנ דידאָזיקע אָנגעפאָרענע שטעטלדיקע ארבעטער: מיר האָבנ שוינ געזענ, וואָס פאר א מיטלענ די „בירזשעס" האָבנ געמוזט אָנעמענ קעגנ זיי.

גאָר אנדערש איז געווענ אינ דעמ פראט די פיזיאָגנאָמיע פונ שטאָטישנ האנטווערקערישנ ארבעטער [1]).

די לעבנ־באדינגונגענ אינ דער גרעסערער שטאָט וועקנ פארשיידנאַרטיקע אינטערעסנ אונ גלײַכצײַטיק גיבנ זיי א מעגלעכקײַט זיי צו באפרידיקנ. אינ דער צײַט, ווענ יידישע וועבער אינ ביאליסטאָקער רײַאָנ שטילנ זייער גײַסטיקנ דורשט מיט א בלאט געמאָרע, לייענענ די ווילנער האנטווערקערישע ארבעטער די נײַסטע יידישע אונ רוסישע ליטעראטור.

ליטוואק דערציילט, אז די לייענער פונ זײַנ ביבליאָטעקל אינ ווילנע זײַנענ באשטאנענ פונ עטלעכע סטאָליער־געזעלנ, איינ שנײַדער־געזעל, איינ טאָקער, עטלעכע קאָנווערטניצעס אונ זאָקנ־מאכערקעס, צוזאמענ א 12־15 מאנ. איינ סטאָליער־געזעל פלעגט נעמענ דרײַ ביכער פאר איינ מאָל. „מיר", פלעגט ער זאָגנ, זײַנענ זיי ניט נייטיק. איכ קענ גאָט צו דאנקענ לייענענ רוסיש, נאָר אינ אונדזער ווארשטאט זײַנענ פאראנ עטלעכע יאטנ, וואָס קענענ ניט לייענענ קיינ רוסיש,—איז נעמ איכ עס פאר זיי" [2]).

ביכלאל, איז דער דאָרשט נאָכ בילדונג בא דידאָזיקע ארבעטער געווענ זייער גרויס. וועגנ דעמ זאָגנ איידעס אלע, וועמענ עס איז נאָר אויסגעקומענ זיכ טרעפנ מיט זיי [3]).

ווײַטער, האָט אינ די גרעסערע שטעט דער יידישער מיטלאלטער ניט געקענט אזוי אומבאגרענעצט הערשנ איבער די מויכעס פונ די מאסנ, ווי אינ די שטעטלעכ. עס איז באקאנט, וואָס פאר א קאבאָלעטפאָנעמ ס'האָבנ געמאכט די ווילנער יידישע ארבעטער דעמ ווילנער שטאָט־מאגיד, ווענ ער האָט זיכ ארײַנגעמישט אינ שטרײַק פונ די ארבעטערנס אפ עדלשטיינס טאבאק־פאבריק אונ האָט זיכ געשטעלט אפ דער זײַט פונ דעמ פאבריקאנט דעמ עקספלואטאטער. עס איז גענוג צו פארגלײַכנ דעמדאָזיקנ פאקט מיט יענע אָפטע ווענדונגענ פונ די יידישע מאנופאקטור־ארבעטער צו דער פארמיטלונג פונ די ראבאָנימ, בייס ס'פלעגנ אנטשטיינ קאָנפליקטנ צווישנ די ארבעטער אונ פאבריקאנטנ—קעדיי צו זענ, אפ וויפל די לעבנ־באדינגונגענ אינ דער גרויסער שטאָט האָבנ מיטגעהאָלפנ דער גײַסטיקער עמאנסיפאציע פונ די יידישע ארבעטער.

---

[1]) ווי עס איז צו זענ פונ ערשטנ קאפיטל, פארשטייענ מיר דאָ אונטער האנטווערקערישע ארבעטער—די ארבעטער פונ האנטווערקערישע פראָדוקציעס, וועלכע האָבנ זיכ אינ די 90־טע יאָרנ שוינ טיילווײַז געהאט קאפיטאליזירט.

[2]) ליטוואק, „זשארגאָנישע קאָמיטעטנ" „רויטער פינקעס" 2 זמב.

[3]) זע מארטאָווס ציטירטנ בוכ. כאָטש שטרײַכט אויכ אונטער די שטרעבונג צו בילדונג בא די ארבעטער פונ די סטאָלערישע אונ טאָקערשע ווארשטאטנ אינ ביאליסטאָק. „פונ א ביורזשעט פונ 12־15 רוב. א כוידעש רײַסט אָפ דער געזעל ביז 3 רוב. אפ צו צאָלנ א פריוואטנ לערער... איכ געדענק די ערנסטע פעבימער פונ עטלעכע געזעלנ—סטאָלארעס, וואָס האָבנ אלצ איבערגעכאזערט איינע אונ דיזעלביקע אָנקלאָגע, אז עס איז ניטאָ קיינ מעגלעכקײַט צו באקומענ פאר א צוטריטלעכנ געצאָלט עלעמענטארע בילדונג („Восход", 1801 г., кн. 7)

און אויב מע זאָל ענדלעך נאָך נעמען אין באַטראַכט יענע גרויסע ראָלע, וואָס עס האָבן געשפּילט די ערשטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרײַזלעך אין דער באַוועגונג פון די ייִדישע אַרבעטער—דידאָזיקע קרײַזלעך קומען אויף, נאַטירלעך, אין די באַדײַטנדיקערע שטעט, ווו עס איז געווען אַ שיכט אינטעליגענץ—פונוואַנען עס זײַנען אַרויסגעקומען די איניציאַטאָרן פון דידאָזיקע קרײַזלעך—וועט זײַן פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס מיר געפינען אין יענע יאָרן די אויבערשיכט פון די ייִדישע אַרבעטער—אין זין פון אַלגעמיינער קולטורעלקײַט און באַוווסטזיניקײַט—צווישן די האַנטווערקערישע אַרבעטער און ניט צווישן די מאַנופאַקטור־אַרבעטער.

אינדערעמעסן, די אויבערשטע שיכטן פון די ייִדישע אַרבעטער—אין זין פון קולטורעלקײַט און באַוווסטזיניקײַט—געפינען מיר אין דער סוויווע פון די שטאָטישע האַנטווערקערישע אַרבעטער און ניט אין דער סוויווע פון די שטעטלדיקע מאַנופאַקטור־אַרבעטער.

פון די ייִדישע אַרבעטער־קרײַזלעך, וואָס מיל („דזשאָנ“) האָט איבערגעגעבן פאַר זײַן אַוועקפאָרן פון ווילנע דעם נאָר וואָס אָנגעקומענעם מאַרטאָוון, „זײַנען איינציקע באַשטאַנען פון שנײַדערקעס, אין צוויי אַנדערע האָבן דאָמינירט האַנטווערקערישע אַרבעטער—שנײַדער, שלאָסער, שטעפּער, אַ בערשטער און נאָך צוויי אַרבעטער פון אַ טאַבאַק־פאַבריק“[1]

צום אָנהייב זײַנען אין דער אָנפירנדיקער גרופּע אין ווילנע ניט אַרײַנגעגאַנגען קיין אַרבעטער, נאָר ווען עס איז אין 1894 יאָר אָרגאַניזירט געוואָרן אַ צענטראַלע אַרבעטער־גרופּע, זײַנען די סאַמע אײַנפלוסרײַכע מיטגלידער פון דערדאָזיקער אַרבעטער־גרופּע געווען: דער קאַצעוו סאָלאָמאָן, די זעמשערקע הורוויטש, די שנײַדערקע ציליע וואָלק און נאָך צוויי־דרײַ אַרבעטער[2]. פריִער זײַנען די סאַמע אײַנפלוסרײַכע אַרבעטער געווען דער יוּוועליר מיכאַיִל, די שנײַדערקע גוסטע, דער שטעפּער אַלטער און אַנד.

די פאַרזאַמלונג פון ווילנער אַקטיוו, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן אין 1894 יאָר מיטן ציל צו דיסקוטירן די פראַגע וועגן דער נײַער טאַקטיק, איז באַשטאַנען פון 3 שלאָסער, 5 שנײַדער און שנײַדערקעס, 4 זעמשער און זעמשערקעס, 2 יוּוועלירן, 1 גראַווירער, 2 זאָקן־מאַכערקעס, 1 שטעפּער, 4 בערשטער און 1 מעטאַליסט[3].

אַזוי איז אויך געווען דער באַשטאַנד פון די אויסגעפּראָפּאַגאַנדירטע אַרבעטער, וואָס ווילנע פלעגט וואַרפן אין אַנדערע שטעט פאַר אַגיטאַציע־אַרבעט. אין אָנהייב 90־ער יאָרן קומען צופאָרן קיין וואַרשע פון ווילנע די קאָרסעטמאַכערקע יעלענע גערשונאָוויטש, די שנײַדערקע אַנע נאָוואָפּלאַנסקי און עטלעכע שנײַדער[4]. אין 1896 יאָר קומען צופאָרן אין וואַרשע פון ווילנע: די שנײַדערקע מאַריע זשאַלוצקאַיאַ, די זעמשערקע גורוויטש, דער שלאָסער לעאָן גאָלדמאַן.[5]

---

[1] Мартов, цит. кн., стр. 185.

[2] אויך דאָרטן.

[3] מיכאַלעוויטש, „ערעור־בונד“ „דוויטער פינקעס“ 1 זטב. ז, 38.

[4] אויך דאָרטן.

[5] אויך דאָרטן.

מיכאלעוויטש דערציילט אינ זײַנע זיכרוינעס, אז אינ אָנהייב פונ די 90-ער יאָרנ זײַנענ געקומענ אינ בריסק ווילנער בערשטל־מאכער, וואָס האָבנ געפירט דאָרטנ א סאָציאַליסטישע פראָפּאגאנדע [1].

ווענ א ייִדישע אינטעליגענטקע וויל אוועק אינ דער ארבעטער־באוועגונג, לערנט זי זיכ א האנטווערקערישע פראָפעסיע. אָט אזוי האָט זיכ ציוויע גורוויטש אויס־געלערנט שנײַדערײַ, אזוי איז מערע גינצבורג די האנטווערקערישע שולנ אינ ווילנע, מינסק אונ אינ אנדערע שטעט האָבנ געליפערט באזונדערס גרויסע קאָנטינ־גענטנ פאר די פראָפּאגאנדיסטישע קרײַזלעכ.

אינ 1897 יאָר זײַנענ די ווילנער אונ מינסקער ארבעטער, וואָס זײַנענ ארויסגע־שיקט געוואָרנ אונטער פאָליציי־אויפזיכט אינ יעקאטערינאָסלאוו, „באשטאנענ קימאט אויסשליסלעכ (אנ אויסנאם איז געווענ העלפאנד (ליטוואק) — אנ אינטעליגענט) פונ האנטווערקערישע ארבעטער. אינגאנצנ זײַנענ זיי געווענ 10 מאנ: יעווטע, גערמאנ אדאָלפ (שלאָסארעס), ראיִסא (א זשעמשערקע), דאמסקי (א טאָקער), יאקאָוו (א טא־באק־ארבעטער), יעפרעמ (אנ אײַנבינדער), עסטער (א שנײַדערקע.) באזונדערס האָט זיכ אויסגעצייכנט צווישנ זיי מיט זײַנ אקטיווקײַט אונ טעאָרעטישער אונ פראקטישער צוגרייטונג — „מארק" — מאָיסיי דושקאנ (אנ אײַנבינדער [2]).

דידאָזיקע האנטווערקערישע ארבעטער האָבנ געהאט א שטארקע ווירקונג אויכ אפ דער ארבעטער־באוועגונג אינ די דאָרעמדיקע שטעט פונ רוסלאנד. „אפ דער אָר־גאניזאציע פונ א שנײַדער־קרײַז אונ פונ א קאסע (אינ אָדעס) האָט א באשטימטע וויר־קונג געהאט דער פאקט, וואָס פונ צאָפנ־מײַרעוודיקנ קאנט זײַנענ געקומענ צו פאָרנ די אזוי גערופענע, אָפּאָזיציאָנערנ — האנטווערקערישע ארבעטער אונ אינטעליגענטנ... זיי האָבנ אויכ געבראכט די באקאנטע בראָשור וועגנ אגיטאציע" [3]) אונ דארגאָלצ (ליפּאָװעצקאיא) זאָגט וועגנ זיי, אז זיי זײַנענ געווענ די ערשטע אָרגאניזאטאָרנ, וואָס האָבנ אריבערגעטראָגנ פונ ליטע אינ אָדעס די מעטאָדנ אונ פאָרמעס פונ קאמפ אונ האָבנ אופגעהויבנ די האנטווערקערישע ארבעטער קעגנ זייערע באלעבאטימ". [4])

אנ אויסנאמ, ווי עס ווײַזט אויס, האָט פאָרגעשטעלט ביאליסטאָק. אינ 1899 יאָר איז ביאליסטאָקער קאָמיטעט פונ „בונד" באשטאנענ פונ צוויי וועבער, איינ גארבער אונ צוויי אינטעליגענטנ. די אגיטאטאָר־פארזאמלונג איז באשטאנענ, אויסער פונ די דערמאָנ־טע פערזאָנענ, נאָכ פונ איינ שנײַדער, צוויי גארבער, דרײַ וועבער אונ איינ שפּולניצע. [5])

1) מיכאלעוויטש, „זיכרוינעס פונ א סאָציאַליסט", 1 ב. ז. 33-34. ס'איז כאראקטעריסטיש, וואָס צווישנ די ניט־ייִדישע ארבעטער, אפ וויפל זיי באטײַליקנ זיכ דעמלט אינ דער ארבעטער־באוועגונג זײַנענ, ווײַזט אויס, די פיאָנערנ אויכ געווענ האנטווערקערישע ארבעטער. ווענ פּאָרטנאָי איז אינ 1892 יאָר אוועקגעפאָרנ פונ ווילנע אינ קאָוונע, האָבנ די ליטווישע סאָציאַל־דעמאָקראטנ אימ איבערגעגעבנ זייערע קאָוונער פאר־בינדונגענ. דאָס זײַנענ געווענ צוויי שוסטער־געזעלנ (ברידער) ציאַלקאָוויטשעס. זיי האָבנ אָרגאניזירט א קרײַז פונ מעטאליסטנ־פּאָליאקנ, אונ פּאָרטנאָי האָט אָנגעפירט מיטנ דאָזיקנ קרײַז. (מיכאלעוויטש, „ערעוו בונד־רויטער פינקעס, 1 זמב.

2) זע, Сборник „к 25-летию I с'езда партии, воспом. Ильи Виленского.

3) זע, Сборник „К 25—летию I-го с'езда партии", стр. 103.

4) אויכ דאָרטנ.

5) מיכאלעוויטש. „ערעוו־בונד" „רויטער פינקעס.

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0080-0157 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

אָבער ניט נאָר די ערשטע אַגיטאַטאָרן (פֿון אַרבעטער) האָבן זיך ווערבירט פֿון דער האַנטווערקערישער סוויווע. די אַגיטאַציע גופֿע ווערט אויך געפֿירט אין דער ערשטער צײַט נאָר צווישן די האַנטווערקערישע אַרבעטער, ד. ה., ניט נאָר די ערשטע סוביעקטן פֿון אַגיטאַציע, נאָר אויך די ערשטע אירע אָביעקטן זײַנען געווען די האַנטווערקערישע אַרבעטער. ווי עס איז באַקאַנט, זײַנען די ערשטע שטרײַקקאַסעס אַנטשטאַנען, אַחוץ בײַ די זאָקן־מאַכערס,—בײַ די שנײַדער און שטעפּער [1].

די דעמאָלטיקע אָנטיילנעמער דערציילן איצט אין זייערע זיכרוינעס קימאַט אויסשליסלעך וועגן דער שטרײַק־באַוועגונג פֿון די האַנטווערקערישע אַרבעטער באַם באַגינען פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג, ניט דערמאָנענדיק אינגאַנצן וועגן דער באַוועגונג פֿון די מאַנופֿאַקטור־אַרבעטער.

דער כ׳ רײַטשוק דערציילט אין זײַנע זיכרוינעס וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ווילנע, אין די יאָרן 1895—1900, וועגן שטרײַקן פֿון שנײַדער, קוימענקערער, שוסטער, זאָקן־שטריקערקעס [2]. ש. לעווין (האָמעל) דערציילט אין זײַנע זיכרוינעס וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג אין האָמעל פֿאַר די יאָרן 1892—1901, וועגן שטרײַקן פֿון שנײַדער, שוסטער, שטעפּער, קירזשנער, זאָקן־מאַכערקעס, מאָדיסטקעס, דרוקער, אײַנבינדער, סטאָליאַרעס און שלאָסער. [3]

זשעני הורוויטש דערציילט אין אירע זיכרוינעס וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג אין מינסק, אין די 80־קער יאָרן, וועגן שטרײַק פֿון שלאָסער און טאַפּעצירער. [4]

דײַטש, אין זײַנע זיכרוינעס וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַ גאַנצער רייִ שטעט, אין די יאָרן 1899—1905, דערציילט וועגן דווינסקער שטרײַקן פֿון רימער, אַרבעטער פֿון זעלצער־זאַוואָדן, פּראָדוקציעס פֿון פּעל־באַאַרבעטונג (גאַרבער אָדער שוסטער), בערשטער. אָבער אין דערדאָזיקער שטאָט איז דעמאָלט געווען אַ גרויסער האָלץ־באַאַרבעטנדיקער קאָמבינאַט „דווינאַ", וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַ פֿאַניר־זאַוואָד, טאַרטאַק און אַ פֿאַבריק פֿון הילצערנע טשוועקלעך, איז וועגן דער באַוועגונג פֿון די אַרבעטער פֿון דעמדאָזיקן קאָמבינאַט דערמאָנט דײַטש ניט. אין גראָדנע האָבן דעמאָלט געשטרײַקט, לויט דײַטשס זיכרוינעס, טאַבאַק־אַרבעטער; אין סוואַלק—שנײַדער און בערשטער.

אַלזאָ, אין די זיכרוינעס פֿון כ׳ דײַטש שפּילן די מאַנופֿאַקטור־אַרבעטער שוין אַ סך אַ גרעסערע ראָלע אין דער באַוועגונג, ווי אין די זיכרוינעס פֿון די אויבנאָנגערופֿענע אָנטיילנעמער פֿון דער באַוועגונג. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די זיכרוינעס פֿון כ׳ דײַטש כאַפּן אַרום שוין אַ שפּעטערדיקן פּעריאָד פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג (1899—1905), ווען אין איר זײַנען שוין געווען אַרײַנגעצויגן די מאַנופֿאַקטור־אַרבעטער.

אין וואָס עס איז שײַך די טוער, די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון דער באַוועגונג, איז אויף וויפֿל די לעצטע באַשטייען פֿון אַרבעטער, פֿיגורירן אין דײַטשס זיכרוינעס קימאַט אויס־

---

1) זע, „Материалы к ист. евр. рабоч.движ."

2) זע, עליע רײַטשוק, „פֿון ווײַטן אָוואַר", „רויטע בלעטער"

3) שאָלעם לעווין „די ערשטע יאָרן פֿון דער רעוואָלוציע" „רויטע בלעטער"

4) זשעניע הורוויטש, זיכרוינעס, „רויטע בלעטער".

שליסלעכ האנטווערקערישע ארבעטער: רימער, שנײַדער, שנײַדערקעס, שוסטער, שטעפער; פונ מאנופאקטור־ארבעטער טרעטנ ארויס אלס אָרגאניזאטאָרנ פונ דער באוועגונג אינ דייטשס זיכרוינעס — נאָר גארבער.

אונ ניט נאָר אינ ווײַסרוסלאנד איז אזוי געווענ. אינ ווארשע שטרײַקנ אינ 1896־טנ יאָר די „בעלאָדערעווצי״, שטעפער, טײַסטער־מאכער, מאָדיסטקעס, בלומענ־מאכערקעס [1]. אינ קיִעוו „זײַנענ די ערשטע שטרײַקנ, וועלכע האָבנ צוגעצויגנ די אופמערקזאמקײַט פונ דער פאָליציי, פאָרגעקומענ אינ די שנײַדער־ווארשטאטנ, ד. ה. צווישנ די ייִדישע ארבעטער״ [2].

די ייִדישע מאנופאקטור־ארבעטער טרעטנ ארײַנ אינ קאמפ אסאכ שפעטער. אינ דער־צײַט, וואָס אינ ווילנע האָט זיכ נאָכ אינ 1892 יאָר אנטוויקלט א מאסנ־באוועגונג פונ די האנטווערקערישע ארבעטער, איז דער ערשטער שטרײַק פונ די ארבעטער אינ דער טאבאק־אינדוסטריע פאָרגעקומענ ערשט אינ 1895־טנ יאָר אפ עדלשטיינס טאבאק־פאבריק. דער ערשטער שטרײַק פונ די בערשטער, אינ אייגנטלעכנ בערשטער־רײַאָנ, קומט פאָר אינ 1896־טנ יאָר.[3] דער ערשטער שטרײַק פונ די גארבער אינ סמארגאָנ קומט פאָר אינ 1895־טנ יאָר[4]; אינ קרינעק — 1896־טנ יאָר [5]; אינ סאָקאָלקע, סקידל, סלאָנים, וואָלקאָוויסק — נאָכ שפעטער, אונטער דער ווירקונג פונ די שטרײַקנ אינ קרינעק.[6]

די מאנופאקטור־ארבעטער ווערנ אויכ ארײַנגעצויגנ אינ קאמפ דורכ די האנטווערקערישע ארבעטער. אפ דער „וועטשערינקע״, וואָס קאפעליאָוויטש האָט צונויפגערופנ אינ מינסק, אינ 1893־טנ יאָר, מיטנ ציל אָנצוקניפּנ פארבינדונגענ מיט די ארבעטערנס פונ כארליפס טאבאק־פאבריק, טרעטנ ארויס מיט רעדעס: דער סטאָליער פערטשיק, דער מאלער קוילער, די שנײַדערקע דווירע.[7]

אלזאָ, דער האנטווערקערישער ארבעטער לערנט פאָליטגראמאָטע דעם מאנופאקטור־ארבעטער; ער אָרגאניזירט אים צום קאמפ, מיט איינ וואָרט — באם באגינענ פונ דער ייִדישער ארבעטער־באוועגונג איז דער האנטווערקערישער ארבעטער דער פאָרשריטלעכער ארבעטער.[8]

---

[1] זיכרוינעס פונ „אלטנ באקאנטנ״. זמב. „25 יאָר״.

[2] ד. זאסלאווסקי „צו דער געשיכטע פונ „בונד״ אינ קיִעוו״ דריטער פינקעס ערשטער זמב. ז. 70.

[3] „דער ייִדישער ארבעטער״ נומ. 1, 1896.

[4] אבע לעוו „צו דער געשיכטע פונ דער ארבעטער־באוועגונג אינ סמארגאָנ״ (מאנוסקריפּט).

[5] „ „ „דער עקאָנאָמישער טעראָר אינ קרינעק״ (מאנוסקריפּט)

[6] אויכ דאָרטנ.

[7] זיכרוינעס פונ כאנקע קאפעליאָוויטש „רויטע בלעטער״.

[8] אפ וויפל מיר יעענ אנ אָרגאניזירטע באוועגונג צווישנ די ניט־ייִדישע ארבעטער פונ קאנט, זײַנענ דאָ די פּיאָנערנ אויכ האנטווערקערישע ארבעטער. פּעראדזיטש דערציילט אינ זײַנע זיכרוינעס וועגנ 1896 — 1897 יאָרנ, אז די ליטווישע סאָציאל־דעמאָקראטנ אינ ווילנע האָבנ באקומענ א ווירקונג פריִער פונ אלץ צווישנ די שוסטער אונ די טוער פונ דער ארבעטער־באוועגונג אינ דער ליטווישער אָרגאניזאציע. אפ וויפל זיי האָבנ געשטאמט פונ אנ ארבעטער־סוויווע, זײַנענ עס געווענ שוסטער (אלעקסאנדער בערענטשוק, פראנציִשעק קארטשמארטשיק, יוסעפּ אָלעכנאָוויטש, פּיאָטער יאגולעוויטש).
די שוסטער האָבנ אופגעהויבנ צום קאמפ די גארבער.

אונ דאָס קומט פאָר, ניט געקוקט אפ דעם, וואָס די מאנופאקטורנ, אפ וועלכע
מיר געפינענ ייִדישע ארבעטער אינ יענער צײַט, שטייענ אסאכ נענטער צו מאָדער־
נע קאפּיטאליסטישע אונטערנעמונגענ, איידער די סאמע גרעסטע האנטווערקערישע
ווארשטאטנ. דאָ זעענ מיר א געוויסע אנאלאָגיע מיט דער לאגע, וואָס עס האָט עק־
זיסטירט אינ דעמ פראט באמ באגינענ פונ דער ארבעטער־באוועגונג אינ מײַרעוו־
אייראָפּע. די לאָנדאָנער שנײַדער האָבנ אסאכ פריִער אָרגאניזירט א פּראָפעסיאָנעלע
פאריייניקונג איידער די ענגלישע בארג־ארבעטער, כאָטש די לעצטע זײַנענ געווענ
דעמלט באשעפטיקט אינ אזוינע אונטערנעמונגענ, וואָס זײַנענ יעדנפאלס געווענ
ניט וויניקער קאפּיטאליסטיש אָרגאניזירט, ווי אפילע יענע שנײַדער־ווארשטאטנ אינ
לאָנדאָנ אונ וועסט־מינסטער, וועלכע האָבנ געניייט לוקסוס־קאָסטיומענ פאר די הויפ־לײַט
אונ דעמ אדל. דערפאר זײַנענ גערעכט די וועבס, ווענ זיי באמערקנ אינ צוזאמענ־
האנג דערמיט פּאָלגנדיקעס: „ אינ אלע פעריִאָדנ אינ דער געשיכטע פונ דער ענג־
לישער אינדוסטריע זײַנענ געווענ באדײַטנדיקע מאסנ פונ האָרעפאשניקעס, וואָס
האָבנ פונקט אזוי ניט געהאט קיינ מעגלעכקײַט צו ווערנ אָנפירער פונ זייער פּראָ־
דוקציע־צווײַג, ווי דער שנײַדער, אָדער דער וואָל־קעמער אינ 18־טנ י. ה. אָדער דער
מאָדערנער בוימוואָל־שפּינער, אָדער דער בארג־ארבעטער... אָבער ניט צווישנ די
באטראקעס, בארג־ארבעטער אונ שווארצארבעטער—ווי שלעכט עס האָט זיכ ניט
באצאָלט זייער ארבעט אונ ווי שלעכט עס איז ניט געווענ די באציִונג צו זיי— אנט־
שטייענ אינ גרעסטנ טייל די ערשטע פאריינענ. מיר האָבנ אפילע ניט געהערט וועגנ
צײַטווײַליקע פאריייניקונגענ צווישנ דידאָזיקע ארבעטער, אונ זעלטנ—וועגנ צופעליקע
שטרײַקנ. ... מיר האָבנ אָבער ניט קיינע יעדיִעמ ווענ אסאָציִאציִעס צווישנ דידאָזי־
קע ארבעטער... די בילדונג פונ אומאָפּהענגיקע אסאָציִאציִעס מיטנ ציל צו שטעלנ
א ווידערשטאנד די אונטערנעמער פאָדערט א באשטימטנ גראד פונ אומאָפּהענגיקײַט,
ווילנ־קראפט”. [1]

מיר האָבנ שוינ געזענ, אז דאפקע די לעבנ־באדינגונגענ פונ די גרונט־מאסנ
פונ די ייִדישע מאנופאקטור־ארבעטער האָבנ וויניקער פונ אלצ מיטגעהאָלפנ דער
אויסארבעטונג פונ „אומאָפּהענגיקײַט אונ ווילנ־קראפט”. די שטעטלדיקע ארבעטער,
אינ רײַאָנ פונ דער ייִדישער ארבעטער־באוועגונג זײַנענ געווענ יענע „דערעוועג־
שטשינע”, וואָס זײַנענ געשטאנענ, ענלעכ צו די ענגלישע בארג־ארבעטער אונ בא
טראקעס, אפ א נידעריקערנ קולטורעלנ ניוואָ אונ פונ באוווסטזיניקײַט לעגאַבע
די שטאָטישע האנטווערקערישע ארבעטער. דער אונטערשייד צווישנ די ייִדישע האנט־
ווערקערישע ארבעטער אונ די האנטווערקערישע ארבעטער אינ מײַרעוו־אייראָפּע

---

[1] זע וועבס, ציט. ווערק, טייל 1, ז. 44.

דאָסזעלביקע זעענ מיר אויכ אינ פראנקרײַכ אונ אינ דײַטשלאנד. אינ דער צײַט, וואָס צווישנ די אר־
בעטער פונ די האנטווערקערישע פּראָדוקציעס אינ פראנקרײַכ אנטשטייענ פּראָפעסיאָנ. פאריייניקונגענ
סאָפ 18־טנ י. ה., אנטשטייענ זיי צווישנ די קוילנ־גרעבער אונ בארג־ארבעטער ערשט אינ די צײַטנ פונ דער
צווייטער אימפּעריע (זע פּאָל לואי, געשיכטע פונ דער סינדיקאלער באוועגונג אינ פראנקרײַכ, ז. 60—53)

אינ דײַטשלאנד גרינדנ די דרוקער א צענטראלע פּראָפ. אָרגאניזאציע אינ 1866 יאָר, די שנײַדער—
אינ 1867, די יוּוועליר אונ בעקער—1868, אונ די רורער בארג־ארבעטער זײַנענ נאָכ אפילע אינ סאָפ פונ די
80־ער יאָרנ זייער וויניק אָרגאניזירט. דער גרויסער שטרײַק, וואָס קומט פאָר אינ 1889 יאָר, האָט זיכ אויס־
געצייכנט מיט א שטארקער סטיכיייִשקײַט (זע נעסטריפּקע, פּראָפעסיאָנעלע באוועגונג, 1 ב. ז. 106, 105, 104).

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0081-0160 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

איז באשטאנענ אינ דעמ, וואָס די לעצטע האָבנ אכוץ דעמ נאָכ פארמאָגט אנ אָרגאניזאציאָנעלע דערפארונג, מיטגעבראכט פונ די געזעלנ־אָרגאניזאציעס, אינ דער צײַט, וואָס בא די ייִדישע ארבעטער איז עס ניט געווענ: בא זיי האָבנ קיינע געזעלנ־אָרגאניזאציִעס ניט עקזיסטירט און זיי האָבנ קיינ אָרגאניזאציאָנעלע דערפארונג ניט געהאט, ווענ זיי זײַנענ ארײַנגעטראָטנ אינ קאמפ אונ אָנגעהויבנ צו בויענ זייערע שטרײַק־אָרגאניזאציִעס [1].

דאָ אָבער איז נייטיק צו אונטערשטרײַכנ, אז אזא איז געווענ אומעטום די ראָלע פונ די האנטווערקערישע ארבעטער נאָר באמ באגינענ פונ דער ארבעטער־באוועגונג; שפעטער שפּילנ די איקערדיקע, די אנטשיידנדיקסטע ראָלע אינ דער ארבעטער־באוועגונג ניט זיי, נאָר דאפקע אזוינע גרופּעס ארבעטער, ווי בארג־ארבעטער, מעטאליסטנ, טראַנספּאָרטניקעס, וועלכע זײַנענ קאָנצענטרירט אינ גרויסע מאסנ אינ די אנטשיידנדיקסטע ארבעט־צווײַגנ, אונ וועלכע באזיצנ דערפאר א קאָלאָסאלנ עקאָנאָמישנ אונ פּאָליטישנ געוויכט. אויכ דער „פארבאנד פונ קאָמוניסטנ" האָט אויסגעארבעט זײַנ אידעאָלאָגיע, ד. ה., די אידעאָלאָגיע פונ וויסנשאפטלעכנ סאָציאַליזמ, אָריענטירנדיקנ זיכ ניט אפ די האנטווערקערישע ארבעטער, פונ וועלכע ער איז דעריקער באשטאנענ, נאָר אפ דעמ מאָדערנעמ אינדוסטריעלנ פּראָלעטאריאט.

די באזונדערקײַט פונ דער ייִדישער ארבעטער־סוויווע איז באשטאנענ אינ דעמ, וואָס דער אינדוסטריעלער פּראָלעטאריאט האָט אינ איר פארנומענ ניט קיינ גרויסנ אָרט, וואָס אינ די באדײַטנדיקע שטעט פונ קאנט האָבנ די האנטווערקערישע ארבעטער אויכ שפּעטער געשפּילט די הויפּט־ראָלע אינ דער באוועגונג, אונ אז אפ וויפל מיר געפינענ דאָרטנ גרופּנ ניט האנטווערקערישע ארבעטער, זײַנענ עס דעריקער ניט פאבריק, נאָר מאנופאקטור־ארבעטער, וועלכע זײַנענ דערבײַ נאָכ געווענ צעשטויבט איבער די קלענסטע שטעטלעכ. דערפאר האָט דאָ, אינ דער ייִדישער ארבעטער־סוויווע, די אָריענטאציע סײַ אפ דער, סײַ אפ יענער גרופּע ארבעטער, סײַ אפ די מאנופאקטור, סײַ אפ די האנטווערקערישע ארבעטער—געטראָגנ מיט זיכ זייער געפערלעכע פּאָליטישע פאָלגנ פאר דער ארבעטער־באוועגונג פונ קאנט ביכלאל אונ פאר דער ייִדישער ארבעטער־באוועגונג ביפראט. דער איינציקער מיטל קעגנ דידאָזיקע געפערלעכע פּאָליטישע פאָלגנ איז געווענ דאָס אײַנשליסנ פונ אָנהייב אָנ די באוועגונג פונ די ייִדישע ארבעטער אינ שטראָמ פונ דער אלגעמיינער ארבעטער־באוועגונג פונ קאנט.

אָבער צווישנ די ייִדישע האנטווערקערישע ארבעטער, וועלכע האָבנ זיכ אויסגעצייכנט מיט א העכערנ אלגעמיינ־קולטורעלנ ניוואָ אונ ניוואָ פונ באוווסטזײַנ אינ פארגלײַכ מיט די ייִדישע מאנופאקטור־ארבעטער, זעענ מיר אינ דעמ פראט אויכ א געוויסע גראדאציע.

אויב מענ זאָל אויסשטעלנ אינ איינ ריי די פאָרשטייער פונ די ייִדישע שטאָטישע ארבעטער פונ פארשיידענע פּראָפעסיִעס לויטנ גראד פונ זייער ניוואָ פונ באוווסטזיניקײַט, וועט זיכ באקומענ אומגעפער (קאטעגאָריש, פארשטייט זיכ, קענ מענ דאָס ניט באהויפּטנ) אזא בילד: די עקסטע ערטער אינ דערדאָזיקער ריי

[1]) אויספירלעכ וועגנ דעמ ריידנ מיר אינ א צווייטער ארבעט, וועלכע מיר גרייטנ צו: „די אנטשטייונג פונ דער ייִדישער ארבעטער־באוועגונג".



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

וועלנ פארנעמענ, פונ איינ זײַט, די דרוקער אונ יוּוועלירער, פונ, דער אנדער זײַט, די שוסטער, שפעטער גייענ די אײַנבינדער, אונ די שלאָסער וועלנ שטיינ ווײַט פאָרויס פאר די שנײַדער אונ סטאָליארעס.

די מאָמענטנ, וואָס האָבנ באשטימט דידאָזיקע גראדאציע, זײַנענ פארשיידענע: ערשטנס, דער נאָענטקײַט־גראד פונ די געגעבענע אונטערנעמונגענ אינ דעמ געגעבענעמ פראָדוקציע־צווײַג צו אונטערנעמונגענ פונ קאפיטאליסטישנ טיפּ; צווייטנס, דער לעבנ־ניוואָ, וואָס עס פלעגט זיכערנ דעמ ארבעטער די ארבעט אינ דעמ געגעבענעמ פראָדוקציע־צווײַג; דריטנס, דער גראד פונ קולטורעלקײַט, וואָס עס פלעגט פאָדערנ פונ ארבעטער דער כאראקטער פונ זײַנ ארבעט. דערבײַ פלעגנ ווירקנ אָדער אלע דרײַ מאָמענטנ צוזאמענ, אָדער אייניקע פונ זיי.

עס איז גאנצ נאטירלעכ, אז פאָרויס פאר אלעמענ זײַנענ געשטאנענ די דרוקער, ווײַל, ערשטנס, זײַנענ די טיפּאָגראפיעס שוינ לאנג געווענ אָרגאניזירט קאפיטאליסטיש; דער כאראקטער פונ דרוקער־ארבעט פאָדערט א הויכע קולטורעלקײַט פונ דעמ ארבעטער, אונ דער לעבנ־ניוואָ פונ דעמ דרוקער, וועלכער מוז האָבנ א הויכע קוואליפיקאציע, איז אינ העסקעמ מיט דעמ אויכ געווענ א גאנצ הויכער. דאָסזעלביקע—אויכ די יוּוועליר־פראָדוקציע; בא א פארהעלטנישמעסיק אומבאדײַטנדיקנ ווערט פונ די ארבעט־געצײַג, צייכנט זיכ אָבער אויס דער רוי־שטאָפּ פונ דערדאָזיקער פראָדוקציע מיט זייער א הויכנ ווערט. צווייטנס, דידאָזיקע ארבעט פאָדערט א הויכע קוואליפיקאציע אונ אינ העסקעמ מיט דעמ איז אויכ דער ארבעטלוינ פונ די ארבעטער געווענ א גאנצ הויכער.

מארטאָוו דערציילט, אז אינ אָנהייב פונ די 90־ער יאָרנ זײַנענ צווישנ די ווילנער יידישע ארבעטער, וועלכע זײַנענ געווענ אָרגאניזירט אינ קרײַזנ, „געווענ אינגאנצנ עטלעכע ארבעטער, וואָס האָבנ פארדינט 30 רוב. א מאָנאט: יוּוועלירער אונ גראווירער אונ נאָכ אזוינע פריווילעגירטע האנטווערקער". [1]

אזא פארהעלטנישמעסיק הויכער לעבנ־ניוואָ האָט פונ זײַנ זײַט אויכ באדינגט א הויכנ קולטורעלנ ניוואָ. דערמיט דערקלערט זיכ אויכ דאָס, פארוואָס אינ ווילנע זײַנענ אינ סאָפּ 80־ער אונ אָנהייב 90־ער יאָרנ אינ שפּיצ פונ דער באוועגונג געשטאנענ די זעצער, אונ די קאסעס פונ די ווילנער יוּוועלירנ האָבנ נאָכ אינ 1889 אונ 90־טנ יאָר באוויזנ ארומצוכאפּנ קימאט אלע ארבעטער פונ דערדאָזיקער פראָפעסיע [2].

די דרוקער אונ יוּוועלירער האָבנ אויכ דעמלט געגעבנ זייער אָנגעזעענע טוער פאר דער סאָציאל־דעמאָקראטישער באוועגונג. דער מינסקער דרוקער אלבערט פּאָליאק (געארבעט אויכ אינ האָמעל) דרוקט אינ 1896 יאָר די העקטאָגראפירטע צײַטונג „ווּפּערױאָד" אינ קיעוו; אינ פאָלגנדיקנ 1897 יאָר איז ער דער אָרגאניזאטער פונ דער דרוקערײַ פונ דער קיעווער סאָציאל־דעמאָקראטישער גרופּע „ראבאָטשאיא גאזעטא", זײַענדיק א מיטגליד פונ דערדאָזיקער גרופּע. [3]

---

[1] מארטאָוו, ציטירטער בוב. ז. 183.

[2] זע אקימאָוו (מאכנאָוועצ), ציטירטער בוכ. זײַט 18־16.

[3] זע דעמ ציטירטנ זמב. „צומ 25־יאָריקנ יובילײַ פונעמ ערשטנ פארטיי־צוזאמענפאָר" זיכרוינעס פונ א. פּאָליאק.

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0082-0162 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

דער מינסקער זעצער מאָיטיי לֿוריע און זײַן ברודער דער יוועלירער מיכאיל לֿוריע זײַנען שפּעטער געווען די איניציאַטאָרן און אָנפֿירער פֿון דער גרופּע „ראַבאָטשעיע זנאַמיאַ“—אָט דעררדאָזיקער ערשטער פּראָטעסט קעגן עקאָנאָמיזם אין דער ארבעטער־באַוועגונג [1]).

נאָך דידאָזיקע גרופּעס ארבעטער גייען די אײַנבינדער (דער כאַראַקטער פֿון דער ארבעט פֿאָדערט דאָ א גאַנצע הויכע איוורעדיקײַט; דער אײַנבינדער האָט ביכלאַל שטענדיק צו טאָן מיטן בוך) און שלאָסער. אײַנשאַפֿן זיך אַן אייגענע שלאָסערײַ איז שוין אפֿילו אין יענע יאָרן געווען שווערער איידער זיך אײַנצושאַפֿן א שוסטער־אָדער שנײַדער־וואַרשטאַט.

דער „קרײַז פֿון זעלבסטאַנטוויקלונג“ אין וויטעבסק איז אין אָנהייב פֿון די 90־ער יאָרן באַשטאַנען פֿון שלאָסער און אײַנבינדער און פֿון צוויי־דרײַ האַלבאינטעליגענטן [2]). אַפֿ דער געהיימער פֿאַרזאַמלונג פֿון די ארבעטער אין מינסק, אין פֿרילינג 1893 יאָר, אַפֿ וועלכער עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו בעטן דעם גובערנאַטער, עס זאָל דורכגעפֿירט ווערן אין לעבן דער געזעץ פֿון יעקאַטערינע דער צווייטער וועגן דער ארבעט אין די האַנטווערקערישע וואַרשטאַטן, טרעט ארויס דער סטאָלער קאַלמען פֿערטשיק (אויסגעשלאָסן פֿון דער מינסקער האַנטווערקער־שול); די אָנטיילנעמער פֿון דער פֿאַרזאַמלונג זײַנען באַשטאַנען פֿון שלאָסער, אײַנבינדער, שטעפּער, שנײַדער און אנד. [3]).

די ערשטע שטרײַק־קאַסעס אין מינסק אָרגאַניזירן די שלאָסער און די אײַנבינדער. דער ערשטער שטרײַק אין מינסק (און ניט נאָר אין מינסק, נאָר, ווי עס ווײַזט אויס, קימאַט אין גאַנצן רײַאָן פֿון דער ארבעטער־באַוועגונג) צווישן די האַנטווערקערישע ארבעטער אין 1887 איז פֿאָרגעקומען צווישן די שלאָסער. דער ערשטער שטרײַק אין וויטעבסק (1896) איז פֿאָרגעקומען צווישן [4]) די שלאָסער. צווישן מאַרטאָווס שילער אין ווילנע האָבן זיך אויך אויסגעצייכנט, ווי מיר האָבן געזען, מיט זייער צוגרייטונג—די שלאָסער.

איינער פֿון די שפּעטער באַוווּסטע אָרגאַניזאַטאָרן פֿון „יוזשני ראַבאָטשי“ דושקאַן (מאַרק) איז געווען אַן אײַנבינדער.

---

[1]) אויך דאָרטן. „די בעסטע טוער אין די ערשטע יאָרן פֿון אונדזער באַוועגונג זײַנען געווען די זעצער, שטעפּער און שלאָסער“. זע ארטיקל פֿון קאָפּעלסאָן „אין ארבעטער־לוח“ 1922. וואַרשע.

די ייִדישע דרוקער זײַנען אין דעם פֿראַט ניט אָפּגעשטאַנען פֿון זייערע רוסישע און מערעוו־אייראָפּייִשע כאַווײרים. אין רוסלאַנד האָבן די מאָסקווער דרוקער געגרינדעט די ערשטע אומלעגאַלע פֿאַרייניקונג אין 1903 יאָר, און אין 1905 יאָר האָבן די פּעטערבורגער דרוקער געגרינדעט דעם ערשטן לעגאַלן פּראָפֿפֿאַרייִן. אין ענגלאַנד איז די „קאַפּליצע“ פֿון די דרוקער געווען די סאַמע עלטסטע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַרייניקונג (זע די וועבס-געשיכטע פֿון טרעד־יוניאָניזם אין ענגלאַנד באַנד. 1, ז. 31־32); אין פֿראַנקרײַך געפֿינען מיר איינע פֿון די סאַמע ערשטע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַרייניקונגען צווישן די דרוקער—1789 יאָר (זע פּאָללוי, געשיכטע פֿון דער סינדיקאַלישער באַוועגונג, אין פֿראַנקרײַך, ז. 53); אין דײַטשלאַנד זײַנען די דרוקער די ערשטע ארײַנגעטראָטן אַפֿן וועג פֿון ארבעטער-פֿאַרייניקונגען. נאָך אין דער רעוואָלוציע פֿון 1848 יאָר (זע געסטריפּקע, פּראָפֿבאַוועגונג, ב. 1, ז. 97.)

[2]) זע דעם ציטירטן זמב. „צום 25־יאָריקן יובילײַ פֿון דעם ערשטן צוזאַמענפֿאָר פֿון פּאַרטיי,“ זיכרוינעס פֿון איליא וויקענסקי.

[3]) בענציע לעווין. זיכרוינעס (מאַנוסקריפּט)

[4]) זע לייזער בערלינקאָווס זיכרוינעס (מאַנוסקריפּט)



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

די מינסקער שוסטער האָבנ אָנגעהויבנ צו שטרײַקנ ערשט אינ 1895 יאָר, מיט 8 יאָר שפּעטער, ווי עס איז פאָרגעקומענ דער ערשטער שטרײַק פונ די שלאָסער אינ מינסק; די ווילנער שוסטער האָבנ אָנגעהויבנ שטרײַקנ ערשט אינ 1896 [1].

אויב מע זאָל פארגלײַכנ דעם אלגעמיינעמ קולטורעלנ ניוואָ אונ דעמ ניוואָ פונ באוווסטזיניקײַט פונ דעמ ייִדישנ ארבעטער מיט דעמ ניוואָ פונ ניטייִדישנ ארבעטער אינ קאנט, אינ דעמ געגעבענעמ פעריאָד, וועט מענ דארפנ קומענ צומ אויספיר, אז דער ייִדישער ארבעטער איז געווענ אפ אזוי פיל מער אנטוויקלט אונ קולטורעל אינ פארגלײַכ מיט דעמ ניטייִדישנ ארבעטער פונ צאָפנ־מײַרעווודיקנ קאנט, אפ וויפל דער ערשטער איז געווענ דעריקער א שטאָטישער עלעמענט, אונ דער צווייטער האָט געשטאמט פונ דאָרפ, ד. ה., דער ערשטער איז געווענ א האנטווערקערישער ארבעטער, אונ דער צווייטער—א פאבריק־ארבעטער, וועלכער האָט זיכ רעקרוטירט פונ פויערטומ. וואָס נעענטער דערדאָ[illegible]קער ארבעטער איז געשטאנענ צומ פויערטומ, אלצ נידעריקער איז געווענ זײַנ קולטורעלער ניוואָ אונ דער ניוואָ פונ באוווסטזיניקײַט. די בוי־ארבעטער, לעמאָשל, וואָס פלעגנ זיכ זומערצײַט אינ יענע יאָרנ צונויפזאמלענ אינ ווילנע ביז א 2000 מאנ, שילדערט פעראדזיטש, ווי „א זייער ווייניק קולטורעלער מאסע". בײַס א שטרײַק, וואָס איז אויסגעבראָכנ צווישנ זיי, „האָבנ די ארבעטער געהאלטנ באמ אופהענגענ זייער באלעבאָס, אונ נאָר אדאנק אונדזערע אגיטאטערנ, וועלכע זײַנענ אָנגעקומענ צו דער רעכטער צײַט, איז געלונגענ ארויסצונעמענ דעמ אומגליקלעכנ פונ פעטליע" [2].

אפ וויפל מיר זעענ אָבער צווישנ די ניטייִדישע ארבעטער האנטווערקערישע ארבעטער, באהעפטנ זיי זיכ אויכ, פארהעלטנישמעסיק גאנצ פרי, צו דער סאָציאַל־דעמאָקראטישער באוועגונג. פונ דער אנדער זײַט, שטייענ אָבער די ייִדישע מאנופאקטור־ארבעטער, וואָס זײַנענ דעריקער שטעטלדיקע ארבעטער, אונ וועלכע זײַנענ אינ א גרעסערער מאָס געווענ א „פרויענ־פראָלעטאריאט"—אפ א גאנצ נידעריקנ קולטורעלנ ניוואָ אונ ניוואָ פונ באוווסטזײַנ, אונ צווישנ זיי אונ די ניטייִדישע ארבעטער איז שוינ ניט פאראנ אָט דער גרויסער אונטערשייד, וואָס מיר זעענ צווישנ די ייִדישע שטאָטישע האנטווערקערישער ארבעטער אונ די ניטייִדישע פאבריק־ארבעטער, געקומענע פונ דאָרפ.

אָבער מע דארפ זאָגנ, אז דער קולטורעלער ניוואָ, שוינ ניט רײדנדיק וועגנ ניוואָ פונ קלאסנ־באוווסטזײַנ פונ דידאָזיקע אויבערשטע שיכטנ פונ די ייִדישע ארבעטער, איז אנ אונ פאר זיכ גענומענ געווענ א גאנצ נידעריקער. דאָס איז באזונדערס צו זענ, ווענ מע פארגלײַכט אימ מיטנ קולטורעלנ ניוואָ פונ די אויבערשטע שיכטנ פונ די רוסישע ארבעטער אינ יענע יאָרנ.

לויט מארטאָוונ פלעגט אויסקומענ צו לערנענ מיט זיי (ד. ה., מיט די ייִדישע ארבעטער אינ די קרײַזלעכ אינ ווילנע) נאָכ זייער פאָפולערע ביכלעכ. אזוי פלעגט

[1] לויט בוכבינדערנ זײַנענ אינ אָט די יאָרנ געגאנגענ פאָרויס אינ דער שטרײַק־באוועגונג די שוסטער, סטאָלארעס, שנײַדער, נאָכדעמ בערשטלמאכער, שטעפער, שלאָסער פאפיראָסניקעס, זאָקנ־מאכערקעס זעמשערנס (זע בוכבינדער „געשיכטע פונ דער ייִדישער ארבעטער־באוועגונג אינ רוסלאנד", ז. 55). דאָס איז ניט ריכטיק.

[2] זע פעראדזיטשי. „זיכרוינעס" 1896-1897. „קראסנאיא לעטאָפיס" נומ. 2-3 1922 יאָר.

מען די עלעמענטארע עקאָנאָמישע ידיִעס זיי געבן לויט אזוינע בראָשורעס, ווי „מיט וואָס איינער לעבט“ פונ דיקשטיינ, „ארבעט אונ קאפיטאל“ פונ סווידערסקי, „עקאָנאָמישע שמועסנ“ פונ קארישעוו. „די פּראָגראַמע פונ די לימודים, וואָס איז גע־ווענ אָנגענומענ אינ דער אָרגאניזאציִע אונ מיט וועלכער מע האָט מיר באקענט, האָט פאָרויסגעזענ א גאנצע סעריִע שמועסנ אפּ צו געבנ פארשטיינ דעם פּאַשעטנ אינהאלט פונ דיקשטיינס בראָשור, וועלכע פלעגט זיכ סאַפקאָלסאַפּ פארוואנדלענ אינ א קאנווע פאר לעקציעס איבער פּאָליט־עקאָנאָמיִע, קעדיי דערקלערנ די צוהערער די הויפּט־שטריכנ פונ דער טעאָריִע פונ ווערט אונ מערווערט“ [1].

אנ אויסנאַם האָט נאָר פאָרגעשטעלט מיט זיכ דער קרייז פונ די שלאָסער־שילער פונ ווילנער האנטווערקער־שול „טרוד“. דאָס זיינענ געווענ אלע פייִקע אנט־וויקלטע אונ רעוואָליוציאָנער־געשטימטע יוגנטלעכע, מיט וועלכע מע האָט געקענט לערנענ לויט דערזעלביקער ערנסטער פּראָגראַם, ווי אינ אוועלכנ עס איז סטו־דענטישנ זעלבסטבילדונג־קרייז [2].

אונ נאָכ פריִער, אינ סאָפּ פונ די 80־קער יאָרנ, זיינענ די ווילנער יידישע אר־בעטער־קרייזלעכ געשטאנענ נאָכ אפּ א נידעריקערנ ניווא. לויט קאַפּעליאַנ (טימאָפּיי) „פלעגט מענ איבער אזא קליינעמ ביכעלע, ווי זאַבאָווס „וועגנ דער נאטור“, אָפּזיצנ א האלב יאָר אונ אמאָל נאָכ מערער“ [3].

אויב אזוי איז געווענ אינ ווילנע, איז פארשטענדלעכ, אז דער ניווא פונ פּראָפּאַ־גאנדע צווישנ די שטעטלדיקע ארבעטער איז געווענ נאָכ אסאַכ נידעריקער. לויט די זיכרוינעס פונ די אלטע נעווילער בערשטער, זיינענ די ערשטע ביכלעכ, וואָס מענ האָט פאנאנדערגעקליבנ אינ דעמ ערשטנ קרייזל פונ בערשטער אינ 1895 יאָר, געווענ פּאָלגנדיקע: „א וועלט מיט וועלטלעכ“, „די קליאטשע“, „צווישנ הימל אונ ערד“.

אפּ וויפל עס זיינענ געשטאנענ העכער אינ דעמ פראט די אויבערשטע שיכטנ פונ די רוסישע ארבעטער, אינ פארגלייכ מיט די סאמע אנטוויקלטע ווילנער יידישע ארבעטער, איז צו זענ כאָטש פונ פּאָלגנדיקנ: ווענ מארטאָוו איז אינ סאָפּ פונ 1895 יאָר געקומענ צו פאָרנ אינ פעטערבורג, האָט ער זיכ באגעגנט מיט צוויי זייער אנטוויקלטע, כאָטש זייער יונגע ארבעטער פונ פּוטילאָווער זאוואָד אונ איז געווענ

---

[1] זע מארטאָווס ציטירט בוכ, ז. 135.

[2] אויכ דאָרטנ. מיט אזא הויכנ קולטורעלנ ניווא האָבנ זיכ אויסגעצייכנט אינ יענע יאָרנ אויפ די אָדעסער „טרודניקעס“ (שילער פונ דער האנטווערקער־שול „טרוד“). דער קרייז פונ דינאַמיקע שילער, אינ אָנהייב פונ די 90־ער יאָרנ, לייענט רעמ זשורנאל „סאָציאַל־רעמאָקראַט“, בעלטאָווס בוכ „צו דער פּראַ־גע וועגנ דער אנטוויקלונג פונ מאָניסטישער אָנשויונג אפּ דער געשיכטע“ (זע די זיכרוינעס פונ דראָגאָלאַ אינ דעמ ציטירטנ זמב. „צומ 25־יאָריקנ יובילײ פונ 1־טנ פארטיי־צוזאמענפאָר“)

[3] קאַפּעליאַנ (טימאָפּיי). די ערשטע שפּראָצונגענ, זיכרוינעס וועגנ 1887–1890. אויב עטלעכע ... 1922 יאָר זייט 65.

א צווייטער טוער אינ דער יידישער ארבעטער־באַוועגונג, גאָזשאנסקי, וואָס איז ארײַנגעטראָטנ אינ איר אביסל שפּעטער אונ וואָס האָט שוינ געפונענ אייניקע יידישע ארבעטער־קרייזלעכ, באשטעטיקט דעמ נידע־ריקנ קולטורעלנ ניווא פונ באוווסטזיניקייט פונ די ארבעטער אינ די קרייזלעכ, האָבנ ער באמערקט, אז עס פלעגנ זיכ טרעפנ (עמעס, ס׳זיינענ זייער ווייניק געווענ אזעלכע) אויכ אזעלכע ארבעטער, וואָס האָבנ גע־לייענט מארקסנ אונ האָבנ געקוסט רעמ ערשטנ באנד פונ „קאפּיטאל“. (Революционное движение среди евреев, изд. Общ. Политкаторжан)

אָבער ריהאָזיקע ווייניקע אויסנאַמענ ענדערנ ניט, פארשטייט זיכ, דעמ אלגעמיינעמ בילד.

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0084-0165 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

איבעראשט „דערמיט, מיט וואָס טאַר אַנ אינטערעס זיי האָבנ צווישנ זיכ פּאָלעמיזירט וועגנ מאַרקס זייער ניט קיינ ליכטנ בוכ, וואָס זיי האָבנ נאָרוואָס דורכגעלייענט — „אַריינפיר אינ דער פילאָסאָפיע פונ רעכט בא העגעלנ“ אונ מיט דער ליכטקייט, מיט וועלכער זיי האָבנ אָנגעווענדעט די געדאַנקענ פונ דעמדאָזיקנ בוכ צו דער באַגרינדונג פונ אונדזער קאַמפּ קעגנ דער פאָלקיסטישער אידעאָלאָגיע“ [1].

דעמ באַקאַנטנ פּעטערבורגער אַרבעטער פונ יענע יאָרנ שעלגונאָוו האָט מענ געקענט טרעפנ, ווי עס דערציילט טאַכטאַריאָוו, אינ אוניווערסיטעט, ווענ דאָרט פלעגט זיכ פאַרטיידיקנ א דיסערטאַציע, אַנ אינטערעסאַנטע אינ געזעלשאַפטלעכער הויכ אינדוסטריעלער באַציִונג [2].

דאָ האָבנ, אַכוץ די לעבנ־באַדינגונגענ פונ פּעטערבורגער אַרבעטער אינ דער רעזידענצ־שטאָט, געווירקט אויכ פאָלגנדיקע אומשטענדנ:

די יידישע בורזשואַזיע האָט נאָכ איבערגעלעבט דעמלט, ווי מיר האָבנ געזענ, דעמ פּעריאָד פונ פּראָדוקציע פונ אַבסאָליוטנ מערווערט, האָט געאַרבעט מיט די סאַמע פּרימיטיווע, ניט־פולקאָמע פּראָדוציר־מיטלענ אונ האָט געקענט זיכ באַנוגענענ מיט אַנ אַרבעט־קראַפט, וואָס האָט קוואַליטאַטיוו אָנטשפּראָכנ דעמ אַלגעמיינעמ נידעריקנ צושטאַנד פונ די פּראָדוציר־ קרעפטנ אינ יענע־פּראָדוקציע־צווייגנ, אינ וועלכע זי האָט געהערשט. זי האָט ניט געזענ קיינ שומ נייטיקייט אויפצוהייבנ די אַלגעמיינע אונ טעכנישע בילדונג פונ אירע אַרבעטער אינ די אינטערעסנ פונ דער אינדוסטריע, ווי די וואַרגונינס אונ די אַנדערע פּעטערבורגער אויפגעקלערטע אינדוסטריעלער. דערפאַר זעענ מיר ניט אינ יענער צייט, אַפילע אינ ווילנע, קיינ שומ ענלעכעס אַפּ יענע אָוונט־אונ זונטיק־שולנ, וואָס מיר זעענ אינ די 80-קער אונ 90־קער יאָרנ אינ פּעטערבורג. אָבער דידאָזיקע שולנ אינ פּעטערבורג האָבנ ניט נאָר געהאָלפנ אויפצוהייבנ די אַלגעמיינע אונ טעכנישע בילדונג פונ א באַשטימטנ שיכט אַרבעטער, נאָר זיי זיינענ געווענ אינ די אַרבעטער־ריי־אָנענ עמעסע צענטרענ פונ גייסטיקנ לעבנ, ארומ וועלכע עס פלעגנ זיכ שטענדיק אַרומדרייענ די אַרבעטער פונ די קריי־זלעכ אונ אַלצ, וואָס עס איז געווענ אינטעלעגענט אונ אַקטיוו אינ פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט. ניט איינע פונ די לערערנס אינ דידאָזיקע שולנ האָט שפּעטער געשפּילט אַנ אָנגעזעענע ראָלע אינ דער אַרבעטער־באַוועגונג (קרופּסקאַיא, יאַקובאָוואַ אונ אַנד.).

דער יידישער אַרבעטער האָט אַפילע אינ די סאַמע גרעסטע שטעט ניט געהאַט אינ זיינ רעשוס אַזוינע שולנ. אינ זיינ שטרעבונג צו באַפרידיקנ דעמ דורשט נאָכ וויסנ, פלעגט ער מוזנ אָנקומענ צו פּריוואַטע לערער, וועמענ ער איז אָפּטמאָל נאָר זעלטנ געווענ בעקויעכ אָפּצוצאָלנ דאָס, וואָס זיי האָבנ פאַרלאַנגט פאַר „אוראָקנ“. מיר האָבנ שוינ געזענ, ווי די ביאַליסטאָקער סטאָליאַרעס אונ טאָקער פלעגנ אָפּרייסנ פונ זייער טאָגטעגלעכנ ביודזשעט פונ 15־12 רוב.—ביז 3 רוב. אַפּ צו צאָלנ א פּריוואַטנ לערער. וועגנ דער שניידערנ מאַריע זשאַלוצקאַיאַ, וואָס האָט שפּעטער געשפּילט א באַדייטנדיקע ראָל אינ „בונד“, דערציילט מאַרטאָוו, אַז זי האָט, פאַרדינענדיק

[1] זע, מאַרטאָוו, ציט. בוכ. זייט 284.

[2] זע, Тахтарев. Раб. движ. в Петербурге, стр. 37.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0084-0166 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

10 רוב. א מאָנאט, אימ פאַרגעלייגט 5 רוב. א מאָנאט פאַר דרײַ „אוראָקנ" א וואָכ,— דערבײַ האָט ער געזאָלט איר באקענענ אכוצ מיט די אייגנטלעכע שול־קעגנשטאנדנ, אויכ מיט די עלעמענטארע יעדיִעס אינ פאָליט־עקאָנאָמיע אונ געבנ אָנווײַזונגענ וועגנ דעמ, וואָס זי זאָל לייענענ אינדערהיימ.

צווייטנס, די אונטערדריקערישע נאציִאָנאלע פאָליטיק פונ צאריזמ בענויגייע די „פרעמדשטאמיקע" ביכלאל אונ ייִדנ ביפראט האָט ארויסגערופנ א פולשטענדיקע אײַנגע־שלאָסנקײַט פונ די לעצטע אינ קולטורעלער הינזיכט. דאָס האָט זיכ אויסגעדריקט אינ דעמ, וואָס אינ דער ייִדישער אינטעליגענטישער סוויווע האָט געהערשט די העברייִשע אונ טאלמודישע ליטעראטור, וועלכע איז, אגעוו, ניט געווענ צוטריטלעכ פאַר די ברייטע מאסנ, אונ די לעצטע האָבנ זייער גאנצנ גײַסטיקנ דורשט געקענט נאָר שטילנ מיט דער זייער אָרעמער ליטעראטור אפ דער ייִדישער שפראכ („זשארגאָנ"). אפ אזא אויפנ האָבנ אפילע די פאָרגעשריטענע פונ די ייִדישע האָרעפאשנע מאסנ, ניט קע־נענדיק די רוסישע שפראכ, ניט געהאט קיינ מעגלעכקײַט זיכ צו באהעפטנ צו דער מענטשלעכער קולטור. ס'איז אינטערעסאנט, אינ צוזאמענהאנג דערמיט, פאָלגנדיקער פאקט: אפנ ערשטנ צוזאמענפאָר פונ „בונד" האָט דער דעלעגאט פונ דער ביאליסטאָקער דעלעגאציע, ראָזא גרינבלאט, ארײַנגעטראָגנ א פאָרשלאָג צו ענדערנ דעמ כאראקטער פונ די ייִדישע ליטערארישע אויסגאבעס: ארויסגעבנ ווייניקער אגיטאציע־ליטעראטור אונ מער פונדאמענטאלע, ווי, לעמאָשל, „לידוויק פײַערבאכ" פונ ענגעלס, אונ אנ־דערע, ווײַל אינ דער ביאליסטאָקער־אָרגאניזאציע, באזונדערס צווישנ די וועבער, זײַנענ פאראנ עלטערע אָנגעלייענטע מענטשנ, וואָס אינטערעסירנ זיכ מיט היסטאָ־רישע פראגעס, פילאָסאָפיע אונ א. וו.

אזא פאָדערונג, וועלכע איז ארויסגעגאנגענ פונ די שפיצנ פונ ייִדישע וועבער, איז געווענ מער ווי נאטירלעכ. נאָכדעמ, וואָס איז אויבנ געזאָגט געוואָרנ וועגנ דעמ אלטנ דאָר ייִדישע וועבער, איז גאנצ פארשטענדלעכ, וואָס יענער טייל פונ זיי, וועל־כער איז צוגעשטאנענ צו דער ארבעטער־באוועגונג, האָט געדארפט שטארק פילנ דאָס פולשטענדיקנ פעלנ פונ אנ ערנסטער ליטעראטור אפ דער ייִדישער שפראכ, ווײַל די רוסישע שפראכ האָבנ זיי ניט געקענט.

דריטנס, אויב דאָ, אינ די באדײַטנדיקע שטעט פונ קאנט (וועגנ קלענערע שטעט אונ שטעטלעכ איז שוינ אָפגערעדט), האָט דער פאָלקיזמ מיט זײַנ קולטיווירנ „קריי־טיש־דענקענדיקע פערזאָנענ" ביכלאל ניט געשפילט אזא ראָלע, ווי אינ די גרויסע צענטרענ פונ רוסלאנד, באזונדערס אינ דער רעזידענצ־שטאָט, זײַנענ דאָ די רעזולטאטנ פונ דערדאָזיקער פאָלקיסטישער טעטיקײַט צווישנ ייִדישע ארבעטער געווענ קוימ־קוימ מערקבאר אויכ צוליב אנ אנדער סיבע. צווישנ די מיטגלידער פונ די פעטערבורגער ארבעטער־קרײַזלעכ טרעפנ מיר עלטערע ארבעטער, וואָס זײַנענ געווענ באקאנט מיט אזוינע ארבעטער, וועלכע האָבנ נאָכ אָנטייל גענומענ אינ דער באוועגונג פונ פעריִאָד „זעמליא אי וואָליא" אונ „נאראָדנאיא וואָליא", ווי צ.ב., דער ארבעטער פוינטיקאָוו, וועגנ וועלכנ טאכטאריאָוו רעדט (זע טאכטאריאָווס ציטירטע ווערק ז. 18). מארטאָוו דערציילט אויכ, אז צווישנ די אלטע ארבעטער פונ „באלטייסקי זאוואָד" „פלעגט מענ באגעגענענ ניט ווייניק אזעלכע ארבעטער, וועלכער האָבנ נאָכ פערזענלעכ געקענט דעמ קייסער־מערדער טימאָפיי מיכײַלאָוו, וואָס האָט אויכ געארבעט אפנ דאָזיקנ זאוואָד,



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

און דער אָנדענק וועגן אים איז זייער געערט געוואָרן צווישן די פריִדענקערישע אַרבעטער פון זאוואָד (מאַרטאָוו, ציטירטער בוך, ז. 281).

ליאַדאָוו האָט אויך אין יענע יאָרן באַגעגנט צווישן די אַלטע מאָסקווער טעקסטיל־אַרבעטער אַזוינע, וואָס האָבן נאָך אָנטיילגענומען אין „זעמליא אי וואָליא“ [1]. קיין שום ענלעכס צודעם זעען מיר ניט אין די ייִדישע אַרבעטער־קריַיזלעך אין ווילנע, מינסק און אַנדערע שטעט. דאָ איז אַלץ יונגט. קיין שום טראַדיציעס זיַינען אין דער קריַיזל־אַרבעט ניט געווען. זשעני הורוויטש דערציילט אין אירע זיכרוינעס וועגן די ערשטע פּראָפּאַגאַנדיסטישע קריַיזן אין מינסק, אַז פון די אַרבעטער—אָנטייל־נעמער אין די פּראָפּאַגאַנדיסטישע קריַיזן אין די 80־ער יאָרן איז קיינער ניט געבליבן אין אָנהייב פון די 90 יאָרן. דאָס איז אויך פאַרשטענדלעך: בא דער לייַכטקייַט איבערצוגיין פון דער קאַטעגאָריע געזעלן אין דער קאַטעגאָריע פון מייַסטערס (און וואָס מער אַנטוויקלט און פייַיק עס איז געווען דער געזעל, אַלץ לייַכטער איז אים געווען דער הערדאָזיקער איבערגאַנג; אין די קריַיזלעך האָבן זיך דאָך אָבער באַטייליקט דאַפקע די סאַמע אַנטוויקלטע און פייַיקע אַרבעטער) פלעגט דער רעוואָליוציאָנערער „קאַפּיטאַל“, וואָס פלעגט זיך אַקומולירן אין דערדאָזיקער סוויווע אדאנק דער קריַיזל־פּראָפּאַגאַנדע, אין אַ גרויסן מאָס גיין לעיִבעד, אויסדאַמפנדיק זיך אין אַ סאָציאַל־פייַנטלעכן לאַגער.

אָנווייַזנדיק אַף דעם, אַז פאַר זייַן צייַט איז אין דעם אָנפירנדיקן צענטער אין ווילנע ניט אַריַינגעגאַנגען קיין איין אַרבעטער, דערקלערט עס מאַרטאָוו צווישן אַנדערן אויך דערמיט, וואָס „די עלטסטע פון די מיטגלידער פון די קריַיזלעך פלעגן אָדער אַוועקגיין פון דעם געזעלן־„שטאַנד“ און איַינאָרדענענדיק זיך אַלס זעלבשטענדיקע מייַסטערס איַינגאַנצן אַוועקגיין פון דער אַרבעטער־מאַסע, אָדער, ניט וועלנדיק דורכמאַכן דידאָזיקע עוואָליוציע, פלעגן זיי עמיגרירן קיין אויסלאַנד (דערהויפּט אין אַמעריקע)“.

דערפאַר איז אויך פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס מיר טרעפן אין יענע יאָרן דאַפקע צווישן די האַנטווערקערישע באַלעבאַטים געוועזענע אָנטיילנעמער פון פּראָפּאַגאַנדיסטישע קריַיזן, אָפט נאַראָדאָוואָלטשעסקע. אַזוי, צ. ב., איז מאַליאַווסקי, דער באַלעבאָס פון יענעם שלאָסער־וואַרשטאַט, אין וועלכן עס איז פאָרגעקומען דער ערשטער, אונדז באַוווסטער שטריַיק פון ייִדישע האַנטווערקערישע אַרבעטער, געווען, ווי עס ווייַזט זיך אַרויס, אַמאָל אַ מיטגליד פון אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישן קריַיזל [2]. דער מינסקער זייגערמאַכער לייבע לעווין, אין וועמענס וואַרשטאַט עס איז אָנגעקומען צו אַרבעטן אין 1893 יאָר בענציע לעווין, האָט אויך אַמאָל געהערט צו אַ נאַראָדאָוואָלטשעסקן קריַיזל [3].

אַלזאָ, מיר זעען ניט אין יענע יאָרן קיַין אַלטע רעוואָליוציאָנערן צווישן ייִדישע אַרבעטער, נאָר מיר טרעפן געוועזענע רעוואָליוציאָנערן צווישן האַנטווערקערישע באַלעבעסלעך.

[1] ליאַדאָוו, „געשיכטע פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין רוסלאַנד“ (רוסיש).

[2] זיכרוינעס פון זשעני הורוויטש, „רויטע בלעטער“.

[3] בענציע לעווין, זיכרוינעס (מאַנוסקריפּט)

דער קולטורעלער ניוואָ אונ ניוואָ פונ באוווּסטזײַנ צווישנ די אויבערשטע שיכטנ פונ די ייִדישע ארבעטער איז געווענ אלזאָ ניט אינ אנ ערעכ נידעריקער ווי דער קולטורעלער ניוואָ פונ די אויבערשטע שיכטנ צווישנ רוסישנ ארבעטער־קלאס.

אָבער צווישנ די ייִדישע ארבעטער זעענ מיר ניט יענעמ שטארקנ קאָנטראסט צווישנ דעמ ניוואָ פונ באוווּסטזײַנ פונ די אויבערשטע שיכטנ אונ דעמ ניוואָ פונ באוווּסטזײַנ פונ דער גאנצער ארבעטער־מאסע, וואָס מיר זעענ צווישנ די רוסישע ארבעטער. געוויס, צווישנ דער ווילנער זאָקנ־מאכערקע, וואָס באטייליקט זיכ אינ פּראָפּאגאנדיסטישנ קרייז, אונ יענער זאָקנ־מאכערקע, וואָס דערווארט פונ דער קייסערינ׳ע שטיצע פאר די שטרײַקנדיקע—איז זייער א גרויסער מעהאלעכ, אָבער דאָכ, אסאכ א קלענערער, ווי די דיסטאנצ צווישנ אזוינע רוסישע ארבעטער, וועלכע פירנ צווישנ זיכ א וויקוּאכ וועגנ דער אָנווענדונג פונ די געדאנקענ פונ מארקס בוכ „דער ארײַנפיר אינ העגעלס רעכט־פילאָסאָפיע“ צומ פראקטישנ פּאָליטישנ קאמפּ, אונ יענע פּעטערבורגער ארבעטער, וואָס האָבנ צעשלאָגנ דעמ קינפטיקנ רעדאקטאָר פונ „ראבאָטשאיא מיסל“ טאכטאריאָוונ (ער איז דעמלט געווענ א סטודענט) דערפאר, וואָס ער האָט ניט אראָפּגענומענ די היטל פארבײַגייענדיק פארבײַ דער קירכ [1]).

געוויס, צווישנ די שטעטלדיקע גארבער, וואָס שווערנ זיכ מיט ספילנ אינ די הענט אקשאָנעסדיק צו קעמפנ קעגנ זייערע באלעבאטימ אונ וואָס ווענדנ זיכ צומ ראָוו נאָכ הילפ אינ זייער קאמפּ קעגנ זייערע אונטערדריקער—צווישנ דידאָזיקע ארבעטער אונ די ווילנער פאָרגעשריטענע ייִדישע ארבעטער, וועלכע האָבנ אויסגעפײַפט דעמ שטאָט־מאגיד, איז א גרויסע דיסטאנצ, אָבער דאָכ אסאכ א קלענערע, ווי די דיסטאנצ צווישנ יענע פּעטערבורגער ארבעטער, וואָס שרײַבנ אויס „רוסקיִע וועדאָמאָסטי“ אונ „סעווערני וועסטניק“ אונ יענע ארבעטער פונ די צוקער־זאוואָדנ אינ פּאָדאָלער גובערניע, וועלכע האָבנ, נאָכ דעמ ווי זיי האָבנ זיכ דערוווּסט וועגנ דער בראָשור „דער אונטערגאנג פונ דער וועלט דעמ 13־טנ נאָיאבער 1899 י. לויט פּראָפ. פאלק“, זיכ שטארק איבערגעשראָקנ אונ, ניט מאכנדיק קיינ כעזשבנ מיט זייער באלעבאָס, געוואָרפנ די ארבעט אונ זיכ א לאָז געטאָנ צו זיכ אהיימ, אינ סמאָלענסקער גוב. צופוס, קעדיי אָנצוקומענ אהיימ צומ 13־טנ נאָיאבער; אָדער יענע ארבעטער אפ דער פאבריק פונ נעטשאיעוו־מאלצעוו אינ גוסא, וואָס פלעגנ נאָכ אינ 1898 יאָר זיכ שטעלנ אפ די קני, ווענ זיי פלעגנ זיכ ווענדנ מיט א ביטע צומ פארוואלטער פונ זאוואָד [2]).

די סיבעס דערפונ דארפ מענ זעענ אינ פאָלגנדיקנ: ערשטנס, צווישנ די ייִדישע אנטוויקלטע ארבעטער האָט זיכ ניט געפירט, ווי מיר האָבנ שוינ אָנגעוויזנ, אזא לאנג דויערנדיקע (אינ משעכ פונ יאָר צענדליקער) אינטענסיווע קרײַזל־פּראָפּאגאנדע, ווי צווישנ די פאָרגעשריטענע רוסישע ארבעטער אינ דער רעזידענצ. די פּראָפּאגאנדע האָט בא די לעבנ־באדינגונגענ אינ רעזידענצ, בא די לעבנ־באדינגונגענ אינ גרעסטנ פאבריק־זאוואָדישנ צענטער פונ לאנד געקענט, אינ די באדינגונגענ פונ צארישנ רוסלאנד, לויטנ אויסדרוק פונעמ באגאבטנ רוסישנ ארבעטער מעלניקאָוו, אויפהויבנ איינצלנע גרופּנ ארבע־

[1]) טאכטאריאָווי ציטירער בוכ, ז. 30

[2]) יעלניצקי׳ ציטירטער בוכ.

טער אפנ דריטנ עטאזש, ניט אופהויבנדיק אינ דערזעלביקער צייַט די גאנצע ארבעטער־מאסע ניט אפ איינ דוימ. צווייטנס, אויב די שפיצנ פונ די ייִדישע ארבעטער אינ דער פראָווינציעלער אונ האנטווערקערישער ווילנע, האָבנ זיכ ניט געקענט אופהויבנ אפנ ניוואָ פונ די פעטערבורגער פאָרגעשריטענע ארבעטער, האָט אָבער די ייִדישע ארבעטער־מאסע, וועלכע איז, לויט איר אָפשטאמונג, א שטאָטיש־שטעטלדיקע, געמוזט פונ אָנהייב אָנ שטיינ לויט איר קולטורעלנ ניוואָ העכער פאר דער רוסישער אַרבעטער־מ א ס ע, וואָס איז לויט איר אָפשטאמונג געווענ א פויערישע. ווילנע איז טאקע ניט פעטערבורג, אָבער דאָס שטעטל איז דאָכ ניט קיינ דאָרפ. אינ דער סוויווע פונ די ייִדישע ארבעטער האָט זיכ די „שער“ אומפארמייַדלעכ געמוזט פארקלענערנ.

סאָפקאָלסאָפ האָט אָט דער שרייַענדיקער קאָנטראסט צווישנ דעמ ניוואָ אונ ניוואָ פונ באוווסטזייַנ פונ די פאָרגעשריטענע פעטערבורגער ארבעטער אונ דעמ ניוואָ פונ באוווסטזייַנ פונ דער גאנצער רוסישער ארבעטער־מאסע, געשטימט אינגאנצנ מיטנ זעלביקנ קאָנטראסט צווישנ דעמ עקאָנאָמישנ סיידער פונ דער רוסישער רעזידענצ אונ דעמ עקאָנאָמישנ סיידער פונ רוסישנ דאָרפ. אינ אזא מאָס האָט דער קלענערער קאָנטראסט צווישנ דעמ ניוואָ פונ באוווסטזייַנ פונ די שפיצנ פונ די ייִדישע ארבעטער אונ דעמ ניוואָ פונ באוווסטזייַנ פונ דער גאנצער ייִדישער ארבעטער־מאסע אויכ אינגאנצנ געשטימט מיט דעמ קאָנטראסט צווישנ דעמ עקאָנאָמישנ סיידער פונ דער האנטווערקערישער ווילנע אונ דעמ עקאָנאָמישנ סיידער פונ דעמ ייִדישנ שטעטל.

די האנטווערקערישע ווילנע האָט אינ אסאכ א קלענערער מאָס אריבערגעיאָגט דאָס ייִדישע שטעטל, ווי די רוסישע רעזידענצ דעמ רוסישנ דאָרפ.

# אינהאלט.


| | זייט |
|---|---|
| קאפ. 1—האנטווערקעריי און אינדוסטריע אין ווייסרוסלאנד און ליטע סאָף 19־טן י. ה. | 13 |
| קאפ. 2.—די אויסבילדונג פון יידישע ארבעטער און זייער באשטאנד | 54 |
| דאָס פעלן פון יידישע ארבעטער אין דער גרויסער פאבריק־זאוואָדישער פראָדוקציע. סיבעט | — |
| די יידישע מאנופאקטור־און האנטווערקערישע ארבעטער. פארהעלטעניש | 85 |
| די יידישע ארבעטער אין שטאָט און שטעטל. פארהעלטעניש | 88 |
| דער באשטאנד פון די יידישע ארבעטער לויטן געשלעכט | 59 |
| קאפ. 3—די לאגע פון די יידישע ארבעטער | 100 |
| קאפ. 4—דער סאָציאלער, פאָליטישער און קולטורעלער פּנים פון יידישן ארבעטער באם באַגינען פון דער ארב. באוועגונג | 123 |


370/359

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0087-0171 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

ЦАНА 1 р. 80 к.

פּרײַז 1 ר. 80 ק.

НА ЯЎРЭЙСКАЙ МОВЕ

Э. Чарняўскі

Яўрэйскі рабочы
ў Беларусі

Дзяржаўнае Выдавецтва
Беларусі

Менск — 1932

НА ЕВРЕЙСКОМ ЯЗЫКЕ

Э. Чернявский

Еврейский рабочий
в Белоруссии

Государственное Издательство
Белоруссии

Минск — 1932

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

Bild-Nr.: JG1225-0-01-0087-0172 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

UB Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG